STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10496

# EREV

Eli Shechtman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-10496-5

D:\YIDDISH\TITLES\9780657104962T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

מיין שטענדיקן געטרייען
לעבנס־פריינד —
ז ש ע נ י ע ן
מיט ליבע

קאָמיטעט
פאַר
ייִדישער קולטור
אין ישראל

# ביכער-סעריע

שרײַבערס עולים פון
סאָוועטן-פאַרבאַנד

עלי שעכטמאַן

# ערב

ראָמאַן

ערשטער און צווייטער בוך

פאַרלאַג
י. ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תשל״ד — 1974

# Eli Schechtman

# E R E V

I. L. PERETZ Publishing House
31, ALLENBY St. TEL-AVIV

עלי שעכטמאַן / ערב

פאַרלאַג י. ל. פרץ,
תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
**פאַולין און יוסף כהן, ניו־יאָרק**

קרן הזכרון לתרבות יהודית ניו־יאָרק
והאגודה לחקר תפוצות ישראל, ירושלים.

©

Printed in Israel 1974

נדפס בישראל תשל״ד

דפוס „אור״ בע״מ, תל־אביב, שדר׳ הר־ציון 104, טל. 822481



# ערשטער בוך

# א

און וואָס ווייטער און וואָס מער די עקשנות איז געוואַקסן, אַלץ גיכער האָבן אין אים געצאַנקט און זיך געלאָשן די לעצטע כוחות.

סוף־כל־סוף, שוין ניט אין שטאַנד זיך גובר צו זיין, איז דער מענטש געבליבן שטיין. דער קראַנקער פוס, דער לינקער, אַן איינגעבויגענער אין דער קני, האָט אַן רחמנות געבריט און געצופּט ביי די אָדערן. די אויגן — אָט די צוויי איינציקע ליכטיק־לעבעדיקע פענצטערלעך — זיינען פאַרלאָפן געוואָרן מיט ביטערע וויי־טרערן. דאָס האַרץ האָט זיך געשלאָגן אין אַ בלוטיקן טרויער.

דער מענטש איז געשטאַנען אין מיטן דער נאַכט — איינע פון די סאַמע ווילד־ווינטיקע, סוף־האַרבסטיקע, לאַנג־פינצטערע נעכט פון יאָר — און ווען ניט די מיליצעס, וואָס האַלטן אים אונטער, וואָלט ער געפאַלן מיטן פּנים אין זאַמד אַריין.

איבערן ערב־ווינטערדיקן וואַלד, פון ערגעץ דאָרטן, פון די הויך־ווייטע, קאַלט־פרעמדע, נאָר זייער רייך־אויסגעשטערנטע הימלען, שווימט מיט אַ מאָל אַרויס פון איינער פון יענע גרין־באַזילבערטע סאָזשלקעס אַ גרויסע, כמעט אַ קיילעכדיקע לבנה.

דער מענטש ווישט אויס מיטן אַרבל די אויגן, הייבט אויף דעם קאָפּ און קוקט גלייך אין דער לבנה אַריין. ער טראַכט וועגן גאָרניט. אים דאַכט זיך נאָר: די פינקלענדיק־נאַסע לבנה ציטערט אויפן ווינט... פאַלן אויף דער ערד לענגלעכע רויטע טראָפּנס. אַ פּאָר פון זיי טרעפן אַפילו אין די ווינקלען פון מויל. שאַרט ער זיי מיט דער טרוקענער צונג אין מויל אַריין. זייער געזאַלצענע טראָפּנס...

דער מענטש אָטעמט שווער. מיט אַן אָפן מויל, אויף אַ קול. דער ווינט טראָגט פון ערגעץ דורך פאַרביי אַ פאַרגעסן־פאַרוואַלגערטן ריח פון אַ זוניק־איבערגעברענטן בלאַט. פון דער ערד שמעקט שוין מיט שניי.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

נאָך פריִער, נאָך איידער ער האָט געטראָפן די שוועסטער ליגן אויף

דער שוועל אין בלוט, נאָך אַ סך פריִער פאַר דעם, האָט ער זיך שוין פאַרפלאָנטערט אין די טעג, אפילו אין די וואָכן.

דורך שטעט און שטעטלעך, דורך וועגן און אומוועגן, אַ האַלב־הונגעריקער, — אויסשטרעקן די האַנט צו יענעם קאָן ער ניט, ער וואַרט, ביז יענער וועט זיך אַליין אָנשטויסן, — און ווען מ׳גיט אים שוין יאָ עפּעס, פילט ער זיך פון דעם מתנת־יד באַליידיקט און דערשלאָגן — דורך שׂרפעדיקע טעג און דורך קאַלט־רעגנדיקע נעכט שפּרינגט ער, דער סאָלדאַט, אויף די מיליצעס פון דער יאַפּאַנישער מלחמה אַהיים...

דער סאָלדאַט ווייסט, און דאָס איז זיין איינציקע טרייסט, דער איינציקער קוואַל, וואָס נערט און שפּייזט זיין מוט און ווילן, אַז ער פאַרמאָגט זי, די היים. אויף קיין איין רגע, ווו ער זאָל ניט זיין און זיך ניט געפינען, האָט ער זי נאָך פון אויג ניט פאַרלאָרן, פון שוואַרצאַפּל ניט אַרויסגעלאָזט. ער זעט, ווי דער טאַטע נעמט אַראָפּ מיט ביידע הענט, שטייענדיק אויפן לייטער, די פאַרפאַליעטע עפּל פון בוים, לייגט זיי פאַרזיכטיק אין קויש אַריין. פרייטיק פאַר נאַכט, נאָך דער שווערער וואָך, זיצט ער, דער טאַטע, אויף דער פריזבע, אונטער די אויסגעקרימטע פענצטער, רויכערט ערב שבת דעם לעצטן ציבעק, האַלט דעם קאָפּ צום אַקסל פאַרנייגט, שנאָלט אַלע מאָל מיט די פינגער פון דער לינקער האַנט. און די מאַמע... דאָס ווייסע טיכל פאַרלייגט הינטער די אויערן, גייט זי מיט אירע שווערע, נאָר שטילע טריט פון דער שטאָל, טראָגט אין ביידע אַדערדיקע הענט דאָס מעלקשעפל מיט די צוויי ניי־אָנגעשלאָגענע רייפלעך. די מאַמע רופט מען אין דער משפּחה „דער שטילער זומער״... און אונטער דעם אַלטן, נידעריק־געזעצטן, ברייט־צווייגיקן באַרנבוים שטייט דער ברודער דניאל. דער גרין־וואָלענער שאַרף אויף די אַקסל, אַ גרויער, ווי אַ טויב, מיטן פענדזל אין דער האַנט. ער קוקט אַלע מאָל ערגעץ אַהין, אין דער ווייט אַריין, און מאָלט. די ווייב זיינע, מלכּה, זאָגט וועגן אים: „דאָס איז מיין שיינדל, מיין קרוין און מיין צרה״...

און דאַך, וואָס דייטלעכער ער האָט זיי געזען, אַלץ מער און מער האָט זיך אים געדוכט: ניטאָ קיין היים, ס׳איז עפּעס ניט מער, ווי אַ שיינער חלום... אַן אויסגעחלומטע שיינע היים... ער איז געבליבן עלנט, איינער

אַליין, און אויב זיי זיינען אַפילו ערגעץ יאָ פאַראַן, געפינען זיי זיך אַזוי ווייט, אין אַזאַ פאַרוואָרפן אָרט, אַז ער, אברהם באָיאַר, וועט זיך צו זיי אַהין אויף די מיליצעס קיין מאָל ניט דערקלייבן און ניט דערגיין.

פאַר זיינע אויגן איז אָפּגעשטאָרבן דער זומער. די לעצטע זוניקע טעג האָבן דערטליעט. ביים וועג האָט שוין אָפּגעצוויטעט דער פאָלין. אַלץ אַרום נעמט וועלקן. הויך אין די הימלען טראָגן זיך דורך מיט געפּילדער אין ווייטן וועג אַריין די בושלען. אין אַ געשלענגלט שנירל ציִען זיך די ווילדע ענטלעך. נידעריק, לענג־אויס די טייכן פליִען די וואַלדשנעפּן. פון די ביימער פאַלן שטיל די וואַקס־געלע בלעטער. נאָר דער ראַבינעבוים שטייט נאָך אונטער דער פייערדיקער קרוין.

שווער איז געווען דעם סאָלדאַט אויף דער נשמה. אָבער ווי נאָר ער האָט דערגרייכט צו די ערשטע פּאָלעסיער זומפּן, באַוואַקסענע מיט ליכטיקן מאָך, מיט ראָר און אָסיקעבוים, דערזען די הילצערנע כאַטעס מיט די געלע קירבעסן אויף די שוואַרץ־שטרויענע דעכער, דעם פלאַקס, די ליימענע קריגלעך אויף די לאָזע־געפלאָכטענע פלויטן, די זונרויזן אויף די גערטענער — אָט די סוף־זומערדיקע גרויסע אויגן מיט די גאָלדענע געדיכטע וויִעס, — דאָס אַלץ האָט ביי אברהם באָיאַרן צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צייט פון זיינע ביטערע ליידן און שווערע נסיונות אַרויסגערופן אַ פריידיקן ציטער איבערן גאַנצן לייב.

ער בלייבט שטיין, ער גלייבט זיך ניט, האָט נאָך אַלץ מורא, אַז אָט־אָ דער גוט־באַקאַנטער שפּיץ־בלעטערדיקער קליאַן, די אַלטע ווערבעס אין דעם טונקל־פייכטן טאָל, די הויכע סאָסנעס מיט די אַרויסשטאַרצנדיקע וואָרצלען איבער דער ערד — ס'שלאָגט נאָך פון זיי מיט וואַרעם־שאַרפן פעך־גערוך, אַז אָט די דריי געשטרייפטע קלאָר־ווייסע בערעזעס, אפילו אָט די געבערגלטע ווייסע זאַמדן, וואָס ציִען זיך מיילן־ווייט, — דאָס אַלץ איז ניט מער ווי אַ שיינער חלום, אַ כישוף, אַ געדאַכט־פאַרבלענדעניש.

און כדי זיך איבערצייגן, פאַרמאַכט דער סאָלדאַט די אויגן. שטייט ער אַזוי אַ פאָר רגעס מיט פאַרמאַכטע אויגן, דערנאָך טוט ער אַ הייב אויף די פאַרשטויבטע וויִעס — יאָ, ער האָט זיך ניט אָפּגענאַרט. יאָ, דאָס אַלץ, נאָך וואָס ער האָט חדשים־לאַנג ווייטיקדיק געבענקט, שטייט פאַר אים

אַצינד אַזוי לעבעדיק. און ער דערפילט מיט אַ מאָל אונטער דעם איינציקן פוס די פּאַלעסיער ערד — יענע ערד, אויף וועלכער ער איז געבוירן און אויסגעוואַקסן.

— דערשפּרונגען, אַ? — פרעגט ער זיך אַליין. — נו, אברהם, שטאַרק זיך... שוין ניט ווייט... אַ טאָג וועסטו זיך אָפּרוען ביי רחלען. ביי איר וועסטו אויך זיין אַ גרויסער גאַסט. איי איז גוט צו זיין אַ גאַסט... און דערנאָך — אַהיים.

און שוין מיט אַ מין שיכורנדיקער שמחה טוט ער אַ קלאַפּ מיט דער מיליצע אין דער ערד און שרייט אויס:

— מאַ־אַ־מע! — און דערנאָך מיט גדלות, וואָס ער איז אַלץ בייגע־קומען, אויסגעשטאַנען און איבערגעטראָגן, גיט ער צו פאַר זיך אַליין, שוין גאָר שטיל: — כ׳גיי, מאַמע, כ׳גיי...

אַן אויסגעצערטער, הויט־און־ביין, אַ שאָטן מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, מיט אַ צעקאָשמעטער קיילעכדיקער באָרד, מיט ווייסע־איבערגעטרי־קנטע ליפּן — אַ פאַרשטויבט געשפּענסט מיט אַ קאַקאַרדע אויפן שמוי־סענעם יאַלעם, אין אַ קורץ־פאַרדאַרטן שינעל, מיטן רענצל אויף דער פּלייצע, שפּרינגט ער, דער אָפּגעדינטער סאָלדאַט, אויף די מיליצעס, אַ האַלב־באָרוועסער, אַלץ ווייטער און ווייטער — אַהיים, צו טאַטע־מאַמע, וואָס זאָגן נאָך אים דאַרטן ביידע, אין דעם קליינעם אַלקערל, גאַנץ פרי און פאַר נאַכט קדיש.

נאָר ביז צו טאַטע־מאַמע איז נאָך אַלץ ווייט — די היים ליגט פאַרוואָרפן ערגעץ דאָרטן, אין טיפן ווינקל פון די פּאַלעסיער וועלדער. צו דער שוועס־טער, צו רחלען, דאַרף מען נאָך אויך גיין אין די מרחקים אַריין.

און מיט יעדן טאָג איז דער סאָלדאַט אַריינגעשפּרונגען אַלץ טיפער אין האַרבסט. פריִער זיינען די וועגן געווען לעבעדיקער — מ׳האָט געאַקערט, געזייט די ווינטער־תבואה, אַרויסגעגראָבן פון פעלד און אַראָפּגעפירט די וועגענער קאַרטאָפליעס. אויף דער סטערניע האָט זיך געפּאַשעט פי. אין די טאָלן, אַרום די פלאַקערנדיקע שייטערס, זיינען געזעסן פאַסטעכער.

אָפּט יאָגט אַן אַ פור, יעדער פויער נעמט גערן דעם סאָלדאַט אין וואָגן אַריין, יעדע כאַטע איז גרייט צו געבן אַ נאַכטלעגער, אַ ביסל געקעכטס.

און ליגנדיק אין אָוונט אויפֿן פרישן היי, אַ מיד־צעבראָכענער, הערט ער, ווי איבערן דאָרף פלאַטערט דאָס גוט־באַקאַנטע, דאָס צום האַרצן נאָענטע געזאַנג:

עפּעס האָט אין וואַלד צערוישט זיך
די זון גערעדט האָט מיטן ווינט,
אוי ווינט, דו, מיין ווינט,
ברעך ניט, וואַרף ניט
מיינע געוויקסן אויפֿן וועג*)

און דעם סאָלדאַט שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. ער הערט זיך צו, ווי דאָס געזאַנג גייט אַוועק אין דער נאַכט אַריין, ווערט פֿאַרטראָגן מיטן ווינט אין די וועלדער. און די וועלדער אַרום רוישן־רוישן. ער וואָלט ניט געקאָנט דערקלערן, פֿאַר וואָס דאָס ליד האָט ביי אים אַרויסגערופֿן טרערן. ס'איז אים שווער געוואָרן אויף דער נשמה און גאָר.

אָבער באַלד, ערגעץ גאָר נאָענט, אַ פּנים צווישן די סקירדעס קאָרן, טוען ביי עמעצן אַ ציטער אונטער די פינגער אַ סך סטרונעס, און אַ וואַרעם קול נעמט זיך בעטן:

אוי, זיי געזונט, מיין שוואַרצברעמיקע,
פֿאַרגעס מיך ניט, זיי אַזוי גוט...*)

שמייכלט שוין דער סאָלדאַט דורך די טרערן:

— ניין, — זאָגט ער מיט זיכערקייט, — דאָבציע האָט מיך ניט פֿאַרגעסן...

ער פֿאַרלייגט די הענט הינטערן קאָפּ און הייבט אויך אָן שטיל צו זינגען:

וואָס האָסטו מיר אָפּגעטאָן, טייער לע־עבן מיי־נ־ס,
וואָס מיין האַרץ ציט אַזוי צו דיר?

---

*) פון אַן אוקראַיניש פֿאָלקסליד

דו האָסט מיר גאָרניט אָפּגעטאָן, טײַ־ײַע־ער לעבן מײַנס
איך האָב זיך פּשוט אײַנגעליבט אין דיר...

און דערנאָך וועט זיך אים אַ גאַנצע נאַכט חלומען דאָס מײדל מיט די שוואַרצע אויגן און מיט די לאַנגע בלאָנדע צעפּ. ער וועט זי האַלטן אין אײן פרעגן: „איר האָט זיך דען ניט געקאָנט אָנשטויסן, איר האָט דען ניט געזען, אַז איך בין אין אײַך פאַרליבט? ווי נאָר איר זײַט געקומען צו אײַער פעטער, טאַקע ווי נאָר איר זײַט אַראָפּ פונעם וואָגן, זײַט איר מיר מיט בײדע פיס אַרײַן אין האַרצן״...

## ב

בײַ דער שוועסטער האָט ער זיך ניט אָפּגערוט, ווי ער האָט געהאָפט און געטרוימט. קײן גאַסט און קײן אורח דאָרטן בײַ קײנעם ניט געווען. אַרײַנגעשפּרונגען איז ער אין שטעטל נאָך האַלבן טאָג, שוין נאָך דער שחיטה, און זי, רחלען, געטראָפן אויף דער שטובשוועל ליגן אין בלוט. אין יענעם טאָג, שוין אין פינצטערן אָוונט, שוין בײַ דער שײַן פון צענד־ליקער לאָמטערנס, האָט מען זי אויך צו קבר־ישׂראל געבראַכט.

צום אָנהײב האָט גאָר קײנער ניט געוווּסט, ווער איז ער, אָט דער בערדיקער סאָלדאָט אין דער פּאַפּאַכע מיט דער קאָקאַרדע, וואָס שפּרינגט אויף די מיליצעס האַרט לעבן דער מיטה און שטרענגט אָן אַלע כוחות אויף אונטערצושטעלן אַן אַקסל... נאָר שפּעטער האָט אײנער דעם צווײטן איבערגעגעבן און ס'איז פאַר אַלעמען באַוווּסט געוואָרן:

— ס'איז דאָך אַ לײבלעכער ברודער...

— דאָס קערט ער זיך אום פון דער מלחמה אַהײם...

— דאָס איז ער געקומען אַזוי צו דער שוועסטער צו גאַסט...

— אוי ווײ, אַ בראָך איז צו אונדז... — און ס'האָט ווידער אויסגע־בראָכן אין דער נאַכט אַ קלאָג־יללה ביז צו די הימלען.

נאָך אין יענער נאַכט, טאַקע באַלד, ווי דער קבר איז פאַרשאָטן

---

*) פון אַן אוקראַיִניש פאָלקסליד

געוואָרן, האָט ער ניט געלאָזט פון קיינעם זיך פאַרהאַלטן און איז האַסטיק פון בית־עולם אַרויסגעשפּרונגען און ווייטער געלאָזט זיך אין וועג אַריין. ער מוז גיכער לויפן אַהיים, אפשר ליגן זיי דאָרט אויך אַלע אויף דער שוועל...

און מיט יעדן טאָג ווערט אַברהם באַיאַר, ווי דער סוף־האַרבסטיקער וואַלד, שוואַרצער און שווייגנדיקער. ער שטעלט זיך אַפילו אין ערגעץ ניט אָפּ אויף נאַכטלעגער. אמת, ער איז אַריינגעשפּרונגען אין דעם טייל פּאָלעסיע, וווּ די באַפעלקערונג איז זייער אַ שיטערע, אַרום־און־אַרום זומפּן. זעלטן טרעפט זיך אַ דאָרף. איבער די וועלדער זייַנען צעוואָרפן כוטאָרס, איינער פון דעם צווייטן אויף צענדליקער מייל.

און די טעג זייַנען שטאַרק קורצע. אָט פאַרגייט שוין ווידער אַ טאָג. עפּעס אַ שרעקלעכע שטילקייט שטייט אַרום־און־אַרום, כאָטש די ווינטן רוישן. זעלטן דערגייט צו זיין אויער דער קלאַפּ פון דעם פּיקהאָלץ איבערן טרוקענעם שטאַם, זעלטן הערט ער שוין דעם פּייף פון די בלויערלעך צום סוף טאָג.

דער ווינט ברענגט אים דעם ריח פון וואַסער — ערגעץ ניט ווייט איז אַ טייך. ביי אים אין רענצל ליגן עטלעכע קאַרטאָפל, אַ היפּטל קרויט, צוויי ציבעלעס, אַ קניפּעלע זאַלץ, וועט ער זיך אַראָפּלאָזן צום טייך, צעלייגן דאָרטן אויפן ברעג אַ שייטער און אָפּקאָכן אַ ביסל געקעכטס. דער הונגער זויגט אים אונטערן לעפּעלע ביז צו חלשות פאַלן.

און הגם דער הונגער מאַטערט אים זייער, נאָר (שוין אַ טבע אַזאַ) ער טוט אַלץ ניט געאַיילט, ערנסט, געטריי, ווי ניט פאַר זיך טוט ער עס, נאָר פאַר עמעצן, פאַר אַ צווייטן, און דערצו נאָך פאַר איינעם אַ פאַרמאַטערט־קראַנקן, וועמען מע דאַרף דערקוויקן די נשמה, און אפשר גאָר דערהאַלטן דאָס לעבן.

אויף דער האַרטער פּאָלע פונעם שינעל שיילט ער די קאַרטאָפל, בראָקט דאָס קרויט, צעשניידט אַ גרויסע בלאָווע ציבעלע, וואַרפט עס אַלץ אַריין אין דעם סאָלדאַטישן שוואַרץ־פאַררייכערטן מעשענעם קעסעלע, און דערנאָך רוקט ער זיך מיט איין מיליצע פון דעם הויך־שיפּועדיקן ברעג צום טייך אַראָפּ. דאָס וואַסער לעבט נאָך, אָבער ס׳איז שוין זייער קאַלט.

ערב־פֿאַרפֿרוירן צו ווערן. די נידעריק־פֿאַרגייענדיקע זון שפּיגלט זיך כמעט ניט אָפּ אין די געדיכט־שווערע וואַסערן. ער וואַשט פֿרי:ער די הענט, דערנאָך דאָס פּנים, און ערשט שפּעטער וואַשט ער איבער אין קעסעלע דאָס אַלץ צוגעגרייטע און רעדט דערביי צו דער מאַמען:

— איך גיי, מאַמע, איך גיי!..

אין די שווער־געדיכטע גרויע וואַסערן, ווו ס׳שפּיגלט זיך ניט אָפּ די נידעריק־שטייענדיקע זון, דערזעט ער מיט אַ מאָל ברענענדיקע לאָמטערנס און דערהערט, ווי ס׳פֿאַלט אין קבר אַריין אויף דער געקוילעטער שוועסטער די ערשטע לאָפּעטע ערד. הייבט ער זיך אויפֿגיך מיט שרעק אויף — עס ציט אים אין וואַסער אַריין...

אַרויפֿקלייבן זיך מיטן פֿולן קעסעלע צוריק אויפֿן הויך־שיפּועדיקן באַרג קומט אים אָן מיט גוואַלדיקע שווערקייטן. דער פֿוס גליטשט זיך אינעם שיטנדיקן זאַמד, ווי מ׳וואָלט די ערד פֿון אונטער אים אַרויסגעריסן.

אַ פֿאַרשוויצטער, דער איינציקער פֿוס האַלט אים קוים, דערקלייבט ער זיך צום אָרט, ווו ס׳ליגט דער שינעל, דאָס רענצל, די צווייטע מיליצע. ער כאַפּט איבער דעם אָטעם און נעמט זיך מיט די הענט אויסגראָבן אַ גריבל, — צעלייגן אַ שייטער.

שוין געהאַט צונויפֿגעלייגט די צווייגלעך, אַרויפֿגעוואָרפֿן פֿון אויבן טרוקענע שישקעס, וואָס זיינען אים אונטער די הענט געקומען, רוקט ער אַריין די האַנט אין קעשענע, וויל אַרויסנעמען פֿון דאָרט די שוועבעלעך, נאָר דאָס פּנים ווערט אים מיט אַ מאָל נאָך שוואַרצער, די אויגן נאָך טרוקענער און גלאַנציקער. ער נעמט שאַרן, קלאַפּן, אויסטרייסלען, איבערטרייסלען, איבערקערן אַלע קעשענעס, דאָס רענצל, — ניטאָ קיין שוועבעלעך.

רוקט ער זיך ווידער מיטן זעלבן וועג, פֿונעם הויכן באַרג צום טייך אַראָפּ. ער זוכט דאָרט, נישטערט... בלייבט זיצןביים טייך, קוקט אין די שווער־גייענדיקע וואַסערן. די זון זעצט זיך. אויף דער סאָסנע שאַרפֿט אַ קראָ דעם שנאָבל אָן אַ צווייג. אים דוכט זיך: אַחוץ אים איז מער קיין לעבעדיקער מענטש אויף דער וועלט ניטאָ... און ס׳טוט אים ווידער אַ צי אין וואַסער אַריין.

ער קלעטערט אויף גיך, אויף אַלע פיר, צוריק באַרג־אַרויף און בלייבט ליגן אויף דער ערד מיט פאַרמאַכטע אויגן. אין מויל פילט ער דעם טעם פון הייסע קאַרטאָפל, אין די נאָזלעכער שלאָגט אים אַ געזאַלצן־זיסלעך ריח פון שוואָמען־זופּ... שפּרינגט ער אויף און טוט פון צאָרן אַזאַ זעץ מיט דער מיליצע איבערן פולן קעסעלע, אַז אַלץ, וואָס ער האָט צוגעגרייט, צעפליט זיך אין אַלע זייטן. דאָס קעסעלע קייקלט זיך אַראָפּ פונעם ברעג מיט אַ געקלאַנג אין טייך אַריין.

דער סאָלדאַט קוקט צום טייך אַראָפּ. דאָס קעסעלע איז צום דנאָ ניט אַוועק. אַן אַנגענומענס ביז האַלב מיט וואַסער, זיצט עס טיף אין טייך און טראָגט זיך מיטן שטראָם. אַן־אַ האָט עס דער שטראָם פאַרטראָגן צווישן די זאַמדבענק, צו אַן אינדזעלע, ווו אויפן וואַסער וויגט זיך אַן איינזאַמע סאָסנע — אַ פּנים נאָך פרילינגצייט האָט זי זיך אָפּגעריסן פונעם פליט.

אַברהם באַיאַר לאָזט זיך ווייטער אין וועג אַריין. נאָכן זון־זעצן־זיך שעמערירן אויפן מערב ווייס־זילבערנע שיינען. דער וואַלדמענטש ווייסט: ס'איז אַן אָנזאָג אויף אַ פראָסט. די שטאַרקע ווינטן ביי נאַכט רייסן אַרויס שטערן פון הימל. אַזעלכע ווינטן קאָנען אָנטראָגן אַ שניי־געוויטער.

און דער סאָלדאַט, אַ באַשלאָגענער מיט נויטשוויס, שפּרינגט ווייטער איבער וועג־און־וועגעלעך, לענג־אויס די ליידיקע שוואַרצע וועלדער, און שטאַמלט:

— איך גיי, מאַמע, איך גיי...

די נאַכט שפּאַרט פון דער ערד, פאַלט פון די הימלען, דווקא אַן אויסגעשטערנטע, אָבער אַ שוואַרצע און זייער אַ לאַנגע איז די סוף־האַרבסט־טיקע, די ערב־ווינטערדיקע נאַכט. די מיליצעס זינקען אין זאַמד אַריין אויף ניט אַרויסצושלעפּן זיי. פון אָנגעשטרענגטקייט הייבט אים אָן דער פאַרוווּנדעטער פוס אויפגעלאָפן צו ווערן. דער ווייטיק הייבט זיך אַלץ העכער איבערן קערפּער, גייט דורך אַלע אָדערן ביז צום האַלדז־און־נאַקן און נעמט שלאָגן אין קאָפּ און אין די אויגן אַריין... די עקשנות אין אים וואַקסט, די לעצטע כוחות אָבער צאַנקען און לעשן זיך.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אַברהם שטייט אין מיטן דער נאַכט אויפֿן זאַמדיקן וועג, ניט וואַך און ניט געשלאָפֿן, דאָס פּנים צונטער־רויט, די אויגן פֿאַרלאָפֿן מיט וויי־טרערן און דאָס האַרץ שלאָגט זיך אין בלוטיקן טרויער. אַ שוידער גייט אים דורך איבערן גאַנצן גוף, און ווען ניט די מיליצעס, וואָס האַלטן אים אונטער, וואָלט ער שוין לאַנג געלעגן מיטן פּנים צו דער ערד.

און די נאַסע לבנה ציטערט נאָך אַלץ אויפֿן ווינט... אומגעהייער לאַנגע, דאַר־אויסגעקרימטע שאָטנס קריכן איבער די בערגלעך זאַמד. די שאָטנס הייבן זיך אויף, שפּרינגען און פֿאַלן ווידער. אַברהמען דוכט זיך: עמעצער גנבעט זיך נאָך זיינע טריט. ער הערט אַפֿילו, ווי אונטער יענעמס טראָט ברעכן זיך טרוקענע צווייגלעך...

„רחל, — שטאַמלט ער, — רחל, ס'איז דו?..‟ און פּלוצעם נעמט ער שרייען: „וואָס דאַרפֿט איר דאָ? וואָס ווילט איר פֿון מיין לעבן?..‟ קיינער ענטפֿערט ניט, זיין קול פֿאַלט אַריין אין די זומפּן. און ערגעץ דאָרט, אויף די זומפּן, שרייט אַ קראַנקער פֿויגל. אַברהם הערט זיך צו צום שאַרפֿן אָפּגעהאַקטן געשריי, וואָס גייט פֿון אַן איבערגעטריקנטן גאָרגל, און פֿאַרגעסט אין אַלץ. ער האָט איין הייסן ווילן: גיין און אויפֿזוכן דעם קראַנקן פֿויגל. „ווער דען וועט אים העלפֿן?‟ אים דוכט זיך, אַז ער גייט... אָבער עמעצער גייט אים ווידער נאָך. יענער שפּרינגט אַראָפּ פֿונעם בערגל זאַמד, אויך אויף איין פֿוס, און נעמט שטילינקערהייט אַרויסשלעפּן ביים סאָלדאַט פֿון אונטער די אָרעמס ביידע מיליצעס... די לבנה רייסט זיך אָפּ פֿונעם הימל, פֿאַלט אַרויף אויף אַ בוים, און די גאַנצע ערד ווערט באַדעקט מיט פֿונקען.

דער סאָלדאַט ליגט אויפֿן וועג, און הויכע, שטאַרק־געדיכטע וואַלד־געוויקסן פֿלעכטן אים אַרום. אַ ווייסע צאַפּליע מיט לאַנגע שוואַרצע פֿיס שפּרינגט איבער אים, פֿון איין אַקסל אויפֿן אַנדערן, און מיט דעם געל־גרינעם שנאָבל פּיקט זי אים אין די שלייפֿן אַריין... ער קאָן זיך פֿון דעם פֿויגל ניט אָפּשלאָגן. מיטן ביינערדיקן שנאָבל וועט ער אים באַלד דורכעג־בערן און דורכברעכן דעם שאַרבן. איבערן וואַלד דרייט זיך אַ שוואַרצע בערעזע, אַרומגעכאַפּט מיט פֿייער. אַ הייס־ברי־ענדיקע פֿייכטע ערד פֿאַרשיט אים די אויגן... דער סאָלדאַט טראָגט זיך אויף אַ צעהיצט פֿערד, די אַנט־

בלויזטע שווערד איבערן קאָפּ, און שרייט צווישן טויזנטער אַנדערע, אַזעלכע, ווי ער:

— זאַ צאַ־ריאַ־אַ!..*)

פּלוצעם זעצט זיך דאָס פערד אויף די הינטערשטע פיס אַזוי, אַז דער רייטער פאַלט שיר פון זאָטל ניט אַרויס. פונעם גאָרגל ביים פערד שלאָגט אַ שוואַרצער שטראָם בלוט. און באַלד, וואַרפנדיק די פעדערשטע פיס אין דער לופטן, נעמט זיך דאָס פערד גליטשן פון דער סאָפּקע אַראָפּ... ווייל ער אַברהם באַיאַר, אַראָפּשפּרינגען פון פערד, דערפילט ער: מיט אַ פּאַרביסענער רציחה האָט מען אים אַריינגעזעצט אין דער אונטערגעהוי־בענער קני עפּעס אַ דינס, אַ טעמפּס, נאָר זייער אַ גליִענדיקס.

ג

מיטן זעלבן זאַמדיק־פּאָלעסיער וועג, אויף וועלכן דער סאָלדאַט איז געפאַלן, פאָרט אין יענער נאַכט אַ פור. אין וואָגן זיצן פיר מענטשן.

די יינגערע צוויי מאַנצבלען, נאָך דעם, ווי ס'איז צווישן זיי געפירט געוואָרן אַ לאַנגער און אַ הייסער וויכוח וועגן דעם יחיד און דעם כלל, וועגן דער פּערזענלעכקייט און דעם המון, זיינען זיי ביידע געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן.

דער דריטער מאַנצבל — אַ ייִד אין די יאָרן, אָבער נאָך איצט אַפילו רופן אים די בעלי־עגלות פאַר זיין גבורה לייזער דער אַשמדאי... דער דאָזיקער אַשמדאי זיצט פון פאָרנט אויף דער קעלניע. פון אונטן איז ער שטאַרק ברייט, וואָס העכער — ווערט ער שמעלער. אויפן קאָפּ שטעקט אים אַ האָזענער יאַלעם, אַראָפּגערוקט אַריבער די אויגן. דער קאָפּ ביים אַנטרייבער איז אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט, די אויגן פאַרמאַכט, עס וואָלט געקאָנט דוכטן — ער שלאָפט. נאָר ער שלאָפט ניט, דער אַשמדאי. ווי תמיד, זוו ער זאָל זיך ניט געפינען, אויב נאָר קיינער רירט אים ניט אָן, דרעמלט ער.

דער פערטער מענטש, די פרוי, וואָס די גאַנצע נאַכט ניט זי שלאָפט,

---

*) פאַרן קייסער (רוסיש)

ניט זי דרעמלט, האָט דעם גאַנצן לאַנגן וועג מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. זי זיצט אָנגעבויגן, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, די אויגן ברייט פונאַנדערגעעפנט, ווי זי וואָלט זיכער געווען: אין אָט אָ־דער ווינטיקער, אויסגעלייטערטער, רייך־אויסגעשטערנטער נאַכט, ביי אָט דער אויפגייענדיקער לבנה, אין אָט דעם וואַלד, וועט זי נאָך באַגעגענען, נאָך דערזען יענעם מענטשן, וואָס וועט איר, אויב ניט מיטהעלפן, איז אַן עצה געבן, זי אויסלערנען, ווי אַזוי אָ סוף צו מאַכן צו אַזאַ לעבן, ווי אַזוי איבערצושניידן דעם שטריק, וואָס זי טראָגט שוין באַלד צען יאָר פאַרבאָר־גענערהייט אויפן האַלדז... „אַ שענדלעך לעבן... — טראַכט זי, — יאָ, יאָ, איווע, ס'איז ביי דיר אַ שענדלעך לעבן"...

וואָס טיפער די פור פאָרט אין די וועלדער אַריין, אַלץ אַ גרעסער'ע אינערלעכע קעלט נעמט זי אַרום.

דער מאַן אירער ליגט אויסגעצויגן איבער דער גאַנצער לענג פון וואָגן, איינגעוויקלט ביז איבערן קאָפּ אין דעם שוואַרצן ראַמאַנאָווער פעלץ, און רעדט די גאַנצע צייט פון שלאָף. זי טוט מיט פאַראַכטונג אַ שמייכל: „מסתמא חשבונט ער זיך מיט זיין מאַמעניו"...

דער צווייטער, וואָס שלאָפט אין וואָגן, דער דאָקטער, יענער ליגט אַראָפּגערוקט צו אירע פיס, דער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דעם זעקל האָבער, די שיינע שוואַרצע באָרד וויגט זיך פונעם פאָרן, און אין זיינע גרויסע ברילן־גלעזלעך שפּיגלט זיך אָפּ די לבנה.

דער מאַן רירט שוין לאַנג ניט אָן אין איר קיין איין ברעקל לעבעדי'ק געפיל. אפילו יענע אַלע תנועות און געגנג, וואָס פלעגן פר'ער זי טרעפן ממש ביז דער זיבעטער ריפּ, רופן שוין איצט, די לעצטע פאַר יאָר, ניט אַרויס ביי איר קיין שום קעגנווירקונג. די לעצטע יאָרן ליידט זי אויף דער שווערסטער און געפערלעכסטער קרענק אין לעבן — אויף גלייכגילט... אויף אַלץ און אַלעם קומט שוין גלייך יענער שרעקלעכער ענטפער: „וואָס איז דער חילוק, אַזוי צי אַזוי?... סיי ווי איז מיין לעבן פאַרשפּילט, פאַרשפּילט ביזן לעצטן פאָדעם... וואָס זשע איז שוין דער אונטערשייד? אַל'ץ איינס".

אמת, זי האָט קיין מאָל ניט געקאָנט פאַרגעסן, במילא שוין ניט

געקאָנט מוחל זיין, יענעם פאַרברעכן, וואָס ער איז קעגן איר אַלס מענטש און אַלס פרוי באַגאַנגען. מיט דער צייט אָבער איז די פריִערדיקע פיינטשאַפט צו אים, די שׂנאה, אויסגעוועפּט און געשטילט געוואָרן. ער פאַרנעמט שוין לאַנג דאָס זעלבע אָרט אין איר לעבן, ווי די גאַנצע שטוב, — דאָס פירשטאָקיקע מויערל מיט אַלע זיינע תּושבים: דער שווער — אַ מין פאַרבאָרגענער צדיק אין שטאָט, דער געוועזענער דיין רב נתן לאַנדע... די שוויגער מיט די טייערע לאַנגע אויערינגלעך און מיט דריי גוידערס — די גרויסע סוחרטע, וואָס פאַרלאָזט זיך אויף קיינעם ניט, פאַרגלייבט קיינעם ניט און פאָרט נאָך אַלץ אַלע יאָר אַליין אויף די לייפּציקער יאָריאַרידים. ער, דער מאַן, פאַרנעמט ביי איר דאָס זעלבע אָרט, ווי די צווייִ בעל־גאווהדיקע שוועסטער זיינע מיט זייערע מענער און בכלל ווי אַלע יענע שטובזאַכן, צווישן וועלכע זי דרייט זיך אַרום און וואָס פאַרנעמען דאָרט אַזאַ אָנגעזעען אָרט... יאָ, אין איר לעבן געהערט דער מאַן צו יענע שטובזאַכן, וואָס גייען איר ניט אָן, זי דאַרף זיי ניט, זיי זיינען איר איבעריק, זיי פאָדערן אָבער אַ טאָגטעגלעכע השגחה.

נאָר וואָס טיפער מ׳איז אין דעם וואַלד־לאַנד אַריינגעפאָרן, וואָס נעענטער ס׳ווערט צו יענעם אָרט, צו יענער היים, פון וואַנען זי איז מיט אַזאַ אכזריות אַרויסגעריסן געוואָרן, אַלץ מער און שטאַרקער לעבן אויף אין איר די אַלטע ווונדן, די פאַרדראָסן און עוולות... און דעם מאַנס חקירות וועגן דעם ווערט פון דעם יחיד, אַז „בלויז די פּערזענלעכקייט קאָן זיין דער וועגווייזער, דער לערער פון המון...” רייצן זי ווידער ביז גאָר אויף.

אויף אָט די אַלע רייד זיינע האָט זי פריִער שוין קיין שום אַכט ניט געלייגט, זיי פלעגן שוין אפילו צו איר אויער ניט דערגיין, און אויב שוין יאָ אַ מאָל דערגאַנגען, פלעגן זיי אַרויסרופן ביי איר אויף אַ רגע אַ ביטערן שמייכל: „זיך פאַררעכנט ער צו די יחידים”...

אָבער איצט, אויף דער פור, וואָס טרייסלט אַרויס פון איר די נשמה, האָבן די דאָזיקע חקירות זי ווידער אויפגעבראַכט און זי ווידער פון דאָס ניי שרעקלעך באַליידיקט... „מיך האָט ער דעמאָלט ניט געהאַלטן און האַלט מיך די גאַנצע צייט פאַר קיין יחיד ניט”...

און יענע אַלע געדאַנקען, וואָס האָבן זי פון צייט צו צייט פאַרט געמאַטערט, וואָס האָבן קיין מאָל ניט דערלאָזט, אַז דער גלייכגילט זאָל זיך אַ וואַרעמע נעסט אין איר נשמה אויסבויען, און ניט איין נאַכט איז איר אויסגעקומען, פון שרעק פאַר איר לעבן און פון חרפה פאַר מענטשן, צו וואַרגן, צו שטיקן און צו טרייבן זיי פון זיך, — אָט יענע געדאַנקען האָבן איצט ווידער, נאָר שוין אַלע מיט אַ מאָל, וואָס טיפער די פור איז אין וואַלד אַריין און וואָס נעענטער צו דער היים, צום אָרט, ווו די שׂריפה פון איר לעבן האָט זיך אָנגעהויבן, אַלץ ענגער און שטאַרקער זי אַרומגערינגלט.

און דער, וואָס האָט צוליב זיין תאווה און געניוס זי געפירט מיט גוואַלד צו און פון דער חופה, געוואָרן דער פאָטער פון איר קינד, ער, אַלעקסאַנדער לאַנדע, דער אייגנטימער פון הונדערט וועבשטולן און פון אַ יונג און שיין ווייב, ער ליגט זיך אויסגעצויגן אין וואָגן, איינגעוויקלט אין דעם פעלץ, קיין ווינט זאָל אים, חלילה, ניט דורכנעמען, און ער רעדט פון שלאָף אַרויס... ער פלאַפּלט נאָך מסתמא אַלץ וועגן דעם ווערט פונעם „יחיד״ און עס ווילט זיך איר אָנכאַפּן אים פאַר ביידע אַקסל, אים אויפוועקן און זאָגן:

— הער, דו, אַלעקסאַנדער, אַ סוף צו דער שפּיל... זיי וויסן, אַז ניט אַזוי צוליב דער קראַנקער מוטער פאָר איך... איך פאָר, דו זאָלסט וויסן, צוליב דניאלן. צו אים פאָר איך, צוליב אים פיר איך דעם דאָקטער...

מיט אַ מאָל גייט איר דורך אַ שרעקלעכער געדאַנק: „גיט צו דניאלן פאָר איך... איך פאָר אויף קבר־אבות פון מיין ליבע...״

און זי בלייבט זיצן אָנגעבויגענערהייט, בלאָנקעט מיט די ברייטפונאַנדערגעעפנטע אויגן איבער דער נאַכט — וואַרט אויף עפּעס און אויף עמעצן...

און די לבנה שווימט איבער די פּאָלעסיער וועלדער. די ערד איז באַדעקט מיט פינקלדיקן פריר־טוי. ערגעץ אויף די זומפּן שרייט נאָך אַלץ דער קראַנקער פויגל. לויט דער קעלט און לויט די פלאַקערנדיקע שטערן דאַרף שוין גיך אָנהייבן טאָגן.

די פערד טוען פלוצעם אַ נעם דעם וואָגן. ס׳קאָן דאַכטן, אַז דער אַשמדאי האָט פאַרגעסן אין זיינע התחייבותן, געלאָזט די פערד אויף אַ פרעמדן וועג, ביי נאַכט, אויף הפקר... נאָר ער, דער דרעמלענדיקער בעל־עגלה, ווי נאָר די פערד האָבן אַ נעם געטאָן דעם וואָגן, האָט תיכף דעם קאָפּ אויפגעהויבן.

— האָדיע, נו! — ציט ער שטייפער די לייצעס, — באַרג־אַראָפּ הייבט איך אָן צו שטעכן דער האָבער. טפּרר—ר! אַזוי קריכט איר, ווי אַ נגיד נאָך אַ שוויצבאָד... טפּרר—ר!

דער פאַרטאָגיקער ווינט פאַרטראָגט זיינע רייד, און זי, איווע, הערט ניט, וואָס דער אַשמדאי רעדט צו די פערד. זי וויל אים בעטן: טרייבט ניט, מענטש איינער, אַזוי שטאַרק די פערד. ס׳איז ניט פאַר מיינע כוחות אַריינצופאָרן אין מיין אַמאָליקער היים, פון וואַנען מ׳האָט מיך מיט חוזק אַרויסגעטריבן.

זי האָט זיך צוגערוקט צום אַשמדאי, רעדט צו אים אַריבער זיין אַקסל:

— פאָרט ניט אַזוי גיך, ליבער מענטש, ס׳איז ניט פאַר מיינע כוחות צו באַגעגענען זיך מיט דניאלן, זיך טרעפן מיט מיין מאַמע... זי איז מיין גרעסטער שונא. ווען ניט די מאַמע מיט איר ברודער אַבושל, וואָלט עס ניט פאָרגעקומען... מיין מאַמע האָט מיך פיינט געהאַט נאָך פונעם וויגעלע. זי האָט אַלעמען פיינט געהאַט, נאָר מיך מער פון אַלע... איין־און־איינציקע, אַ בת־יחידה און אַזאַ פיינטשאַפט... פאַר וואָס?

דער ווינט פאַרטרייבט איר אין פנים אַריין דעם אַשמדאיס גרויסע באָרד. זי פילט עס אָבער ניט. נאָר ווען יענער בייגט זיך אָן און טוט אויף איר אַ געשריי: „מאַדאַם, האָדיע, נו, האַלט זיך פאַר דער דראַבינע!״ ערשט דעמאָלט דערזעט זי זיך שטיין אויף די קני לעם אַשמדאי, ביידע הענט אירע אויף זיין אַקסל... האָט זי טאַקע צו אים גערעדט? ס׳קאָן דאָך ניט זיין!

זי פרעגט ביי אים:

— מענטש איינער, איך האָב אייך דען עפּעס געזאָגט?

נאָר דאָ האָט זי דער אַשמדאי אויפגעהויבן אויף די פיס, אַ ברום געטאָן איבערן גאַנצן וואַלד: „האָדיע, נו!״ און אַ שפרונג געטאָן פון וואָגן

אַרויס. און איידער זי האָט באַוויזן צו באַנעמען, וואָס דעם בעל־עגלהס געשריי, זיין שפּרונג פון וואָגן דאַרף הייסן און באַטייטן, איז דער וואָגן שוין געלעגן אויף אַ זייט, זי, איוועס, ביים אַשמדאַי אויף די הענט, און איבער איר קאָפּ דרייט זיך אין דער לופטן אַ ראָד.

— האָדיע, נו, — זאָגט איר דער שמייסער, — נאָך מיט מזל.

זי קלייבט זיך אַרויס פון זיינע הענט און הייבט זיך אויף אויף די פיס.

— מ׳האָט דאָך געקאָנט אומקומען.

— האָדיע, נו, כ׳האָב דאָך ניט געקאָנט אַרויספאָרן אויף אַ מענטשן...

— אויף וועלכן מענטשן?

— אָן־אָ, — ווייזט ער מיטן בייטש־שטעקל, — אָן־אָ אויפן וועג ליגט אַ מענטש.

דער טומל און רעש, די איבערשרעק־געשרייען פון אונטער דעם איבערגעקערטן וואָגן, באַזונדערס דעם אַשמדאַיס ברום, וואָס האָט אויפגעטרייסלט דעם פאַרטאָגיקן וואַלד, האָט אויך אומגעקערט אויף אַ ווילע דעם סאָלדאַט צום לעבן.

ער עפנט די אויגן. אַרויפצו, צווישן די ביימער, — אַן איבערגעקערטע פור, מענטשן, פערד מיט פאַרריסענע קעפּ, דער דישל שטעקט אין הימל... און האַרט צו דער ערד, אַנגעשפּאַרט אָן אַ בוים, שטייט די לבנה אַן אויסגעצויגענע, אַ ווייסע... ניין, ס׳איז ניט די לבנה. די לבנה איז פריִער צעבראָכן און צעשאָטן געוואָרן. ס׳איז פשוט אַ ריפּטל ווייצן ברויט.

און דאָ דערזעט ער: פון קבר אַרויס קריכט די שוועסטער. דעם קאָפּ אירן זעט ער ניט. ער זעט נאָר צוויי נאַקעטע הענט, פאַרבלוטיקטע ביז די עלנבויגנס. אָט די צוויי פאַרבלוטיקטע הענט וויגן זיך איבערן בערגל זאַמד און ציִען זיך מיט די צעשפּרייטע איינגעבויגענע פינגער צום ריפּטל ווייצן ברויט.

דעם סאָלדאַט ווערט די גאַל־ביטערניש אין מויל נאָך געדיכטער. די צונג — אַ טרוקן שטיק האָלץ.

— רחל, — בעט ער זיך ביי איר, — רחל, נעם ניט צו דאָס גאַנצע ריפּטל, גיב מיר אויך אַ שטיקל...

די צאַפּליע אויף די לאַנגע שוואַרצע פיס נעמט אים ווידער פּיקן, אָן אויפהער, ביז משוגע צו ווערן, מיט דעם גרין־געלבלעכן שנאָבל אין די שלייפן אַריין.

און באַלד ווערט אַלץ צוריק איינגעהילט אין אַ הייסער שוואַרצקייט — די פור, די מענטשן, די צוויי פאַרבלוטיקטע הענט, דאָס ווייצענע ריפטל ברויט, — אַלץ ווערט פאַר זיין אויג פאַרלאָרן און אָפּגעווישט.

די פרוי איז צופרידן, וואָס די פור האָט זיך איבערגעקערט. זאָל זיין דורך אַזאַ צופאַל, אַבי דער וועג זאָל פאַרלענגערט ווערן... איר איז זייער שרעקלעך אַרויפצופאָרן אויפן בית־עולם פון איר יוגנט.

דער מאַן, נאָך אַלץ שלעפעריק־דערשראָקן, וואַרפט זיך אויפן דאָקטער, מאַכט דערביי ווילד מיט די הענט, רעדט עפּעס מיט אַ משונה דין קולעכל, וויל תיכף וויסן: וויפל גזלנים זיינען אָנגעפאַלן, און צי וועט דער אַשמדאי קאָנען אַליין זיי בייקומען? צווישן די בעל־עגלות שמט ער דאָך פאַר אַ גבר...

— איך קויף אים אַ פערד. זאָגט אים, אַז איך וועל אים קויפן.

— שווייג שוין בעסער, יחיד איינער, — גייט צו צו אים די פרוי, קיינער איז אויף דיר ניט אָנגעפאַלן. דו ביסט אַ גרעסערער פחדן, ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט.

זי העלפט דעם דאָקטער אויפהויבן זיך פון דער ערד:

— קומט, אויפן וועג ליגט אַ מענטש.

דער דאָקטער, וואָס האָט ווינציק־וואָס געהאַט צו טאָן ביי אַזעלכע באַדינגונגען לעבן קראַנקן, שטייט מיט פונאַנדערגענומענע הענט, פינטלט מיט די וויִעס — בעתן פאַלן זיינען ביי אים פאַרלאָרן געגאַנגען די ברילן און איצט, ניט געקוקט אויף דעם שטאַרקן לבנה־ליכט, זעט ער ממש ניט, וואָס אַרום אים טוט זיך.

ס'איז אויך צוגעגאַנגען דער מאַן.

— נו וואָס? — פרעגט ער מיט אומגעדולד. — ער פאַרשטעלט זיך ניט?

— ניין, ער פאַרשטעלט זיך ניט, — ענטפערט אָפּ דער דאָקטער מיט אַ זיפץ, — טוט אַ נעם זיין האַנט. דער מענטש איז אין פייער... — און אין

דעם דאָקטערס קול הערט זיך יענע אומבאַהאָלפנקייט, וואָס רופט אַרויס מער רחמנות צו דעם, וואָס וויל העלפן, ווי צו דעם, וואָס נייטיקט זיך אין דער הילף — יאָ, אַ שווערער צופאַל. דער פוס איז ביי אים אויפגעלאָפן. ס׳קאָן דאָ זיין אַלץ, אַפילו אַ גאַז־פלעגמאָנע. ס׳איז זייער מעגלעך... אָט טוט אַ נעם, אַלעקסאַנדער נאַטאַנאָוויטש, זיין פוס, וועט איר אויך זען.

אַלעקסאַנדער נאַטאַנאָוויטש איז אָוועק אַנטאָן דעם פעלץ:

— וואָס זאָגט איר אויף דער קעלט? — ער שפּאַנט אין דעם פעלץ לענג־אויס דעם וואָגן הין און צוריק. — איליאַ איליטש, דערוויסט זיך ביי אים, ווער איז ער?

— דערוויסן זיך, ווער ער איז? אין קליינינקייט. דאָס איז גראָדע דאָס סאַמע שווערסטע.

דער דאָקטער בייגט זיך ווידער אָן און טאַפּט דעם קראַנקנס דופק.

— מער פון אַלעמען ליידט פון אַ מלחמה דער פּראָסטער מענטש. ס׳איז דאָך הימל־שרייענדיק... ס׳איז ביי מיר קיין צווייפל ניט, אַז דעם סאָלדאַט האָט מען אויסגעשריבן פון שפּיטאָל פאַר דער צייט.

— איליאַ איליטש, — זאָגט די פרוי, — לאָמיר ניט פטרן קיין צייט. אין דעם צושטאַנד, אין וועלכן דער קראַנקער געפינט זיך, קאָנען מיר זיך דען פון אים עפּעס דערוויסן?

— ניין, אין קיין פאַל ניט. און ווער דער סאָלדאַט איז, פון וואַנען און ווהין ער גייט, שפּילט, מיין איך, אַצינד קיין שום ראָליע ניט... אונדז איז געבליבן צו פאָרן אַ ווערסט צוואַנציק?

— ניט מער. — און זי דרייט זיך אויס צום בעל־עגלה, וואָס שפּאַנט די פערד און וואָגן. — זייט אַזוי גוט, רב לייזער, ברענגט אַהער די דראַבינע.

— נו אָט, נאָ דיר גאָר אַ דראַבינע... איך וועל אים נעמען אויף די הענט און האָדיע.

— ניין, רב לייזער, ברענגט, זייט מוחל, די דראַבינע. — און צום מאַן זאָגט זי: — דעם סאָלדאַט וועלן מיר מיטנעמען מיט זיך, און דאָרטן וועלן מיר שוין זען, וואָס ווייטער צו טאָן.

דער דאָקטער איליאַ איליטש, דער אַלטער בחור מיט דער שיינער שוואַרצער באָרד, הערט זיך צו מיט פאַרמאַכטע אויגן צו דער פרויס קול, עפּעס אַנדערש קלינגט איר קול דאָ, אין דעם ערב־ווינטערדיקן לבנה־קאַלטן וואַלד.

—דו ביסט מסכים? — פרעגט זי דעם מאַן.

— גאָט איז מיט דיר... פאַרשטייט זיך, מסכים.

אַלעקסאַנדער לאַנדע שטייט ביים וואָגן פון קאָפּ ביז די פיס אין לבנה־ליכט. פון דער גאַנצער נסיעה איז ער אומצופרידן. די ליפּן פאַר־קרימט. אַלץ און אַלעמען איז ער חושד. אומעטום און שטענדיק זעט ער אַן אונטערגעשטעלטן פוס... מ׳וויל אים אומברענגען. ער איז זיכער: דער אַשמדאי האָט אומישנע איבערגעקערט די פור. דעם סאָלדאַט האָט מען אויך אומישנע אַוועקגעלייגט אויפן וועג. ס׳איז אַ פאַרשטעלטער סאָלדאַט. קיין גוטס וועט דערפון ניט אַרויסקומען... ער דערפילט שטאַרקער דעם אַלטן וויטיק אין בויך.

— וואָס זשע שטייסטו, אַלעקסאַנדער?

— מיט וואָס קאָן איך אים העלפן?

און ווי שטענדיק, ווען פאַר זיינע אויגן טרעפט מיט עמעצן אַן אומגליק, רוקט ער אויפגיך אַריין די האַנט אין זייט־קעשענע — גרייט צו געבן יענעם אַ נדבה.

די פרוי גייט צו צו אים זייער נאָענט און זאָגט זייער שטיל:

— אַלעקסאַנדער, מ׳דאַרף העלפן אַריבערטראָגן דעם סאָלדאַט. מעגלעך, אַז ער איז אַ יחיד.

איר קול האָט אויך ער ניט דערקענט... פול מיט גאַל און מיט ביטול.

## ד

די שטערן לעשן זיך. פון דער לבנה גייט ניט קיין ליכט, נאָר אַ באַזילבערטע גרויקייט. ס׳טאָגט. דער קאַלטער ווינט שטאַרקט זיך, קריכט אין די ביינער אַריין — ניט ווייט צו זונאויפגאַנג. די מיט שוים־באַדעקטע פערד שפּאַנען שווער. די רעדער סקריפּען.

דער אַשמדאַי דרעמלט. אים פֿאַלט אַפֿילו ניט איין, אַז זיי, די חשובֿע פֿאַרשוינען, וואָלטן אים געמעגט באַדאַנקען פֿאַר זיין מסירת־נפֿש. ווען ער שפּרינגט באַצייטנס פֿון וואָגן ניט אַראָפּ, שטעלט ניט אונטער זיין האַלדז־און־נאַקן, זיינע הענט, וואָלט זיי געוויס געמזיקט געוואָרן.

די פֿרוי האָט זיך צוגעשפּאַרט ביים קראַנקן צופֿוסנס. ער ליגט נאָך אַלץ אַ פֿאַרטראָגענער, אָבער שוין אַ שטיל־געבליבענער. נאָר פֿון צייט צו צייט אָטעמט ער האַסטיק און הילכיק.

איווע קוקט מיט אַ גוטן שמייכל, ווי דער דאָקטער שפּאַנט נאָכן וואָגן. די הענט פֿאַרלייגט אויפֿן רוקן, דעם קאָפּ פֿאַרריסן. ער הייבט מאָדנע הויך די פֿיס, די באָרד איז צעשפּאָלטן פֿונעם ווינט אויף צווייען. ער פֿייפֿט אויס דעם ניגון פֿון זיין באַליבט לידל, וואָס ער זינגט אויף אַלע קערמישלעך:

ס׳האָט זיך מיר די זיפּ צעזיפּט,
זי האָט זיך מיר צעשאָטן,
זי האָט זיך מיר צעשאָטן,
ס׳האָבן זיך די שיך צעריסן,
טאַנץ איך אין די זאָקן.

און ווען ער דערגייט צום רעפֿרען: „טאַנץ, טאַנץ, טאַנץ אַ ביסעלע מיט מיר...״ הייבט ער אָן צו פֿייפֿן גאָר יונגלש־פֿאַרשייט, און די פֿיס הייבן זיך איבערן וועג נאָך העכער. סאַרע ליבער מענטש, טראַכט זי וועגן דעם דאָקטער, ער לעבט, דוכט זיך, נאָר פֿאַר אַנדערע. אָט שוין דאָס פֿינפֿטע יאָר, ווי מ׳זעט אים אַלע פֿאַרנאַכט אויף זיין נידעריק, צווייירעדערדיק בריטשקעלע. צווישן די צוויי אויסגעקרימטע דישלעס — אַ הויך דאַר־גער פֿערד. ער פֿאָרט אַרום, דער דאָקטער, איבער די ענגע געסלעך, צווישן די קרומע הייזלעך. מ׳זאָגט אַפֿילו: ער האָט זיך באַזעצט אין דער גובערניע־שטאָט נאָר דערפֿאַר, ווייל ס׳וווינען דאָרט אַ סך קבצנים... ער וואַרט ניט, מ׳זאָל אים רופֿן, ער גייט אַליין איבער די הייזער. ער קומט אַריין, ווי אַ היימישער, ווי אַן אייגענער. קבצנים שעמען זיך ניט פֿאַר

אים מיט זייער קרענק און דלות... יאָ, דער דאָקטער איז אַן אידעאַליסט! זי איז אים אַוודאי זייער דאַנקבאַר, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אַלץ און אַלעם, זיך געלאָזט מיט איר אין אַזאַ שווערער נסיעה. אָבער... פון זיין גוטסקייט, פון זיין איבערגעגעבנקייט, פון זיין גרייט זיין צוליב איר אויף אַלץ, ווערט איר פון טאָג צו טאָג שווערער. זי פילט, זי דאַרף זיך באַפרייען פון דעם... צו אַ גרויסער בעל־חוב ווערט זי אים.

דער מאַן, פאַרנורעט דעם קאָפּ אין דעם אויפגעשטעלטן קאָלנער, קאָן ניט פאַרטראָגן דעם ריח, וואָס טראָגט זיך פון די צעהיצטע פערד. ער זיצט לעבן אָנטרייבער, רייכערט דעם טערקישן ציגאַר און איז צופרידן, וואָס גראָד איצט, ווען דער מאַרק איז פאַרוואָרפן מיט סחורה און ביי אים ליגט אַ פולער סקלאַד, האָבן זיי, די אַרבעטער, געמאָלדן דעם שטרייק... „זאָלן זיי דאָרטן האַלטן הייסע רעדעס אויפן ליידיקן מאָגן״... ער, אַלעקסאַנדער נאַטאַנאָוויטש לאַנדע, האָט צוגענומען די שליסלען פון פאַבריק און פאָרט מיט דער ווייב מבקר־חולה זיין איר מאַמע... אייגנטלעך, פאָרט ער צו איר טאַטן. דער אַלטער גבריאל באַיאַר איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט. מ׳דאַרף אים אַריינעמען אין שותפות.

די פרוי זעענדיק, ווי ער, אַ באַרוזקטער פון עפּעס, אַ צופרידענער, רייכערט מיט הנאה דעם ציגאַר, זאָגט מיט אַ באַהאַלטענער שׂנאה:

— אַלעקסאַנדער, דער סאָלדאַט קאָן אַ מאָל ניט שטאַרבן אויפן וועג?

— מער פעלט ניט, — ווערט ער אויפגערעגט, — אין אַזאַ צייט...

— ווי אַזוי דו האָסט עס פאַר אַלץ מורא. מיט מיר ביסטו געווען אַ העלד.

— איווע, וואָס איז מיט דיר היינט?

— איך וויל אויך ווערן, ווי דו, אַ יחיד...

ער ענטפערט ניט. מיט אַ ווייב איז גלייכער, אַז מ׳רעדט ווייניקער.

— טרייב די פערד, שלאָף ניט, — טוט ער אַ שטויס מיטן עלנבויגן דעם אָנטרייבער, — אַ מענטש זאָל האַלטן אין איין שלאָפן.

דער אַשמדאי עפנט ניט די אויגן. ער טוט זיך אַ קראַץ מיטן בייטש־שטעקל הינטערן אויער:

— האָדיע, נו, די פערד גייען באַרג־אַרויף.

— פון ווען אָן זשאַלעווען פרעמדע פערד? טרייב, טרייב! מ׳דאַרף דעם קראַנקן וואָס גיכער אַריינפירן אין אַ שטוב. איך מיין, איווע, אין דער ערשטער שטוב וועלן מיר אים אַראָפּטראָגן. מיר האָבן געטאָן פאַר אים אַלץ. סוף כל סוף טאָר מען דאָך ניט...

זי וויל אים זאָגן: „כ׳וויס, כ׳וויס, דו האָסט שוין אויסגעקויפט דיין געוויסן.״ נאָר דאָ באַמערקט זי: דער סאָלדאַט וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם צודעק, הייבט זיך אונטער אויף די עלנבויגנס, דרייט דעם קאָפּ. די אויגן זיינען פאַרמאַכט. דער האַלדז אָנגעשטרענגט־אויסגעצויגן. ער פירט מיט דער ווייסער צונג איבער די ליפּן. הייסט זי אָפּשטעלן די פערד, שלעפּט אַרויס די בלעכענע כלי, לייגט אַוועק דעם קראַנקנס קאָפּ צו זיך אויף די קני און, ניט וואַרטנדיק, ביז דער דאָקטער וועט צוגיין צום וואָגן, געבן זיין הסכמה, נעמט זי שטילן דעם קראַנקן זיין דאָרשט.

דער סאָלדאַט שלינגט הילכיק, פאַרכלינעט זיך, דער קין ציטערט און די ציין קלאַפּן אין דער כלי. גרויסע טראָפּנס שווייס באַדעקן זיין שטערן. און פון דער להוטקייט, מיט וועלכער ער טרינקט, און פון דעם, ווי אַזוי דער גוף זיינער טרייסלט זיך דערביי, ווערט די פרוי אויך דורכגעדרונגען מיט ציטער און צער. ניט טראַכטנדיק, וואָס עס קאָן דערנאָך דעם קראַנקן קאָסטן אַזאַ קאַלטער טרונק, באַמיט זי זיך וואָס מערער און בעסער שטילן זיין דאָרשט. אָבער וואָס פלייסיקער זי וויל עס טאָן, אַלץ ערגער באַקומט זיך ביי איר. די כלי פאַלט שיר פון אירע הענט ניט אַרויס, דאָס וואַסער רינט אים איבער דער באָרד, איבערן שינעל.

— גענוג, גענוג, — לויפט צו דער דאָקטער, — גאָט איז מיט אייך, אַזאַ קאַלטן טרונק ביי אַזאַ טעמפּעראַטור... — ער וויל פאַרריכטן די ברילן, די ברילן זיינען אָבער אויף זייער אָרט ניטאָ. מ׳האָט זיי טאַקע ניט געפונען. דער דאָקטער טאַפּט ווידער ביים קראַנקן דעם דופק, ער לאָזט דערביי אַראָפּ און וואַרפט באַלד אונטער די ברעם צוריק אויף אַרויף: — נד־דאַ, — זאָגט ער, — ס׳וואָלט גוט געווען, ווען מ׳גיט אים אַ ביסל ווייַן.

— אַלץ שטייט דאָרטן אויפֿן אָרט, — טוט אַ זאָג דער אַשמדאי און גיט באַלד צו, — אַ ביסל ווייַן קאָן אַ געזונטן אויך ניט שאַטן.

די פֿרוי, אַ צופֿרידענע, וואָס מיטן ווייַן קאָן מען פֿאַרריכטן איר פֿעלער, ווענדט זיך צום מאַן:

— אַלעקסאַנדער, דערלאַנג אַ פֿלאַש ווייַן. קיין סך וועט ער ניט אויס־טרינקען. און אויב די מאַמע וועט זיך נייטיקן, וועלן מיר...

— וועגן וואָס איז דאָ צו ריידן, — שלאָגט ער איר איבער, — זאָל ער טרינקען וויפֿל ער וויל... עפּעס רעדט ער, דוכט זיך. ווען ס'גיט זיך איין צו דערוויסן, ווער ער איז?

— קיין קלאָר וואָרט, — זאָגט דער דאָקטער און גיסט אַריין אַ ביסל ווייַן פֿון דער פֿלאַש אין דעקל פֿון דער בלעכענער כּלי, — קיין קלאָר וואָרט וועט איר זיך פֿון אים ניט דערשלאָגן, נו, איוואַ גאַווריליאָוונאַ, — דערלאַנגט ער איר אויף אַרויף דאָס דעקל מיט ווייַן, — נאָט און גיט אים אויסטרינקען.

ער שטייט און קוקט מיט קנאה, ווי זי פֿאָיעט דעם קראַנקן, ווי זי דעקט אים איין, ווי זי פֿאַרשאַרט אים די האָר פֿון די אויגן, און זאָגט כמעט בייז:

— איר וואָלט געווען אַ גוטע באַרעמהאַרציקע שוועסטער...

זי וואַרפֿט אויף אים אַ זייער וואַרעמען בליק:

— אַ שוועסטער? יאָ.

דער דאָקטער טוט אַ שטילן זיפֿץ, און, ניט וואַרטנדיק, ביז די פֿור וועט רירן פֿון אָרט, לאָזט ער זיך ווייטער שפּאַנען ביים זייט וועג. עמעצער פֿאַרלעשט די לעצטע שטערן אין הימל.

די פֿור גייט ווידער באַרג־אַרויף. ס'שאַר!עט. דער וואַלד בלייבט שטיל־שטיל. און באַלד דערהערט זיך אַ פֿריידיק געצוויטשער. נאָך אַ סך טונקל־כמורע טעג קומט אַ זוניקער פֿרימאָרגן. דער אַשמדאי עפֿנט די אויגן, הייבט אויף דעם קאָפּ און נעמט טרייבן שטאַרקער די פֿערד. און וואָס העכער די פֿור גייט באַרג־אַרויף, אַלץ ברייטער און פֿייערדיקער ווערט דער הימל.

די פרוי זיצט מיט אַראָפּגעלאָזטע ווִיעס. פאַר די לעצטע צען יאָר האָט זי ניט געזען, ווי די זון גייט אויף... און דאָך קוקט זי איצט דורך די אַראָפּגעלאָזטע ווִיעס. עפּעס פרעגט ביי איר דער מאַן, עפּעס רעדט צו איר דער דאָקטער, נאָר זי איז ווייט פון זיי... זי איז דאָרטן, אין יענע זומערדיקע פאַרטאָגן. די מאַמע מיט אירע ברידער און שוועגערינס זאָלן זי ניט דערזען און באַמערקן, לויפט זי אַהין, ווייט הינטערן דאָרף, צו דניאלן... קיין מאָל האָט זי ניט געקאָנט קומען די ערשטע. תמיד האָט זי אים שוין געטראָפן דאָרטן. אָט זעט זי אים זיצן, דניאלן. די זון גייט אויף. ער האַלט די פינגער פאַררוקט אין דעם ווילדן קאָפּ האָר. ער דרייט אַפילו צו איר דעם קאָפּ ניט אויס, ער באַמערקט, דוכט זיך, אַפילו ניט איר קומען... אָבער ווי נאָר זי זעצט זיך שטיל צו לעבן אים, פאַרוואַרפט ער די רעכטע האַנט אַרום איר האַלדז און זאָגט:

— אויף מיין געלעגער האָב איך אַ גאַנצע נאַכט מיין ליבהאַרציקע געזוכט, געזוכט און ניט געפונען...

דריקט זי איר קאָפּ צו זיין אַקסל. ער קושט איר די האָר. זי ענטפערט אים:

— איך בין, מיין האַרציקער פריינד, צו דיר אין פעלד אַרויס, איך האָב פאַר דער זון זיך אויפגעהויבן... לאָמיר זיך ביידע לאָזן אין די ווינגערטנער, מיר וועלן ביידע יעדעס איינציק ביימעלע באַקוקן. אפשר בליט שוין אויף דאָס ווינשטאָקל, אפשר פיקן זיך שוין די טרויבעלעך, אפשר שפּראָצן שוין די מילגרוימען...

— איווע טייערע, שלאָגט ער איר איבער. — דו ווייסט דאָך, אַז ביי מיר אין האַרצן האָבן שוין געפּלאַצט די קנאָספּן. ס'בליט שוין דער גאַנצער ווינגאָרטן.

פלעכט זי אַרום ביידע הענט אַרום זיין קאָפּ און רוימט אים איין אין אויער:

— ליבהאַרציקער מיינער, דיר איינעם וועל איך אָפּגעבן די גאַנצע ליבע מיינע... דיר, דניאל... דיר איינעם.

ביים סאָלדאַט ציטערן אויף די ווִיעס — די ערשטע זונשטראַלן,

פילקאַלירנדיקע און וואַרעמע, קריכן אים אין די אויגן אַריין. דער ווייַן לאָזט זיך אויך פילן. אַ וואַרעמקייט צעגייט זיך איבער זיין גאַנצן לייב. ער עפנט די אויגן, און... ממש אַנטקעגן אים, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, שטייט אַ גרויסע, ווי אַ ראָד, אַ פלאַמפייערדיקע זון.

אַ פאַרשיכורטער פונעם ווייַן, אַן איבערראַשטער פון אַזאַ זון, קוקט דער סאָלדאַט אויף די מענטשן, וואָס האָבן אויסגעדרייט צו אים די פּנימער, און צעשמייכלט זיך.

דערנאָך קוקט ער זיך אַרום מיט די שטאַרע טרוקן־גלאַנציקע אויגן. זיין פּנים קעגן דער בלענדנדיקער זונשיין ווערט נאָך פלאַמיק־צעהיצטער.

— ווו בין איך ? — שטאַמלט ער. — ווער זייט איר ?

אָבער ער איז גאָר אָפּגעשוואַכט. און ביים ווילן זיך דערמאָנען, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען און געשען, ווערט דער פלאָנטער אין קאָפּ נאָך גרעסער, און ס'שליסן זיך אים די אויגן נאָך אַ מאָל צו.

דעם דאָקטער האָט זיך פאַרט איינגעגעבן אַרויסצורייסן ביים סאָלדאַט עטלעכע ווערטער:

— די אַלטע קרעטשמע... אַברהם...

פון חידוש נעמט אַלעקסאַנדער לאַנדע אַרויס דעם ציגאַר פון מויל און ווענדט זיך גראָד צום שמייסער:

— האָסט געהערט ? האָסט פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט ?

—האָדיע, נו, וואָס זשע, כ'קען קיין יידיש ניט ריידן ?

— אָבער וואָס קומט אַרויס דערפון ? — זאָגט דער דאָקטער. — פון דעם קאָן מען נאָך גאָרנישט ניט פאַרשטיין. די אַלטע קרעטשמע, אַברהם... וואָס זאָגט עס ?

— ס'זאָגט טאַקע גאָרניט, — ענטפערט אַלעקסאַנדער לאַנדע שוין גאָר גלייכגילטיק, — אָבער איך האָב שוין פאַר אים איצט גאָר קליינע צרות. איווע איז געווען גערעכט, מיר ווילן אים פאַרפירן צום שווער און דאָרטן...

און דאָ, ביי אַלעמענס שטוינונג, טוט די פרוי אַ פריידיק געשריי, בייגט זיך אָן צום סאָלדאַט און נעמט אים גלעטן דאָס פּנים.

— אַברהמלע ? דאָס ביסטו, אַברהמלע ?...

דער סאָלדאַט מורמלט עפּעס אַ ווײַלע, טוט אַ שמייכל און ווערט צוריק פאַרזונקען אין שלאָף. די פרוי נעמט ניט אַראָפּ אירע אויגן פון דעם סאָלדאַט.

אַלע אויפן וואָגן קוקן צו, ווי זי נעמט פירן מיטן פינגער איבער זײַנע שוואַרץ־געדיכטע ברעמען, איבער די פאַרפּלאָנטערטע האָר, וואָס שלאָגן זיך אַרויס פון אונטער זײַן היטל.

זי זאָגט קיינעם גאָרניט. זי הייבט בלויז פון פאַרוווּנדערונג וואָס אַ מאָל שטאַרקער די אַקסל: אָט דאָס איז ער, יענער אַברהמלע, אָט יענץ צוועלפיאָריק דאַר ייִנגעלע, דניאלס ברודערל, וואָס האָט צוריק מיט צען יאָר איר געהאָלפן פון דער היים אַנטלויפן ? אָט דאָס האָט ער מיט עקיבאַן זי געפירט אין דעם ווייסן חופּה־קלייד, געטריבן דאָס פערד איבערן וואַלד אין יענער וויסטער נאַכט ? ער, אברהמל, איז דעמאָלט געפאָרן מיטן וואַלד, אָן אַ וועג, געטריבן דאָס פערד מיט אַלע זײַנע קינדערשע כּוחות. עקיבאַ האָט אַפילו מורא געהאַט, אַז פון דעם, וואָס דעם שליטן וואַרפט אַזוי אין אַלע זײַטן, קאָן ער צעבראָכן ווערן. דער שליטן האָט זיך געקלאַפּט אין די פאַרשנייטע סאָסנעס, און זי, איווע, האָט געהאַלטן אין איין בעטן:

— אַברהמלע, פאָר גיכער, מײַן גורל איז אין דײַנע הענט!

נײַן, ער, אַברהמל איז דעמאָלט ניט שולדיק געווען, וואָס די ברידער האָבן זי געכאַפּט און געבראַכט צוריק...

זי קוקט נאָך אַלץ זייער אָנגעשטרענגט אויף דעם פאַרוווּנדעטן סאָלדאַט, אויף זײַן פאַרוואַקסן פּנים און זאָגט, ניט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, צום דאָקטער:

— ס׳ווערט שרעקלעך, זייער שרעקלעך... ווי גיך ס׳לויפן אַפילו שלעכטע יאָרן.

ה

צום הויף, אומדערוואַרט און אומגעריכט, איז אָנגעקומען די ידיעה: איווע פאָרט מיטן מאַן. זיי שטייען ביי דער קרעטשמע. זיי האָבן פון ערגעץ

געבראַכט אַהיים יצחקס מיזיניק, דעם סאָלדאַט. זי, איווע, רעדט מיט דגיאלן אונטער דעם באַרנבוים.

איז אין שטוב געוואָרן ממש אַ בהלה — אין ערגעץ ניט אויפגעראַמט און ניט צוגעקליבן. די חלה זיצט נאָך אין אויוון, ס'איז פאַר טשאָלנט־רוקן. פון אַזוי פיל שטובאַרבעט ערב שבת, דרייען זיך דעם גאַנצן טאָג אַזוי אויך די טיכלעך אויף די קעפ. און דאָ נאָך — געסט... און אַזעלכע געסט! נאָך צען יאָר ברוגז זיין פאַרט זי מיט איר כבוד אַליין, די בת־יחידה, די גרויסשטאָטישע גבירנטע. דאָס איז דאָך ניט די מומע ליבע, וואָס קומט צו פוס מיטן שטעקן אין דער האַנט: מ'באַגעגנט זי מיטן „אוי, זעט נאָר, ס'אַראַ גאַסט מיר האָבן", און דערמיט קאָן מען יוצא זיין.

די ווייבער, מיט קולות, ווי אויף אַ שׂריפה, רופן צונויף די קינדער, פאַרשפאַרן הינטער זיי די טירן, און איינציקווייז רייבן זיי מיט די לייוונטענע פאַרטעכער די פאַרמורזעטע פנימער. די חברהלייט שלאָגן זיך ביי די מוטערס אין די הענט, ווי צעפּאַלאַכעטע הינער. מען הייבט זיי אָן איבער־טאָן, — ביי די מאַמעס פאַלט אַלץ פון די הענט. לאָזט מען אויס צו די קינדערס קעפּ: ערשט אויף פסח אויפגענייט אַ פּאָר נייע הייזלעך, און זיי קריכן שוין אויף אים ניט אַרויף. אַז ס'וואַקסט, מיינע שׂונאים אויף צע־פּיקעניש, ווי קראָפּעווע ביים פּלויט.

אָפּגעפּאַרטיקט מיט די קינדער, נעמען די ווייבער זיך אַליין אויך צופּוצן, זיי קעמען צו די האָר. די מומע ליבע העלפט צו ביילען. יענע, די לאַנגע דאַרע ביילע, טראָגט שוין ווידער אויף דעם לינקן פוס אַ פּוישט, — זי איז ווידער פאַרגאַנגען אין טראָגן. פונעם לעצטן קימפּעט איז נאָך ניט אַוועק אַפילו קיין זעקס חדשים. ביילע באַמיט זיך מיט אַ האָרנאָדל צו פאַרשפּיליען אויף דעם לינקן פוס די קנעפּ פונעם שוך מיט די הויכע כאַליוועס. דערווייל רייבט זי אַריין אַ זויערע אוגערקע און וואַרפט איינציקע ווערטער:

— מ'האָט... איר... גאָר... שלעכטס... געטאָן...

פאַרשטייט מען, וועמען זי מיינט און וואָס ביילע וויל דערמיט זאָגן.

— וואָס האָט זי דעמאָלט, איווע, פאַרשטאַנען? אַ קעלבל נאָך... און אַ קעלבל דאַרף מען פירן אויפן שטריק.

— געווען טאַקע אַ ווילדע ציג.

— מילא, זי איז טאַקע געווען גוט פאַרקאָכט.

— ביי דניאלן וואָלט זי געפּוכנעט.

— זי וואָלט ווי מלכה, געזעסן טאָג ווי נאַכט מיט דער נאָדל...

— און... ער... וואָלט געפּאַרבט... די ברעטלעך.

דאָ, אויף די רייד, קומט אַריין דער הערשער פונעם הויף און פון אַלע גיטער — דער שווער, גבריאל באַיאַר.

— ווייבער, וועגן דעם קיין וואָרט ניט, וועגן דעם זאָל ניט דערמאָנט ווערן. פּוסטע מילן, סאַראַקעס. — און צו דער שוועסטער: — דערקלער זיי, ליבע, אַז יענעמס נשמה איז אַ שוואַרצער וואַלד.

און ביי דער טיר, ניט אויסדרייענדיק זיך, פאַרזאָגט ער:

— איר זאָלט אָנטאָן די יומטובדיקע מלבושים, גיט איבער אין מיין נאָמען נפתלין, וועלוולען, זיינוולען און שמחהן, זיי זאָלן אַראָפּוואַרפן די לייביקעס און אָנטאָן די קאַרטענע קאַפּאָטעס מיט די שבתדיקע היטלען.

און ער איז אַרויס. די בהלה איז נאָך גרעסער געוואָרן. אין דער קראַנקער פאַרגעסן אַלע. די קראַנקע נעכע זיצט דאָרטן, אין דעם ווייטן חדרל, איינע אַליין און האַלט דאָס באַק־לעמעלע אויף די הענט.

ווייט פונעם הויף, כמעט ביי דעם בערעזע־וועלדל, האָט איווע דערזען: מיט דעם וועגל, דורכן וויהאָן, גייט איר די גאַנצע משפחה אַנטקעגן. דער טאַטע שפּאַנט פאָרויס, גייט גיך, דאָס פּנים פאַרפלאַמט, די פּאָלעס פון דער צעלאָזטער קאַפּאָטע פלאַטערן אויפן ווינט. הינטערן טאַטן גייען אירע ברידער, אַלע פיר אין איין ריי — די זיידענע קאַשקעטן אויף אַ זייט, זיי שפּאַנען ברייט אין די קויטיקע, אין די הניי־פאַרשמירטע שטיוול.

די ווייבער, ניט געקוקט אויף דער קעלט, — אין די געקווייטלטע קאָפּטלעך, אין די פיל־געפּאַלדעוועטע און ברייט־געשליאַרעוועטע קלייד־לעך, אין געקנעפּלטע שיך אויף די הויכע קנאָפּל, און אַרום זיי אַ וועלט מיט קינדער — גרויסע, קלענערע און גאָר ברעקלעך.

די מוטער זעט מען ניט צווישן זיי. אַ פּנים, זי הייבט זיך שוין פון בעט ניט אויף. נאָר ווערליק אַלע זיינען אַרויס אַזוי „אויסגעסטראַנצלט", פאַרשטייט זי, איווע, — די מאַמע לעבט נאָך... „ווי שווער ס'וועט מיר זיין צו באַגעגענען זיך מיט דער מאַמען... איך קאָן זיך ניט וואַרפן זי קושן... איך קאָן איר ניט מוחל זיין".

גאָר פון הינטן, ווייט פון אַלעמען, ביי דער זייט, גייט די מומע ליבע — די קלוגע, די שיינע, נאָר די אָרעמע מומע. מסתמא איז זי געקומען צום ברודער, ווי תמיד, אין אַ נויט־באַדערפעניש, אויפמאָנען דעם רעשט נדן אירן. דער פעטער שמריה שיקט זי... און אפשר איז די מומע ליבע געקומען נאָך אַ גרוס פון דער טאָכטער. שיפרה האָט געקאָנט אָנשרייבן, אַז זי, איווע, קליבט זיך אַהיים צו גאַסט.

אַחוץ דעם טאַטן און דער מומע ליבע זיינען איר דאָ אַלע פרעמד. נאָך מער ווי פרעמד.

יענע אַלע איבעריקע, באַזונדערס די ברידער, זיינען אירע שונאים. אָט אַזוי, אין די זיידענע קאַשקעטן אויף דער זייט, ווי איצט, ביים קבלת־פּנים, מיט די פיינע שמייכעלעך אויף די רויטע ליפּן, אַזעלכע לייטיש־בנעימותדיקע, האָבן זיי צוריק מיט צען יאָר אַ האַלב־לעבעדיקע אַרויס־באַגלייט זי נאָך דער „חתונה" פון דער היים.

ניין, די ברידער האָבן זיך פאַר די יאָרן גאָרניט געביטן. די בערד זיינען ביי זיי נאָר רויטער געוואָרן. ווי געראָטן זיי זיינען איינער אויפן אַנדערן... דערפאַר האָט זיך דער טאַטע שטאַרק געענדערט: איבערגעלאָזט אים אָן איין גראָווער האָר, שוואַרץ געוועןָ, ווי אַ ציגיינער. און איצט איז ער ווייס, סאַראַ שעמערירנדיקע ווייסע באָרד. די וואָנצעס זיינען געל־פאַררייכערט.

און זי דערמאָנט זיך, ווי אין אַ יאָר אַרום נאָך דער חתונה, נאָך יענער חתונה, וואָס מ'האָט מיט איר אָפּגעשפּילט, איז דער פאָטער געקומען צו פאָרן צו איר, געוואָלט מיט איר עפּעס ריידן. נאָר זי, איווע, איז פון שטוב אַוועק און ניט געוואָלט אים אַפילו זען.

איר דוכט: זי פאָרט איבערן בית עולם פון איר יוגנט. נאָר וואָס איז

זי געווען אויפֿן קבר פֿון איר ליבע — ביי דניאלן... און עפּעס מער ווי טרויער לייגט זיך איר אויפֿן האַרצן.

און דאָך וויל איר אויג אַלץ אויפֿכאַפּן. איר בליק ווערט צו אַלצדינג צוגעבונדן, ווי עס טרעפֿט כסדר מיט אַ מענטשן, וואָס איז לאַנגע יאָרן אין דער היים ניט געווען, ווו ער האָט געמאַכט דעם ערשטן טראָט אויף דער ערד.

ס׳האָט זיך דאָ כמעט גאָרנישט ניט געביטן. צו דער שטוב איז צו־געבויט נאָך אַ פֿליגל. די שטוב איז גאָר אין סאַד אַריינגעקראָכן.

אָן־אַ שטייען די דריי קרומע אַלכעס אַרום דעם ברונעם. זיי שטייען נאָך אַלץ אָנגעבויגן די קעפּ, ווי זיי וואָלטן וועלן זיך אָנטרינקען. אין איינעם אַזאַ סוף־האַרבסטיקן קאַלט־זוניקן טאָג האָט איר דניאל ביי אָט די דריי קרומע אַלכעס געזאָגט:

— ניטאָ, איווע, קיין שווידערלעכערס, ווי שטיין אַ גאַנצן לעבן איבערן ברונעם און ניט קאָנען זיך אָנטרינקען.

אַ צווייט מאָל, טאַקע אונטער די דריי קרומע אַלכעס, האָט ער איר געזאָגט:

— איווע, אָן דיר וועל איך ניט קאָנען לעבן.

„יאָ, — טראַכט זי, — דאָס זיינען געווען ניט קיין שיינע ווערטער. זי האָט נאָר וואָס געזען מיט אירע אויגן: דניאל שטאַרבט. ער שטאַרבט, דניאל...״

די געקווייטלטע קאָפּטלעך שווינדלען איר אין די אויגן. דעם טאַטנס ווייסע באָרד לויפֿט איר אַנטקעגן.

גבריאל זעט, ווי די טאָכטער שפּרינגט אַראָפּ פֿונעם גייענדיקן וואָגן. ער טוט אַ שמוך אין באָרד אַריין און זאָגט צו דער שנור, צו ביילען:

— ביסט כאָטש אַ מבין אויפֿן שפּרונג? אַ געזונט איר אין די ביינער אַריין.

— די זעלבע ציג, וואָס געווען, — ענטפֿערט אָפּ ביילע דעם מאַן, ווען דער שווער גייט אָפּ, — באָדט זיך מסתמא, ווי אַ קרעפּל אין שמאַלץ. וועלוול טוט אַ קוק אויף דער ווייב, אויף די פּלעקן, וואָס אויף איר

פנים, דערזעט, ווי אויף דעם לינקן פוס איז דער שיך ניט פאַרקנעפּלט, און טוט אַ קרעכץ:

— און אַז מ'זאָל דיך האַלטן דריי יאָר אין אַ פעסל מיט געגדזיגנעם שמאַלץ, וועסטו דען דערנאָך אַרויס פון דאָרטן מיט אַ שענער פנים?... טו אַ קוק אויף איוועך, ווי אַ שיינע סאָסנע.

— פאַר וואָס זעסטו בעסער ניט, ווי זי גייט אָנגעטאָן?

— אויף וואָס וועסטו דאָס אָנטאָן?

— וועלוול־סערדצע, האַלט די צונג.

גבריאל גייט שוין ניט, נאָר ער לויפט דער טאָכטער אַנטקעגן. און ווען זיי באַגעגענען זיך, נעמט ער אַריין איר קאָפּ אין זיינע ברייטע הענט, קוקט איר אין די אויגן אַריין און זאָגט:

— כ'ווייס אַלץ, טאָכטער, כ'ווייס... אין ים איז פאַראַן אַ סך וואַסער, נאָר מע שטאַרבט פון דאָרשט. זאָל אונז גאָט משפטן, — און ניט לאָזנדיק זי אַרויסצוברענגען אַ וואָרט, טוט ער זי אַ קוש מיט פאַרמאַכטע אויגן און גייט אַוועק מקבל־פנים זיין דעם איידעם און אויך יענעם, דעם פרעמדן מיט דער שיינער באָרד.

דער גרויסער מהלך — פונעם בערעזע־וועלדל ביז צו דער שטוב — איז קאָרג געווען אויף איבערצוקושן זיך מיט אַלעמען. צום אָנהייב איז מען געבליבן שטיין — דער גרויסער הוט מיט דעם פּאָווע־פעדער, דער ברייטער, שוואַרץ־גלאַנציקער פוטערנער מאַנטל, די בלוי־זיידענע הענטש־קעס האָבן אַזוי געפּלעפּט די משפחה, אַז מ'האָט ניט געוווּסט, ווי צו פירן און צו האַלטן זיך. איינער דעם צווייטן גיט אונטער מוט:

— וואָס האָסטו מורא, זי וועט דיך אויפעסן?

— וואָס דרייסטו זיך, גיטל, גיי צו...

— און דו, ביילע, האָסט זיך שוין מיט איר צעקושט?

די ברידער ווישן די הענט אין די פּאָלעס, רייניקן דורך די העלדזער מיט אַ הוסטל, שטאַמלען עפּעס צעטראָגן. זיי זיינען פול מיט דרך־ארץ צו דער שוועסטער דער נגידתטע.

ערשט דעמאָלט, ווען מ'איז אין הויף אַריין, און מורא האָבנדיק דורכ־

צולאָזן די לעצטע געלעגנהייט, האָט די דאַרע לאַנגעביילע זיך אַ וואָרף געטאָן צו איוועז, געקושט זי און געהאַלדזט, גאָרניט געקאָנט זיך אָפּרייסן פון איר:

— איוועניו, חיות מיינס, ווי דו ביסט קיין עין הרע ניט פאָלנע, ווי אַן אָנגעגאָסן אוגערקעלע... מיין אַריהן געדענקסטו? און דאָס זיינען מיינע קלענערע... דאָס איז, איווע־סערדצע, מיין זרחל, אַ נאָמען נאָך מיין טאַטן, עליו השלום. און דאָס איז דער פעטער איצעלע, אים צו לענגערע יאָר. און דאָס איז דער זיידע מיינער, ער זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן... דאָס איז די באָבע עטעלע, זי זאָל דאָרטן זיין אַ מליץ־יושר פאַר אונדז אַלעמען... און דאָס איז דער פעטער עליע...

און איווע, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, זעט פאַר זיך בלויז איינס: הינטער דער קרעטשמע, אָנגעשפּאַרט אין דעם אַלטן באַרנבוים, זיצט דניאל, איינגעוויקלט אין אַ רויטער וואַרעמער קאָלדרע מיט אַ גרינער לאַטע, אין פּוישטן, אָן אַ היטל. דער קאָפּ האָר איז נאָך אַלץ געדיכט, געקרויזט און ווילד, אָבער — ווייס, ווי פון אונטער אַ שניי אַרויס. זי האָט אים קוים דערקענט, דניאלן, זי וויל זיך צוזעצן לעבן אים, לאָזט ער ניט. ער ווייזט איר אָן מיט די אויגן אויפן פענצטער. פון דאָרטן, פון הינטערן פאָרהענגל, קוקט טאַקע אַרויס אַ פרוי מיט אַ גרויסן קאָפּ געלע האָר. יאָ, ס׳איז מלכה.

— מ׳דאַרף ניט... ס׳וועט איר קאָסטן געזונט. איווע, כ׳האָב געוווּסט, אַז דו וועסט קומען.

— כ׳האָב שוין מער ניט געקאָנט, דניאל...

— און ווער איז דער, וואָס מיט דער באָרד?

— אַ דאָקטער.

— דער דאָקטער, איווע, איז איבעריק... ניט איך בין קראַנק, מיין לעבן איז קראַנק. מיין לעבן דאַרף מען היילן... איווע, דער דאָקטער איז איבעריק.

און יעדע איינע פון די שוועגערינס פירט צו און באַווייזט אירע קינדער:

— דאָס איז מײַן מיטלסטע — פרומעלע. דו זאָלסט הערן, ווי זי זינגט. און דאָס איז מײַן חײמל, אַ נאָמען נאָך מײַן מומע חיה די צדקת...

און איווע הייבט אויף פון דער ערד, נעמט אויף די הענט די פאַר־שטאָרבענע דורות — די זיידעס און די באָבעס, די פּילצאָליקע פעטערס און מומעס, וואָס זייערע נעמען זײַנען פאַרקערפּערט געוואָרן אין אָט די קינדער — אַלע אַזעלכע פּולליבּיקע, שווערע, מיט נאַסע נעזלעך.

— אָשרל, הערשעלע, משהלע! דאָס איז דאָך די מומע איווע.

און איווע קושט זיי, די קינדער, און שלינגט די טרערן.

מיט אַ מאָל בלײַבן אַלע שטיין דערשראָקן, קוקן זיך איבער, פרעגן שטום איינער בײַם אַנדערן: ווי אַזוי איז עס געשען? און וואָס זאָל מען אַצינד טאָן?

איווע דערזעט: פון שטוב איז אַרויס עפּעס אַזוינס, וואָס איז שווער מיטן קלאָרן וואָרט צו זאָגן — ס׳איז אַ קינד צי אַ זקנה?... אין אַ לאַנג העמד, אַ באָרוועסע, אַן אָפּגעשוירענער ווײַסער קאָפּ מיט „טרעפּ״ — געשוירן מיט אַ שער.

איווע קוקט זיך אײַן שטאַרקער. ניין. ס׳איז ניט קיין קינד. אַ טיף צעקאַרבט פּנים. אַ מאָדנע פּנים — אַ שטיק געלע קאָרע מיט צוויי אויס־געברענטע אָפענע, ניט־פינטלדיקע אויגן.

אַפילו איוועס שאַרפע ראיה, איר געזונטער זכרון, איר הייסער כוח־הדמיון האָט ניט געקאָנט דערקענען, זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס איז איר מוטער. און אַפילו דעמאָלט, ווען דער טאַטע לאָזט איבער אַליין דעם מאַן מיטן דאָקטער און טוט אַ קרעכץ: „נעבעך״... — אַפילו דעמאָלט, שוין הערנדיק דער מוטערס נאָמען, קאָן זי ניט, איווע, און וויל אַלץ נאָך ניט גלייבן, אַז דאָס איז איר מאַמע. זי זעט, ווי יענע, מיט דעם אָפּגעשוירענעם ווײַסן קאָפּ, איז צוגעלאָפן צו אַ מיידעלע און רײַסט בײַ איר פון די הענט אַ הילצערן געפאַרבט שפּילעכל. דאָס קינד שרײַט:

— באָבע, באָ־בע, גיב אָפּ, ס׳מײַנס...

די באָבע אָבער, צודריקנדיק דאָס שפּילכל מיט בײדע הענט צו דער ברוסט, לאָזט זיך אַנטלויפן. גבריאל פאָרשטעלט איר דעם וועג:

— נעכע... נעכע...

נעכע בלייבט שטיין, קוקט פון אַ זייט אויפן מאַן, האַלט נאָך אַלץ דאָס שפּילכל פעסט צוגעדריקט צו זיך, דערנאָך דרייט זי אויס דעם קאָפּ, קוקט אויף אַלעמען. איר פּנים הייבט זיך אָן צו ענדערן, אין די אויסגע־ברענטע אויגן טוט זיך אַ צינד אָן אַ שיין. זי קוקט אויף איוועז. גבריאל גייט אויפגיך צו, בייגט זיך אָן און נעמט נעכען אויף די הענט. ער ווייסט, גבריאל: ווען אין נעכעס אויגן צינדט זיך אָן די שיין, דעמאָלט ווערט זי געפּערלעך...

אַלע טרעטן אָפּ דעם וועג. גבריאל טראָגט אַוועק דאָס ווייב אין שטוב אַריין. איוועז באַשלאָגט אַ פייכטע היץ. אָט דאָס איז איר מאַמע? יענע מאַמע, וואָס האָט איר צוריק מיט צען יאָר דערלאַנגט צוויי פּלאַמפּייערדיקע פּעטש און זי אַוועקגעשטעלט מיט אַלעקסאַנדערן אונטער דער חופּה? און ס׳ברעכט אַרויס פון איר שוין ניט קיין שטיל, נאָר אַ קאַכיק, אַ האַרצ־רייסנדיק געוויין. זי פאַלט אַרויף דער מומע ליבע אויפן אַקסל.

— וויין, איוועע, וויין, — פירט זי די מומע ליבע אין שטוב אַריין, — וויין, איוועע, אויף אַ קול, וויין זיך גוט אויס, וויין, וועט דיר גרינגער ווערן.

ו

דער טאָג האַלט ביים זעצן זיך. די נידעריקע גרויסע זון, אַ רויטע פונעם ווינט, פאַרהאַלט זיך פאַר דער שקיעה, ווי זי וואָלט פאַרפלאָנטערט געוואָרן אין דער געדיכטער צווייגן־נעץ פון דעם אַלטן דעמב, וואָס שטייט איינער אַליין ווייט אין לײדיקן פעלד שוין כמעט אָן אָפּגעבלעטערטער. פונעם סוף טאָג ווייעט מיט פראָסט און שניי.

יצחק באַיאַר זיצט מיט אַ זייט אויף דעם סיטשקע־קעסטל, די פיס איבער דער דראַבינע, די ברייטביינערדיקע אַקסל גייען אום אונטערן פּעלצל. איין ברעם אויפגעהויבן, אַ שפּיץ באָרד פאַרביסן אין ווינקל פון מויל — ער איז אין איינע צרות דער באַיאַר:

— אָט אַזוי קאָן מען חלילה־וחס מחלל־שבת זיין... אַזוי געאיילט, געטריבן פון זיך די נשמה, אַראָפּגעשאָטן דאָס אויבס פּשוט אויף דער

ערד, — ער רעדט צו דעם יונגנמאַן, וואָס ליגט אינעם וואָגן שטרוי, אָנגעשפּאַרט אויף די עלנבויגנס און שטעכט די ווייסע ציין אין אַ קאַלטן גרינעם עפּל, — מ׳דאַרף שוין באַלד בענטשן ליכט.

— איז אפשר וואָלטן מיר, רב יצחק, — בייסט יענער געשמאַק דעם עפּל, — אפשר וואָלטן מיר אָפּגעשטעלט דאָס פערד, אָראָפּגעקראָכן פון וואָגן און זיך געשטעלט אין מיטן פעלד, מקבל־שבת זיין? איך וועל זיך שטעלן פאַרן עמוד, דאָס הייסט, קעגן דער פאַרגייענדיקער זון, אַרויסנעמען דעם פידל און וועל אַ שפּיל טאָן אַ לכו־נרננה, אַז זינט, רב יצחק, די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, האָט נאָך קיינער...

— טרייב ניט, עקיבא, קיין ליצנות — שלאָגט אים מיט אַ מאָל בייז איבער דער ייד, — איך קאָן ניט לעבן אָן קיין שבת. איין טאָג אין דער וואָך מוז איך האָבן אַ נשמה־יתרה... די אַלטע נשמה ווערט מיר פאַר דער וואָך אויסגעטריקנט און איבערגעברענט. דו האָסט שוין ביי מיר גענוג צוגענומען... לאָז מיר איבער כאָטש דעם שבת.

פון יצחק באַיאַרס זאָג, דער עיקר פון דער מינע, מיט וועלכער ס׳איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן „דו האָסט שוין ביי מיר גענוג צוגענומען", ווערט עקיבא דערשראָקן, און די ציין בלייבן ביי אים שטעקן אין עפּל: וואָס, ער וויל דער באַיאַר, ווידער פאַרפירן די אַלטע קריג? ער האָט דאָך שוין די לעצטע יאָרן אים, עקיבאן, קיין מאָל וועגן דעם ניט פאַרגעוואָרפן, מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט. דער אַלטער האָט גענוג שׂכל־הישר אויף צו פאַרשטיין: ער, עקיבא, האָט טאַקע געהאָלפן דער טאָכטער אַוועקצוגיין פון דער היים, ער לייקנט עס ניט אָפּ, אָבער שפּעטער האָט זי, כיירוס, אים עקיבאן, אויך איבערגעלאָזט, און אַליין איז זי אַוועק מיט גאָר אַן אַנדער וועג...

טוט עקיבא אַ וואָרף דעם אָנגעביסענעם עפּל אין פעלד אַריין, זעצט זיך אויף און פאַררוקט די הענט אין אַרבל:

— נו, זאָגט זשע, איך האָב אייך אומגליקלעך געמאַכט, איבער מיר...

— שוויג שטיל, עקיבא, — קערט אָפּ יצחק באַיאַר דעם קאָפּ — נו, נו... — ער שלעפּט אַרויס דאָס ליוקע־ציבעקל. — די זון שטייט נאָך.

מעג מען נאָך פאַררייכערן. דו מעגסט זיך לאַכן, נאָר ביי מיר איז שבת טייער. די באַיאַרס זיינען טאַקע מוכסנים, ישובניקעס, דאָרפסלייט...

— יאָ, יאָ, — טוט עקיבא אַ טרויעריקן שמייכל, — די באַיאַרס. זאָגט מיר בעסער, רב יצחק, פון וואַנען האָט איך גאָט צוגעשיקט דעם פויגל, און דערקלערט מיר, איך בעט אייך, אויף וואָס דאַרפט איר אים?

— דאַרפן דאַרף איך אים ניט, נאָר ס'איז אַ צער בעלי־חיים.

אין וואָגן ליגט טאַקע אַ ווייסער בושעל. די לאַנגע רויטע פיס אויס־געצויגן, דער רויטער שנאָבל אויפגעהויבן צו דער פאַרגייענדיקער זון, ער קלאַפּט מיט דעם ווייסן, שוואַרץ־באַזוימטן פליגל, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַוועקצופליִען.

— אַ צער בעלי־חיים. ווער ווייסט, אפשר איז עס אַ גילגול, אַ פאַר־זינדיקטע נשמה. נאָ־נאָ! — טוט ער אַ צי די לייצעס. — זי הערט זיך צו, וואָס מ'רעדט... היינטיקס יאָר האָב איך אָפּגעדונגען אויף די פּיסקעס, ביי אַ דייטש, אַ סאָד. געהאָפּט אויף אַ גערעטעניש.

יצחק באַיאַר טוט אַ זיפץ.

— בכלל איז ביי מיר היינטיקן יאָר אַ געשלאָגענער זומער. נאָ!.. הינטערן סאָד, כמעט אויף די בלאָטעס, שטייט אַ שטיבל, ווי זאָגט מען, אויף הינערשע פיסלעך. ווווינט אין דעם אַן אַלטע דייטשקע, עפּעס אַ פּאָן יאָרגע. זי האָט זיך באַזעצט דאָרטן פאַר אַ יאָרן. פון וואַנען זי איז, וואָס זי איז — ווייסט קיינער ניט. מיידט אויס מענטשן, גייט אַליין צו קיינעם ניט, און קיינער גייט ניט צו איר. זי לאָזט ניט אַרויף קיין מענטשן אויף דער שוועל. אַ פאַרשאָלטענע נשמה. אַ מענטש, וואָס האָט פיינט מענטשן, איז ערגער פון אַ חיה. וועסנע־צייט זיינען געקומען צו פליִען צוויי בושלען און גענומען זיך בויען אַ נעסט אויף איר דאַך. אַ פּנים, אַז אַלע יאָר פלעגן זיי בויען זייער נעסט אויף דעם שטיבל. נאָר היינטיקס יאָר האָט די דייטשקע זיי געטריבן פון דעם דאַך.

— פאַר וואָס? — חידושט זיך עקיבא.

— זי האָט איבערגעדעקט דעם דאַך מיט נייער שטרוי, האָט זי אַ פּנים מורא געהאַט, די פויגלען זאָלן איר ניט חרוב מאַכן דעם דאַך.

דריי מאָל האָבן די בושלען געוואָלט מאַכן די נעסט, און דריי מאָל האָט די דייטשקע זי צעוואָרפן. די וועסנע שטייט ניט, די טעג ווערן וואַרעמער. אָט הייבן שוין אָן צו צוויטען די ביימער. נאָ־אָ!... די צוויי פויגלען זיצן אויפן דאַך לעם זייער חרובער נעסט. איינעם אַ טאָג זע איך — לעבן די צוויי זיצט שוין אַ דריטער בושעל. פריִער זיינען זיי אַלע דריי געזעסן אויפן דאַך שטיל, ספּאָקאָינע. שפּעטער אַ ביסל האָבן צוויי צווישן זיך גענומען זיך שלאָגן, אַ פּנים — די צוויי זכרים. מ׳האָט זיך געהרגעט אַזוי, אַז פּעדערן זיינען געפלויגן. דערנאָך איז דער פרעמדער אַוועקגעפלויגן. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער זיך ווידער באַוויזן. אמת, שוין ניט אויפן דאַך, נאָר אויפן וויהאָן. ער דרייט זיך דאָרט אַרום, טאַנצט אונטער, קלאַפּט מיט די פליגל, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אויפן רוקן און גראַגערט לאַנג, לאַנג. אַ פּנים, ער האָט גערופן צו זיך די בושעליכע. עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד אַזוי. סוף כל סוף איז זי טאַקע אַוועקגעפלויגן מיטן טענצער... און מיין בושעל איז געבליבן זיצן אויפן דאַך איינער אַליין. זיצט גאַנצע טעג, גאַנצע נעכט שאַ־שטיל. מ׳הערט פון אים קיין פּיפּס ניט. דאָס האַרץ רייסט, קוקנדיק אויף אים. אַ שטומע צונג. קאָן זיך אפילו ניט אויסוויינען. פאַרן זומער איז ער אַזוי אויסגעמאָגערט געוואָרן, אַז די פּעדערן האָבן זיך אויף אים ניט געהאַלטן. דאָס האָב איך אים שוין אַ ביסל אָטכייעט. נאָ־אָ, האָסטו געזען אַזעלכעס, רעדט מען אויפן וואָגן, וויל זי ניט לויפן, זי הערט זיך צו... אַ ווייבערשע נשמה, להבדיל, אַלץ דאַרף זי הערן און וויסן. נאָ! בקיצור, דער זומער איז דורכגעלאָפן. ס׳האָט אַ בלאָז געטאָן דער אָסיען — די בלעטער טריקענען, פאַלן שוין... כ׳הייב שוין אָן אַראָפּנעמען די ווינטערדיקע עפּל. אין איינעם אַזאַ טאָג דערהער איך — אויפן וויהאָן רוישן פויגלען. כ׳טו אַ קוק אַהין, — אין אַ רינג שטייען אַ סך בושלען. מיינער איז אויך דאָרטן. מ׳דערקענט אים גלייך — אַן אָפּגעקראָכענער. אַ פּנים, טראַכט איך זיך, זיי קלייבן זיך פאַרלאָזן אונדזער קאַנט, און מיינער פליט אויך מיט זיי. נאָר דאָ דערזע איך, ווי איין בושעל האָט זיך אָפּגעטיילט פון די איבעריקע, אַ פּנים דער, וואָס פירט זיי אין וועג אַריין, דער סטאַראָסטע זייערער. ער האָט אויסגעצויגן

דעם האַלדז צו מיינעם און געגומען עפּעס ריידן, די איבעריקע האָבן אויך אָנגעהויבן צו גראַגערן. שלמה המלך האָט געקענט די שפּראַך פון פויגלען און חיות. אין אונדזער צייט פאַרשטייען אַפילו ניט אונדזערע קינדער די רייד פון זייערע עלטערן... נאַ־אָ!... נאָר לויט זייער שפּרינגען אַרום מיין פליכעוואָטן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מ׳עצהט זיך: וואָס זאָל מען טאָן מיט אים? מיטנעמען אים מיט זיך? ווי אַזוי קאָן מען אים מיט־נעמען, אַז ער קאָן אויף דער ערד ניט שטיין... און דאָ דערזע איך, ווי דער סטאַראָסטע איז צוגעגאַנגען צו מיין בושעל און אים אַ פּיק געטאָן אין קאָפּ אַריין. נאָך אים האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן די איבעריקע צו פּיקן אים.

— און איר שטייט, ווי אַרעסטאַנטעל, און קוקט אַלץ צו?

— ווי קאָן מען אַזעלכעס קאַלט צוקוקן? איך האָב אָנגעהויבן שרייען און זיך געלאָזט לויפן אַהין. האָבן זיך די בושלען אויפגעהויבן און זיינען אַוועקגעפלויגן. און דער, וואָס איז דעם גאַנצן זומער אָפּגעזעסן אויפן דאַך, אַפילו די דייטשקע האָט אים שוין מער ניט געטשעפּעט, איז געלעגן אויף דער ערד אַ צעבלוטיקטער... איי, איי, איי, וויפל אַכזריות אין לעבן... נאַ־אָ!

דער באַיאַר ווערט אַנטשוויגן, בלייבט זיצן מיט פאַרמאַכטע אויגן און רייכערט פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט דאָס ליולקע־ציבעקל.

פון ביידע זייטן וועג ציִען זיך די גרוי־אַשיקע פאַלעסיער פעלדער. ווו־ניט־ווו שניידט זיך אין אָט דער גרויקייט אַריין אַ שיטער־אויפגעגאַנ־גענער גרינער בייט ווינטער־תבואה. צום דאָרף איז שוין ניט ווייט. דער ווינט ברענגט פון די ליידיקע גערטנער די לעצטע ריחות פון קרויט, פון פאַרטריקנטע שטענגלעך זונרויזן. ס׳לאָזט זיך שוין הערן דער טעמפּ־געמאָסטענער קלאַפּ פון די „צעפּעס״ — אין די שייערן קלאַפּן פויערים מיט די דרעש־שטעקנס איבער די מאָגערע סנאָפּעס, מ׳דרעשט דאָס ברויט. אין פעלד הוליעט אַ צפונדיקער ווינט. וואָס שפּעטער עס ווערט, אַלץ גע־דיכטער, שווער־טונקעלער ווערט דער הימל — ס׳פילט זיך דער שניי.

דער בושעל האָט דעם רויטן שנאָבל פונאַנדערגעעפנט, דעם לאַנגן

האַלדז אויסגעצויגן צו דער פאַרגייענדיקער זון און קלאַפּט מיט דעם שוואַרץ־באַזוימטן פליגל.

עקיבא זיצט מיט די פאַררוקטע הענט אין די אַרבל אַרומגעכאַפּט די קני, די אונטערשטע ליפּ אויף דער אייבערשטער און קוקט אויף יצחק באַיאַרס ברייטער, אויף דער אַ ביסל תמיד איינגעבויגענער פּלייצע.

— די באַיאַרס, — גיט ער ווידער אַ טרויעריקן שמייכל, — די באַיאַרס... זייער אַ טשיקאַווער שבט, דער דרייצנטער שבט ביי יידן.

אין אַלע אַרומיקע דערפער, אין אַלע כוטאָרס קאָן מען זיי טרעפן, די באַיאַרס. דער ערשטער באַיאַר, דערציילט מען אין דער משפּחה, האָט זיך באַזעצט אין די פּאָלעסיער וועלדער צוריק מיט דורות, גערופן האָט מען אים עזרא און די באַיאַרס רופן אים עזרא אָבינו.

און אַלע יאָר, צום ערשטן סדר, נאָכן ערשטן כוס, דערציילט יעדער באַיאַר פאַר זיין הויזגעזינד — פאַר זין און טעכטער, פאַר שניר און אייניקלעך, — ווי אַזוי דער ערשטער באַיאַר האָט זיך באַזעצט דאָ אין די וועלדער. און זיי דערציילן עס אַזוי:

אין איינעם פון די דייטשלענדער האָט געלעבט אַ ייד אַ גאָלדשמיד, וואָס האָט פאַרמאָגט געבענטשטע הענט. די צירונג און די שטוב־אַנטיקלעך ביי די גרעסטע און חשובסטע לייט פון יענער מדינה איז געווען דעם גאָלדשמידס מלאכה. דער קיניג אַליין האָט געטרונקען וויין פון דעם גאָל־דענעם בעכער, וואָס עזרא אָבינו האָט געמאַכט. דאָס איז געווען ניט קיין בעכער, נאָר אַ שטיק וואונדער, ס׳האָט פאַרנומען דאָס אויג...

אויף איינעם אַ קיניגלעכן מאָלצייט, — באַרימען זיך די איצטיקע באַיאַרס, — ווו ס׳זיינען בייגעווען מלכים פון אַנדערע מדינות, האָט איינער אַ מלך ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון און אַראָפּגעלאָזט דעם בעכער צו זיך אין קעשענע אַריין...

— נאָר ווי ס׳פּירט זיך, — דערציילן וויטער די באַיאַרס, — האָט יעדער מענטש אַ סך גוטע־פריינד, אָבער שונאים נאָך מער... און דער גאָלדשמיד האָט געהאַט אַ סך שונאים. אין יענער מדינה האָט מען בכלל פיינט געהאַט אַ יידן. אַרויסטרעטן אָבער אָפן קעגן עזרא אָבינו האָט מען

פון דעסטוועגן מורא געהאַט — ס׳פּאַסט ניט פאַר דער וועלט. ס׳קאָן ווערן אַ גוואַלד... און דערצו נאָך האָט מען טאַקע מורא געהאַט פאַר אים אַליין אויך, וואָרעם אַזוי ווי ער האָט געקענט מאַכן די שענסטע, די איידלסטע, די פיינסטע גילדענע חפצים, אַזוי האָט ער אויך געקענט אָנברעכן גוט די ביינער, ער איז געווען אַ גבר.

— מיר, — קלאָגן זיך די איצטיקע באַיאַרס, — מיר פאַרמאָגן שוין ניט אַזעלכע אברים, דערצו נאָך האָט עזרא אָבינו געהאַט אַ האַנט אין די הויכע פענצטער. זיינען די שונאים אָנגעקומען צום אַלטן בלבול אויף יידן — צום בלוט־בלבול... און דאָס איז געווען, ווי תמיד, ערב פּסח.

די מוטער בת־שבע (אַזוי רופן די באַיאַרס זייער עלטער־באָבע) איז אויפגעשטאַנען, ווי איר שטייגער איז געווען, פאַר טאָג, אויסהייצן דעם אויוון. אַריינקומענדיק אין שטאַל נאָך האָלץ, באַמערקט זי — דאָס האָלץ ליגט עפּעס ניט אַזוי... האָט עס זי שטאַרק פאַרחידושט. אַחוץ איר גייט קיינער אין שטאַל ניט, קיין דינסטן האַלטן זיי ניט. זיי זיינען צוויי מענטשן. שוין צען יאָר נאָך דער חתונה, און קיין קינדער האָבן זיי ניט — אַ שטראָף פון זיין ליבן נאָמען!

טוט זיך די מוטער בת־שבע אַ פּאָרע צווישן דעם האָלץ, עפּעס אַ שלעכט פאַרגעפיל האָט זי שוין געהאַט, און בלייבט שטיין פאַרגליווערט — צווישן דעם האָלץ ליגט אַ טויט קינד.

שטעכן איר די האָר אין קאָפּ, פאַלט זי שיר ניט חלשות. איז דאָך עס אָבער געווען די מוטער בת־שבע — אַחוץ שיינקייט, איז זי נאָך געווען פול מיט חכמה, האָט זי גלייך אַלץ פאַרשטאַנען און באַנומען.

ווען די מוטער בת־שבע האָט אַלץ באַוואָרנט און באַשטאַט, האָט זי אויפגעוועקט דעם מאַן און אים ערשט דעמאָלט אַלץ דערציילט. ס׳איז קלאָר: עזרא אָבינו איז געבליבן אין טויטשרעק. די ערשטע ווערטער זיינען געווען:

— מ׳דאַרף אַנטלויפן.

האָט אים די מוטער בת־שבע באַרויִקט און אים אָפּגעשלאָגן פונעם געדאַנק: לויפן טאָר מען איצט ניט, ס׳קאָן אַרויסרופן גרויס חשד, ס׳קאָן

ברענגען צו אַן אומגליק אויף דער גאַנצער קהילה. מ׳דאַרף איבערוואַרטן די ערשטע טעג פּסח.

— און מ׳קאָן זיך פאָרשטעלן, — דערציילן ווייטער די באָיאַרס, דור נאָך דור, זייער הגדה, זיצנדיק אָנגעלענט אויף די העסע־בעטן, קינד־און־קייט איז פאַרגאַפּט, די הערצער קלאַפּן זיי, — ביי אונדזער עזרא אָבינו איז שוין געווען יענער פאַרשטערטער און פאַרחושכטער יום־טוב.

קומענדיק אויף דער נאַכט פון בית־מדרש אַהיים, האָט ער אָנגעטאָן דעם ווייסן קיטל, די ליכט ברענען, דוכט זיך, ווי אַלע יאָר, נאָר עפּעס טרויעריק. אַ פינצטערע כמאַרע הענגט איבערן טיש.

מיט אַ מאָל דערהערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּ אין טויער. הגם זיי האָבן זיך אויף דעם געריכט, נאָר מאַן און ווייב זיינען געוואָרן נאָך בלייכער. אַ מחנה סאָלדאַטן האָבן אַרומגערינגלט די שטוב. דער עלטסטער זייערער האָט זיך געלאָזן גלייך אין שטאָל אַריין, — מ׳ווייסט, וווהין צו גייך, מ׳ווייסט, וואָס און ווו מ׳האָט אַוועקגעלייגט.

זיי האָבן איבערגעגראָבן דעם הויף, איבערגעקערט די שטוב, אויפגעריסן די ברעטער פון די פּאָלן, נאָר מ׳האָט געמוזט אַוועקגיין מיט ליידיקע הענט.

און דאָ רייסן איבער די באָיאַרס זייער הגדה, זיי גיסן אַלעמען אָן פולע כוסות, די פּנימער ביים איצטיקן דור באָיאַרס צעשטראַלן זיך. מ׳טרינקט אויס פאַר שׂמחה און די טאַטעס פאַרענדיקן:

— און דאָך איז אונדזער פאָטער עזרא און אונדזער מוטער בת־שבע אַנטלאָפן געוואָרן פון יענעם וויסטן לאַנד אַהער און זיך באַזעצט דאָ, אין די פאָלעסיער וועלדער. און דאָ האָט זיי גאָט געבענטשט — ס׳איז ביי זיי געבוירן געוואָרן אַ זון. דאָס איז געווען דער אמתער באָיאַר — אַ וואַלד־מענטש... זיי האָבן אים אַ נאָמען געגעבן רפאל — אויסגעהיילט פון אַלע צרות. אונדזער עזרא אָבינו איז אָבער געוואָרן דאָ אויס גאָלדשמיד — אין דעם קאַנט איז ניט געווען פון וואָס און פאַר וועמען צו אַרבעטן. איז ער געוואָרן אַ טעפּער. איין טאָפּ פון עזרא אָבינוס טעפּ האָט זיך פאַרהיט אין אונדזער משפּחה. דער טאָפּ גייט פון דור צו דור...

— רב יצחק, — פרעגט עקיבא, וואָס זיצט נאָך אַלץ אַרומגעכאַפּט מיט די הענט די אונטערגעהויבענע פּיס, די גאָמבע אויף די קני, — דער טאָפּ איז, דוכט זיך, ביי אייך?

— דער ירושה־טאָפּ? יאָ, ער איז ביי מיר.

— איר האָט אים באַקומען בירושה מיט דער אַלטער קרעטשמע?

— הע־ע, ניט אַלע האָבן געוואָלט אָפּגעבן דעם טאָפּ. אין דער משפּחה האָבן זיך געפונען אויף אים אַ סך בעלנים. גבריאל האָט דעמאָלט איינגעלייגט די וועלט. ער האָט געשריִען: ער איז בילכער... האָט זיך די משפּחה געשפּאָלטן — איין טייל האַלט גבריאלס צד, די צווייטע איז אויף מיין צד. גבריאל שטעלט פּעסער מעד, שיט מיט געלט. ער וואָלט אפשר געווען אַריבערגעשלעפּט די גאַנצע משפּחה אויף זיין זייט, נאָר דעמאָלט, בעת דער קריג איבערן טאָפּ, האָט נאָך געלעבט דער עלטער־זיידע, עליו השלום, זרחל. ער איז שוין געווען נאָך דער צווייטער בר־מצווה. דאָס האָט ער, עליו השלום, דער עלטער־זיידע, זיך געשטעלט אויף מיין צד. און דאָס האָט געלייזט.

— גבריאל, — הייבט אויף עקיבא דעם קאָפּ, — אַ מאָדנער ייד אָט דער גבריאל. ביי אים שטעקט אַ שפּילקע אין דער נשמה... ער גייט נאָך היינט אויך שפּילן אויף פּויערשע חתונות?

— די לעצטע יאָרן גייט ער שוין ניט. ביסט גערעכט, עקיבא, ביי גבריאלן שטעקט אַ שפּילקע אין דער נשמה. איך האָב אים פיינט. מ׳דאַרף אָבער מודה זיין...

עקיבא שלאָגט אים איבער:

— מ׳זאָגט, רב יצחק, אַז צוריק מיט אַ צייט זיינען צו אייך געקומען צוויי פאַרשוינען און געוואָלט אָפּקויפן דעם טאָפּ.

— אַזש פון פּייטערבאַרג זיינען זיי געקומען. געוואָלט געבן אַ מטמון מיט געלט.

— וואָס זשע האָט איר זיי געענטפערט?

— כ׳האָב זיי געזאָגט: דעם זיידן פאַרקויפט מען ניט.

— נו?

— האָבן די צוויי פּיטערבאַרגער גענומען בעטן, מ׳זאָל זיי געבן דעם טאָפּ כאָטש אויף איין חודש, זיי ווילן אים ערגעץ דאָרטן אַרויסשטעלן אויף אַ וויסטאַווקע. דאָס, זאָגן זיי, איז אַזאַ אַרבעט, וואָס די וועלט האָט עס נאָך ניט געזען, אַקוראַט ווי מיר אַליין ווייסן עס ניט. מיר האָבן עס נאָך געוווסט, איידער אין פּיטערבאַרג האָט זיך געשטעלט דער מאַרק אויף אַלטע ייִדישע טעפּ... נאָ־אָ! אַלץ דאַרפסטו וויסן.

— האָט איר זיי געגעבן דעם טאָפּ?

— דו מיינסט געליִען? איך האָב זיי געזאָגט: דער טאָפּ איז ניט מיינער, איך בין נאָר אַ שומר. אויב זיי ווועלן מיר ברענגען די הסכמה פון דער גאַנצער משפּחה, וועל איך זיך ניט קעגנשטעלן. זאָלן זיי זיך אָנפרעגן ביי דער גאַנצער משפּחה... פאָרן די צוויי מענטשן שוין אַרום אַ גוטע פּאָר יאָר. אַז באָיאַרס זיינען, קיין עין־הרע, פאַראַן ווי דיביימער אין די וועלדער.

— זייער אַ טשיקאַווער שבט, די באָיאַרס, — זאָגט עקיבא פאַר־טראַכט, — זיי האָבן פיינט יאוש, זיי זיינען ווילדע עקשנים, גרויסע אָפּטימיסטן.

— ווי־ווא־אָס, וואָ־וואָס זיינען זיי?

— גרויסע בעל־בטחונס.

— אָ־האָ, — יצחק שאָקלט צו מיטן קאָפּ, — וואָס אמת איז אמת, מיר גלייבן. מיר גלייבן מיטן גאַנצן האַרצן, מיט דער גאַנצער נשמה. גלייבן דאַרף מען קענען. מ׳דאַרף קענען גלייבן ביזן סוף. טאָמער, חלילה, טוט זיך אין דיר אַ וואַקל דער גלויבן — אויס, פאַרפאַלן, ביסטו אַ לעבעדיקער מת. דעמאָלט זיינען אַלע דיינע פּיינען און יסורים נאַרישע, ווילדע — ס׳איז אין זיי קיין זין ניטאָ... ביסטו אַ משוגענער. אמת, דניאל זאָגט, אַז דער ייִדישער בטחון איז אַ שרעקלעכע קרענק... נאָ־אָ! אָט וועט זי זיך באַלד אַריינמישן אין די רייד... נאָ־אָ!

דער באָיאַר טרייבט די שקאַפּע, — האָט מורא, חלילה, ניט אַריינפאָרן אין שבת. ער כאַפּט אַלע מאָל אַ קוק, ווי האַלט עס מיטן טאָג. דער ווינט, וואָס שטאַרקט זיך פאַרן טאָג־זעצן־זיך, פאַרהאַלט, דוכט זיך, די זון. זי

פלאָנטערט זיך נאָך אַלץ אין דער שיטער־געבליבענער קרוין צוגעדעמפּט־ברוינע דעמבענע בלעטער.

יצחק באָיאַר זיפצט שטיל. ווי אויפגערעגט ער זאָל ניט זיין פון אַנדערע זאַכן, וועגן וואָס ער זאָל ניט ריידן, קאָן ער קיין מאָל ניט פאַר־געסן אָן די קינדער. דער מיזיניק, אַברהם, איז געפאַלן אויף דער מלחמה ערגעץ הינטער די הרי־חושך אין מאַנטזשוריע... דניאל ברענט דאָ, ווי אַ ליכט אויפן ווינט. כיירוס... יענע איז אים אַ וווּנד אין האַרצן. פון רחלען איז אויך ניטאָ קיין איינגעטונקענע פען.

— רב יצחק, — עקיבא שלעפּט אַרויס פון דער שטרוי אַ לאַנגע באַר, אַ געלע, ווי אַן אַראָפּגעפאַלענער האַרבסטיקער קליאָן־בלאַט. — מיר דוכט, רב יצחק, אַז די תורה ביים באַרג סיני האָבן געקומען די באָיאַרס... דאָס האָבן זיי זיך ניט דערשראָקן פאַר די דונערן און בליצן, פאַר דעם שוואַרצן וואָלקן, וואָס איז געשטאַנען איבערן באַרג סיני, זיי האָבן זיך ניט דערשראָקן פאַרן שטאַרקן קול פונעם שופר... איר ווייסט דאָך, רב יצחק, ווען גאָט ברוך־הוא האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון הימל אין דעם פלאַמ־פייער און דער גאַנצער באַרג האָט גענומען ציטערן, זיינען זיך אַלע צע־לאָפן... נאָר די באָיאַרס זיינען געבליבן שטיין. און דאָס האָט זיך צווישן זיי געפונען איינער, וואָס איז דערנאָך באַרימט געוואָרן אויף גאָר דער וועלט. דאָס איז דער גרויסער באָיאַר משה רבינו. דאָס האָט ער זיך אויפ־געהויבן צו גאָט אויפן באַרג סיני...

יצחק טוט אַ שמייכל:

— ביסט שוין לאַנג ניט געווען ביי אונדז. אַ גאַנץ האַלב יאָר. שלעפּסט זיך אַרום מיט די קאָמעדיאַנטן, מיט די לצים, שפּילסט טריאַטער. אויף וואָס פּטרט איר די יאָרן און די טעג? נאַ־אָ! דניאל דערמאָנט דיך אָפט. דניאל האָט דיך ליב.

יצחק נעמט אַריין די לאַנגע שמאָלע באָרד אין דער רעכטער האַנט:

— דניאל איז אַרומגעגאַנגען איבערן וואַלד. וואָס האָט ער דאָרטן געזוכט? זיין פאַרלאָרן מזל? דו וועסט מיר נאָך אַ מאָל זאָגן: דניאלן דאַרף מען פאַרשטיין... ס'איז דיר גרינג צו זאָגן: „פאַרשטיין". און אַז

איך פֿאַרשטיי, איז וואָס? דאָס האַרץ ווערט מיר צעריסן, קוקנדיק אויף אים. „דער שטילער זומער" איז שוין שוואַרץ געוואָרן. אַ מאַמע קאָן דען אַזעלכעס צוזען? מלכה טריקנט...

— וואָס מאַכט ער, דניאל?

— וואָס ער מאַכט? די הענט ציטערן שוין ביי אים, און ער מאָלט... ער האָט געמאָלט אויף האָלץ, געמאָלט אויף לייוונט, און ער האָט זיך דערמאָלט אַזוי, אַז ס'איז אים שוין שווער צו דערקענען.

— ביי אים וועט אין גיכן זיין אַ גוטער דאָקטער.

— פֿון וואַנען וועט ער זיך נעמען אַהער?

— איווע וועט אים ברענגען.

— איווע? — די רעכטע ברעם הייבט זיך אויף ביים קרעטשמאַר העכער, — וואָס, זי קומט אים אויפֿרודערן די אַלטע ווונדן... דאָס איז דיין שטיקל אַרבעט?

— יאָ, רב יצחק, — איז זיך עקיבא מודה. — זי איז אויך אַ קרבן.

— פֿון אַ קרבן ביז אַ קרבן, — טוט יצחק באַיאַר אַ זיפֿץ, — איינער פֿאַרקרימט זיך, וואָס דער בראַנפֿן איז ביטער... נו, מיר זיינען שוין, אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען, ביי דער ווינטמיל. אָט לאָזן מיר זיך אַראָפּ צום סטאַוו... זע נאָר, עקיבא, מיר דוכט, אַז שמואליקל לויפֿט. זע נאָר סאַראַ לויפֿעניש, די פּיאַטעס דערלאַנגען צום האַלדז־און־נאַקן. זע נאָר, ווי ער מאַכט מיט די הענטלעך. וואָס איז דאָרט אַזעלכעס געשען? נעם נאָר אַקאָרשט די ווישקעס, וועסט שוין יאַקאַש אַליין דערפֿאַרן.

דער באַיאַר גיט איבער עקיבאן די לייצעס, און גלייך פֿאַלט ער יוי פֿון וואָגן אַרויס — ער לאָזט זיך לויפֿן מיטן ברעג פֿונעם סטאַוו דעם אייניקל אַנטקעגן.

עקיבא זעט פֿון דער ווייטנס, ווי דאָס אייניקל דערציילט עפּעס זייער היציק דעם זיידן, און דער זיידע, אַ פּנים, פֿון צעטראָגנקייט, וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ דאָס פּעלצל צוזאַמען מיט דער קאַפּאָטע, וויקלט איין אין דעם דאָס קינד, כאַפּט עס אויף די הענט און לאָזט זיך אַזוי אין די ווייסע אַרבל לויפֿן דורך די גערטענער אַהיים — צו דער אַלטער קרעטשמע.

ז

צוגעלאָפן מיט אימפּעט, אַ שווער־אָטעמענדיקער, מיטן אייניקל אויף די הענט צו דער שטוב — די ירושה־קרעטשמע שטייט אין מיטן דאָרף כמעט אויפן שליאַך, — פרעגט יצחק באַיאַר ביי די שכנים, וואָס שטייען פאַר דער טיר:

— געקומען, אַ? געקומען?

— געקומען.

— אַ לעבעדיקער?

— אַ לעבעדיקער, אַ לעבעדיקער. טויטע גייען ניט.

— טויטע שטייען פון קבר ניט אויף, דיין זון, איצקאַ, איז געקומען. ער ליגט אין בעט און שמייכלט...

זיי טרעטן אָפּ, מאַכן פאַרן ייִדן אַ וועג, ווייל לויט דעם, ווי דער מענטש איז צעטראָגן און איבערראַשט, לויט דעם, ווי ער איז בלאַס, ווי ער קוקט אַלעמען אין די אויגן אַריין, איז צו זען, אַז וואָס מ'זאָל דעם מענטשן ניט זאָגן, וועט ער סיי ווי ניט גלייבן, ביז ער וועט אַליין ניט דערזען מיט די אייגענע אויגן.

די שכנים זיינען געקומען זיך זען מיטן סאָלדאַט. געוואָלט געווירע ווערן פון אים, וואָס הערט זיך אויף דער גרויסער ווייסער וועלט. צי האָט ער דאָרט ניט געהערט, צי האָט ער אפשר שוין געזען, ווו מען טיילט ערגעץ די פרייִשע ערדן? דאָ, אין פּאַלעסיע, הערט מען נאָך דערווייל וועגן דעם ניט...

דער אַלטער וואַסיל אויף דעם הילצערנעם קלעצל (אַ האַלבן פוס האָט ער איבערגעלאָזט אין בולגאַריע בעת דעם רוסיש־טערקישן קריג), דער גאַנצער פוס אין אַ ניי־אויסגעפּלאַכטענער פּאַסטעלע, אויף דעם העמד אָנגעהאָנגען דער „געאָרגישער קרייץ”, איז געקומען אַ רעד טאָן מיטן סאָלדאַט „וועגן מלחמה און טאַקטיקע”. נאָר דאָס וויכטיקסטע, צי ווייסט ער ניט, צי האָט ער ניט געהערט ערגעץ, דער סאָלדאַט, אין וועג, ווו געפינט זיך שוין יענץ פּאַפּיר, וואָס דער פאָטערל דער קייסער האָט אונטערגעחתמעט און אַרויסגעשיקט, אַז אַלע פויערים, וועלכע האָבן ניט

קיין ערד, זאָלן גלייך, ווי נאָר „דאָס פּאַפּיר" וועט אָנקומען, אַראָפּטרייבן די פּריצים פון זייערע ערדן און פון זייערע מאַיאָנטקעס.

אָבער מיטן געקומענעם סאָלדאַט קאָן מען ניט ריידן. ער ליגט אַ האַלב־לעבעדיקער, שמייכלט צו אַלעמען, און פון די פיבערדיקע אויגן גיסן זיך טרערן. ער פאַרשטייט קוים, וואָס מ'רעדט צו אים. איין נאַטאַלקען האָט ער יאָ געזאָגט:

— אייער מאַן לעבט.

— זאָגסטו דעם אמת, ער לעבט?

— האַראַסים איז געלעגן מיט מיר אין האָספּיטאַל.

— ווו זשע איז ער? סערדענקאָ, זאָג מיר דעם אמת.

— איך זאָג דיר דעם אמת, ער וועט גיך קומען.

שטייט נאַטאַלקע ביי דער קרעטשמע און וויינט שטיל — פון פרייד. דערפאַר שטייט אָבער די אַלטע האָרפּינע אַן איינגעבויגענע. ביידע הענט — געל־אָדערדיקע מיט צעשפּרייטע פינגער — טרייסלען זיך איר אויפן אָנ־שפּאַר־שטעקן. איר איינגעשרומפּן־צעקנייטשט פּנים איז פון אונטער דעם שוואַרצן טיכל געווענדט צו די אַרומיקע מענטשן. זי פרעגט ביי אַלעמען און ביי קיינעם ניט:

— ווו איז מיין פּאַוולאָ? פון מיין איניקל ווייסט קיינער גאָרניט. ניט קיין זון, ניט קיין טאָכטער... כ'האָב שוין קיינעם ניט, און איך לעב... געהאַט איין־און־איינציק איניקל, האָט מען עס ביי מיר צוגענומען. מ'האָט מיך איבערגעלאָזט מיטן שטעקן... אָט אַ דאָליע ביי מיר. טאַדאָסקעס זון איז געקומען, כוועדאָרס זון האָט זיך אומגעקערט, דעם קרעטשמאַרס זון איז דאָ. האַראַסים לעבט. גאָט איינציקער, ווו איז מיין איין־און־איינציק איניקל, ווו איז מיין פּאַוולאָ? טויב מיינע, טייערע!

איבערן שליאַך גייט מאַריע. אויף די הענט, צוגעטוליעט צו דער ברוסט, טראָגט זי דאָס קראַנקע קינד. דאָס טיכל פון קאָפּ איז ביי איר אַראָפּגערוקט, דער ווינט שויבערט אירע גאָלד־ליינענע האָר. זי, די יונגע אַלמנה קלאָגט אויף אַ קול:

— מיין מיקאָלאַ וועט שוין קיין מאָל ניט קומען... סינו, סינו, נעמאַ

או נאַס באַטקאַ, אובילי נאַשעהאַ באַטקאַ. מיר וועלן פאַרטריקנט ווערן, די ערד וועט פאַרטריקנט ווערן... אוי, מיקאַלאַ, ווי אַזוי וועלן מיר לעבן אָן דיר? סינו, סינו, נעמאַ או נאַס באַטקאַ.*)

— נו, צו וואָס, — פרעגט דער אַלטער וואַסיל, — דאַרף איך מאַנט־זשוריע? איך דאַרף האָבן אַ דריי דעסיאַטין ערד דאָ... — און ער וויגט זיך אויף דעם הילצערנעם פוס, — אַט וועט אין גיכן אָנקומען יענץ פּאַפּיר... אַט דעמאָלט וועלן מיר טרייבן די פּאַנעס. כ'וועל אַראָפּנעמען מיין הילצערנעם פוס, כ'וועל אים נעמען אין די הענט אַריין, און איבער די קעפּ... אַ־טאַק, אַ־טאַק!

— שוייג, וואַסיל! — עצהט אים עמעצער, — פאַרבינד די צונג.

— קומט, גוטע מענטשן, וואָס איז דאָ צו שטיין?

— אי צע פראַוודאַ. ס'אַראַ קאַלטער ווינט. די זון פאַרגייט אויף אַ שניי.

דער אַלטער וואַסיל טוט אַ קלאַפּ מיטן קלעצל אין דער ערד, רוקט אָן טיפער דאָס היטל, פאַרריכט אויפן העמד דעם געאַרגישן קרייץ און טוט אַ נעם אויפן גאַנצן קול:

פון יענער זייט סיביר פאַרגייט די זון,
חברה, פאַרהאַלט זיך ניט... **)

דער זייער קורצער סוף־האַרבסטיקער טאָג גוסט אין דער פלאַמיקער שקיעה. דער ווינט שטאַרקט זיך, און די צווייגן אויף די ביימער קלאַפּן הילכיק איינע אָן דער צווייטער, — די קעלט קריכט זיי אונטער דער קאָרע...

און ער, דניאל, ביי דרייסיק יאָר אַ וויים־באַזילבערטער, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאָלדרע מיט דער גרינער לאַטע, שטייט אונטער דעם נאַקעט ציטערנדיקן באַרנבוים און לאָזט זיך אין שטוב אַריין ניט פירן. ער קוקט זייער אָנגעשטרענגט אַהין, ווו הינטער דער בערעזע־וועלדל, אויפן כוטאָר,

---

*) זון, זון, מיר האָבן ניט קיין טאַטן. מ'האָט געהרגעט אונדזער טאַטן (אוקראַיניש).
**) פון אַן אוקראַיניש פאָלקסליד.

אין גבריאלס הויף, בליאַסקען די פענצטער קעגן דער פאַרגייענדיקער זון.

— דאָרטן איז איווע, — זאָגט ער אויף אַ קול, — איך מוז זיך מיט איר איין מאָל, כאָטש איין מאָל מיט איר טרעפן אויג־אויף־אויג. כ׳וועל איר אָפּגעבן די האַלב־פאַרברענטע בריוו... ניין, איווע, איך האָב גאָר אַליין ניט געוווּסט, ווי איך האָב דיך ליב. דערקלער מיר, ווי אַזוי האָב איך עס אַט די אַלע צען יאָר געלעבט אָן דיר? איווע, איווע...

ער כאַפּט זיך, אַז ער רעדט צו דער ווייב. ער פאַרלירט זיך שרעקלעך, ווערט רויט און נעמט שאַרן מיט דער האַנט אַרום זיך, ווי ער וואָלט באַדאַרפט עפּעס נעמען. זיין האַנט געפינט אָבער גאָרניט, צעשרייט ער זיך אויף דער ווייב:

— וואָס שטייסטו כסדר איבער מיין קאָפּ?

— דניאל, — בייסט זי די ליפּן, — וואָס האָסטו צו מיר, דניאל? וואָס בין איך דאָ שולדיק? ווער האָט דיך געבעטן מיר אָנטאָן דעם רינג... דו אַליין, דניאל... אָדער דו שרייסט אויף מיר, אָדער דו רעדסט צו מיר, ווי צו אַ קראַנקער.

— מלכה, — עטפערט ער געפאַלן, — איך שריי דען אויף דיר? איך שריי אויף זיך... זיי מיר מוחל, קיניגין! — ער וויל איר נאָך עפּעס זאָגן, נאָר דאָ דערזעט ער הינטער זיך עקיבאן. ער לייגט אים אַרויף די האַנט אויפן אַקסל. — עקיבא־פריינד, עקיבא־חבר, ביסט געקומען? גיי, מלכה אין שטוב אַריין. עקיבא־פריינד, האָסט שוין געזען אַברהמען? דו האָסט געזען זיינע אויגן? עפּעס וויל ער, דאַכט זיך, זאָגן. זיינע אויגן דערציילן עפּעס...

— איווען האָסטו געזען? — טוט אים עקיבא אַ פרעג.

— עקיבא־פריינד, שטיי לעם מיר אַ ביסל. לאָמיר ביידע שווייגן. מיט דיר איינעם קאָן איך ריידן שווייגנדיקערהייט. האָבן מיט וועמען צו שווייגן איז מערער, ווי האָבן מיט וועמען צו ריידן. ווי גוט ס׳איז געווען דאָס שווייגן מיט איווען. אונדזער שווייגן איז געווען אַ ליד אָן ווערטער. אַזאַ האַרציקער ניגון. און אַז די הערצער פלעגן ווערן איבערגעפּולט,

שווייגן קאָן מען שוין אויך ניט, פּלעגן מירביידע נעמען ריידן מיט שלמה־המלכס שיר־השירים. ווו נעמט מען דען גרעסערע און שענערע רייד?

— לאָמיר, דניאל, שווייגן.

— יאָ, איך וויל שווייגן. אויף אַזאַ זונפאַרגאַנג איז שווער צו קוקן אַליין. זעסט, די זון שטייט ביי דער ערד? צוויי מאָל אין טאָג דאַרף מען זוכן די זון אויף דער ערד — ביים אויפגיין און ביים פאַרגיין... זיי זיינען ביידע מאָל וווּנדערלעך־שיין.

ער ווערט אויף אַ רגע אַנטשוויגן, רוקט אַריין די פינגער אין די ווייסע קרויזן און, האַלטנדיק די הענט אין קאָפּ האַר, בייגט ער זיך אָן:

— פיר מיך אין שטוב אַריין.

און עקיבא דערמאָנט זיך, ווי מיט געציילטע חדשים צוריק, דעמאָלט — אַ געלייטערט־פאַרפלאָמטער, אַן אויפגערעגטער, מיט יענער אויפרעגונג, ווען מ׳רייסט זיך אַרויס אויף אַ רגע פון דעם אייגענעם שטאָק־פינצטערן גורל, פון די דלד אַמות, אין וועלכע מ׳איז אַריינגערוקט געוואָרן, ווו מ׳שטיקט זיך אָן ריינער לופט און אַן גייסטיקער ליכט און שיין, — דעמאָלט האָט דניאל אויך, ווי איצט, שטייענדיק אונטער דעם באַרנבוים, אויף פאַר זון־זעצן־זיך, געערדט און געזאָגט דאָס זעלבע:

— די זון דאַרף מען זוכן אויף דער ערד.

נאָר דעמאָלט האָבן דניאלס רייד נאָך געהאַט אַ טעם, מ׳האָט נאָך דעמאָלט געפילט אין זיי וואַרעם־לעבעדיקס. דעמאָלט איז דער באַרנבוים געשטאַנען אין צוויט. ס׳האָט געשמעקט מיט האָניק, ווי פון אַ בינשטאָק, און אין בערעזניאַק אויף די יונגע ביימער האָט, פון דעם אָנגעקוואָלענעם זאַפט, געפּלאַצט די ווייס־געשטרייפטע דינע קאָרע. די פייגל האָבן דעמאָלט פאַר דער שקיעה אַזוי געצווירישעט, זיך פאַרכלינעט אין אַזאַ שמחה, אַז ניט נאָר ער, עקיבא, וואָס אים באַגלייט תמיד דאָס געפיל, אַז ער זיצט אויף אַ פור און וואָס אין וועג זאָל זיך ניט טרעפן, וועט ער סיי ווי אַריינפאָרן אין אַ שיין לעבן, נאָר אויך אַפילו דניאל — דער תמיד ניכטערער, וואָס שאַצט קיין מאָל גאָרנישט ניט איבער, זעט אַלץ, ווי אים דוכט זיך, יעדן

אָנהייב און נאָך בולטער — יעדן סוף, אַפילו אים, דניאלן, האָט זיך דעמאָלט, אין יענעם פרילינג־פאַרנאַכט, אויסגעוויזן: דאָס לעבן הייבט זיך ערשט אָן.

זיי זיינען דעמאָלט ביידע אַרומגעגאַנגען די גאַנצע נאַכט.

— אַזאַ נאַכט, — האָט ער דעמאָלט געזאָגט, — איז אַ גרויסער יום־טוב אין לעבן.

ס'איז טאַקע באמת געווען אַ געמיטלעך־פרילינגדיקע, אַ זייער הער־לעכע נאַכט. פון דעם טיף־אויסגעבויגענעם הימל פאַלט אַזאַ טונקל־בלויע שיין און זילבער־בלענדנדיקע פעדעם שפּינען זיך אַריין אין די ליכטיק־גרינע, אין די נאָך קלעפּיקע יונגע בלעטער־קרוינען.

דניאל האָט דעמאָלט געטראָטן איבער דער לבנהדיקער, געדיכט־גראָזיקער, טוי־פינקלדיקער וואַלד־לאָנקע, איבער די ביימער־שאָטנס אַזוי מאָדנע שטיל, אָן אַ מינדסטן רויש, ווי ער וואָלט וועלן געהיים, אומבאַ־מערקטערהייט, זיך אַרויסגנבענען פון דעם פריִערדיקן לעבן, פון יענעם ביין גורל, וואָס לאָקערט נאָך זיינע טריט.

און פּלוצעם בלייבט ער שטיין, רוקט אַריין, ווי תמיד, ווען ער איז אויפגערעגט, די פינגער פון ביידע הענט אין דעם ווילד־צעשויבערטן קאָפּ האָר. דער זילבער פון זיינע האָר שעמערירט אין דער לבנה־שיין.

— סאַראַ נאַכט, — רעדט ער קוים וואָס מ'הערט אים, — סאַראַ שיינקייט! עך, ווען איך זאָל קאָנען אָנמאָלן אַזאַ נאַכט? הערסט, ווי דער וואַלד לעבט? די פייגל קאָנען זיך אַ גאַנצע נאַכט ניט באַרויִקן. איך האָב ליב וועסנע. אין דער וועסנע ליגט גרויסע קראַפט און גרויסע צאַרטקייט. דער מענטש ווערט אויך שענער וועסנעצייט.

איז ער דעמלט געשטאַנען, דניאל, אויף דער לבנהדיקער לאָנקע, די פינגער פאַררוקט אין דעם ווייסן קאָפּ האָר, און פון הנאה געקרעכצט. פּלוצעם נעמט ער אַרויס די הענט פון קאָפּ:

— ניט מיט דער פאַרגאַנגענהייט דאַרף מען לעבן.

עקיבא פאַרשטייט: ערשט איצט וויל דניאל אים זאָגן, זיך טיילן

מיט דעם סאַמע וויכטיקסטן, וועגן וואָס ער האָט די לעצטע צייט געקלערט און געטראַכט.

— עקיבא, איך בין ווייט פון כיירוסעס אידייען... נאָר אין איינס איז זי גערעכט, מיט דער פאַרגאַנגענהייט קאָנען מיר מער ניט לעבן. ניין, מיר זיינען שוין זאַט מיט דעם עבר. ווידער און איבער אַ מאָל דאָס אַלטע לידל: אַ מאָל איז געווען אַ מלך... אינעם עבר, וויפל מ׳זאָל ניט וואַרעמען, הערשט פאָרט די קעלט פון דעם בית־עולם... דער עבר וועט סיי ווי פון אונדז אין ערגעץ ניט אַוועקגיין, ער שטייט אייביק פאַר אַלע דורות. מיר דאַרפן האָבן אַ מאָרגן... אמת, פריינד מיינער, דער מאָרגן איז פול מיט נעפל, די צוקונפט איז אַ שוואַרצער וואַלד, פול אויף שריט און טריט מיט געפאַרן, ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ פּנים דער מאָרגן וועט האָבן... נאָר איך וויל, עקיבא־חבר, זיך אַוועקזעצן מיט דיר אויף דיין פורל און פאָרן מיט דיר אין אַ שיין לעבן אַריין... לעבן מיטן עבר — איז אַ פּריצייטיקער טויט. צוקונפט — דאָס איז לעבן, דאָס איז קראַפט, און גבורה איז דאָס מזל פון לעבן... קום, צום טייך, ס׳וועט שוין באַלד אָנהייבן אויפגיין די זון. קום, וועלן מיר זי באַגעגענען. אַ מאָל פלעגט איווע קומען צו לויפן...

— מ׳דאַרף ניט לעבן, דניאל, מיטן עבר.

— יאָ, לאָמיר שווייגן, לאָמיר לעבן מיטן עתיד.

זיינען זיי ביידע ביים זונפאַרגאַנג אויף דעם העכערן, אויף דעם רעכטן ברעג טייך געזעסן. דעם לינקן ברעג איז ניט אָנצוזען — די פרילינגדיקע וואַסערן צי׳ען זיך ווייט, פאַרטרינקען די נידערנישן, פאַרפלייצן די לעוואַדעס — די ווערבעס שטייען נאָך אַלץ ביז האַלב אין וואַסער. דער פרילינגדיקער טייך שפּילט און רוישט, וויעט מיט פייכטער קילקייט אין פּנים אַריין. אין קאַיאָר שמעקט שטאַרקער דער ווײנשל־צוויט.

— זע, עקיבא, ווי די זון הייבט אָן אויפגיין. זע, ווי ס׳רויטלט זיך דער מזרח, סאַראַ פאַרבן... זע, זע, ווי אין דעם נעפל, וואָס כוואַליעט זיך, ווי אַ ליכטיקער רויך איבערן יאַר, איז אַריינגעפאַלן דער ערשטער פייערדיקער שטראַל. דו הערסט, ווי פייגל האָבן זיך צעזונגען? מ׳דאַרף טאַקע זיין שטאַרקער פון אייזן.

און דניאל ווערט אַנטשוויגן. ער ציפּט אַרום זיך די טוי־גראָזן, רייבט זיי אין די הענט און ציט דאָרשטיק אין זיך אַריין זייערע ריחות. ס'באַווייזט זיך אַ רייפּעלע זון. דניאל רוקט ווידער אַריין די הענט צוזאַמען מיט די צעריבענע גראָזן אין קאָפּ האָר אַריין און קוקט, ווי די זון הייבט זיך אַלץ העכער און העכער. דער בליק ווערט ביי אים פאַרצויגן מיט אַ הייסן נעפּל.

— וואָסי? — פרעגט ביי אים עקיבא.

— איך ווייס? כ'ווייס אַליין ניט... עפּעס בין איך היינט ווי שיכור. — און דערנאָך טרויעריק צוגעגעבן:

— מיין לעבן איז שוין אָבער פאַרשפּילט. וואָלט כאָטש איווע געווען מיט מיר.

און מער האָט שוין דניאל ניט גערעדט. אויך פאַר דעם גאַנצן טאָג, וואָס עקיבא איז דעמאָלט געווען לעבן אים, האָט ער פון דניאלן מער קיין וואָרט ניט געהערט. דניאל האָט אים אַפילו ווי אויסגעמיטן. בלויז פאַר זיין אַוועקגיין האָט ער עקיבאן געגעבן אָנצוהערן, אַז ער, דניאל, וועט מסתמא פאָרן אין שטאָט אַריין. ער וויל נאָך איין מאָל זיין אין קיעוו — אַ פּרווו טאָן צום לעצטן מאָל דאָס מזל.

אַצינד אָבער, צוזעענדיק, ווי דניאל שטייט איינגעבויגן אונטער דעם אָפּגעבלעטערטן שוואַרצן באַרנבוים, ווי ער שלעפּט אויף זיך די וואַרעמע קאָלדרע מיט דער גרינער לאַטע, צוהערנדיק, ווי אַזוי ער בעט זיך: „עקיבא־פריינד, פיר מיך אין שטוב אַריין", ערשט אַצינד פאַרשטייט ער, עקיבא, אַז מיט דניאלן איז אין יענער פרילינגדיקער נאַכט פאָרגעקומען דאָס זעלבע, וואָס מיט זיין, עקיבאס, מוטער איז פאָרגעקומען פאַר איר טויט.

נאָך איר לאַנגער קרענק, נאָך דעם, ווי ס'איז שוין אויסגעקומען צו געבן איר דעם לעפל געקעכטס אין מויל אַריין, האָט זי, זיין נוטה־למותדיקע מאַמע, אין איינעם אַ פרימאָרגן אָן קיינעמס הילף זיך אויפגעזעצט אויף דעם בעט.

— ס'איז גוט, — האָט זי געזאָגט, — אַלץ איז גוט!

זי, וואָס די לעצטע וואָכן האָט זי געגרעדט נאָר מיטן ווונק, זי האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן צו ריידן קלאָר און דייטלעך:

— גענוג געקרענקט, געגוג, מ׳דאַרף לעבן!

זי קוקט אין פענצטער אַריין, און אויף אירע טרוקן־געלע באַקן טרעטן אַרויס בלייך־ראָזע פלעקן.

— וועסנע, אַ יאָ, עקיבאלע, וועסנע?

פון די אָנטקעגנדיקע דעכער פאַלן אין דעם פריש־אויסגעשאָטענעם שניי זוניקע טראָפּנס. אויף דעם קאַרניז זיצן צוויי שפּערלעך, שאַרפן די שנאָבלען און צוויטשערן.

— ס׳איז גוט, עקיבאלע, אַלץ איז גוט...

זי שווייגט לאַנג, דערנאָך פרעגט זי:

— קיינער גייט ניט?

— ניין, מאַמע, קיינער גייט ניט. דער טאַטע גרייט דעם וואָגן, שמירט די רעדער.

— ער גרייט שוין דעם וואָגן? ס׳איז וועסנע?

— יאָ, מאַמע, דיר אַריינרופן דעם טאַטן?

— ניין, עקיבאלע, ניין... דער טאַטע... קום אַהער צו מיר, עקיבאלע, קום צו מיר...

ער גייט־צו צו איר בעט. ער האָט מורא פאַר איר, פאַר דער מאַמען. די האָר זיינען איר צעשאָטן. די אויגן אַזעלכע גרויסע און רויטע.

— מאַמע, — בעט ער זיך, — מאַמע, שרעק מיך ניט...

— גאָט איז מיט דיר, מיין קינד, גאָט איז מיט דיר.

— מאַמע, כ׳האָב פאַר דיר מורא.

— זונעניו, עקיבאניו, — זי נעמט אים אָן פאַר דער האַנט, שלעפּט אים צו און זעצט אים אַוועק לעבן זיך אויפן ראַנד בעט. — עקיבאלע, דו שרעקסט זיך פאַר מיר?

— ניין, ניין, מאַמע...

— עקיבאלע, דו ביסט שוין אַ גרויסער... אַט ווערט דיר באַלד דרייצן יאָר... דרייצן יאָר? ווײסט איז מיר, דרייצן יאָר!

זי קוקט אויף אים לאַנג מיט די רויטע אויגן.

— דרייצן יאָר... דו דרייסט זיך אַלץ אַרום צווישן די קלעזמער? ווילסט זיין אַ קלעזמער? זיי, מיין קינד, אַ קלעזמער. שפּיל, מיין זון, אויף אָרעמע חתונות... זיי דיר, מיין קינד, וואָס דו ווילסט... עקיבאלע, ביי מיר איז געווען אַ חתונה אָן קלעזמער... קיינער גייט ניט?

— ניין, מאַמע, קיינער גייט ניט. דער טאַטע שמירט דעם וואָגן.

— דער טאַטע? וועמעס טאַטע?

— מיין טאַטע.

— דיין טאַטע, זאָגסטו?... האָב אים ליב, האָב אים ליב, לייזערן דעם בעל עגלה, האָב אים ליב, דעם אַשמדאי... נאָר ער איז ניט דיין טאַטע.

— מאַ־מע?

זי לייגט אַרויף איר האַנט אויף זיין מויל — אַ ציטערנדיקע, נאַס־קאַלטע, ביינערדיקע האַנט. די ווייסלען ווערן ביי איר נאָך רויטער.

— ער איז ניט דיין טאַטע, דיין טאַטע...

און דאָ דערזעט ער, עקיבאלע: די רויטקייט אין דער מאַמעס אויגן פאַרגייט. די שוואַרצאַפּלען גייען אויף אַוועק ערגעץ אַרויף, אין שטערן אַריין. איר ציטערנדיקע נאַס־קאַלטע האַנט גליטשט זיך פון זיין מויל אַראָפּ... זי טוט אַ פאַל אויפן רוקן, דער קאָפּ טוט זיך איר דערביי אַ זעץ אָן דעם לען־ווענטל פון בעט.

דער דאָזיקער קלאַפּ פון דער מוטערס קאָפּ אָן דעם הילצערנעם לען־ווענטל באַגלייט עקיבאן דאָס גאַנצע לעבן. ווי נאָר ער בלייבט אַליין, דערהערט ער באַלד יענעם שרעקלעכן קלאַפּ. ער איז זיכער, עקיבאַ, די מאַמע זיינע האָט פאַרן אַוועקגיין פון דער דאָזיקער וועלט ווי אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר.

...עקיבאַ פילט, אַז איינער אַליין וועט ער דניאלן צום שטוב ניט דערפירן. יענער ליגט ביי אים כמעט אויף די הענט. ניין, טראַכט עקיבאַ, די מאַמע האָט געהאַט אַ גרינגערן טויט. דאָס לעבן האָט איר צו אַכצן יאָר

דערלאַנגט אַ טשמעל און זי פּריטשמעליעט אויף תמיד. ערשט פאַרן טויט איז זי צו־זיך געקומען, דערפילט — זי האָט אַ שייכות צו דער לעבעדיקער וועלט. די צוויי שפּערלעך אויפן קרומען געזימס צוויטשערן אויך פאַר איר... נאָר דאָס איז געווען אַ בליץ אין דער נאַכט נאָך אַ שׂרפעדיקן טאָג. ניין, דניאלס טרויער־שפּיל איז גרעסער. אַלע קלעפּ, וואָס דאָס לעבן דער־לאַנגט אים, דניאלן, פּריטשמעליען אים ניט, פאַרקערט... דאָס שטיינערנע לעבן זעצט איבער דעם שטיינערנעם דניאל. ס׳שפּריצן פייערדיקע פונקען. ס׳ברעכן זיך אָפּ שטיקער. נאָר דאָס געבליבענע איז פאָרט — שטיין.

— עקיבא־פריינד, — זאָגט דניאל, ווי ער וואָלט אונטערגעהערט יענעמס געדאַנקען, — איך בין שוין צעשפּאָלטן, איך ווער צעפאַלן... ס׳איז מיר ניט גוט, פיר מיך אין בעט אַריין, — ער נעמט פּלוצעם אַרום עקיבאן. — ס׳איז אַ ליגן, וואָס דאָסטאָיעווסקי זאָגט, אַז מ׳קאָן אויף אַ הויכן פעלדז אין מיטן אַ שטורמישן ים אַוועקשטעלן אַ מענטשן אויף איין פוס, און דער מענטש וועט אַזוי, אויף דעם איינעם פוס, אָפּשטיין דאָס גאַנצע לעבן.

ער רעדט גיך, דניאל, שלינגט האַלבע ווערטער: — ס׳אַ ליגן, אַ מענטש קאָן ניט שטיין אויף איין פוס, ווי אַ גאָנער. און ער זאָגט דאָך ניט, וויפל אַזאַ לעבן קאָן דויערן. צי וויל ער אפשר זאָגן, אַז מיט אַ מענטשן קאָן מען טאָן אַלץ? דאָס איז אויך אַ ליגן. אַזעלכע איינפוסיקע העלדן ווערן געבוירן נאָר אין קרענקלעכע מוחות. בכלל זיינען דאָסטאָיעווסקיס אידייען קרענקלעכע. אַ מענטש מוז האָבן די ערד. ער מוז שטיין מיטביידע פיס אויף איר. און ניט נאָר שטיין, אַרומגיין מוז דער מענטש, און די ערד טאָר ניט זיין קיין אויסגעברענטער מדבר, אַ בליִענדיקער גאָרטן דאַרף זיין די ערד... שיין דאַרף זיין די ערד, אין צוויט דאַרפן שטיין אירע סעדער.

און אָנגעשפּאַרט אויף עקיבאס האַנט, שאַרט דניאל די פיס איבער דער ערד, דרייט דעם קאָפּ אַהין, צום בערעזענעם וועלדל, וואָס שטייט שוין אין נאַכט. און נאָר איין ליכטיקער פלעק — אַ סימן פון דער נאָר וואָס אויס־געלאָשענער שקיעה — וויגט זיך אויף אַ שפּיץ צווייג אין הימל.

אין הויף, צוגעדעקט מיט דער בורקע, מיט דער מאָרדע אין וואָגן אַריין, שטייט די ווייסע בייכיקע שקאַפּע, וואָס אונטער וועגנס דאַרף זי אַלץ

הערן און וויסן. אַצינד, ביי דער אַכילה, פירט זי ביַיז דעם איינגעשניטן־צעשפּאָלטענעם אויער, פּייערט מיט די אויגן אויף דער רויטער קו, וואָס שלעפּט ביי איר מיט די ווייכע שוואַרצע ליפּן אַ הויפן קאָנישינע פון וואָגן אַרויס.

דניאל פאַרהאַלט די טריט. ער קוקט מיט אַ ביטערן שמייכל אויף דער רויטער קו מיט דעם אָפּגעבראָכענעם האָרן... און דערזעט זיך שטיין דאָרטן, אין יענעם בלוי־געפאַרבטן צימער, ווו הינטער די הויכע ברייטע פענצטער ליגט פאַר די אויגן די גאַנצע שטאָט — די שטאָט פון האַנדלס־פאַרמיט־לערישע אַנשטאַלטן, קרעדיט־קאָנטאָרן, מיט די טויזנטער סוחרים און מעקלער, פאַבריקאַנטן און פּריצים, אַדל־לייט און פירשטן... די פּילצאָליקע גאָלדפאַרביקע שילדן שרייען, די בונט־קאָלירנדיקע שויפענצטער רופן און מאָנען. אויף אָפענע פאַעטאָנען, דראָשקעס, געשפּאַנטע אין הייסבלוטיקע פערד, טראָגן זיך אויף די אָנגעבלאָזן־גומענע רעדער אויסגעפּוצט־אויס־געקליידטע און אויסגעצירטע פרויען, און אַרום זיי מאַנצבלען, בערדיקע און געגאָלטע. די פּנימער ביי זיי ברענען, ווי די געשייערטע מעשענע קנעפּ אויף זייערע ווייסע קיטלען. ערגעץ צווישן זיי דאַרף דאָ זיין אויך איווע...

אויף די בערג, לענג־אויס דעם דניעפּער־טייך, שטייען די סעדער־פאַרקן אין סאַמע בלי. די קאַשטאַנען־ביימער בייגן זיך אונטער די בלוי־ווייסע בעכער צוויט. די פּילצאָליקע קלויסטער־קופּאָלן בליצן מיט זייער גאָלד אויף דער זון. און אַרויפצו, דאָרטן אין פאָרשטאָט, ליגן איינס צום אַנדערן קליינע הייזקעס, ווי אַרויסגעוואָרפענע קעסטלעך אויפן מיסט. דער דניעפּער־טייך שעמערירט און טראָגט מיט געמורמל אויף זיינע געדיכט־בלויע וואַסערן די פּילצאָליקע שפּאַציר־שיפלעך, ליידיקגייערישע דאַמ־פערלעך. די גרויסע שטאָט איז פול מיט שטויב, מיט רויש און טומל, מיט חניפה, זנות און פאַלשקייט.

און דאָרט, ווו ער דניאל שטייט, אין יענעם געפאַרבטן בלויען צימער — איז ערב־יומטובדיק שטיל. דניאל פילט זיך דאָ אימהדיק פרעמד, אַ ניט־געבעטענער און אַן אָנגעוואָרפענער. ער דערפילט זיך דאָ, ווי אַ שטיק מעבל, וואָס ער, דניאל דאַרף דינען, ווי אַלץ, וואָס דאָ אין הויז איז, —

פֿאַר דעם פֿרעמדן אויג. אַלץ ווערט דאָ געטאָן און אַרויסגעשטעלט צוליב באַרימערײַ און גאווה. אַהער, אין אָט דעם בלוי־געפּאַרבטן צימער, ווו די סטעליע מיטן באַגילדעטן געשפּיצטן אָרנאַמענט שפּיגלט זיך צוזאַמען מיטן קרישטאָלענעם הענגלײַכטער אין דעם געוועקסלט־בליאַסקענדיקן פּאַרקעט, אַהער קומט קיין אמת־מענטשלעכער יום־טוב קיין מאָל ניט אַרײַן. דאָ איז תמיד אָט אַזוי לײַטיש און ערב־יומטובדיק נאָר פֿאַר דער וועלט.

אויף די ראָזעווע מירמל־טישלעך שטייען פֿאַרשיידענע בראָנדזענע סקולפּטורלעך: אַ נאַקעט־געזונטער מאַנצביל מיט אַן אַסירישער באָרד און אויף דער פּלייצע צוויי פֿונאַנדערגעשפּרייטע פֿליגל. אַ ביסל ווײַטער, לעבן אַ קבורה־ארון, וואָס איז אַרומגעפֿלאָכטן מיט קרענץ, שטייט נאָך אַ נאַקע־טער, אָבער שוין אָן אַ באָרד, דערפֿאַר אָבער מיט זייער אַ טרויעריקן בליק, און האַלט אין דער האַנט אַן אויסגעלאָשענעם לײַכטער. אויף אַ באַזונדער טישל, אין סאַמע אויבנאָן, שטייט אַ יונגע נאַקעטע פֿרוי מיט אַ קראַנץ אויפֿן קאָפּ און שפּילט אויף אַן אַרפֿע.

— ווּהין איך וואַרף ניט קיין אויג, — דערהערט עקיבא ווידע־דניאלס קול — אומעטום נאַקעט, נאַקעט און נאַקעט.

— וועגן וואָס רעדסטו, דניאל?

— און איך, דער נאַר, האָב געפֿירט אַהין מײַן בהמה...

עקיבא פֿילט, ווי דניאל טרייסלט זיך בײַ אים אויף די הענט.

— פֿון וואָס לאַכסטו? וועלכע בהמה?

— עקיבא־פֿרײַנד, כ׳בין דאָך טאַקע געפֿאָרן. איך האָב נאָך אַ מאָל געפּרוּווט אָוועקלייגן מײַן דאַליע אויף דער פֿרעמדער וואָגשאָל... כ׳האָב געפֿירט אַהין מײַן בהמה. דו פֿרעגסט מיך אַפֿילו ניט?

— ס׳זאָל זײַן עפּעס גוטס, וואָלסטו מיר אַליין דערציילט.

— אַכט טעג נאָך אַנאַנד האָב איך זיך געשלאָגן, אַז דער באַרימטער מעצענאַט זאָל מיך אויפֿנעמען. צוויי בריוו האָב איך אים אָנגעשריבן... און ווען ער האָט מיך סוף־כל־סוף אויפֿגענומען, איז זײַן ערשטע פֿראַגע געווען: „איר רעדט בלויז זשאַרגאָן?" דו הערסט, עקיבא־פֿרײַנד, מיר ריידן מיט

דיר, ווי יענע געוויסע לייט פון דער אונטערוועלט, אויף גנבה־לשון, אויף אַ זשאַרגאָן... „כ׳האָב זיך, זאָגט ער, אַזוי טאַקע פאַרגעשטעלט, המ־מ... כ׳האָב געלייענט אייערע בריוו. איר לעבט אין אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף, אייער פאָטער האַנדלט מיט עפּל... פריִער זייט איר געווען אַ מלמד, כ׳מיין אַ לערער... דערנאָך האָט איר געטריבן פליטן. איך האָב אַפילו געלייענט אייערן אַ בריוו צווישן מיינע פריינד און באַקאַנטע... זייער אינטערעסאַנט.״ און דאָ עקיבא־פריינד, קומט אַריין אַ פרוי אין אַ ווייס זיידן קלייד, אין אַ גרויסן הוט, אונטער אַ וואַל... איווע! מיר האָט זיך אָפּגעריסן דאָס האַרץ. מ׳דאַרף לויפן, טראַכט איך זיך, מ׳דאַרף לויפן, וווהין די אויגן טראָגן.

— וואָס טראַכסטו אויס, ווי קומט אַהין איווע?

— מיר האָט זיך אין יענער רגע געדאַכט: ס׳איז אַריין איווע... און וואָס איז דען די נפקא־מינה, וואָס איז דער חילוק צווישן זיי? צי די איווע, צי יענע איווע?... „עטאָ ניע נאַדאָלגאָ, — זאָגט ער צו איר. — פאָסידי, דאָראָגאַיאַ״.*) איך פיל, עקיבא, אַז ס׳קאָכט אין מיר דער גיהנום, ס׳האָט זיך אָנגעצונדן אין מיר דער באַיאַרישער כעס... און ער פרעגט מיך „איר האָט ערגעץ געלערנט, שטודירט?״ איך פיל, עקיבא־פריינד, ווי ס׳ווערט מיר טרוקן אין האַלדז. איך דריי דעם קאַשקעט איןביידע הענט: ווו האָב איך געלערנט? ווו האָב איך שטודירט? און פאַר מיינע אויגן שטייט אויף די ישיבה... איך מיט דיר, עקיבא, דאַווענען מיט ברען, מיט התלהבות, באַגיסן זיך מיט טרערן, פאַסטן צו עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד... ווינטער טובלען מיר זיך אין אַ פּאָלאַנקע. מעתלעתנווייז שטייען מיר מיט באָרוועסע פיס אויף טרוקענעם אַרבעס, חדשימווייז שוויגן מיר... ווי אַזוי זיינען מיר, עקיבא־פריינד, ניט אַרויס פון דער ישיבה קיין גייסטיקע און קיין פיזישע קאַליקעס, דאָס איז פאַר מיר ביז היינטיקן טאָג אַ סוד און אַ גרויסער נס.

— וואָס זשע האָסטו אים געענטפערט?

— וואָס זאָל איך אים, עקיבא־פריינד, ענטפערן? אַז מיין מזל דאַרף

---

*) דאָס איז ניט אויף לאַנג. זיץ, טייערע (רוסיש).

זיך באַלד לייגן אויף זיין וואָגשאָל... ער באַטראַכט מיך מיט אַ געמאַכט שמייכעלע, מיט אַ גוטמוטיק שמייכעלע. איך באַטראַכט אים אויך, דעם באַרימטן מעצענאַט. כ'האָב דאָך אין משך פון אַכט טעג זיך ניט געקאָנט דערשלאָגן צו אים. אויף דער אַכסניה זיינען אַלע נאַכט אָבלאַוועס. די נעכט זיץ איך איבער אויפן בוידעם.

— דניאל, לאָמיר שוויגן, שוויג, דניאל.

— יאָ, יאָ, עקיבא־פריינד, לאָמיר שוויגן... דער מעצענאַט שטייט צו מיר מיט אַ זייט. כ'האָב דיר פאַרגעסן זאָגן, די האַנט האָט ער מיר ניט געגעבן, ער האָט נאָר אַ שאָקל געטאָן צו מיר מיטן קאָפּ. שטייט ער צו מיר מיט אַ זייט, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ גרויסן פּליכעוואַטן קאָפּ, אויף דעם בלייך־קיילעכדיקן פּנים אַ פּאָר געכאָוועטע שוואַרצע וואָנצעס און אַ געפּעסטעטע קמץ־בערדל.

— דו באַמאָלסט אים פיין, — צעלאַכט זיך עקיבא, — איך שטעל זיך פאָר, ווי איר שטייט ביידע און באַטראַכט איינער דעם צווייטן... נו, און די יפהפיה?

— נו, — זאָגט ער צו מיר, אַלץ מיט יענעם גוטמוטיקן פּריקרען שמייכעלע. זיין שמייכעלע דאַרף מיר, דעם דאָרפסיונג, אונטערהאַלטן און מונטערן. — נו, מאַעסטראָ, באַווייזט אייער אַרבעט! — איך הייב אָן צו צעבינדן, הייבט ער אויף אַ האַנט מיט שרעק: ניט אַלע, ווייזט מיר, מאַעסטראָ, איין בילד... נו, צוויי, שטעלט זיי אַוועק אַהינצו, דאָרט פאַלט גוט די שיין. „סייטשאַס, דאָראָגאַיאַ, סייטשאַס".*) עקיבא־פריינד, ס'ציטערן ביי מיר די הענט... יאָ, יאָ, לאָמיר שוויגן. כ'האָב אים באַוויזן די רויטע בהמה מיטן אָפּגעבראָכענעם האָרן.

— נו, געפעלן געוואָרן?

— זייער געפעלן געוואָרן... איך זע, ווי ער שלעפּט אַרויס אַ ווייס טיכעלע און טראָגט עס אונטער אַזוי גיך צו דער נאָז, ווי פון מיין בילד וואָלט אויף אים אַ שלאָג געטאָן אַ ריח פון הני. סייטשאַס, זאָגט ער,

*) באַלד, טייערע, באַלד (רוסיש).

דאָראָגאַיאַ, סייטשאַס! — אין דעם גרויסן שפּיגל מיט דער באַגילדעטער ראַם זע איך איווען... אָט, טראַכט איך זיך, וואָס איז געוואָרן פון יענער איוועו... זי זיצט אויפן דיוואַן, אַ שיין פּנים מיט מידע אויגן. זי גענעצט אין האַנט אַריין און באַטראַכט מיינע הויזן. כ׳טו אויך ניט ווילנדיק אויף זיך אַ קוק אין שפּיגל — מיינע הויזן, וואָס מלכה האָט אַזוי געטריי צוויי מעת־לעת גערייניקט און געפּרעסט, די הויזן גלאַנצן, ווי אָפּגעשיילטע ציבעלעס. און פון אונטער די קאַלאָשעס קריכן אַרויס די כאָליוועס פון די שטיוול... יאָ, יאָ, עקיבא־פריינד, מער רייד איך ניט... לאָמיר שווייגן. דערנאָך, האָב איך שוין נאָר געזען, ווי זי דערלאַנגט מיר אַ רויט פּאַפּירל, אַ צענערל... עקיבא־פריינד, עקיבא־חבר, וואָס האָסטו זיך אָפּגעשטעלט? פיר מיך, פריינד מיינער, אין בעט אַריין.

ח

ביים אַריינגיין אין שטוב שטאַרקט ער זיך, דניאל, מאַכט אַ פריילעך פּנים, וויל זיין אייגענעם מצב אויסבאַהאַלטן — ס׳זאָל חלילה אויף קיין האָר ביי טאַטע־מאַמע ניט פאַרמינערט ווערן די פרייד, וואָס איז אין שטוב אַריין מיט אַברהמס אומקערן זיך. מ׳האָט דאָך שוין אים, אַברהמען, גע־האַלטן פאַר אַ נפטר. ס׳האָט זיך שוין לאַנגע יאָרן אַזאַ געשמאַקע פרייד אין אַזאַ פרייטיק־צונאַכטס אין שטוב ניט געפילט.

אויף דעם ווייס־געשפּרייטן טיש, אין די אויסגעריבענע מעשענע לייכטער ברענען זייער קנאַקנדיק און העל די היימישע, די אַליין־געצויגענע געל־חלבנע ליכט. די צוויי חלות זיינען איבערגעדעקט מיט אַן אויסגענייטן האַנטעך.

— אַ גוט־שבת, — זאָגט דניאל, אַריבערטרעטנדיק די שוועל, און שמייכלט צו אַלעמען, באַזונדערס שמייכלט ער צום ברודער, וואָס זיצט צווישן די קישנס אַ צעשטראַלטער. און דאָך זעט דניאל אין אַברהמס אויגן עפּעס דערשראָקנס, עפּעס אימהדיקס: עפּעס ליגט אים זייער שווערס אויף דער נשמה... מ׳וואָלט באַדאַרפט שיקן נאָך דאָבציען. ער וואַרט אויף איר, זוכט זי מיט די אויגן.

דניאל שמייכלט צום ברודער מיט דאַנקבאַרקייט. מיט זיין קומען אַהיים האָט אַברהם אים, דניאלן, געטאָן אַזאַ טובה, אַז ס׳איז גאָר ניט אָפּצושאַצן. ער וועט זיין די גאַנצע טרייסט — טראַכט דניאל וועגן דעם ברודער, — ער וועט זיין דער איינציקער אָנשפּאַר דעם טאַטן מיט דער מאַמען אויף דער עלטער. ער אַברהם, האָט געירשנט דעם טאַטנס גבורה און דער מאַמעס הכנעה. מ׳וועט אים מסתמא רופן שפּעטער אין דער משפּחה ווי מ׳רופט איצט די מאַמע „דער שטילער זומער". אַברהם וועט אויך, ווי די מאַמע, טראָגן דעם יאָך רויק. די שטילקייט פון די וועלדער וועט אים ניט פאַרכישופן. אמת, ס׳קאָן אוודאי טרעפן, אַז זיין נשמה זאָל אַ מאָל אויך אויפגעטרייסלט ווערן. אָבער דאָס קאָן געשען ניט אַזוי גיך. אַברהם געהער דערווייל ניט צו די, וואָס זעען אַליין, באַנעמען אַליין און מאַכן אַליין חשבונות. ניין, טראַכט דניאל, אַברהם איז, אַ דאַנק גאָט, ניט כיירוס.

— אַ גוט־שבת, אַ גוט־יאָר דיר, דניאל, אַ גוט־שבת, אַ גוט־יאָר דיר, עקיבא, אַ גוטן תמיד אייך, קינדער, — ענטפערט „דער שטילער זומער".

— וואָס שטייט איר, קינדער, ביי דער טיר? אפשר אייך געבן דעם סידור, וועט איר נעמען אַ יידיש וואָרט אין מויל אַריין? דו לאַכסט, עקיבא, לאַך, לאַך פון אַ נאַרישער יידענע. ווי איר ווילט אייך, אַז איך זאָג אָפּ אַ שטיקל תחינה, גייט מיר אָפּ דאָס האַרץ... און איר, האָט קיין פאַראיבל ניט, לייענט די ביכלעך, איר לייענט און לייענט, און וואָס מער איר לייענט, אַלץ מער קרעכצט איר... האָט קיין פאַראיבל ניט אויף מיינע רייד.

— עקיבא־פריינד, דו הערסט דיבורים?

— דיין מאַמע רופט אויך: יידישע קינדער, גייט בעסער אין קלויז אַריין, פראַוועט תעניתים, דאַוונט אין צוויי פּאָר תפילין, און גאָט וועט אייך אַראָפּברענגען משיחן.

— ניין, ניין, עקיבא, ניט דאָס מיינט זי... זי מיינט די נשמה. אַ מענטש, זאָגט זי, דאַרף האָבן אַ גאָט, ער דאַרף האָבן, פּ אַ ר וועמען ער זאָל קאָנען אויסגיסן דאָס האַרץ... מאַך ניט אַוועק אירע רייד מיט דער האַנט.

און דניאל קוקט מיט ליבשאַפט אויף דער שבתדיקער מאַמע: אין דער „מאַטענע" מיט די ברייטע אַרבל, אין דעם זיידענעם טיכל. די דריבנע

קנייטשעלעך אַרום די אויגן שײַנען. די אויגן זײַנען איר אויסגעלייטערט געוואָרן און זײַנען פֿול מיט גליק. זי קלאַפּט אונטער די קישנס, פֿאַרריכט אַברהמען דעם צודעק, זי זוכט אויס אַלע מאָל אַן אַנדער סיבה, אַבי פֿון זײַן בעט ניט אַוועקצוגיין.

דער פֿאָטער שטייט אויף ביים בעט. ער האַלט מיט ביידע הענט דעם זונס האַנט און איז מקבל־שבת מיט זײַן זינגעוודיקן האַרציקן קול.

— עקיבא־פֿרײַנד, פֿאַרמאַך די אויגן און הער זיך צו, הער זיך צו, וויפֿל טרויער און וויפֿל גלויבן אין אָט דעם קול.

— נו, וועגן דײַן טאַטן דאַרפֿסטו מיר ניט דערציילן... פֿאַר וואָס האָסטו אים קיין מאָל ניט געמאָלט?

— ניט פֿאַר מײַנע כוחות. ער איז פֿאַר מיר צו ערנסט און צו טײַער, איך זאָל אויף דעם וואַגן, מיט העזה אַליין... ניין, עקיבא, ניט פֿאַר מײַנע כוחות, מײַן טאַטע... דאָ דאַרף מען מאָלן ניט ד ע ם  ט אַ ט ן, נ אָ ר  אַ  ג אַ נ צ ן  ד ו ר...

און אין דניאלן טוט זיך אויף אַ רגע אַ צינד אַן דער כוח הדמיון. ס׳ווערט אים גלײַך הייס — ער דערזעט פֿאַר די אויגן יענעם יצחק באַיאַר... דעם הויכן, דעם ברייטפּלייציקן קנאָכיקן ייִד מיט דער לאַנגער שוואַרצער שמאָלער באָרד. אָבער גלײַך ווערט ער אויסגעלאָשן: דאָס אַלץ איז בלויז דאָס אויסערלעכע — ניט אין דעם שטעקט יצחק באַיאַר. ער קאָן, פֿאַרשטייט זיך, מאָלן דעם טאַטנס אײַנגעבויגענע פּלייצע, — דער אײַנגעבויגענער רוקן איז דאָך אָבער ניט קיין פֿיזישער פֿעלער. ניין, דער רוקן איז ביי אים אײַנגעבויגן, ווײַל ער ריכט זיך תּמיד אויף אַן אומגעריכטן קלאַפּ. ער האַלט דעם קאָפּ פֿאַרנייגט צום אונטערגעהויבענעם אַקסל, דעם האַריקן אויער אָנגעשטעלט, די אויגן פֿאַרמאַכט, ווײַל ער הערט זיך תּמיד צו:

— דער אומגליק גייט נאָך ניט?

נאָר אויפֿן פּנים ליגט ביים טאַטן יענע עקשנותדיקע מינע, וואָס זאָגט:

— אומזיסט די טירחה, מיך ברעכט מען ניט!

און אַ טיף־באַליידיקטער און אַ שולדיקער פֿאַר אַלעמען — הלמאַי ער איז יאָ צעבראָכן געוואָרן, אָבער נאָך אַלץ מיט יענעם אָנגעשטרענגטן

פֿריילעך־געמאַכטן פּנים, נעמט דניאל אַרום עקיבאס אַקסל, ווי ער וואָלט דערמיט פּשוט אויסגעדריקט זיין צופֿרידנקייט פֿונעם חברס קומען, און לאָזט זיך גיין ווייטער, שאַרנדיק די פֿיס איבערן דיל, אין צווייטן, אין טונקעלן צימער אַריין.

— כ'האָב געמאָלט, עקיבא־פֿריינד, ביימעלעך, קוויטעלעך, שיִע־פּיִע... נאָר אָנמאָלן דעם טאַטן, שאַפֿן אַ יצחק באָיאַר?.. דאָס, מיין חבר, דאָס איז געווען ניט פֿאַר מיינע כּוחות. און אויב מ'קאָן ניט שאַפֿן אַזאַ בילד, טאָ זאָל פֿאַרשאָלטן ווערן יענער טאָג, ווען כ'האָב גענומען דאָס פּענדזל אין האַנט אַריין.

און ליגנדיק שוין אויפֿן באַנקברעטל מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן — דער באַרגבוים צייכנט עפּעס מיט דער קרומער צווייג איבער דער וואַנט — דערזעט דניאל אויפֿן שוועל זיין זון. ער שטייט אין דער טיר, ווי אין אַ ליכטיקער ראַם.

— שמואליקל, ווּ ביסטו געווען?

— די מאַמע האָט מיר געוואַשן דעם קאָפּ, מיך איבערגעטאָן.

דער זון שטייט אויף דער שוועל אַ פֿאַרפּאַליעטער, אין די שבתדיקע מלבושימלעך. די טונקל־קאַשטאַנאָווע קרויזן, נאָך נאַסע פֿונעם צוואָגן, קלעפּן זיך צום הויכן ווייסן שטערן. די אויגן ביי אים אַזוינע שוואַרצע — מ'זעט גאָר קיין ווייסלען ניט.

— וואָס זשע שטייסטו אויף דער שוועל? קום, וועל איך דיר דערציילן אַ מעשׂהלע.

— וועגן וואָס?

— ווּעסטו שוין הערן.

דניאל באַמערקט, אַז דאָס קינד געפֿינט זיך אין אַ מין פֿאַרלעגנהייט — ווייסט ניט וואָס צו טאָן: זאָל ער גיין הערן אַ מעשׂהלע צי ניט? חידושט עס אים. ס'איז דאָך ניטאָ קיין טייערערס פֿאַר שמואליקן, ווי אַ מעשׂה. פֿאַר וואָס זשע שטייט ער נאָך אַלץ אויף דער שוועל? די שוואַרצע קרומע ברעמען גייען זיך ביים קינד צונויף. עפּעס רעדט ער מיט זיך אַליין.

ביי דניאלן רייסט זיך אַרויס אַ ווייטיקדיקער קרעכץ, — וואָס שטייט

פאַר דעם זון אין לעבן ? ווער זיין גורל זיין אַ ליכטיקערער ? וואָס וועט פון אים אויסוואַקסן ? ווי אַזוי וועט ער וואַקסן אָן אַ טאַטן ? — אַט אַ־די אַלע פראַגעס האָבן מיט אַ מאָל געטומען אים מאַטערן. זיי מאָנען און פאָדערן אַן ענטפער.

און דאָ קומט נאָך צו יענע אייביקע, יענע ווייטיקדיקע פאַר אַלעמען פראַגע:

— און ווו וועל איך זיין ? צי דען טאַקע בלייבט פונעם מענטשן נאָר אַ ביסל שטויב ? און דאָס איז גאָר ? און די וועלט גייט זיך ווייטער, די זון וועט ווידער אויפגיין...

פלוצעם לויפט צו אים צו שמואליקל, שטעלט זיך מיט די קניעלעך אויף דעם באַנקבעטל, בייגט זיך אָן און שפּאַרט אָן דעם קין אָן דעם פאָטערס ברוסט — אין די אויגן ברענען ביי אים בייזע פייערלעך.

— פאַר וואָס שרייסטו אויף דער מאַמען ? די מאַמע זאָגט, אַז אָדער דו שרייסט אויף איר, אָדער דו רעדסט מיט איר ווי מיט אַ קראַנקער ?

דניאל טוט אַ ציטער. ער גלעט דעם זון איבערן קאָפּ האָר:

— דאָס האָט דיר, שמואליקל, די מאַמע געהייסן ?

— ניין, טאַ, ניין... זאָג מיר, ווער איז יענע מומע, וואָס איז היינט געשטאַנען לעם דיר ? די מאַמע האָט אַזוי געוויינט, ווען יענע מומע...

— שמואליקל, — טוט אים אַ רוף עקיבא, וואָס זיצט ביים פענצטער און הערט זיך צו צו דעם געשפּרעך, — אויף אַזאַ פייפעלע ביסטו אַ בעלן צו שפּילן ?

דניאל אָטעמט אָפּ גרינגער. עקיבא איז אים באַצייטנס געקומען צו הילף. וואָס וואָלט ער געקאָנט ענטפערן דעם קינד ?

ער בלייבט ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. זיין האַרץ ווערט פול מיט שרעק: וועט אים שמואליקל אַ מאָל פאַרשטיין ? גיכער, ניט. ווען ער וועט אויסוואַקסן, וועט ער בכלל אויסמיידן צו ריידן וועגן דעם פאָטער. ער וועט פשוט ניט וועלן ריידן אויף זיין אייגענעם פאָטער קיין שלעכטס. ביי זיך אין האַרצן וועט ער אים האַלטן פאַר אַ טשיקאַוון שלימזל, פאַר אַ האָן וואָס איז פאַרקראָכן צווישן אָדלערס... ער וועט, פאַרשטייט זיך,

וועגן דעם קיינעם ניט זאָגן. ער וועט שטענדיק וואַרטן, עמעצער זאָל זאָגן אויף זיין פאָטער אַ גוט וואָרט, עמעצער זאָל קומען און ברענגען אַזאַ וואָרט.

און עקיבא פייפט. אַזוי פייפט די לערכע אין די זומערדיקע פאַרטאָגן. די זון גייט אויף, און די לערכע פליט אַרויף הויך איבערן פעלד און בלייבט דאָרטן הענגען, ווי אויף אַ שנירל. פון דאָרטן, פון אונטער דער זון, טראָגט זיך איר געזאַנג. זי פאָכעט מיט די פליגעלעך און פייפט, פייפט... און אָט אַזוי פייפט אין די צעבליטע מיי־נעכט אין די סעדער אָדער אין די קוסטעסביים טייך דער סאָלאָוויי.

שמואליקל לויפט צו צו עקיבאַן און וויל ביי אים אַרויסנעמען פון מויל דאָס פייפעלע, נאָר קיין פייפעלע איז ביי עקיבאַן אין מויל ניטאָ.

— אויף וואָס האָט איר געשפּילט? — פרעגט איבערראַשט שמואליקל.

ער פירט עקיבאַן פאַר דער האַנט צו דער אָפענער טיר, צו דער שיין.

— אויף וואָס האָט איר געשפּילט?

— אויף אַ גאָלדן פייפעלע מיט זילבערנע רייפעלעך.

— און איר האָט עס אַראָפּגעשלונגען?

עקיבא צעלאַכט זיך:

— המ־מ... אַראָפּגעשלונגען.

שמואליקל בלייבט שטיין באַצאַרנט. די קרומע ברעמען גייען זיך ווידער צונויף: אויך ער, דער פעטער עקיבא, אויך ער איז אַן אָפּנאַרער? היינטיקן זומער האָט אים דער זיידע דאָס ערשטע מאָל מיטגענומען מיט זיך אויפן יאַריד. מ'האָט אָנגעשאָטן דאָרטן אין סאָד דעם וואָגן מיט עפּל, און ביידע, ער, שמואליק, מיטן זיידן, פאָרן אין שטעטל אַריין. דער זיידע האָט אים, ווען מ'איז אַרויסגעפאָרן אויפן גלייכן וועג, איבערגעגעבן די לייצעס מיט דער בייטש.

— טרייב אָן!

דער זיידע רעדט צו אים, ווי צו אַ דערוואַקסענעם:

— זע, דו זאָלסט אַכטונג געבן, אַז די חברה־לייט, די שקצים, זאָלן ניט שלעפּן קיין עפּל פון וואָגן. זיי צעגנבענען די גאַנצע פרנסה.

— זאָלן זיי נאָר פּרוּוון צוגיין, וועל איך זיי אַזוי געבן מיט דער בייטש...

די ייִנגלעך אין שטעטל זײַנען אָבער שמואליקן אַזוי געפעלן געוואָרן, — באַזונדערס יענער, וואָס מיט דעם אָפּגעריסענעם דאַשעק, דער „שוואַרצער" מיטן קרומען פּיסל, — זיי באַווייזן אַזעלכע קונצן, אַז שמואליק האָט אויפֿגעהערט זיי אָפּצוטרייבן פֿונעם וואָגן. שפּעטער האָט ער שוין ניט געקאָנט בײַשטיין און איז גאָר צו זיי פֿונעם וואָגן אַראָפּ.

און דאָ איז יענער, מיט דעם אָפּגעריסענעם דאַשעק, דער שוואַרצער, וואָס מיטן קרומען פּיסל, צוגעגאַנגען צו שמואליקן:

— דיר באַווייזן אַ פֿאָקוס?

— באַווייז...

— דו זעסט דאָס שטייגדל? נאַ, באַטאַפּ עס. ס'איז אַן אמת שטיינדל, חי אדוני! כ'האָב עס געפֿונען בײַם טײַך אין זאַמד. אַ יאָ, אַ גרויס שטיינדל?

— נו, איז וואָס, — פֿאַרשטייט ניט שמואליק, — און אַז ס'איז אַ גרויס?

— איז נאַ דיר דאָס שטיינדל, — זאָגט דער שוואַרצער, — נאַ, נעם, לייג עס מיר אַרײַן מיט דײַנע הענט אין מויל אַרײַן.

ער עפֿנט דאָס מויל, און שמואליק לייגט אים דאָס שטיינדל אַרײַן.

דער שוואַרצער מאַכט צו דאָס מויל, פֿאַרקוועטשט אַן אייגל, דאָס קאַרטאָפֿליע־נעזל טוט אים אַ מאָדנע שפּרונג אַראָפּ צו דער אייבערשטער פֿאַרריסענער ליפּ. דערנאָך זאָגט ער עפּעס אַ שפּריכוואָרט און עפֿנט אויף דאָס מויל.

— וואָס זשע איז דער פֿאָקוס? — פֿרעגט שמואליק. — אָן־אָ ליגט דאָך דאָס שטיינדל בײַ דיר אונטערן צונג. אַזוי קאָן איך אויך.

— באַלד וועט עס ניט זײַן, — זאָגט דער שוואַרצער, — זעסט, דאָס שטיינדל איז דאָ? באַלד וועט עס ניט זײַן.

ער פֿאַרקוועטשט ווידער דאָס אייגל, צעשפּרייט די הענט, דרייט זיך דורך אַ פּאָר מאָל אויפֿן קרומען פּיסל, שטעלט זיך אָפּ און עפֿנט דאָס מויל... — ליידיק! דאָס שטיינדל איז אין מויל ניטאָ — שמואליק בלײַבט פֿאַרגאַפֿט, נאָר דאָ דערהערט ער דעם זיידנס קול:

— מ'קאָן זיך אויף דיר שיין פֿאַרלאָזן, אַ פֿיינער שומר. אויף מײַנע שונאים געזאָגט געוואָרן. וווהין קוקסטו?

ער דרייט זיך אויס, שמואליק; אין וואָגן, אין דער דראַבינע, איז דורכגעלעכערט די שטרוי און די יינגלעך שלעפּן עפּל.

— אַ פיינער שומר! וואָס שטייסטו, ווי אַן אויסגעמאָלקענער?

שמואליק איז ביי זיך אַזוי געפאַלן פון דעם זיידנס רייד, אַז ער צעוויינט זיך. מ׳האָט אים געשטעלט צום נאַר. דעם גאַנצן טאָג איז ער געזעסן אויפן וואָגן אַ דערשלאָגענער. ס׳האָט אים אָבער אויך געמאַטערט צו וויסן: וווהין איז אַהינגעקומען דאָס שטיינדל פון מויל?

צו פאַרנאַכט־צו, דער יאַריד הייבט זיך שוין אָן צעפאָרן, דערזעט שמואליק ווידער אויפן מאַרק יענעם שוואַרצן מיטן קרומען פיסל. שמואליק איז אַראָפּגעשפּרונגען צו אים:

— כ׳וועל דיר געבן צוויי עפּל, נאָר זאָג, ווי אַזוי מאַכסטו דעם פאָקוס?

— גיב פיר, פיר גיב, — זאָגט דער שוואַרצער, — נאָר גרויסע...

שמואליק, פאַרגעסן אָן דעם רוגז מיטן זיידן, לויפט צו צו אים און בעט ביי אים אויס פיר גרויסע עפּל.

— נאָ!

— דער איז אַ ווערעמדיקער, — זאָגט דער שוואַרצער, — גיי ברענג אַן אַנדערן, פאַר אַזאַ פאָקוס קומט זעקס עפּל.

שמואליק לויפט ווידער צום זיידן. יצחק באַיאַר, אַ פאַרנומענער און אַ פאַרהאָוועטער מיט די קונים — די ווייבער פאַרשיטן אים מיט ניין מאָס רייד, בורטשעט פון אומצופרידנקייט אויפן איניקל, דאָך בייט ער איבער דעם עפּל.

— מיט וועמען פירסטו עס האַנדל?

שמואליק האָט קיין צייט ניט צו דערקלערן און צו ענטפערן. ער יאָגט אויף צוריק צום שוואַרצן. יענער, מיט ישוב־הדעת, באַטראַכט דעם עפּל פון אַלע זייטן. געפינט אין אים קיין פעלער ניט, טוט ער מיט דער דלאָניע פון אונטן אַרויף אַ וויש דאָס פליישיקע נעזל און לייגט פאַרזיכטיק אַריין אויך דעם לעצטן עפּל אין בוזעם, הינטער דער העמד.

— נו? — פרעגט ביי אים שמואליק מיט אומגעדולד.

— וואָס נו?.. דורען! דאָס שטיינדל שלינג איך פשוט אַראָפּ.

דער שוואַרצער צעלאַכט זיך, טוט זיך רונד אַרום אַ דריי אויפֿן קרומען פיסל, שטעקט אַרויס די צונג און פֿאַרשווינדט צווישן די וועגענער.

...שמואליק, אַ באַצאַרנטער, קוקט פֿון אונטער די קרומע צוזאַמענגעצויגענע ברעמען אויף דעם לאַכנדיקן עקיבאַן.

— איר האָט אויך אַראָפּגעשלונגען — פֿאַרקרימט ער זיך. — דאָס איז דאָך ניט קיין פּאַקוס.

און ער גייט צו צו דניאלן:

— טאַ, דו, דו... האָסט אַ מאָל עמעצן אָפּגענאַרט?

— ניין, מיין קינד, אַנטקעגן וואָס פֿרעגסטו?

— טאַ, איך וועל קיין מאָל, קיינ־מ־אָ־ל ק־ייי־נ־ע־ם ניט אָפּנאַרן... און שמואליק לויפֿט אַרויס.

דניאל טוט אַ שלונג די לופֿט. דעם קינדס ווערטער האָבן געקלונגען ווי אַ שבועה. ס׳דוכט אים, ער איז אין דעם אַפילו זיכער, דאָס קינד טייטלט אויף עפּעס אָן. ער האָט, דוכט זיך, נאָר וואָס אים, דניאלן, באַשולדיקט אין זייער שרעקלעכס.

— עקיבא־פֿריינד, ביי ניין יאָר לעבט שוין שמואליק איבער אַ גרויסן בראָך. דאָס קינד האָט דערזען אַרום זיך גאָלע ליגן...

— דו טראַכסט וועגן דעם, דניאל, צו ערנסט, גלייב מיר, אַז שמואליק מיינט גאָרניט.

— ניין, עקיבא, קינדער פֿאַרשטייען זייער אַ סך. זיי האָבן שאַרפֿע אויגן, גרויסע אויערן און אָפֿענע הערצער. אין זיינע יאָרן האָב איך זיך שוין אין אַלץ געגריבלט, צו אַלץ האָב איך זיך געוואָלט דערגראָבן. כ׳האָב שוין דיר אַ מאָל דערציילט: ביי ניין יאָר האָב איך זיך פֿאַרליבט אין איוובן, און דאָס איז געבליבן אויפֿן גאַנצן לעבן... די טעג טוט מיך שמואליק אַ פֿרעג: דו האָסט אַ שוועסטער כיירוס? און ער שטייט מיט ברענענדיקע אויגעלעך און וואַרט פֿון מיר, וואָס וועל איך אים זאָגן. פֿון וואַנען האָט ער זיך דערוווּסט פֿון כיירוסן? ווען זי איז פֿון דער היים אַוועק, איז ער נאָך קיין דריי יאָר ניט אַלט געווען. איר נאָמען, ווי דו ווייסט, ווערט אין שטוב ניט דערמאָנט.

דניאל הייבט זיך שווער אונטער אויפֿן עלנבויגן, ס׳קראַכן אים די געלענקען:

— עקיבא־פֿריינד, וועט מיך אַ מאָל מיין זון פֿאַרשטיין?

און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפֿער:

— דו ווייסט דאָך... איך האָב געוואָלט כאָטש איין מענטשן אין דער וועלט פֿאַרשאַפֿן פֿרייד, געבן גליק... עקיבא, ביי מיר זיינען געווען די בעסטע, די ריינסטע, די ערלעכסטע כוונות, איך האָב געוואָלט געבן מלכהן פֿרייד. איך האָב געוואָלט, אַז כאָטש אירע טרוימען זאָלן פֿאַרווירקלעכט ווערן... אוי, עקיבא־פֿריינד, ווי אַזוי דאָס לעבן לאַכט אָלץ אויס, מאַכט אָלץ צו חוזק... די שענסטע כוונות, די ריינסטע געפֿילן מישט דאָס לעבן, ווי אויף צו להכעיס, אויס מיט בלאָטע... ניט קיין גאָט, נאָר אַ טייוול האָט באַשאַפֿן די וועלט.

— דניאל, וועגן וואָס רעדסטו?

— וועגן דעם, מיין פֿריינד, וועגן וואָס ס׳איז שווער צו ריידן און ס׳איז נאָך שווערער צו שווייגן, עקיבא, לאָמיר שווייגן.

ערווישט אָפּ מיט דער האַנט דעם שווייס פֿון שטערן, קוקט דורכן פֿענצטער מיט צוגעזשמורעטע אויגן אין דער פֿינצטערער נאַכט אַריין און הערט זיך צו, ווי דער צוגעקומענער בושעל פּיקט אים לייכט די האַנט, וואָס הענגט פֿון באַנקבעטל אַראָפּ.

— דער בושעל איז גלייך געוואָרן אַ גאַנצער בן־בית... עקיבא־פֿריינד, זע, איבערן גאַנצן דאָרף ברענען נאָר אין צוויי הייזער לאָמפּן — ביי די מילנער און ביי די זיגערטס. אין אַלע איבעריקע כאַטעס זיצט מען אין דער פֿינצטערניש... אָדער ס׳שלאָגן אין די פֿענצטערלעך די סמאָלע־פֿייערלעך פֿון די סאָסנאָווע קינעלעך. רוסלאַנד זיצט ביי דער שיין פֿון „לוטשינעס״...*)

---

*) „לוטשינאַ״ — אַ קינעלע, אַ שפּענדל. די אָרעמקייט אין די דערפֿער פֿון צאַרישן רוסלאַנד איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַנשטאָט לאָמפּן, האָט מען געניצט אויף באַלויכטונג שפּענדלעך.

— ווען מ׳וואָלט צונויפגעלייגט — זאָגט עקיבא, — אַלע לוטשינעס פון רוסלאַנד צוזאַמען, וואָלט געוואָרן אַזאַ שייטער, אַז ס׳וואָלט פאַרברענט געוואָרן דאָס שטרויענע רוסלאַנד אין איינעם מיטן צאַריזם...

— עקיבא, כ׳האָב מורא פאַר אַזאַ שריפה. אַ מעסער שאַרפט זיך אָן אַ מעסער.

— דו ווילסט, דניאל, אַז די צוקונפט זאָל קומען אין ציידענע זאָקן?

— כ׳ווייס, פריינד מיינער, אַז זי קאָן אַזוי ניט קומען... נאָר מיר דוכט זיך, אַז גאָט האָט שוין אויסגעגאָסן אויף דער ערד דעם כוס מיטן גיפטיקן ווײַן. דער שייטער ברענט שוין באַלד צוויי יאָר, און דער כסא־המלכות ווערט ניט פאַרברענט. דו הערסט, עקיבא? — פרעגט ער אים פּלוצעם. — צי ס׳דאַכט זיך מיר אויס?

— ניין, דניאל, ס׳דאַכט זיך דיר ניט אויס, איך הער שוין פון לאַנג. זיי האָבן ביידע קיין טעות ניט געהאַט. ווייט אין דער נאַכט אַריין טראָגט זיך אַ געזאַנג — ס׳זינגען סאָלדאַטן.

— איצט, דניאל, הערסטו?

דניאל טרייבט אָפּ פון זיך דעם בושעל:

— כ׳הער, אַראַקטשייעוו בושעוועט.

— ס׳האָלט מיט אים שמאָל, — זאָגט עקיבא, — אויב ניקאָליי דאַרף שוין שיקן קאָזאַקן אַהער, אין די פּאָלעסיער זומפּן, האָלט עס שוין ביי „עלינו״.

— ס׳קאָן זיין... — ענטפערט דניאל פאַרטראַכט. — נאָר ביז די זון וועט אויפגיין... דאָס לעבן, עקיבא־פריינד, איז שטאַרק פאַרפּלאָנטערט, אַ ווילד־פאַרפּלאָנטערטער קנויל פאָדעם... און פון אַלע זייטן, ווער ס׳האָט יאָ און ווער ס׳האָט ניט קיין גאָט אין האַרצן, וואַרפט זיך, מיט וואָס ס׳קומט אים נאָר אונטער דער האַנט, אויפן קנויל, מ׳וואַרפט זיך מיט היץ און מיט בלינדן כעס. אַלע אין איינעם ווילן מיט אַ מאָל, אין אַ כהרף־עין, פונאַנדערבינדן און צעפּלאָנטערן. ס׳ווערט אַ תוהו־ובוהו... געלאָפן זיינען אַלע צום קנויל מיט אַ גוטן מיין, מיט אַ גוטן ווילן, און דאָ ווערט מען זיך שונאים. איינער וויל לערנען דעם צווייטן. אַלע ווילן באַלד ווערן

דעה־זאָגער, מדריכים, מנהיגי הדור. נעכטיקע פריינד ווערן היינט פיינט, אויף מעסער־שטעך. דער קנויל ווערט נאָך מער פאַרפּלאָנטערט. דער קנויל ווערט דורכגעזאַפּט מיט אומשולדיק בלוט... ניין, עקיבא, דאָ דאַרפן קומען מענער מיט גרויסן שכל, מיטן טיפן פאַרשטאַנד, וואָס האָבן ישוב־הדעת און גרויס, גאָר גרויס געדולד... מ׳דאַרף דאָ ניט רייסן דעם פאָדעם, ניט איבערהאַקן אים... כּירוס וויל מיט דער בלויזער שווערד צעהאַקן דעם קנויל.

— דניאל...

— יאָ, יאָ, עקיבא־פריינד, לאָמיר שווייגן. דו וועסט דאָך זיין מיט מיר אַ פּאָר טעג?

ער כאַפּט איבער דעם אָטעם:

— דעם קנויל, מיין פריינד, דאַרף מען רויִק פונאַנדערפּלאָנטערן... פאַרפּלאָנטערט, עקיבא, זייער פאַרפּלאָנטערט איז דאָס לעבן. און ביז מ׳וועט עס צעפּלאָנטערן... מ׳האָט אַוועקגערויבט ביים מענטשן דאָס סאַמע טייער־סטע, דאָס סאַמע הייליקסטע — פרייהייט און ליכט... אָן דעם לעשט זיך דער ווילן, דער מוט, דער גלויבן, עקיבא, אַ דימענט קאָן שיינען און פינקלען נאָר אויף דער זון... אויף זומפּן וואַקסן ניט קיין רויזן.

ער זעצט זיך אויף דניאל, און שטענדיק, ווען ער איז שטאַרק אויפגעבראַכט, רוקט ער אַריין די צעשפּרייטע פינגער אין דעם צעשויבערטן ווייסן קאָפּ האָר.

— ס׳ווערט שרעקלעך, עקיבא־פריינד, ווען דו טוסט אַ טראַכט, ווער ס׳פירט אָן מיט אַ לאַנד מיט אַזוי פיל פעלקער... פּאָבעדאָנאָסצעוו, פּורישקעוויטש, איגנאַטיעוו, פּלעווע... מיט געקאָוועטע שטיוול טרעט מען די סאַמע עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע רעכט. סאַראַ אַכזריות, שרעקלעך, עקיבא, זייער שרעקלעך... און פון אויבן, אויפן כסא־המלכות, זיצט דער גאָטס־געזאַלבטער — אַ גולם מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ און מיט אַ האַק אין דער האַנט...

— דניאל, אויב דו קאָנסט ניט שווייגן, גיי איך אַוועק.

— איך שווייג, עקיבא־פריינד, איך שווייג... זעץ זיך אַוועק לעם מיר,

וועלן מיר שווייגן. נאָר פּריִער טו אַ קוק, ווער איז עס דאָרטן געקומען? אפשר ווידער דער פּריסטאַוו? ער איז היינטיקע וואָך שוין געווען דאָ צוויי מאָל. גיב אַ קוק, מיין פריינד, ווער איז דאָרט?

אין שטוב זיינען פאַרשייט, ווי אַריינגעפאַלן, צוויי יינגלעך. ביידע אין נייע, ערשט פון אונטער דער נאָדל אַרויס שוואַרצע שאַפּן־פּעלצלעך, אין שוואַרצע שמויסענע היטעלעך, אַנגערוקט אויף איין אויער. זיי האָבן אַריינגעבראַכט און גלייך אָנגעפּילט די שטוב מיט שאַרפן ריח פון נאָר וואָס אויסגעאַרבעטע שאָפן־פעל. ביידע אין שטאַרק געפּוצטע שטיוועלעך מיט געקנייטשטע כאָליוועס.

דער קלענערער האַלט אין האַנט אַ געשניצטן שטעקן — אַ שמירה פאַר די הינט, און אין דער צווייטער — אַ ברענענדיקן לאָמטערן, צו באַלייכטן דעם וועג. דאָס עלטערע יאַטל האַלט אַרומגענומען מיט ביידע הענט אַ היפּש פּעקל.

אַריבערגעטראָטן די שוועל, ניט פאַרמאַכט אַפילו די טיר, האָבן זיי ביידע אין איין אָטעם, ביידע מיט אַ מאָל אַרויסגעפּלאַצט אויף די בייקולעכלעך:

— אַ גוט שבת דער זיידע מיט דער נייער מומע איווע שיקן אייך מיטן ליבן גאַסט די מאַמע האָט געבעטן איר זאָלט אָפּגעבן דאָס טישטעכל אויף צוריק...

אָפּגעזאָגט, ווי אַ מיזמור, דאָס איינגעחזרטע, בלייבן ביידע שטיין, די צוויי קליינע באַיאָרס, וויסן ווייטער ניט וואָס צו טאָן. אַחוץ שמואליקן, גייט צו זיי קיינער ניט צו, קיינער נעמט ביי זיי ניט צו דאָס פּעקל.

און דערצו נאָך, צו זייער פאַרוווּנדערונג גייט צו מלכה, נעמט אָן שמואליקן ביי דער האַנט, זאָגט קיין וואָרט ניט און פירט אים אויך אַוועק אין קיך אַריין.

פאַרמאַכט דער קלענערער די טיר הינטער זיך און הייבט ווידער אָן:

— אַ גוט שבת דער זיידע... מיט דער נייער מומע... אי־ווע...

דער עלטערער טוט אים אַ שלעפּ ביים אַרבל:

— ש־שוין געזאָ־אָגט.

— לאָמיר זאָגן נאָך אַ מאָל...

—„האָניק־טייגל", די מומע האָט דיר געהייסן זאָגן צוויי מאָל?

רבקה „דער שטילער זומער" קוקט אויפן מאַן... די צוויי אַלטע באַיאַרט, יצחק מיט גבריאלן, ריידן שוין ניט צווישן זיך אַריבער צען יאָר, פון נאָך איוועס חתונה... מ'האָט זיך ניט געקריגט, נאָר ביידע מיידן זיך אויס דעם וועג. דניאל גייט דווקא יאָ אַריין צו גבריאלן. ער האָט אַפילו איין זמן געקנעלט מיטן עלטערן אייניקל. שמואליק שפילט זיך דאָרט אויך אַ מאָל אין הויף מיט די קינדער. זי, רבקה, פון זינט נעכע „איז געשטראָפט געוואָרן פון גאָט", וואָלט זי אויך, ווען ניט יצחק, אַריינגעגאַנגען אַהין.

די צוויי קליינע באַיאַרס גיבן נאָך אַ מאָל וועגן זיך צו וויסן. דער קלענערער קלאַפּט אַ שטיוול אָן אַ שטיוול — דערוואָרעמט כלומרשט די דערפרוירענע פיס.

דער עלטערער, ווי דער טאַטע זיינער, רייניקט דורך מיט אַ הוסטעלע דאָס גערגעלע: ק־כי־קכי.

יצחק באַיאַר וואַרפט אַ בליק אויף גבריאלס אייניקלעך, אויף דעם ברענענדיקן לאָמטערן — אום שבת שיקט ער זיי מיט פייער... און דרייט זיך אויס צו דער וואַנט:

— איך וויל ניט און איך דאַרף ניט פון גבריאלן דעם כיבוד.

נאָר דאָ דערפילט ער אויף זיך, יצחק באַיאַר, דניאלס בליק. דעם בליק זעט ער ניט, נאָר ער פילט אים. און צו יצחקן קומט דער געדאַנק: דאָס צוגעשיקטע פעקל קומט ניט פון גבריאלן און ניט פאַרן ליבן גאַסט, פאַר אַברהמען, דאָס האָט זי, איווע, צוגעשיקט פאַר דניאלן... נאָך וואָס איז זי געקומען צו פאַרן? דניאל ברענט אַזוי אויך, ווי אַ ליכט אויפן ווינט. אָן־אַ שטייט ער, דניאל, אַנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט. זיך פונעם באַנקבעטל אויפגעהויבן. זאָל ער אַזוי וויסן פון בייז, יצחק, ווי ער ווייסט וואָס צו טאָן? צוליב דניאלן וואָלט מען באַדאַרפט צונעמען דעם כיבוד. ווי אַזוי אָבער נעמט מען עס צו? מלכהן וועט עס פאַרשאַפן גרויסע עגמת־נפש. פאַר וואָס קומט עס איר? זי גייט אַזוי אויך אַרום ווי אין אַ הינערפלעט. רבקה דער־ציילט: מלכה האָט היינט געוויינט אַ גאַנצן טאָג מיט ביטערע טרערן.

און דאָ, פֿאַר אַלעמען אומדערוואַרט, גייט אַרויס מלכה פֿון דער קיך און נעמט צו ביי די קינדער דאָס פּעקל. זי צעוויקלט עס און שטעלט אַרויס אויפֿן טיש צוויי פּלעשער רויטן וויין, אַ טאָרט און אַ פּירקאַנטיק שאַכטל, וואָס איז איבערגעבונדן מיט אַ ווייסער סטענגע.

— נאַט אייך, קינדער, דאָס טישטעכל, און גיט איבער דער מומע איוועץ אַ גרויסן שיינעם דאַנק... שוויגער, ווו ליגן די גלעזלעך? זאָל דער שווער מאַכן קידוש איבערן וויין... זייער שיין פֿון איר זייט... איאָ, דניאל?

ט

דניאל, אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, קוקט אויף מלכהן מיט אַ גוטן שמייכל. דאָס האַרץ טוט אין איר אַ צאַפּל. — פֿאַר אַזאַ שמייכל איז זי דאָך גרייט צו גיין פֿאַר אים אין פֿייער. זי וואָלט געלאָפֿן, מלכה, אין אַ ברענענדיקן פֿראָסט, ס׳וואָלט זי ניט אָפּגעשטעלט קיין שלאַקס־געוויטער, זי וואָלט געקראָכן איבער די געפּערלעכסטע פֿאָלעסיער זומפּן, אַבי נאָר אָט די אַלע וועגן זאָלן פֿירן צו אים — צו דניאלן.

— גאָטעניו, פֿליסטערן אירע ליפּן, — האַרציקער, געטרייער... מיט וואָס האָב איך זיך פֿאַרזינדיקט פֿאַר דיר און פֿאַר דניאלן? האָב איך דען איין טאָג, פֿון זינט איך געדענק זיך, געלעבט פֿאַר זיך?

דניאל איז דאָך איר גאַנץ לעבן. פֿון אָנברוך אויף קאַיאָר ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין זיצט זי ביי דער מאַשין, נייט די לייוונטענע העמדער, די גרויע סוויטעס און סערמענגעס. נאָך אַזאַ טאָג האָרעוואַניע קאָן זי דעם רוקן ניט אויסגלייכן. און שוין ליגנדיק אין בעט, שמאַרצן איר אַלע אברים אַזוי, אַז זי קאָן ניט איינשלאָפֿן. זי חזרט אָפּט איבער דער שוויגערס — „דעם שטילן זומערס״ רייד:

— גאָטעניו, האַרציקער, איך קלאָג זיך דען, חלילה? פֿאַר וואָס אָבער קומט עס מיר?

און דערצו נאָך טרעפֿט גאַנץ אָפּט, אַז דניאל הערט אויף מיט איר צו ריידן. ווייסט זי שוין דעמאָלט בכלל ניט, מלכה, צוליב וואָס לעבט זי אויף

דער וועלט... אַלץ ווערט איר מיט אַ מאָל אַזוי שווער און איבעריק, אַפילו דאָס קינד.

אין אַזעלכע ברוגז־שוויגנדיקע טעג, ווען זי קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען, ווען זי פאַרשילט דעם טאָג פון איר געבוירן, איר מוטערס טראַכט און איר אייגן געביין, דער עלנט דערפירט זי ביז צו פאַרצווייפלונג, — גראָד אין אַזעלכע טעג באַמערקט זי דניאל בכלל ניט. אין אַזעלכע טעג מאָלט ער אָן אויפהער. ס׳טרעפט אָבער אויך, אַז אין מיטן מאָלן טוט ער אַ וואָרף דעם פענדזל, נעמט אַרומשפאַנען איבער דער שטוב, און פלוצעם זעצט ער זיך צו צו איר און קושט איר די אויגן.

— מלכה־קיניגין, אין דיינע אויגן ליגט אַזאַ שטומער טרויער.

פאַרשטייט זי ניט: ער האָט צו איר אַ נייע טענה?

ער זעצט זי אַוועק צו זיך אויף די קני:

— מלכה־קיניגין, דיינע האָר זיינען פון סאָסנעגאָלד און ס׳שמעקט פון זיי מיט זון און מיט מיאַטע...

יאָ, זי וואַשט טאַקע דעם קאָפּ מיט מיאַטע־בלעטער. דניאל האָט זייער ליב דעם ריח פון מיאַטע. אָבער ווי אַזוי קאָנען שמעקן אירע האָר מיט זון?.. נאָר מסתמא ווייסט ער בעסער, דניאל. אירע אויגן ווערן פייכט, — זי איז אויף דער אמתן גליקלעך. פאַר אַזאַ רגע ווערט אים, דניאלן, אַלץ געשענקט. דאָך פרעגט זי ביי אים שטיל:

— דניאל, וואָס האָסטו צו מיר?

— איך צו דיר? מלכה מיינע, קיניגין, ווען דו ווייסט, וואָס הייסט וועלן אָנמאָלן אַ בילד... עך, מלכה־קיניגין!..

— ווער זשע שטערט דיר דען, דניאל? דאָס קינד איז אין שטוב ניטאָ, איך זיץ מיר אין ווינקל. ס׳פעלט דען דיר לייוונט?

— מלכה מיינע, קיניגין, ניט אין דעם גייט עס... איך האָב אַ גוטן שטיק לייוונט, עקיבא האָט מיר געבראַכט גוטע פאַרב.

— איז פאַר וואָס זשע מאָלסטו ניט, ווער לאָזט דיך ניט?

— איך קאָן ניט, מלכה־קיניגין, איך קאָן ניט אָנמאָלן אַזאַ בילד... ס׳באַקומט זיך ביי מיר ניט. די גאַנצע וועלט איז מיר ניט ליב. איך פיל

זיך פאַר אַ גאַרנישט... כ׳גיי אַרום פאַר אַלעמען אַ בעל חוב, אַ בעל חוב, וואָס די האָר זיינען ניט מיינע.

— דניאל, פאַר וועמען ביסטו אַ בעל חוב?

— מלכה מיינע, קיניגין־קרוין, — שלאָגט ער איר איבער די רייד, — איך וויל אַנמאָלן אַ טרוקענעם זומער, די זון שרפעט אַזוי, אַז אַלץ אַרום איז פאַרוועלקט געוואָרן. די פּאַשע איז אויסגעברענט געוואָרן, די כודאָבע צערייבט זיך אָן דער הייסער צעטראַסקעטער ערד די ליפּן ביז בלוט און רעוועט ביז צו די הימלען. די בלעטער אויף די ביימער וויקלען זיך צונויף און פאַלן צו דער ערד. פון דער היץ, מלכה־קיניגין, ברענען וועלדער... און אין אַ לויטערן טייך שטייט אַ מענטש, דאָס וואַסער דער־גרייכט אים ביזן האַלדז, און ער שטאַרבט פון שרעקלעכן דאָרשט.

— דניאל, גאָט איז מיט דיר, ווו האָסטו געזען אַזאַ זומער?

פון אירע ווערטער פאַרמאַכט ער די אויגן — זי פאַרשטייט ניט.

— דניאל, — פרעגט זי ווייטער, — דער מענטש שטייט דאָך ביי דיר אין וואַסער...

— יאָ, מלכה מיינע, יאָ, מיין קיניגין, ער קאָן זיך אָבער ניט אָנ־טרינקען. ער קאָן ניט דערלאַנגען צום וואַסער.

— ער שטייט אין וואַסער, — פרעגט זי מיט שרעק, — און קאָן ניט דערלאַנגען? דניאל...

— יאָ, מלכה־קיניגין, ער קאָן ניט דערלאַנגען צו דעם וואַסער. ווי נאָר דער מענטש בייגט אָן דעם קאָפּ און וויל זיך אָנטרינקען, גייט דאָס וואַסער פון אים אַוועק און ער בלייבט שטיין אין אַ שוואַרצן זומפּ...

דאָ פאַרשטייט זי שוין, מלכה, בכלל גאָרניט. אמת, אין אַזאַ שעה ווערט ער איר נאָך טייערער, נאָך ליבער. הגם זיינע רייד לייגן זיך איר אויפן שכל ניט, ווערט פאַרט איר האַרץ אָנגעפילט מיט פרייד און מיט גדלות — ער, דניאל, דערציילט איר, וואָס ער וויל און וואָס ער טראַכט. איינצייטיק, אָבער, ווערט ער פאַר איר עפּעס ווייטער, פרעמדער. איר דוכט: אָן אַנדער דניאל האַלט זי אויף די הענט. יענער דניאל וואָס שרייט אויף איר, איז היימישער, פאַרשטענדלעכער. אַ מאַן שרייט אויף אַ ווייב.

איר טאַטע האָט געשריִען אויף דער מאַמע, אַפילו דער שווער שרייט אַ מאָל אויך אויף דעם „שטילן זומער״. אויך זי, מלכה, ווען זי זאָל נאָר האָבן די השגה, ווען ס׳זאָל זיך איר קאָנען עפענען דאָס מויל אויף דניאלן, וואָלט זי אים אויך ניט איין מאָל אַרייַנגעזאָגט אַ פּאָר שאַרפע ווערטער. מיט אַט דעם דניאלן אָבער, וואָס רעדט וועגן אַזאַ שרפעדיקן זומער, וועגן אַ מענטשן, וואָס שטייט אין אַ לויטערן טייַך און שטאַרבט פון שרעקלעכן דאָרשט...

באַהאַלט זי דאָס פּנים אויף זיין ברוסט, און דורך די ריחות פון אייל און פאַרב זוכט זי אָפּ און געפינט דעם ריח פון זיין לייב — אַט דאָס איז איר אמתער דניאל. זי נעמט אים אַרום, און אַ מאַטקייט גייט איר איבער אַלע אברים.

— דניאל, דו האָסט מיך אַ ביסעלע ליב?

— אַחוץ דיר, מלכה מיינע, קיניגין־קרוין, האָב איך דען עמעצן?

אויף דעם באַרויִקט זי זיך. ער האָט טאַקע אַחוץ איר קיינעם ניט. דניאלן איז שוין דעמאָלט, נאָך איוועס חתונה, אַלץ איינס געווען, וועמען צו נעמען, זיין לעבן איז שוין סיי ווי סיי צעבראָכן געוואָרן. און, ווייסנדיק, אַז זי, מלכה, שטאַרבט נאָך זיינע טריט, האָט ער זי גענומען פאַר רחמנות.

און גענומען האָט ער זי אויף אַ ווילדן און אויף אַ ווונדערלעכן אופן: ער איז אַריין, דניאל, אין איינעם אַ ווינטערדיקן שבת־בייטאָג צו זיי אין שטוב, געטראָפן דאָרטן, ווי שטענדיק, פאַרברענגען בחורים און מיידלעך פונעם היגן און פון די אַרומיקע נאָענטע דערפער. ס׳איז גע־גאַנגען, ווי געוויינלעך גייט דאָ צו מיינסטנס, די פאַנטן־שפיל. די דאָזיקע שפיל פאַרמאָגט איר גרויסע מעלה: אַלע קאָנען אין איר אָנטיילנעמען, זי חזרט זיך פינקטלעך קיין מאָל ניט איבער, און אויב ס׳קומט אויס אַלע שבת, אַלס שטראָף, אַ קוש טאָן דאָס זעלבע מיידל, ווערט עס דעם בחור ניט נמאס.

דניאל איז געזעסן ביי דער זייט אַ פאַרטראַכטער, געביסן די נעגל, אויף קיינעמס רייד כמעט ניט געענטפערט. אמת, גערעדט האָט מען מיט אים אין יענער צייט בכלל ווינציק. קיינער האָט ניט געוווסט, נאָך דעם,

ווי מ׳האָט איוועץ מיט גוואַלד אונטער דער חופּה געפירט, וואָס און ווי אַזוי מיט דניאלן צו ריידן. די בחורים האָבן זיך עפּעס געפילט פאַר אים שולדיק — ווי האָבן זיי עס גאָר געקאָנט דערלאָזן, אַז עפּעס איינער פון דער פרעמד, אַן אַלטער רייכער בחור, זאָל קומען און צונעמען איוועץ... זיי האָבן באַדאַרפט אַלע, ווי איינער, קומען דניאלן צו הילף — צע־וואַלגערן די ווענט פון גבריאלס שטוב, באַפרייען איוועץ. געדאַרפט געוועזן נעכען פאַרשפּאַרן אין אַ היגערשטייג און אויך דאָס ברודערל אירס, אַבושלען, און דעם רייכן יחוסדיקן חתן טרייבן מיט דרענגלעך פון דאָרף אַרויס.

די מיידלעך, הגם די הערצער האָבן זיי באמת געריסן אויף דניאלס בראָך, זיי פלעגן אויפריכטיק, ווי נאָר ס׳פלעגט פאָרגיין אַ רייד וועגן איוועץ, לאָזן אַ טרער: אַזאַ שיינע ליבע איז חרוב געוואָרן. פון דעסטוועגן אין דער שטיל, ביי זיך אין האַרצן, האָט זיך יעדע איינע פון זיי גע־פרייט — געבליבן וויניקער מיט אַ כלה־מויד און מערער מיט אַ חתן־בחור. און נאָך וואָס פאַר אַ בחור! מ׳קאָן דאָך אויף אים אויסרעכענען, וואַרטן און האָפן...

איז דעמאָלט דניאל, אין יענעם ווינטערדיקן שבת־בייטאָג, געזעסן אָן אַ זייט, כמעט ביי דער שטובטיר, און לויט דעם, ווי ער האָט געביסן די נעגל, איז געוועזן צו זען — ער שלאָגט זיך מיט דער דעה: בלייבן צי אַוועקגיין? זיין צעטראָגנקייט איז אָבער אויסגעטייטשט געוואָרן פּשוט: אויף וויפל פון צווייטן צימער לאָזט זיך הערן רב אַבושלס קול, וויל ער זיך, דניאל, געוויס מיט זיין גרעסטן שונא פּנים־אל־פּנים ניט טרעפן. ווען ער ווייסט, דניאל, פריִער, אַז אַבושל איז ביי מלכהן אין שטוב, וואָלט ער זיכער ניט אַריינגעקומען.

די שפּיל איז דערווייל געפירט געוואָרן ווייטער. נאָר כדי צו באַפרייען זיך פון דער געפּענטקייט, וואָס דניאל האָט מיט זיין אָנקום אַריינגעבראַכט, נעמט מען זיך, ווי תמיד אין אַזעלכע פאַלן, צו פירן די שפּיל מיט מערער ברען און איבערגעטריבענער היץ. איינעם אַ בחור שטעלט מען אַרויס פון יענער זייט טיר, און ער דאַרף פון דאָרטן פרעגן:

— ווי אַזוי שטיי איך דאָ? טרעפט!

אויף דעם ענטפערט מען אים:

— דו שטייסט דאָרטן ווי אַ גולם...

דער בחור, אַ רויט־פאַרשעמטער, נאָר ניט קיין באַליידיקטער, קומט אַריין צוריק פון הינטער דער טיר, לאַכט צוזאַמען מיט אַלעמען. דניאל לאַכט ניט. דאָס זיצן זיינס, ווי אַ זייטיקער, אַ פרעמדער, הייבט שוין אָן צו דריקן אויף אַלעמען. ס'פאַרדריסט שוין, הלמאַי ס'ווערט זיי פאַרשטערט דער שבת־בייטאָג, ווען מ'קאָן פאַר דער גאַנצער האָרעפּאַשנער וואָך אַ הוליע טאָן פון פולן האַרצן. זייער ווייניק פרייד פאַרמאָגן זיי, אָט די דאָרפסלייט. יעדער ברעקל פרייד, אַ וועלכע זי זאָל ניט זיין, איז זיי טייער. באַזונדערס נאָך דעם לאַנגן פּאָלעסיער האַרבסט, ווען די רעגנס און בלאָטעס האָבן געהאַלטן אַלעמען אין גרויסן אומעט.

פּלוצעם הייבט ער זיך אויף, דניאל, — ער וועט אויך שפּילן. אָבער ניט מיט אָט דעם אָפּגעריבענעם גראָשן. זאָל מען געבן אַ גאָלדן פינגערל. ניין, דאָס פינגערל טויג ניט — ס'איז מיט אַ שטיין. ער דאַרף אַ קיילעכ־דיקן, אַ גלאַטן רינג.

לויפט מלכה אַוועק, קריגט פון דער באַהעלטעניש אַרויס דער מוטערס חופּה־רינג און ברענגט אים צו טראָגן:

— נאָ, דניאל.

און צו אַלעמען:

— כ'בעט אייך, זעט, דאָס רינגל זאָל זיך, חלילה, ניט פאַרקייקלען אין אַ שפּאַרונע אַריין.

מלכהס וואָרענען איז איבעריק: אַלע ווייסן, אַז מלכהס פאַרמעגן איז בלויז דער רינג, — ס'איז דער נדן, די ירושה, וואָס די מוטער האָט איר אָפּגעגעבן פאַרן טויט.

— פאַרן רינג, — זאָגט דניאל, — האָב גאָר קיין מורא ניט. דער רינג, מלכה, וועט בלייבן אויף דיין האַנט.

זיין קול ציטערט. ער איז בלייך. ער האַלט דעם רינג איבער מלכהס קאָפּ, אין דער הויך, צווישן דעם גראָבן פינגער און דעם ווייזפינגער.

— זייט עדות! — ער נעמט אָן מלכהס האַנט, טוט איר אָן דעם רינג

אויפן פינגער און זאָגט דערביי וואָרט ביי וואָרט: הרי את מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישׂראל.

צום אָנהייב, ממש באַגייסטערט פון אַזאַ שפּאַס, צעלאַכן זיך אַלע:

— אָט דאָס, פאַרשטיי איך, איז אַ פּאַנטע...

— אויב געשפּילט, איז געשפּילט.

— שטייט נאַר, שטייט, ער האָט זי מקדש געווען...

פון אַלקער לויפט אַרויס מלכהס פאָטער זכריה, נאָך אים — נעכעס ברודער דער „חריף", רב אַבושל. ער, אַבושל, שרייט אויס מיט אַ כיכי־קענדיק קולעכל און שפּרינגט דערביי כמעט אונטער:

— מזל טוב דיר, דניאל, מזל טוב דיר, מלכה! מזל טוב דיר, זכריה! זכריה, דו האָסט, ברוך־השם, חתונה געמאַכט די טאָכטער... שטעל לעקעך מיט בראָנפן.

ערשט אַצינד, באַמערקנדיק, וואָס דאָ איז זיך נאָר וואָס פאַרלאָפן און געשען, בלייבן אַלע דערשראָקן שטיל. מע שטייט פאַרגאַפט. די אויגן ריידן זיך איבער... מע איז צוגעשמידט געוואָרן צו די ערטער. איין רב אַבושל לויפט אַרום איבער דער שטוב פון איין ווינקל צום צווייטן, רייבט די הענט אָן די פּאָלעס פון דער לאַנגער קאַפּאָטע און שטיקט זיך מיטן געלעכטערל:

— כי־כי, אַבי מע זאָגט, אַז אומעטום איז שולדיק אַבוש. אָט האָב איך זיך דאָ ניט צוגערירט אַפילו מיט קיין פינגער. כי־כי...

מלכהס פאָטער, דער איינגעדאַרטער זכריה, אַ קליינוווקסיקער, מיט אַ ברייטער באָרד, שטייט ווי אַ תם, פירט מיט דער צונג איבער די ליפּן און שטאַמלט:

— זי איז אַ יתומה, דניאל, אַ יתומה, צו אַזאַ חוזק דערגיין... דניאל, מ'וועט דאַרפן אַ גט... אַזוי מבייש זיין פאַר דער גאַנצער וועלט אַ יתומה... וואָס האָסטו געהאַט צו אירע יונגע יאָרן? צו מיין עלטער? זי איז געבליבן... פון אַכט קינדער איינע...

ענטפערט דניאל אויף זכריהס אַלע רייד מיט איין וואָרט:

— שווער...

— דניאל, איז עס ?...

— שווער, גיט אונדז אַ מזל טוב! מלכה איז מיין ווייב. — און פאַר אַלעמענס אויגן נעמט ער זי אַרום און טוט זי אַ קוש אין די ליפּן.

מלכה אַ פאַרלוירענע פון דעם אַלעם, וואָס איז נאָר וואָס מיט איר פאָרגעקומען און געטראָפן, שטייט מיט פאַרבראָכענע הענט, איר לענגלעך פּנים איז אַזוי ווייס, אַז אַפילו די זומער־שפּרענקעלעך, וואָס פאַרגייען ניט אויך אום ווינטער, זיינען איצט פון איר פּנים פאַרשוווּנדן. אירע שיינע, אַ ביסעלע פאַרשמאָלטע אויגן קוקן מיט אַ מאָדנעם שטומען טרויער אויף דניאלן. זי גלייבט ניט זיינע רייד, דעם קוש:

— צוליב וואָס, דניאל, דער חוזק?

— גאָט באַהיט! מלכה, דו ביסט מיין באַשערטע ווייב.

זי דרייט דעם קאָפּ צום אַרומיקן עולם, אַ נעבעכדיקע, אַ פאַרשול־דיקטע, ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערט:

— איך בין דאָ גאָט די נשמה שולדיק.

און לויפט אַוועק אין אַלקער אַריין. דאָרטן בייסט זי זיך דעם פינגער, אויף וועלכן דניאל האָט איר נאָר־וואָס אָנגעטאָן דעם רינג. דאָס האַרץ שפּרינגט איר שיר ניט אַרויס. פאַר די אויגן, פולע מיט הייסע טרערן, גייען גאָלדענע רינגען, און די פיס ברעכן זיך איר אונטער. זי פאַלט אָבער ניט. זי שטייט, ווי צעגעקלעפּט, מיטן אויער צו דער טיר — הערט, ווי דער טאַטע רעדט:

— זאָל זיין אין אַ גליקלעכער שעה, אין אַ מזלדיקער שעה. ס׳איז אַ באַשערטע זאַך... דער זיווג איז פון גאָט. מ׳דאַרף שטעלן בראָנפן... טאָכטער ווו ביסטו?

לויפט מלכה אַוועק נאָך ווייטער — פון אַלקער אין דרויסן אַרויס. דער אָרום ליגט אין אַ בלוי־פינקלדיקן פראָסטיקן שניי. די ביימער אין אַ געדיכטן פריר־טוי. דורך די טרערן שיינט איר און שפּיגלט זיך אַ ווינ־טערדיקער טאָג. ס׳פעלט איר די מאַמע... אוי, פעלט איר איצט אויס די מאַמע. נאָך קיין מאָל האָט איר די מאַמע אַזוי ניט אויסגעפעלט. ווען ס׳איז ניט אַזוי פאַרשנייט און פאַרוויט, וואָלט זי צו איר קבר געלאָפן.

דער מוטערס חופּה־רינג בליצט אויף איר פינגער. סאַראַ שיינער טאָג. פאַר דעם האָט דריי טעג געוויינט און געדרייט, עס האָט געקערט אַזוי, אַז ס׳איז אוממעגלעך געווען דעם קאָפּ פון שטוב אַרויסצורוקן. אָט דעם ליכטיק־שניייִקן שבת וועט זי אין איר האַרצן טראָגן דאָס גאַנצע לעבן. דער טאַטע איז גערעכט — ס׳איז אַ באַשערטע זאַך... דניאל איז איר געגעבן געוואָרן פון גאָט אַליין. אָבער פאַר וואָס לויפט אַבושל אַרום און רייבט פאַר שמחה די הענט? רב אַבושל פרייט זיך דאָך נאָר דעמאָלט, ווען ביי יענעם טרעפט אַ צרה... זי באַהאַלט זיך נאָך ווייטער, הינטער דער זייט שטוב, וואָס גייט צום גרויסן וואַלד אַרויס. זי שטייט אין איין קאָפּטל, דער באַזונטער פּראָסט באַשיט זי מיט אַ זילבערנער ליסקע. די ליפּן פייערן איר נאָך פון דניאלס קוש, נאָר דאָס האַרץ איז איר אַרומ־געכאַפּט מיט אַ שאַרפן, מיט עפּעס אַ ברענענדיקן ווייטיק: ער האָט דאָך ליב איוועון! זי, מלכהן, האָט ער קיין מאָל ניט ליב געהאַט... און פּלוצעם איז דניאל געוואָרן אירער? נייִן, ס׳איז עפּעס אַ חלום... נאָר זי חזרט דעם פאָטערס רייד: „ס׳איז אַ באַשערטע זאַך״... אַ באַשערטע זאַך? פאַר וואָס זשע איז דאָס באַשערטע ניט געקומען פריִער? איז ביז אַהער דאָס מזל אירס געשלאָפן?.. האָט טאַקע דניאל פאַר אַלעמען געזאָגט: מלכה איז מיין ווייב! האָט טאַקע דניאל געמיינט זי? איז עס טאַקע יענער דניאל, וועלכן זי האָט פון קינדווייז אָן ליב געהאַט? זי האָט אים ליב געהאַט פאַרבאָרגענערהייט, ניט אַזוי ווי איווע — פאַר אַלעמען פריי און אָפן; זי, מלכה, האָט אים ליב געהאַט אַזוי שטילערהייט־פאַרבאָרגן, געטריבן פון זיך די ליבע, וויסנדיק — איר טרוים וועט קיין מאָל ניט פאַרווירקלעכט ווערן. זי, מלכה, האָט מורא געהאַט: איר סוד, איר הייליקער סוד זאָל אַנטפּלעקט און פאַרשוועכט ווערן, זי זאָל ווערן דערצו נאָך צו שפּאָט: די געלע מלכה און... דניאל? איווע — דאָס איז דניאלס פּאָר! און פּלוצעם מאַכט מען איוועון חתונה פאַר אַ פרעמדן אַלטן רייכן בחור, און ער, דניאל, אויף וועמען זי, מלכה האָט גאָר ניט געהאָפט, ניט געוואַגט אַפילו צו האָפן, קומט אין שטוב אַריין און טוט איר אָן אין מיטן העלן טאָג, פאַר אַן עולם, דעם גאָלדענעם רינג אויפן פינגער. זי, מלכה, וועט זיין דניאלס ווייב,

... און מלכה, ווי צוגעוואָקסן געוואָרן צו דער ערד, שטייט נאָך אַלץ אָנגעבויגן איבערן טיש, די הענט אָנגעשפּאַרט אָן די צוויי פלעשער ווײַן, די פאַרשמאָלטע אויגן זיינען נאָך שמעלער געוואָרן, זיי קאָנען זיך ניט אָפּרייסן פון דעם פּוכקן קיילעכדיקן לעקעך, פון דעם פּירקאָנטיקן שאָכטל, וואָס איז אַזוי קונציק אַרומגעבונדן מיט דער ווייסער סטענגע.

— קום, מלכה, — רופט זי די שוויגער, — קום אַהער, נעם די גלעזלעך. וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט? וועסט די וועלט, טאָכטער מיינע, ניט באַקלערן. פון פאַראַכטאָגן שבת ביז היינט איז אַוודאי אַ גרויסער דאַנק גאָט. אַברהמצעניו איז אין דער היים. אַזאַ גרויסע מתנה פון זיין ליבן נאָמען... און דו, עקיבא־לעבן, שטיי ניט מיט צונויפגעלייגטע הענט. נאַ דיר דעם גרייצער און מאַך אויף אַ פלאַש ווײַן.

— איך, — זאָגט דניאל, — וועל דעם ווײַן ניט טרינקען.

— פאַר וואָס? — הייבט אויף מלכה דעם קאָפּ. — מיטן ווײַן... צי אָן דעם ווײַן.

— קינדער, — בעט זיך „דער שטילער זומער״ — קינדער, פאַר־שטערט ניט דעם שבת... יצחק, גיי וואַש זיך, מאַך קידוש! שמואליקל, געזונג דיר האָבן צו טאָן מיטן בושעל, נאָך דער בושעל האָט מיר געפעלט... אַברהמצעניו, ס'איז דיר גוט צו זיצן? אפשר דיר אונטערשפּאַרן נאָך אַ קישן?

זי נעמט זיך ווידער עסקן ביי זיין געלעגער:

— אַ, מיין זון, דער פוס טוט דיר ניט ווי? ס'זאָל זיין מיר פאַר דיין פוס. וואָס שוויגסטו אַברהמצעניו? רייד, מיין קינד, כ'וויל הערן דיין קול... אוי, ווי כ'האָב געבענקט נאָך דיין קול.

זי ווישט אויס אויף גיך מיטן עק טיכל די אויגן:

— אַוועקגעגאַנגען פון דער היים אַזאַ שיינער טאַפּאַל, אַ קאַרטינע, ניט קיין בחור, און צוריק האָט מען מיר געבראַכט אַ לעבעדיקן מת, אַ בינטל ביינער. ווען ניט די הויט, צעשיטן זיי זיך. כ'האָב דאָך אים ניט דערקענט.

— וואָס דען האָט איר געוואָלט? — מישט זיך אַריין עקיבא. — ער

זאָל קומען פון דער מלחמה מיט אַ פּלוסטערל, מיט אַ גוידערל, מיט אַ קיילעכדיק בייכעלע?

— גיי שוין, גיי, כ'קלאָג זיך דען, חלילה? — און „דער שטילער זומער" גייט אַוועק מיט אירע שווערע, נאָר שטילע טריט אין קיך אַריין. זי גייט העלפן מלכהן גרייטן צום טיש.

— מ'האָט דיר טאַקע דאָרטן אין מאַנטזשוריע פיין צעקנייטשט די פענצטער... — זעצט זיך עקיבא צו לעבן אַברהמען. — דו האָסט טאַקע אַ פּנים פון אַ טערקישן מלאך־המוות. מ'האָט דיך דאָרט ניט געהאָדעוועט מיט גן־עדן־עפּעלעך? האָסט ניט געגעסן מיט די גענערעלער פון איין שיסל? מיר פאַרשפּאָרסטו צו דערציילן — איך ווייס אַליין. מ'האָט דיר דאָרטן געמאַכט אַ היפּשן פאַלד אין דער קישקע... דו מיינסט, אַברהם, אַז איך האָב ניט געדינט? אויף מיין וואָרט — געדינט. אמת, אויף קיין מלחמה בין איך ניט געגאַנגען... נאָר אַפילו דינען דעם קייסער אַזוי איז אויך פון די גאָר קליינע מאכלים. איך האָב זיך אויך גענוג אָנגעליטן. געדינט האָב איך ניט לאַנג, אָבער מיט פעפער... ביי מיר, דאַרפסטו וויסן, איז געווען אַ פעלדפעבל גאָר אַן אַנטיק. ער איז געווען אַזוי געראָטן אין ניקאָלייען, נו, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, ווי איין מאַמע האָט זיי געהאָט. דאָס זעלבע בערדל, די זעלבע וואָנצעס און דער עיקר — איין כאַראַקטער... זייער אַ גוטער. קאָן ניט פאַרטראָגן קיין קרומע מינע, קיין מענטשלעכע צרה, גרייט פאַר אַ מענטשן צו טאָן אַלץ, אַ מענטש איז ביי אים הייליק און טייער... מיט איין וואָרט — אַ קייסער אַ פעלדפעבל. פלעגט אָט דער פעלדפעבל, אָט דאָס קייסערל, דעם גן־עדן זאָל ער האָבן, אַרויספירן אַלע טאָג די ראָטע פאַר דער קאַזאַרמע און פרעגן:

— ווער זיינען אונדזערע אינערלעכע שונאים?

און די סאָלדאַטן האָבן באַדאַרפט ענטפערן אַלע אין איין קול:

— סאָציאַליסטי, סטודענטי, זשידי.

פלעג איך שווייגן. האָט עס מיין פעלדפעבל איין מאָל באַמערקט, גייט ער צו צו מיר און פרעגט:

— ווער זיינען אונדזערע אי־נע־ררר־לעכע שונאים?

שווייג איך. פרעגט ער מיך נאָך אַ מאָל. שווייג איך. פאַרוואָרפט ער די רעכטע האַנט אויף אַ האַלבן ווערסט אַרונטער, הענט האָט ער געהאַט לאַנגע, און פאַרפאָרט מיר אין דער לינקער באַק אַריין אַזוי, אַז אַלע זיבן הימלען האָבן זיך פאַר מיר אַ וויג געטאָן אין די אויגן און אונדזער שיינע גרינע ערד האָט זיך גענומען וואַקלען אונטער מיינע פיס... הענט האָט מיין פעלדפעבל געהאַט גאָלדענע. פון אַזאַ בענטש האָט זיך מיר גלייך געלאָזט דער ווייַן פון דער נאָז. אָבער ס׳איז נאָר שווער, ברידערלעך מיינע, ביז מ׳כאַפּט דעם ערשטן נערעק. דערנאָך איז שוין גרינגער — ס׳גייט שוין אויף איין חשבון... ער שלאָגט, און איך שווייג. דאָס הייסט — איך שווייג ניט, איך קוק אים אין די אויגן אַריין... פּלוצעם באַפעלט ער: — בע־גגאָם מ־מאַרש! לויף איך. וואָס קען איך ניט? כ׳האָב דאָך געירשנט פון נחס זון, פון שם, דעם פּאַרמאַזאָליעטן זיצער, און פון יעקבס זון, פון נפתלי — די לאַנגע פיס. מע זעט מיך, אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען, אין אַלע וועלט־תפיסות און אויף אַלע וועלט־מערק. שווימען אויפן וואַסער קען איך אויך. איך שווים שוין בעסער פון נחן אַליין. איך שווים אַרום איבער דער וועלט אַפילו אָן אַ תבה... איך גיי פשוט טריט־וואַסער! אַז איך קען אַלץ! ער הייסט מיר לויפן — לויף איך. איך לויף אָפּ דריי שפּאַן, און ער: קררררוגאָם! דריי שפּאַן, און קררררוגאָם! נאָר דאָ דערזע איך פון דער ווייטנס אַ פּאָר בלאָווע הויזן מיט רויטע לאַמפּאַסן — אַ גענעראַל. מסתמא גייט ער מיט זיינע באַהעלפער פרעגן ביי די סאָלדאַטן: אויף וואָס קלאָגן זיי זיך? מילא, קלאָגן קלאָגט זיך קיינער ניט. זאָל זיך עמעצער פּרווון קלאָגן. נאָר אַז פאַרן גענעראַלס אויגן זאָל אַרומלויפן אַ צעבלוטיקטער סאָלדאַט, דאָס פאַרשטיי איך, וועט אים ניט פּאַסטן. און מיין פעלדפעבל האָט אויך דערזען דעם גענעראַל, שרייט ער צו מיר:

— אָטסטאַוויט! אָפּשטעלן זיך!

נאָר איך מאַך זיך אָבער ניט הערנדיק. איך לויף. און וווהין? גלייך דעם גענעראַל אַנטקעגן. זאָל ער זען און קלייבן נחת. דער גענעראַל שטעלט מיך טאַקע אָפּ, באַטראַכט מיין פאַרבלוטיקט פּנים און רופט צו דעם פעלדפעבל. לויפט יענער צו, שטעלט זיך אָפּ דריי טריט פונעם גענעראַל,

די האַנט צום דאַשעק, בלייבט שטיין ווי אַ פּלאָקן, און לייגט אַרויס פאַרן גענעראַל — אַזוי און אַזוי...

זע איך: דער גענעראַל בלייבט זייער צופרידן מיט זיין פּעלפּעבל. איך זע — איך קאָן גאָר שלעכט אָפּשניידן. דאַרף מען זיך פּרווון ראַטעווען פוןביידן: — וואַשע אימפּעראַטאָרסקאָיע בלאַגאָראָדיע, — שריי איך אויס צום גענעראַל, — אויב דו ווערסט באַפעלן, וועל איך פליִען ווי אַ פויגל. איך קאָן דיך מיטנעמען מיט זיך אויף דער לבנה. פון דאָרטן וועל איך דיך, אימפּעראַטאָרסקאָיע בלאַגאָראָדיע, פירן אין גן־עדן אַריין צו דער מלכה שבא, זי האָט אַזעלכע יצר הרע־פּיסלעך...

— ער איז משוגע, — זאָגט דער גענעראַל.

— טאַק טאָטשנאָ! — ענטפערט דער פעלדפעבל.

— ביסט אַליין, וואַשע אימפּעראַטאָרסקאָיע, משוגע, — צעשריי איך זיך נאָך העכער, — איך בין שוין געפלויגן ניט איין מאָל אויף דער לבנה. איך האָב דיר געוואָלט ברענגען אַ מתנה פון דאָרטן — דאָס טעלערל פון הימל... פלי מיט מיר, אימפּעראַטאָרסקאָיע בלאַגאָראָדיע, — כאַפּ איך אים אָן ביי דער האַנט. — די מלכה שבא איז אַזאַ שיינע... נאָר אונדזער שלמה המלך איז זי שוין נמאס געוואָרן...

בקיצור, מ׳האָט מיך אָפּגעפירט אין גאָספּיטאַל. האָב איך דאָרטן אָפּגעבראָיעוועט אַ וואָכן דריי, געמאַכט אַלעמען מיט דער בלאָטע גלייך... און מ׳האָט מיך אַרויסגעלאָזט מיט אַ דיאַגנאָז: אָליגאָפרעניאַ... דאָס הייסט איך בין געבוירן געוואָרן אָן אַ קלעפּקע אין קאָפּ. ס׳פעלט מיר דאָרט אַ שרייפל.

און עקיבא צעלאַכט זיך, ווי אַ קינד, פּאַטשט מיט די הענט איבער די קני:

— כ׳בין געבוירן געוואָרן מיט אַ ווינטמיל אין קאָפּ.

פון עקיבאס געלעכטער לעבט אויף די שטוב. און אַברהם, האַלב ליגנדיק אין די ווייסע קישנס, קאָן זיך נאָך אַלץ ניט גלייבן — ער איז טאַקע אין דער היים? די איינגעפאַלענע שוואַרצע אויגן ברענען מיט פרייד און מיט נחת: גלעט ער, ווי זיינע זיידעס, די שוואַרצע באָרד, וואָס

די מאַמע האָט אויסגעוואַשן און צעקעמט, און פון די פּאַרטריקנט־געשוואָלענע ליפּן פאַרגייט ניט דער גליקלעכער שמייכל. איצט פעלט אים שוין גאָרנישט. דאַבציע איז שוין אויך דאָ... אָן־אַ זיצט זי אַ פאַררויטלטע לעבן דניאלן. דאָס האָט ער אַ פּנים, איר צו וויסן געגעבן, אַז ער, אַברהם, האָט זיך אומגעקערט אַהיים. זי, דאַבציע, איז פאַר דער צייט, וואָס ער איז אין דער היים ניט געווען, זייער אויסגעוואַקסן, אַ גאַנצער ווייבס־פאַרשוין געוואָרן. זי באַהאַלט שוין ניט פאַר אַלעמען די אויגן... זי זיצט און פלעכט איבער אַ צאָפּ. זי ווייסט, אַז ער האָט ליב אירע בלאָנדע האָר. דער טאַטע גייט אַרום איבער דער שטוב, די גראָבע פינגער פאַררוקט הינטערן גאַרטל, שמוכט אין דער באָרד אַריין און „זאָגט"...

ווי ער האָט עס געבענקט נאָך אַזאַ פריייטיק־צונאַכטס, נאָך די איבער־געדעקטע חלות, נאָך די ברענענדיקע ליכט.

אַברהם קוקט אויף די ברענעדיקע ליכט, און די פרייד אין זיינע אויגן הייבט זיך אָן צו זעצן. פאַר די אויגן שווינדלען די ברענענדיקע לאָמטערנס אויפן בית־עולם, בשעת מען האָט אין יענעם פינצטערן אָוונט רחלען צו קבורה געבראַכט. ער שפּרינגט אויף די מיליצעס צווישן די ברענענדיקע לאַמטערנס... אין האַלדז שטעלט זיך אים אַ געזאַלצן־ביטערער קנויל. ער, אַברהם, דאַרף זיך אָן עצה האַלטן מיט עקיבאן. אים איינעם קאָן ער דערציילן וועגן רחלען.

נאָר עקיבא לאַכט אַזוי געשמאַק, אַז די גאַנצע שטוב לאַכט מיט. אַפילו דניאל צעשמייכלט זיך:

— דו ביסט, עקיבא־פריינד, אַ גאָט־געבענטשטער מענטש. דו נעמסט אויף דאָס לעבן גרינגער... און טיפער! אויף דעם בין איך דיר מקנא.

— דניאל, — זאָגט עקיבא ערנסט, — קריך צו מיר אויפן וואָגן. מירן זיך לאָזן מיט דיר ווייטער אין מיין וועג אַריין. מיר וועלן פאָרן און פאָרן. ס'וועט אונדז געוויס אויסקומען צו פאָרן לאַנג, נאָר איך וועל דיר דערציילן די גאַנצע צייט ווונדער־מעשׂהלעך וועגן גאָלדענע פּאַוועס אין דעם גאָלדענעם לאַנד. איך ווייס, דניאל, ווייט איז צו יענעם לאַנד. איך ווייס, דניאל, זייער ווייט איז צו יענעם לאַנד. נאָר אין איינעם אַ שיינעם טאָג וועלן מיר אַריינפאָרן אין זייער אַ שיינעם לעבן...

— נעמט מיך אויך מיט, — זאָגט שטיל מלכה.

— קינדער, — שאָקלט מיטן קאָפּ „דער שטילער זומער", וואָס שטייט מיט גאָפּל־מעסער אין האַנט אין מיטן דער שטוב און הערט זיך צו צום געשפּרעך, — שטעלט בעסער אַוועק אונדזער אַלטע קרעטשמע אויף רעדער, מירן איינשפּאַנען די ווייסע שקאַפּע און מיר וועלן אַלע אַזוי־אַ פּאַוואָלינקע פֿאָרן צו דער גאָלדענער פּאַווע... געזונט זאָלט איר נאָר זיין, וואָס טראַכט איר נאָר ניט אויס! גייט שוין, גייט צום טיש! יצחק, מאַך קידוש, און דו, שמואליק, לאָז צו רו דעם בושעל. איר הערט די גלעק־לעך? — טוט זי זיך אַ וואָרף צום פענצטער און פאַרשאַרט אַ פּאָר־הענגל, — ער פאָרט ווידער! וויסט איז מיר, מ׳האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער שטוב. שוין דאָס צווייטע, וואָס רייד איך, ער קומט שוין צו פאָרן דאָס דריטע מאָל.

צו דער שטוב איז טאַקע צוגעפאָרן מיט רעש און אימפּעט, מיט אַ שאַרפן גלעקל־געקלאַנג, מיט כראָפּענדיקע פערד, אַ פור. „דער שטילער זומער" פאַררוקט דאָס פאָרהענגל:

— באַהיט און באַוואָרן און באַשיץ אונדז, ליבער גאָט.

— ישמרנו הבורא... — און ביי יצחק באַיאָרן ווערט די פלייצע איינ־געבויגענער, דער קאָפּ פאַרנייגט זיך צום אונטערגעבויגענעם אַקסל, דער פאַרוואָקסענער אויער אָנגעשטעלט — די צרה איז נאָך ווייט?

און די צרה איז שוין אין שטוב. דער פּריסטאַוו, ווי אַ בעל־הבית, עפנט ברייט אויף די טיר, שפּרינגט כמעט אַריבער די שוועל, שטעלט זיך אַוועק אין אַ זייט, לייגט צו די האַנט צום שלייף און לאָזט דורך פאַרביי עפּעס איינעם אַ דאַרן, אַ לאַנגן.

— צו דער צייט, אייער הויכוווילגעבורט.

דער שינעל, וואָס ביז צו די טריט, מאַכט דעם אַריינגעקומענעם נאָך לענגער און דאַרער. אויפן שינעל בליצן צוויי רייען געשייערטע קנעפּ, און פון די אַקסל אַראָפּ, — שפּאָגל־נייע גאָלדענע פּאָגאָנעס.

— אַהאַ — רייסט זיך אַרויס ביים פּריסטאַוו. אַ נידעריקער, ניט אַזוי

גראָב ווי פעט, ציט ער מיט דער נאָז — אַ ברייטע, פון אויבן צוגעפּלעטשט, פון הינטן פליישיק און פאַרריסן, אַ רויטע מיט גרינע אָדערלעך. ער טוט אַ פיר, ווי אַ קאָטער, מיט די געל־שפּיצעכיקע וואָנצעס. די קיילעכדיקע שמאַלץ־אייגעלעך בעמען ביי אים, ניט ווילענדיק, פינטלען אויף די צוויי פלעשער וויין, וואָס שטייען אויפן טיש. — אַהאַ, שאַ־באַסקאָווקי קידעש־לעכאַימקע ?.. פאַר דעם גאַסט ? כאַ־כאַ־כאַ... נו, אָט דאָס איז ער ? — ווייזט ער אָן מיט דעם פינגער אויף אברהמען. — דאָס פייגעלע איז, ענדלעך, פאַרפלויגן אין נעסט אַריין. לאַנג אויף דיר געוואַרט. מיט וועלכע וועגן ביסטו עס געגאַנגען ? דו האָסט זיך געדוקט אַהיים דורך די הינטער־וועגלעך ? פאָניאַטנאָ...

דניאל איז פאַרנומען מיט איינס: ער קוקט אויף דעם לאַנגן זשאַנ־דאַרם: אַ מאָדנע פנים. אַ פנים, ווי אויסגעשניצט מיט אַ שיכּורער האַנט פון אַ טונקל־האַרטן האָלץ. די אויגן ביים זשאַנדאַרם באַוועגן זיך ניט. שטייענדיקע אויגן.

„ניט קיין אויגן, — זאָגט צו זיך אַליין דניאל, — נאָר צוויי גריבעלעך בלוי אייז.”

וויל ער שוין הערן, דניאל, דאָס קול. נאָר די צייט גייט, און פון דעם זשאַנדאַרם הערט מען קיין וואָרט ניט. זיין שווייגן לייגט זיך אַזוי שווער אויפן האַרצן, אַז מלכה אָטעמט שוין מיט אַן אָפן מויל.

רבקה אָטעמט בכלל ניט. דערזעענדיק, ווי דער פּריסטאַוו האָט אָנ־געוויזן אויף אַברהמען, שטעלט זיך „דער שטילער זומער” אַוועק פאַר דעם בעט, צענעמט די הענט, און איר גאַנץ אויסזען, באַזונדערס איר פנים זאָגט: „מיין טויט זאָל דאָ זיין, נאָר צום קינד וועל איך ניט צולאָזן.”

דניאל שפּירט די גאַנצע צייט נאָך די „צוויי גריבעלעך בלוי אייז”. זיי פינקלען קאַלט קעגן די ברענענדיקע ליכט. ער שווייגט נאָך אַלץ.

„וואָס קאָן דאָס באַטייטן אַזאַ שווייגן ? — טראַכט דניאל. — מסתמא דאַרף עס זיין איינס פון זיינע מיטלען. מסתמא שוין אַן אויסגעפּרוווט מיטל: וואָס מער שווייגן, אַלץ אַ גרעסערער פּחד און אימה ווערט אָנ־געטריבן. זיי ווייסן גוט, די דאָזיקע לייט, מיט דערשראָקענע מענטשן איז

לייכטער האָבן צו טאָן. מיט איבערגעשראָקענע מענטשן קאָן מען אַלץ מאַכן. זיי גיבן גוט אַכטונג, אַז דער פּחד זאָל ניט אַרויס פון די הייזער... וואָס מערער פּחד פון אונטן, אַלץ זיכערער איז מען אויבן".

דאָס שווייגן זיינס געדויערט שוין אָבער אַזוי פיל, אַז אַפילו דער פּריסטאַוו הייבט אָן אַריבערצוּוואַרפן דעם פעטן גוף פון איין פוס אויף דעם צווייטן. די גרינע אָדערלעך אויף זיין רויטער נאָז ציִען זיך אויס, שלענגלען זיך, ווי ווערעמלעך, אַרויף צו די אויגן. דער פּריסטאַוו טוט אַ שנאָל איבער דער נאָז, און די גרינע אָדערלעך לויפן גלייך איין.

— איוואַן פיאָדאָראָוויטש, — האַלט ענדלעך ניט אויס דער פּריסטאַוו, — וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע, נאַטשניאָם? מיר וועלן אָנהייבן...

אין דער אַלטער קרעטשמע שטייט אַ טויטע שטילקייט. ס'הערט זיך נאָר — הינטער דער הרובע גרילט אַ גריל. איין ליכט טראָסקעט, שפּריצט מיט פונקען. ס'שמעקט שטאַרק מיט געברענטן קנויט און מיט צעשמאָלצן־אומריינעם חלב. שמואליק, ביי מלכהן אויף די הענט, שלוקערצט פון שרעק. דער בושעל שטייט אויף דער באַנק און פּיקט די חלה.

— וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע, נאַטשניאָם!

און דאָ דערהערט דניאל, ווי פון הינטער דעם לאַנגן שינעל, ערגעץ פון די שפּיץ פיספינגער, הייבט זיך אויף אַ שיפּעריי. דער זשאַנדאַרם האָט אָנגעהויבן צו שיפּען, ווי אַ גלאָז סאָדעוואַסער. די שיפּעריי הייבט זיך אַלץ העכער און העכער. אָט איז שוין, דוכט זיך, דורכגעגאַנגען דעם בויך, אָט שיפּעט שוין אין דעם אייבערשטן טייל פון ברוסטקאַסטן, אָט שיפּעט שוין ביי אים אין האַלדז, און מיט אַ מאָל דערהערט זיך אַ טרוקן־הילכיקער:

— טש־ש־טאַ־זש־זש־זש...

פון אָט דעם קול צעוויינט זיך שמואליק. דער פּריסטאַוו דרייט זיך אָפּ און טוט אַ הילכיקן שנייץ די נאָז.

י

זיין הויכוווילגעבורט — איוואַן פּיאָדאָראָוויטש קאַבלוקאָוו, וואָס טרוימט נאָר וועגן איינס: באַקומען נאָך אַ שטערנדל אויף די פּאַגאָנעס און פאַרנעמען דאָס אָרט פון זיין שעף, איז גרייט צוליב דעם טאָן אַלץ — ניט נאָר וואָס מע הייסט, נאָר אַפילו וואָס מע הייסט ניט. ער פאַרשטייט אויפן ווונק, נאָך בעסער — ער טרעפט שוין אַליין, וואָס וועט שפּעטער קאָנען דעם שעף דינען און צו נוץ קומען. אמת, ער מיט זיך ניט אַזוי פאַרן שעף, ווי פאַר זיך אַליין... ערשטנס, וואַקסט זיין, איוואַן פּיאָדאָראָוויטשעס, רעפּוטאַציע — מ׳ווייסט שוין וועגן אים אויך דאָרטן, אין מיניסטעריום. אויך ניט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז: וואָס גיכער דער שעף זיינער וועט ווערן גענעראַל, אַלץ גיכער וועט ער אַרויפגיין העכער... ער, קאַבלוקאָוו, וועט אָנטאָן אַ נייעם מונדיר און פאַרנעמען יענעמס אָרט. ס׳איז שוין צייט. זיין הויכוווילגעבורט האָט זיך אַליין איבערצייגט: וואָס העכער, אַלץ פולער, גרעסער און טיפער איז די שיסל — מענטשן שעפּן דאָרט מיטביידע הענט. אָט, זיין יוגנט־חבר, צום ביישפּיל, אַ שטיק ליים, פשוט אַ קיילעכדיקער טויגעניכטס, דאָס איינציקע: ער האָט אַ שיינע האַנטשריפט. זיינע פראַטאָקאָלן איז לייכט צו איבערלייענען... נעמט מען אים, אָט דעם אייזל, צו אַהין, אין דער קרוינשטאָט... אידיאָטן גליקט!

און זיין הויכוווילגעבורט, הער קאַבלוקאָוו, רירט זיך נאָך אַלץ פון אָרט ניט. ער פאַררוקט דעם גראָבן פינגער הינטער דער שינעל־פּאָלע ביים אויבערשטן קנעפּל, און די איבעריקע פיר פינגער — לאַנגע, מיט זייער ווייסע גלאַנציקע נעגל, שפּילן איבערן לאַץ. אויפן גלאַטן שטערן לייגט זיך אים עפּעס ענלעכס אויף אַ קנייטש. ער פאַרטראַכט זיך שטאַרק; נאָך אַזאַ צופאַל וועט זיך שוין אַזוי גיך געוויס מער ניט טרעפן... ענדלעך האָט ער זיך דערקליבן צום גאָלדענעם אָדער. איצט בלייבט נאָר צו ציִען און אַרויסציִען...

די „צוויי בלויע גריבעלעך אייז" גליטשן זיך איבער די דערשראָקענע פּנימער, איבערן שטוב־מעבל: אַן אַלט־געזעצטע שאַפע, אַ הויקערדיקער בופעט, שמאָלע הילצערנע בענק, געלאַטעטע פאָרהענגלעך... די „גריבעלעך

אייז״ פאַרהאַלטן זיך אויף דער וואַנט, ווו ס׳העגגען פייזאַזש־בילדער, פון דאָרטן טוען זיי אַ פאַל אַראָפּ אויף דניאלס פּנים.

די קינבאַק טוט ביי אים אַ צוק, און דניאל דערהערט ווידער די פריִערדיקע שיפּעריי און דערנאָך דעם טרוק־הילכיקן:

— טש־טאַזש־זש?

ער טוט אַ ווונק צום פּריסטאַוו. יענער לייגט צו די האַנט צום שלייף: גרייט צו דינען! און לויפט אַרויס צו דער בריטשקע. באַלד טראָגט ער אַריין פון דאָרטן אַ געל־לעדערנעם פּאָרטפעל. אויפן וועג שרייט דער פּריסטאַוו און בייזערט זיך אויפן עולם, וואָס האָט זיך צונויפגעזאַמלט ביים שליאַך.

— צעטרייבן, — באַפעלט ער דעם סאָלדאַט, וואָס זיצט ביי די פערד, — מיט דער נאַהייקע זיי!

זיין הויכוווילגעבורט וואַרפט אַראָפּ דעם שינעל, דאָס היטל און ווייזט אָן מיט דער האַנט — מ׳זאָל אָפּרייניקן דעם טיש. ער גיט דערמיט צו וויסן — ער איז געקומען אַהער ניט אויף אַ רגע, אָדער צוויי, ניט פאַר־בייפאָרנדיק איז ער אַריין אַהער, דאָ איז פאַראַן אַרבעט אויף לאַנג.

ווערט די אימה אין דער אַלטער קרעטשמע נאָך גרעסער, די פּנימער — שוואַרצער. מלכה טרייבט אָפּ דעם בושעל, טראָגט אַוועק די צעפּיקטע חלות. שמואליק זיצט ביי דניאלן אויף די קני, שלוקערצט און פרעגט:

— טאַ, וו־וואַ־אָס ווילן זיי?

— כ׳ווייס, מיין קינד, נאָך אַליין ניט, — און ער הייבט אויף די אויגן אויף עקיבאן: אפשר פאַרשטייט עקיבא, וואָס דאָ קומט פאָר. נאָר יענער ענטפערט ניט אַפילו מיט קיין ריר פון אַ ווי׳ע. ער איז מער צעטראָגן, מבולבל, ווי פאַרטראַכט. לויט דעם, ווי עקיבא וויל איינגעעקשנט ניט אויס־דרייען צו אים דעם קאָפּ, פאַרשטייט דניאל, אַז עקיבא ווייסט עפּעס יאָ.

דער פּריסטאַוו, דערזען, ווי די צוויי פלעשער ווייַן ווערן אָפּגעראַמט פון טיש, טוט ער אַ פיר מיט די וואָנצעס, און די גרינע אָדערלעך אויף דער רויטער נאָז הייבן אָן צו קריכן אויף אַרויף.

— ציש — דרייט ער זיך אויס אין פלאַמפּייער צו דניאלן, וואָס וויל

פרעגן ביי עקיבאן: „עפּעס זע איך, ווייסטו דאָך יאָ, עקיבא־פריינד”, — ניע גאַרגעראַט, קאַ־ה־אַ־ל!

— פאַרשטאַנען? — פרעגט זיין הויכווילגעבורט און ווענדט זיך צום „שטילן זומער”. — און איצט, מאַמאַשאַ, ברענג אַלע פּערזענלעכע זאַכן, וועלכע געהערן צום געוועזענעם סאָלדאַט. אַלץ ברענג, מאַמאַשאַ, ברענג דעם שינעל, די שטיוול, די הויזן, די גימנאַסטיאָרקע, דעם... שווייגט אַ רגע — דעם קאָטעלאָק.

ביים וואָרט „קאָטעלאָק” עגבערט ער איין די אויגן אין אַברהמען:

— וואָס ביסטו בלייך געוואָרן? — און ענטפערט אַליין: — ס'איז פאַר־שטענדלעך, פאַר וואָס...

אַברהם טוט פאַרחידושט אַ הייב די אַקסל. ערשט איצט הייבט ער אָן צו פאַרשטיין, אַז אָט די ניט גערופענע געסט זיינען נאָר צוליב אים פאַרפאָרן.

— וואָס האָב איך בלייך צו ווערן?

— דאָס ווייסטו אַליין גוט... געווער האָסטו?

— געווער? — אויף אַברהמס געשוואָלענע ליפּן באַווייזט זיך אַ נויט־שמייכל: — דער הויכווילגעבורט טרייבט שפּאַס, — וועלכעס געווער? די ביקס איז געבליבן אויפן שלאַכטפעלד. די שווערד איז אין דער ערד אַריינגעשטאָכן געוואָרן, פון דעם פערדס גאָרגל האָט געשלאָגן אַ שוואַרצער שטראָם בלוט. און וואָס ווייטער איז געוועזן מיט מיר, דאָס געדענק איך ניט...

— דערצייל, דערצייל פון דיינע שלאַכט־פאַרדינסטן. דאָס קאָנסטו דערציילן פאַר דייניקע! מיר ווייסן, ווי איר קעמפט. ביי אייערע, אַז די ביקס שיסט אויס, פאַלט איר חלשות. ק־ע־מ־פער! ווי ער קוקט גלייך אין די אויגן אַריין. סאַראַ אומפאַרשעמטע אויגן. פּראָסטאָ אודיוולויעניע...*)

— איוואַן פיאָדאָראָוויטש קאַבלוקאָוו פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס. דעם רויך לאָזט ער דורכן ווינקל מויל, דערביי הייבט ער אונטער די אייבערשטע ליפּ, און ס'טוט אַ פינקל אַ גאָלדענער צאָן. — נידערטרעכטיק נשמהלע!.. געווער, פרעג איך, האָסטו?

*) פּשוט צו באַוווּנדערן (רוסיש).

ביי אַברהמען טוט אַ שלאָג דאָס גאַנצע בלוט אין פּנים אַריין:

— געווער? נאַ דיר געווער, אָט! — ער ווייזט אויף די צוויי מיליצעס, וואָס שטייען ביים בעט, — און אָט האָסטו, וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע, נאָך געווער... נאַ! — און ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם צודעק. אויף דעם ווייסן ליילעך ליגט אַ נאַקעט־אויפגעלאָפענע פוס — אַ בלאָווע מיט שוואַרצע פלעקן. — נאַ דיר געווער... וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע! — ער וויל אונטערהייבן דעם פוס, דערפילט ער אָבער אַזאַ שטאַרקן, אַזאַ פּיינלעכן ווייטיק, אַז ס'פאַרמאַכן זיך אים די אויגן.

— מאָלטשאַט! — לויפט צו דער פּריסטאַוו צום בעט און הייבט אויף אויף אַברהמען אַ פויסט. — זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ, מאָלטשאַט! שווייגן!

אַברהם עפנט ניט די אויגן. יענע ווייסע צאַפּליע אויף די הויכע שוואַרצע פיס פּיקט אים ווידער אין די שלייפן אַריין.

דניאל לאָזט אַראָפּ דאָס קינד פון די הענט: ער וועט זיי באַלד וואַרפן עפּעס אין קאָפּ אַריין. ווי אַזוי רייסן זיך עס אַריין ביי נאַכט אין אַ פרידלעכער שטוב צוויי „היטער פון דער אָרדענונג" מיט אַזאַ רציחה, חוצפּה און אומפאַרשעמטער הפקרות? באַלד אָבער צוימט ער זיך, דניאל. און וואָס וועט עס געבן, אַז ער וועט זיי שוין יאָ וואַרפן עפּעס אין קאָפּ אַריין? זיי מעגן דאָך אַלץ... זיי זיינען דאָך די פאַרשטייער פון געזעץ! ער, דניאל, האָט דאָך קיין שום רעכט ניט. זיי, די מערדער, האָבן געזעצלעכע תליינים, געזעצלעכע תפיסות, פאַרשיקונגס־ערטער... וואָס קאָן מען טאָן? זיך וואַרפן אויף די מילשטיינער? מ'דאַרף וואַרטן און צוזען, וואָס ווייטער וועט זיין. ער הייבט זיך, דניאל, אויף, שפּאַרט זיך אין דעם טיש אָן, דערנאָך אָן דעם פאָטערס אַקסל, דערשלעפּט זיך צו אַברהמס בעט, דעקט אים צוריק איין דעם קראַנקן פוס און ווישט אים מיט אַן עק ליילעך דעם שווייס פון שטערן.

יצחק באַיאַר זיצט איינגעבויגן — ריכט זיך אויף אַ שטאַרקן קלאַפּ, אויף עפּעס זייער אַ שרעקלעכן קלאַפּ. דער קאָפּ איז אים אָבער צום אַקסל מער ניט פאַרנייגט — מ'דאַרף זיך שוין ניט צוהערן, די צרה איז שוין דאָ, ס'איז אַריין אַזאַ גרויסע און שוואַרצע צרה, אַז די אַלטע ווענט פון דער קרעטשמע קראַכן. ער נעמט דאָס אייניקל אויף די הענט און באַרו:קט עס;

— האָב ניט מורא, מיין קינד, מיר האָבן אַ גרויסן גאָט...

— ווידער? — פון פאַרוווּנדערונג ציִען זיך אויס ביים פריסטאַוו די ליפּן. — ס'איז דאָך געזאָגט געוואָרן קלאָר: ניט גאַר־ר־ר־גערעדן... איך דאַרף מען איינס און דאָס זעלבע איבערחזרן טויזנט מאָל. אַ פאַרשאָלטן פאָלק. געזאָגט געוואָרן — שווייגן, טאָ האַלט ס'מויל. ווער דערשטיקט, נאָר דאָס מויל עפן ניט!..

— מע וועט אַ מאָל ברענגען די זאַכן? — פרעגט מיט אומגעדולד דער הויכוווילגעבורט.

— איך גיי, איך גיי, — רופט זיך אָפּ „דער שטילער זומער". און באַלד טראָגט זי אַריין אַ בינטל שמאַטעס. הינטער איר גייט אַ האַלב־פאַרחלשטע — מלכה. די ווייבער ווילן צענעמען און פונאַנדערלייגן דאָס פּעקל, נאָר דער פריסטאַוו הייסט זיי זעצן זיך און שווייגן. דער פריסטאַוו אַליין צעוויקלט, באַטאַפּט אַלץ און באַזוכט: אַ געל־פאַרדאַרטער שינעל; איין שטיוול נאָך אַ נישקשהדיקער, דער צווייטער — אַן אויסגעטראָטן־אויסגעקרימטער, דורכגעלעכערט די זויל, פול מיט בלאָטע; די גימנאַס־טיאָרקע — די פּלייצע צעהאַקט און ווייס פון געזאַלצענעם שוויס. אַ פּאָר אַלטע הויזן — געפלאַצטע אויף די קני.

— אַפאַנאַסי לוקיטש, — זאָגט זיין הויכוווילגעבורט, — לאָז עס איבער... נעם דעם סידאָר.

דער פריסטאַוו נעמט זיך צום רוקזאַק: צוויי ציבעלעס, אַ שיסל, אַ בלעכערן קווערטל און אַ הילצערנע לעפל מיט אַ האַלב־אָפּגעבראָכן הענטל.

— דאָס איז אַלץ? — פרעגט דער הויכוווילגעבורט ביי רבקהן.

„דער שטילער זומער" שווייגט.

— רייד, — טוט אויף איר אַ הוקע דער פריסטאַוו, — אַז נאַטשאַל־סטווע הייסט, רייד!

— פאַראַן אַ פּאָרל גרעט... — מינעט זיך „דער שטילער זומער", — אַרויסגעוואָרפן אין שטאַל אַריין... זייער אַ פאַרלייזיקטס.

דער הויכוווילגעבורט פאַרקרימט זיך און נעמט דאָס שיסעלע אין האַנט אַריין.

— אין וועג האָסטו עפּעס געקאַכט? — ווענדט ער זיך צו אַברהמען.

— וואָס שווייגסטו?

— רייד, אַז נאַטשאַלסטוואָ הייסט!

אַברהם, פון ווייטיק נאָך אַלץ די אויגן פאַרמאַכט, פרעגט איבער מיט אַן איינגעהאַלטענעם צאָרן: — געקאַכט?

— דו פרעג ניט איבער, עפן די אויגן! דיינע אויגן גיבן דיך אויס... ענטפער, אין וועג האָסטו געקאַכט?

— אַ סך געקאַכט... אַ מענטש דאַרף דאָך עסן.

— ריכטיק, זייער ריכטיק. און וואָס זשע האָסטו געקאַכט? און וואָס, פרעג איך, האָסטו געקאַכט?

די „צוויי בלויע גריבעלעך אייז" זויגן זיך ממש איין אין אַברהמס פנים.

— איך האָב געקאַכט אין שיסל, — ענטפערט אַברהם פשוט אויף צו־להכעיס.

— און קיין קאָטעלאָק האָסטו ניט געהאַט?

דניאל זעט: דער זשאַנדאַרם וואַרט מיט אומגעדולד אויף אַברהמס ענטפער.

— געהאַט אַ קאָטעלאָק. וואָס איז ווערט אַ סאָלדאַט אָן אַ קאָטעלאָק?

— ריכטיק, זייער ריכטיק. וווּ זשע איז דער קאָטעלאָק?

— אין אַ דאָרף האָב איך אים אויסגעביטן אויף אַ לעבל ברויט... געווען הונגעריק.

— אין וועלכן דאָרף?

— ווער געדענקט דען דעם נאָמען? אַזוי פיל דערפער דורכגעשפּרונגען אויף די מיליצעס.

— צוריק מיט עטלעכע טעג האָסטו דעם קאָטעלאָק אויסגעביטן?

— אַ ניין, וואָשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע, דאָס איז געווען נאָך הינטער כאַבאַראָווסק.

— און מער האָסטו קיין קאָטעלאָק ניט געהאַט?

— ניין. — און פאַר אַברהמס אויגן טראָגט זיך דאָס קעסעלע אַראָפּ־צו צום טייך, ווערט מיטן שטראָם פאַרקערעוועט צום ווייסזאַמדיקן אינדזעלע און שלאָגט זיך דאָרט־צו צו דער סאָסנע, וואָס וויגט זיך איינע אַליין אויפן

וואַסער. אַברהם קאָן ניט פאַרשטיין, וואָס פרעגט ער זיך אַזוי נאָך אויפן קעסעלע?

דניאלן דוכט זיך, פון אַברהמס ענטפער איז איין גריבעלע אייז געוואָרן גרעסער, בלויער און פינקלט שטאַרקער קעגן די ליכט; דאָס צווייטע — פאַרקערט, קלענער, טונקעלער, אָט־אָט ווערט עס גאָר אויסגעלאָשן. ס'איז צו זען: אַברהמס ענטפער איז אים ניט געפעלן געוואָרן. דניאל קאָן נאָך אַלץ ניט אָנכאַפּן דעם פאָדעם, אין וואָס גייט דאָ? וואָס קוועטשט ער אַזוי שטאַרק אויפן „קאַטעלאָק"?

הייבט דניאל אויף די אויגן אויף עקיבאן. יענער שטייט מיט פאַר־לייגטע הענט אויף דער ברוסט, איין אויג צוגעשלאָסן און שמייכלט צו אַברהמען, אַ דינער, קוים באַמערקטער שמייכל. ער, עקיבא, איז זייער צופרידן פון אַברהמס תשובות. איצט צווייפלט שוין דניאל ניט — עקיבא ווייסט עפּעס יאָ.

דער היכוווילגעבורט שפּאַנט דורך הין און צוריק די שטוב און זעצט זיך אויבן אָן ביים טיש. ער נעמט אַרויס פון פּאָרטפעל צוויי בויגן פּאַפּיר. אויף זיין גלאַטן שטערן לייגט זיך ווידער עפּעס ענלעכס אויף אַ קניי־טשעלע — ער הייבט אָן צו שרייבן.

עקיבא, וואָס שטייט ניט ווייט פון טיש, קוקט כלומרשט אָן אַ זייט, לייענט אָבער דאָס, וואָס דער זשאַנדאַרם שרייבט:

Протокол составлен следователем по особым поручениям.*

— זעץ זיך אַהין, — זאָגט דער היכוווילגעבורט מיט כעס צו עקיבאן, — אומעטום מוזט איר אַריינשטופּן די נעזער. אַ נאַציאָנאַלער שטריך! דו מיינסט אַוודאי, איך קען דיך ניט? כ'קען דיך! ביסט אַ מוזיקאַנט אין דער זשידאָווסקער טרופּע. שלעפּסט זיך אַרום מיט די אַקטיאָרלעך איבער די שטעטלעך... שפּילסט און באַגענבסט זיך... מיט דיר וועלן מיר ריידן ניט דאָ. איז אָט, ניט גראַגערן צווישן זיך. ס'ענטפערט דער, וועמען איך

*) דער פּראָטאָקאָל איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורכן אויספאָרשער פאַר באַזונ־דערע אויפטראָגן...

פרעג. ענטפערן קורץ, ניט איבערצופרעגן. און אָן דערקלערונגען... דער ענין, מעלד איך, איז אַן ערנסטער. וועסטו ליגנערן, — ווענדט ער זיך צו אַברהמען, — וועט זיין נאָך ערגער. האָב רחמנות אויף דיין מאַמע, אויף דיין אַלטן פאָטער.

און צום פּריסטאַוו:

— אַפאַנאַסי לוקיטש, שטעל צונויף אַן אַקט אויף דעם אַלטוואַרג. טו אויס דעם שינעל.

ביים פּריסטאַוו טוען אַ ציטער די געלע שפּיציקע האַרטע וואָנצעס. די רויטע נאָז הייבט אָן בלייך צו ווערן — שרייבן? אויף דעם לייגט זיך אים, אַפאַנאַסי לוקיטשן, גאָר די האַנט ניט. די רעכטע האַנט איז ביי אים תמיד צונויפגעלייגט אין אַ פויסט. ער עפנט זי בלויז דעמאָלט, ווען מ׳דאַרף אין איר אַריינלייגן... אַזוי אָבער איז דעם פּריסטאַוו שווער אַפילו אויס־צוגלייכן די פינגער. ער צלמט זיך אַזש איבער:

— וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע?

— ניטשעוואָ, — פאַרשטייט אים דער זשאַנדאַרם, — ס׳קומט אַ מאָל אויס, אַפאַנאַסי לוקיטש, צו פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכעס אויך.

און ווידער צו אַברהמען:

— גיב אַהער די דאָקומענטן.

— מאַמע, ווו האָסטו אַוועקגעלייגט מיינע פּאַפּירן?

— אויפהערן! — ווערט ווידער איין גריבעלע אייז גרעסער און בלויער, דאָס צווייטע קלענער און טונקעלער, — רייד אויף אַ מענטשלעכער שפּראַך.

דניאל, וואָס זיצט ביים ברודער צופוסנס, זאָגט זייער רויק:

— ער רעדט אויף זיין מוטערשפּראַך.

— טשעפּוכאַ. ייִדן האָבן ניט קיין שפּראַך... — די אייבערשטע ליפּ פאַרקאַטשעט זיך, און פונעם ווינקל מויל טוט אַ בליאַסקע דער גאָלדענער צאָן. — דו ביסט דאָך אַ מאָלער... אַ מענטש, וואָס...

— איך בין אייך ניט קיין „דו״.

— ביי דיר איז אויך אַ הייסער טעמפּעראַמענט. און לערנען דאַרף מען אייך. מ׳לערנט אייך, און מ׳לערנט אייך, און מ׳לערנט אייך, און מ׳קאָן אייך ניט אָנלערנען... איר האָט אַ קורצן זכרון! און וואָס, פאַרשטיי איך

ניט, האָסטו זיך אויף מיר אַזוי באַליידיקט? נעמט אייערע זשורנאַלן, דעם „וואָסכאָד", צום ביישפּיל, דאָרטן שרייבן א י י ע ר ע: יִדן ריידן אויף אַ זשאַרגאָן.

יצחק באַיאַר, ניט פאַרשטייענדיק, וועגן וואָס די רייד גייט, מיינענדיק, אַז אויף זיין קאָפּ פאַלט עפּעס נאָך אַ בלבול, לייגט ער צו די האַנט צו דער באָרד:

— גלייבט אַן אַלטן מענטשן, קיין מאָל איז דער זשאַרגאָל אין מיין שטוב ניט געווען... גלייבט אַן אַלטער מענטשן! — און דער ייִד האַלט אויף דער אונטערגעהויבענער האַנט די באָרד, ווי אַן עדות, אַז ער, יצחק, וועט קיין ליגן ניט זאָגן.

דניאל, פאַרביסן ביז בלוט די ליפּן, קוקט אויפן פאָטער, ווי יענער פאַרענטפערט זיך, און זיין בליק ווערט פאַרצויגן מיט אַ הייסן נעפּל. אויף די באַקן טרעטן אַרויס פלעקן. ער רוקט אַריין די פינגער פון ביידע הענט אין דעם באַזילבערט־געקרייזלטן קאָפּ האָר.

עקיבא גייט צו צו אים:

— דניאל!

— שוייג! — ציט אויס דער פריסטאַוו די גאָמבע.

עקיבא ווענדט ניט אויף אים קיין אַכט.

— דניאל, — בייגט ער זיך אָן צו זיין נשמה־פריינד, — דניאל, וואָס קאָן דיך דאָ וווּנדערן און חידושן?

דניאל ענטפערט ניט. ס'ציטערן ביי אים די געלע פינגער אין די ווייסע האָר, און עקיבא חזרט נאָך א מאָל איבער:

— דניאל, איז דען כדאי?

דניאל טוט זיך מיט אַ מאָל אַ מאָדנעם וואָרף. עקיבא נעמט אים אָן ביי די אַקסל:

— וואָס איז מיט דיר, דניאל?

— גאָרניט. אוי, עקיבא־פריינד...

עקיבא לאָזט זיך פון שטוב אַרויס. מ'טאָר קיין צייט ניט פאַרלירן. דאָס שטיינערנע לעבן, טראַכט ער, האָט נאָר וואָס אָפּגעשפּליטערט נאָך אַ שטיק פון דעם שטיינערנעם דניאל. מ'דאַרף גיין אַהין, צו גבריאלן

אין הויף אַריין, מ׳דאַרף זיך אַן עצה האַלטן מיט איוועץ און ברענגען דעם דאָקטער.

ער פאַרהאַלט די טריט אויף אַ רגע: איין גאָט אין הימל ווייסט, ווי אים, עקיבאן, ווילט זיך ניט גיין אַהין, צו גבריאלן אין הויף אַריין. איין מאָל אין לעבן איז ער דאָרט געווען — אין יענער נאַכט, ווען ער האָט געוואָלט העלפן איוועץ אַנטלויפן פון דער היים. ס׳האָט זיך דעמאָלט ניט איינגעגעבן אַרויסצורייסן איוועץ פון איר מאַמעס נעגל. און עקיבא לאָזט זיך גיין ווייטער. מ׳דאַרף גיין אַהין, צו איוועץ. אָט דער אויספאָרשער, דער פריסטאַוו, עפּעס פאַרקאָכט זיך דאָ אַ מיאוסער בלבול. האָט עס אַ שייכות צו כיירוסן? ווי ס׳זאָל ניט זיין, יצחק וועט זיך דאָ איינער אַליין קיין עצה ניט געבן. אים, עקיבאן, וועט אַפילו אויסקומען זיך דורכריידן מיט איר מאַן, מיטן פאַבריקאַנט, אַלעקסאַנדער לאַנדע איז דאָך אַ „פּאַ־טשאָטני גראַזשדאַנין״, איינער פון די תקיפים אין שטאָט. דער טאַטע זייגער, דער אַלטער נתן לאַנדע, איז דאָך דער איינציקער, וואָס זעט זיך מיטן גובערנאַטאָר אויג־אויף־אויג.

אין דער אָפענער טיר שטויסט זיך עקיבא אָן אויף דער אַלטער האָרפּינע. זי קומט אַריין, די זקנה, אַן איינגעבויגענע, לויפט צו מיט אירע דריבנע טריטעלעך צום טיש און נעמט קלאַפּן מיטן שטעקן.

— ווו איז מיין אייניקל, פרעג איך? ווו איז מיין איינציקע טויב? וווהין האָט איר אַהינגעטאָן מיין אייניקל?.. — זי הייבט אויף דעם שטעקן.
— איר האָט מיך איבערגעלאָזט אויף די עלטערע יאָרן מיטן שטעקן? אַנטיכריסטן, וואָס קאָלאָטעט איר דאָ די שטוב, ס׳איז אייך נאָך קאַרג טרערן?.. אָן־אָ שטאַרבט ביי מאַריען דאָס קינד אויף די הענט. איראָדן פאַרשאָלטענע. וואָס שרעקסטו מיך? וואָס האָב איך שוין וואָס מורא צו האָבן פאַר אייך? איך לעב סיי ווי אין גיהנום! ווען וועט שוין זיך אויסגיסן אויף אייך גאָטס שטראָף!

ביים שליאַך, פאַר דער טיר, שטייען נאָך אַלץ מענטשן. דער קאַלט־פייפנדיקער ווינט קאָן זיי ניט פאַרטרייבן אין די כאַטעס אַריין. אין דער אָפענער טיר באַווייזט זיך אַ פויער אָן דעם היטל. איןביידע הענט האַלט ער אַ פאַפּיר. ער וויל דערלאַנגען אַן אָנקלאַגע. דער הויכוווילגעבורט טוט

אַ פינטל צום פריסטאַוו. יענער, וואָס קאָן זיך נאָך אַלץ קיין עצה ניט געבן מיט דעם הענטל־פעץ — ס׳גליטשט זיך אַלץ פון צווישן די פינגער אַרויס, איז שוין פונעם שרייבן פאַרמאַטערט. איבער די גרינע אָדערלעך רינט אַ פעטער שווייס. ער, דער פריסטאַוו, ווי נאָר ער האָט אויפגעכאַפּט דעם זשאַנדאַרמס ווונק, האָט ממש תיכף אויפגעלעבט. די פינגער לייגן זיך אים גלייך צונויף אין אַ פויסט:

— בונטעווען?! — און ער טוט אַ שטופּ די זקנה פון שטוב אַרויס. ווען ניט דער סאָלדאַט, וואָס שטייט ביי דער בריטשקע, וואָלט די זקנה געפאַלן די פערד אונטער די פיס.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

## יא

אַרום דעם לאַנגן און ברייטן משפּחה־טיש, פאַרשפּרייט מיט צוויי גרויסע טישטעכער, אין יענער שטוב, וואָס די באַיאַרס רופן „דער זאַל" (אַהערצו פלעגט אַ מאָל גבריאל, אין די יונגע יאָרן, אַריינפאָרן, נאָך אַ גוטן טרונק בראָנפן, רייטנדיק אויף אַ פערד), זיינען געזעסן די רויט־בערדיקע זין, די שוואַרצהאָריקע שניר און די געקרייזלטע אייניקלעך.

אייניקלעך — איינס אויף איינס, אַ געפּאַקטער הויף, ווי יאָדערן אין אַ קאַוונע. די צאָל אייניקלעך האָט גבריאל ניט געוווּסט און בכלל ניט געוואָלט אפילו וויסן — מורא געהאַט פאַר אַ גוט־אויג...

דער זאַל — אַהערצו קלייבט מען זיך צונויף אין פייערלעכע אָדער יומטובדיקע טעג — אַרומגעשטעלט מיט אַלטמאָדישע שראַנקען פאַר קליידער און געשיר. עטלעכע הויכע, ווי די ביימער, ברייטצעצווייגטע פיקוסן. ווינטערצייט באַגיסט זיי גבריאל אַליין אַלע פרייטיק־פאַרנאַכט — נאָך ליכטבענטשן. אויף זומער שטעלט ער זיי אין סאָד אַרויס.

אַנטקעגן דער אַריינגאַנג־טיר — אַ שטייענדיקער וואַנטזייגער, וואָס ווערט אָנגעצויגן מיט אַ שליסל אויף גאַנצע אַכט טעג. ער פאַרמאָגט זילבערנע קייטלעך מיט אייזערנע געוויכטן. אַלע פערטל שעה שפּרינגט אַרויס פון די זיך פונאַנדערגעעפנטע טירלעך אַ באַגילדעטער פויגל און

שפּילט אָפּ דעם טערקישן מאַרש. דעם זייגער האָט גבריאל אָפּגעקויפט ביים אַלטן פריץ, ביי דעם עבר־בטלדיקן גראַף באָגושעווסקי. פאַרלייגט די הענט אַהינטער, שפּאַנט גבריאל אַרום צווישן די פיקוסן און קלייבט פונעם זייגער נחת.

אין ווינקל שטייט אַ טונקעלער וואַנטשפּיגל. אַז מ׳קוקט אין אים, זעט מען בלויז אַ שאָטן פון אַ משונהדיק געשטאַלט. צווישן דעם זייגער און דעם שפּיגל — אַ הויכער לעדערנער דיוואַן, ס׳איז שוין שווער צו זאָגן: געל צי שוואַרץ? צוויי מאָל אין יאָר, אויף פּסח און ראש־השנה, שמירט אים גבריאל מיט פישאייל, נאָך דעם טריקנט זיך דער דיוואַן דריי וואָכן ביי אָפענע פענצטער.

ביי דער אַנטקעגנדיקער וואַנט — אַ שוואַרצער קאַסטן מיטן קופּערנע רייפן, אַזעלכע אויסגעשייערטע, אַז זיי פייערן אין די אויגן. דאָס איז גבריאל באַיאַרס פייער־קאַסע. קיינער פון די זין ווייסט אַפילו ניט, ווי אַזוי דער קאַסטן עפנט זיך.

אין מזרח־וואַנט, הינטער אַ פּרוכת — אַ גרין־סאַמעטענער, מיט צוויי אויסגענייטע, גאָלדפעדעמדיקע לייבן — שטייט אין דעם געשניצטן אָרון־קודשל אַ ספר־תורה, אַ ירושה, וואָס גייט איבער פון דור צו דור. מיט דער ספר־תורה ניצט מען זיך איין מאָל אין יאָר, ווען די באַיאַרס פון די אַרומיקע דערפער און כוטאָרס, דער שטאָט אויף צו להכעיס, פאָרן זיך צונויף אויף ימים־נוראים צו גבריאלן.

נאָר דאָס שיינדל אין זאַל איז די שטול. זי שטייט אויבן אָן. אַ ברייטע, אַ הויכע, דאָס אָנלען־ווענטל כמעט ביז צו דער סטעליע. פון איין שטיק דעמב געהאַקט און געשניצט געוואָרן. דאָס איז „דעם טאַטנס״ — גבריאלס שטול. עקיבא רופט אים:

— דער כסא המלכות פון גבריאל דעם פערצנטן.

צום טיש דערלאַנגט די מומע ליבע. די אָרעמע, נאָר די שיינע און די קלוגע מומע ליבע. זי דערלאַנגט צום טיש מיט אַ שמייכל, מיט אַ ווערטל, און קיינער ווייסט ניט, אַז איר האַרץ איז דאַרטן, **אין דער היים**, אין דעם ווייטן דאָרף, ווו די קינדער זיינען פאַרבליבן איינע אַליין מיט שמריהן, מיט זייער טאַטן דעם צאַרנדיקן כעסן. זי, די מומע ליבע, האָט

ניט געהאַט בדעה אַפילו דאָ שבת צו האַלטן. נאָר אַז איווע איז שוין אָנ־געפאָרן, ווייל זי אָפּנעמען ביי איר אַ לעבעדיקן גרוס פון דער טאָכטער, פון שיפרהן, וואָס איז שוין באַלד אַ יאָר אין דער גרויסער שטאָט און שרייבט איין מאָל אין אַ שמיטה אַן אָפּקומעניש־בריוול.

די מומע ליבע האָט נאָך מיט איוועס וועגן דער טאָכטער ניט גערעדט. יענע קאָן נאָך צו־זיך ניט קומען פון דער באַגעגעניש מיט דניאלן און מיט דער מוטער. דעם מאַן איוועס, מיטן גראָבן ציגאַר אין מויל, דעם פאַבריקאַנט מיטן פולן געל־קרענקלעכן גלאַט־געגאָלטן פּנים, האָט זי, די מומע ליבע, שוין אַ פּאָר מאָל יאָ געפרעגט, נאָר יענער ענטפערט איינס און דאָס זעלבע:

— זייט איר, הייסט עס, שיפרהס מאַמע? מ׳דערקענט גלייך... פאַר אייער טאָכטער דאַרפט איר זיך ניט זאָרגן. מיר האָבן זי איינגעאָרדנט אויף קורסן... זי האָט אויף זיך אַ מאַנצבלשן קאָפּ.

פרייט עס אַ מאַמעס האַרץ. דאָך וואָלט זי, די מומע ליבע, געוואָלט וויסן: ווער איז עס דער מ י ר, וואָס זאָרגט אַזוי פאַר איר קינד? און וואָס איז עס פאַראַ קורסן? און אַוועלכע גרויסע געשעפטן פירט עס דאָרטן שיפרה, וואָס מ׳דאַרף דערצו האָבן אַ מאַנצבלשן קאָפּ? אָבער ריידן לאָזט ער זי ניט, דער פאַבריקאַנט. ווי נאָר די מומע ליבע עפנט דאָס מויל, פרעגט ער:

— זייט איר, הייסט עס, שיפרהס מאַמע? מ׳דערקענט גלייך... פאַר שיפרהן זאָרגט ניט, זי האָט אויף זיך אַ מאַנצבלשן קאָפּ! — און ער הייבט אויף דערביי די הענט מיט די גאָלדענע סיגנעטן. די מומע ליבע דאַרף פון דעם פאַרשטיין: מיר מעגט איר גלייבן. שיפרה איז אויף אַ וועג.

גייט די מומע ליבע אָפּ. גיי רייד מיט אַ מענטשן, וואָס זעט דיך יאָ און זעט דיך ניט. ער רעדט צו דיר יאָ און רעדט צו דיר ניט. און יעדעס אַרויסגעבראַכט וואָרט איז מיט אַזאַ מינע — מ׳האָט דיר געטאָן אַ גרויסע טובה, דיך אָפּגעשאָטן מיט גאָלד, דיך גליקלעך געמאַכט אויפן גאַנצן לעבן. און ניט נאָר דיך איינעם, נאָר אויך דיינע קינדער און דיינע קינדס־קינדער.

— רבונו־של־עולם, — טראַכט די מומע ליבע, — אַ מענטש זאָל

דאָס האָבן אַזוי פיל פליי אין נאָז! זע נאָר, ווי ער האַלט אויף די קני די הענט מיט די גאָלדענע רינגען. ער מיינט טאַקע באמת, אַז אין גאָט איז אין הימל, און ער איז איינער אויף דער ערד.

נאָר זי שווייגט, די מומע ליבע, און זי וואַרט, ביז זי וועט קאָנען זיך דורכריידן מיט איוען. ביים דערלאַנגען צום טיש העלפט איר מיט סטיסיע — די נייע שנור, שמחהס פערט ווייב. מיט דריי ווייבער האָט אים שוין דער טאַטע געגט — זיי האָבן קיין קינדער ניט געהאַט. גבריאל קוקט אויפן יינגסטן זון, אויף שמחהן, ווי אויף אַן אַנזעצער... סטיסיע שטאַמט פון די באָיאַרס, אַ שמידס אַ טאָכטער. געווען אַ פאַרזעסן אָרעם מיידל, נאָר אַ געזונטע און האָרעפּאַשנע. זי האָט געהאָלפן דעם פאָטער אין שמידעריי, און טאַקע מיטן גרויסן האַמער.

— דאָס, וואָס זי איז אַ פאַרזעסענע, — האָט גבריאל געזאָגט, — דאָס איז אַ קנאַפּער חסרון. אַן אַלטע מויד איז אויף מאָרגן נאָך דער חתונה אַ יונג ווייבל. און צו איר אָרעמקייט וועלן מיר זיך שוין ווי־עס־איז אַן עצה געבן.

און גבריאל האָט זי אויסגעקליידט, סטיסיען, איר אָפּגעשפּילט אַ גרויסאַרטיקע חתונה, איצט וואַרט ער פון איר, זי זאָל צאָלן דעם חוב — געבן אַן אייניקל.

אין וועלוולען פלאַצט די גאַל. שמחהן גייט דורך טיר און טויער. אַ מזל פון אַ מענטשן! אַלע מיטוואָך און דאָנערשטיק גיט מען אים אַ פריש ווייב, און מע האַלט אים פאַר דעם „סטראַדאַלעץ". אים, וועלוולען, האָט מען געגעבן אַן אומגליק אויפן גאַנצן לעבן, ביזן קבר אַריין. ס'איז דען ביי אים אַ ווייב? ס'איז דאָך אַ סאָסנאָווע ברעט. נאָר גיי, אַז זי שיט מיט קינדער.

— פאַר וואָס, — שרייט ער אויף דער ווייב, — פאַר וואָס ביסטו ניט קיין בעזדיטניצע?

די פענצטער זיינען פאַרמאַכט אויף די אינעווייניקסטע לאָדן. איבערן טיש ברענט דער הענגלאָמפּ. אין די שווערע לייכטער ברענען מיט אַ זיסן ריח די קורץ־גראָבע, די אַליין־געמאַכטע וועקסענע ליכט. די לעצטע צייט —

פון זינט נעכע איז שטאַרק קראַנק — צינדט זי גבריאל אַלע פרייטיק־צונאַכטס אַליין אָן.

אויפן געגרייטן טיש, אויבן אָן, שטייט דאָס געגלייזטע שמאָל־הויכע קריגל, אָנגעפילט מיט דעם טערפקע־זויערן בערעזע־זאַפט. אַזאַ זאַפט איז ביי גבריאלן פאַרגרייט אויף אַ גאַנץ יאָר, פון פרילינג ביז פרילינג. אָן דעם קריגל „סאָק" גייט ער ניט צום טיש.

— כל זמן איך וועל טרינקען פון דער בערעזע, — דערקלערט גבריאל דעם איידעם, — וועט מיך דער מלאך־המוות מיט קיין דעמב ניט דער־הרגענען.

ער שטעלט זיך מאַכן קידוש, גבריאל באַיאַר. ער נעמט דעם זילבערנעם בעכער, וווהין ס'באַהאַלט זיך אַ פערטל קוואַרט בראַנפן, און טוט אַ געשריי:

— יום הששי ויכלו השמים והארץ וכל צבאם...

דאָס איבעריקע צערייבט ער צווישן די ציין און קערט איבער דעם כוס אין מויל אַריין.

— טאַכטער, — ווענדט ער זיך צו איוון, וואָס שטייט צווישן די פיקוסן און רעדט מיטן דאָקטער, — וועסט אפשר נעמען אַ קאַפּעלע בראַנפן? דו ווייסט דאָך, קיין ווייַנען טרינקען מיר ניט. ווען איך ווייס, אַז איך וועל האָבן אַזעלכע געסט. ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטן? איך וואָלט אַראָפּ־געבראַכט אַ פאַס ווייַן.

— ס'איז פאַראַן ווייַן, — הייבט זיך אויף דער איידעם, — גאָר אַוועלכער ווייַן. ליוקס. דעליקאַטעס... באַלד ברענג איך.

— ניטאָ קיין ווייַן, — שטעלט אים אָפּ איווע, — כ'האָב אַוועקגעשיקט פאַרן קראַנקן... סאָלדאַט. גיב מיר, טאַטע, אַ ביסעלע בראַנפן. כ'האָב שוין לאַנג פון דיין בעכער ניט געטרונקען.

דער מאַן הייבט אויף די ברעם:

— דו האָסט אַוועקגעשיקט דעם ווייַן?

ער שטייט און שפּיגלט זיך אין די רינגען:

— רחמנות איז אַ שיינע מידה...

ער פאַררוקט די הענט אין די קעשענעס, בייגט אָן דעם קאָפּ. ניט געקוקט, וואָס דער קאָפּ איז אים אַראָפּגעבויגן, איז דער האַלדז־און־נאַקן

נאָך אַלץ געפאַלדעוועט. די שוואַרצע גלאַטע צוגעקעמטע האָר אויף אַרויף באַהאַלטן שוין ניט אויס דעם פּליך. דאָס פּנים — געל, ווי ביי אַזאַ, וואָס ליידט אויף מאָגן־קרענק.

— האָב איך געפּירט, הייסט עס, ווײַן...

ער דערדעדט ניט. אויפן פּנים באַווייזט זיך מיט אַ מאָל די גוטסקייט אַליין.

— זייער גוט האָסטו געטאָן... רחמנות איז איינע פון די שענסטע מענטשלעכע מידות.

— גוט צי ניט גוט, דאָס איז מיין זאַך... דו האָסט אָבער אַ גרויסן טעות, אַלעקסאַנדער, ס'איז ניט פון רחמנות... — און איווע נעמט פון דעם פּאַטערס האַנט דעם בעכער, קוקט ניט אַריין, וויפל בראַנפן ס'איז דאָרטן, — פאַר דיין געזונט, טאַטע, — און זי טרינקט אויס.

— צו געזונט דיר, מיין טאָכטער. נאַ, פאַרבייס, מיין קינד.

און דאַ באַגעגנט ער זיך מיט איוועס בליק. אַ בליק פול מיט ווײ, פאַראיבל און פאַרוואורף. ביי גבריאלן טוען אַ פינטל די ווי:עס און ער דרייט אַפּ דעם קאָפּ.

— און דו, אַלעקסאַנדער, — פרעגט ער ביים איידעם, — דו וועסט גאָר קיין קידוש ניט מאַכן?

דער איידעם באַווייזט אים אויפן פּעקעלע. ער האָט געבראַכט מיט זיך צום טיש אַ פלאַש שוואַרצע קאַווע און אַ פּאָר אויסגעטריקנטע ריפּטלעך חלה.

— דאָס איז, שווער, מיין וועטשערע. מער טאָר איך ניט.

— וואָס הייסט, דו טאָרסט ניט?

די ווייבער צעלאַכן זיך. ביי זיי עסט אויף אַ זויגקינד אויף ביי נאַכט דריי מאָל אַזוי פּיל. גבריאל פרעגט ביים אייניקל, ביי אריהן, אַ יונג, וואָס קערט זיך אום אַלע נאַכט אַהיים ערשט פאַר טאָג:

— און דו, אריה, טאָרסט אויך ניט טרינקען?

— זיידע, — טוט יענער אַ פיר מיט די שעלמישע קוקערס, — כ'פּיל מיך טאַקע עפּעס ניט גוט. און צו יעדער קרענק, זאָגסטו דאָך, איז די בעסטע רפואה אַ ביסל... נו, כאַטיאַבי אַ פּאָר בעכערס בראַנפן.

— דו הערסט, אַלעקסאַנדער, רייד? גאָלדענע רייד. מ׳דאַרף זיי אויס־קריצן ביים אַריינגאַנג פון יעדער לייטישער שטוב. — און גבריאל נעמט פלוצעם די פלאַש קאַווע, די ריפּטעלעך חלה, עפנט אויף דאָס פענצטער און וואַרפט דאָס אַלץ אין דרויסן אַרויס. — נאַרישקייטן, אַן איינרעדעניש...

ער גיסט אָן זיין בעכער מיט בראָנפן:

— נאַ, טרינק, אַלעקסאַנדער, אַ מענטש, וואָס פירט אַ פאַבריקע זאָל זיך אַזוי אָפּלאָזן! וואָס קוקסטו אויפן דאָקטער, וואָס? זיי וועלן ביי מיר אויך מאַכן קידוש... נו, טראַכט ניט, אַלעקסאַנדער. פאַר איוועס געזונט, פאַר ישועות אויף יידן, לחיים! נו, נו, ביזן דנאָ. אָט אַזוי! אָ, וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרקרימט? וואָס, ס׳איז ביטער? טאָ זיי וויסן, מיין איידעם, אַז אָט אַזוי־אָ מוטשען מיר זיך אַלע יאָרן. — און ביי גבריאלן גלאַנצן ממזריש די אויגן פון אונטער די געדיכטע, ווילד־געוואַקסענע אַראָפּגערוקטע ברעמען. — איצט, אַלעקסאַנדער, פאַרבייס. ליבע, דערלאַנג אים אַ טעלער עסיקפלייש. יאָ, נעם אין בופעט אַ שקאַליקל פאַר דעם באַלעגאָלע. גיב אים דאָרט גוט אָפּעסן. נו, אַלעקסאַנדער, וועסט נעמען נאָך אַ בעכערל?

אַלעקסאַנדער שטייט און קלאַפּט מיט אַ סיגנעט איבערן בעכער. דאָס פּנים וויס, אויסגעקרימט, רעדט קוים אַרויס:

— נאָך? איר מיינט, אַז איך בין אַ...

— חלילה, — זאָגט גבריאל. — איך ווייס, אַז דו ביסט רב נתן לאַנדעס אַ זון.

— וואָס האָט איר אָפּגעטאָן מיט מיר? — פּרוּווט אַלעקסאַנדער שמייכלען. — צו מיין יאַזווע... בראָנפן? איליאַ איליטש, — דרייט ער זיך אויס צום דאָקטער, — איך וועל מסתמא...

— לאָז צורו דעם דאָקטער, — זעצט אים גבריאל אַוועק, — זאָלן זיי זיך דאָרטן שמועסן. פאַרבייס מיט געהאַקטן לעבער. אָט שטייט געשאַט־קעוועטע קרויט מיט געזייערטע עפּל. נעם אַ ביסל פאַסאָליעס צעריבן אין גענדזענעם שמאַלץ. אָט האָסטו אַ שיסעלע גריוון, אַ קערטשער הערינג אין עסיק...

— צו מיין יאַזווע עסיק?

— נו, מילא... טאָ עס געפילטע פיש מיט כריין, אַ שטיקל געקנאָבלטע

דריליע, געפרעגלט קאַלבנפליייש. אַט טראָגט מען דעם עסיקפליייש! פּאַלג מיר, טונק איין אַ הרעטשענע לאַטקע אין עסיקפליייש. אַפילו ביי רב נתן לאַנדעס זון וועט אַזאַ לאַטקע אַראָפּ, ווי אַ גענעץ. וועסט דערנאָך צען יאָר ניט דאַרפן קיין דאָקטער. וווּ זייט איר געווען? — פרעגט ער ביי די צוויי אייניקלעך, וואָס קומען אַריין אין די פּעלצלעך, מיטן לאַמטערן.

— די נייע מומע איווע האָט אונדז געשיקט.

נאָר איווע פּירט אָפּ די צוויי קינדער אָן אַ זייט און פרעגט זיך ביי זיי פונאַנדער:

— ווער האָט ביי אייך צוגענומען?

— קיינער ניט.

— ווהין זשע האָט איר עס אַהינגעטון?

— אויפן טיש.

— איר האָט עס אַליין אַוועקגעשטעלט?

— ניין, מ'האָט דאָס ביי מיר צוגענומען.

— ווער?

— די מומע מלכה.

— די מומע מלכה? — און איווע פאַרטראַכט זיך.

— זי האָט געהייסן אייך זאָגן אַ דאַנק.

— נו, גוט, גוט. טוט זיך אויס און גייט צום טיש.

פּאַר גבריאלס אויג און אויער גייט דאָ גאָרנישט ניט פאַרלוירן. ער טוט אַ ווונק צו די זין, זיי זאָלן קידוש מאַכן. דריי זין — וועלוול, נפתלי און שמחה מאכן קידוש לויטן טאַטנס נוסח: די ערשטע ווערטער הערט מען נאָך, די לעצטע ווערן צעמזיקט, צעריבן צווישן די ציין. זיי טרינקען אָפּ פון די בעכער ביז האַלב, דאָס איבעריקע טרינקען די ווייבער.

דער איינציקער, וואָס קנאַקט אָפּ דעם קידוש פון אָנהויב ביזן סוף, — דאָס איז זיינוול. גבריאל הערט זיך צו, ווי דער מיטלסטער זון כאַפּט ניט, שלינגט ניט און וואַרגט זיך ניט מיט די ווערטער. ער ציילט, זיינוול, אויף אַ קול, מיט אַ ניגון, הייזעריקלעך, מיט דער זעלבער תנועה, — אַ צוק מיט די אַקסל, — ווי בשעת ער, זיינוול, ציילט געלט נאָך אַ יאַריד־טאָג. די ווערטער ביי זיינוולען שאַרכן און רוישן, ווי נייע פּאַפּירענע צענערלעך

— אַ צענערל צו אַ צענערל... שמוכט דער טאַטע אין דער באָרד אַריין: זיינוול וועט קיין טעות ניט האָבן. ער וועט זיך פון חשבון ניט אַראָפּשלאָגן. אויף זיינוולען קאָן מען זיך פאַרלאָזן.

גבריאל גיסט אָן דעם בעכער מיט בראָנפן, און יעדער אייניקל באַזונדער, לויטן עלטער, גייט צו צום זיידן — טרינקט אָפּ אַ ביסל. אין די אייגלעך שטעלן זיך זיי טרערן, נאָר קיינער פאַרקרימט זיך ניט, קיינער פאַרהוסט זיך ניט, קיינער פון די באָיאַרלעך וויל ניט פאַרלירן דעם חן אין דעם זיידנס אויגן. דער זיידע קנייפּט די אייניקלעך פאַר די פּוכקע בעקלעך און קוקט, ווי די יונגע שנור, סטיסיע, טרינקט פון שׂמחהס האַנט.

„מיט אַזאַ ווייב, — טראַכט ער, — קאָן מען פאַרשיטן די שטוב מיט קינדער". מיט אַ מאָל פאַלט זיין בליק אויפן שפּיגל. דאָרטן, אין שפּיגל, דערזעט ער דעם אומגליק פון זיין לעבן — די ווייב, נעכען, מיטן אָפּגעשוירענעם קאָפּ, וואָס זיצט אויפן דיוואַן. גבריאל טוט אַ קרעכץ:

— אַריה, מירן נעמען נאָך צו קעלישעקלעך?

— זיידע, כ׳האָב דיר דען אַ מאָל אָפּגעזאָגט?

— אַ ברען, ניט קיין בחור, — זאָגט אַלעקסאַנדער וועגן אַריהן, — דער פּלימעניק געפעלט מיר. כ׳האָב פאַר אים אַ גוטע כלה, נדן גיב איך איר... אַ שיינעם, אַ גרויסן נדן.

— וואָס זשע, — פרעגט גבריאל, — זי הינקט אויף אַ פוס?

— פאַר וואָס מיינט איר, אַז זי האָט אַ מום?

— עפּעס צו אַ גרויסן נדן ווילסטו פאַר איר געבן.

— זי איז מיינס אַ שוועסטערקינד, און דעם סופרס אַ טאָכטער...

— או־וואַ. — גבריאל נעמט אַריין דעם קריגל אין ביידע הענט און טרינקט זיך אָן מיט בערעזע־זאָפט. — אין אַ וואַלד, דערציילט מען, האָט זיך באַוויזן אַן אַלט פערד. אויפן רוקן אַ קילימל פון אַלערליי קאָלירן, אין גאָלדענע נאַריטניקעס מיט זילבערנע קוטאַסן. די גריווע, דער ווידל און די פּיס אויסגעפלאָכטן און אַרומגעבונדן מיט זייד און מיט גאָלד. דערזעט דער בער אַזאַ באַשעפעניש, ס׳בליאַסקעט פון אים אַזוי, פרעגט ער אים: „ווער ביסטו און וואָס טוסטו ביי אונדז אין וואַלד?" צעהירזשעט זיך אויף אים דאָס פערד: „ווייסט ניט ווער איך בין? אויף מיר האָט

דער קייסער אַליין צוואַנציק יאָר כסדר געריטן אויף אַלע צערעמאָניעס און פּאַראַדן. פֿאַר מיר האָבן געקניט אַלע — פֿונעם גראַף ביזן קוטשער. איצט, אויף דער עלטער, האָט מיר דער קייסער געשענקט זיין וואַלד, ווו איך זאָל קאָנען רויִק דערלעבן מיינע יאָרן. איז אָט, פֿאַרגעדענק, אויב עמעצער וועט מיר אין וואַלד שטערן מיין רו, אויב עמעצער וועט זיך פֿאַר מיר ניט גוט בוקן, וועל איך פֿון אים אַראָפּשינדן די פֿעל״. דערהערט אַזעלכע רייד, איז אויפֿן בער אָנגעפֿאַלן אַזאַ שרעק, אַז ס׳האָט אים געכאַפּט דער מאָגן. דריי טעג האָט אים די בעריכע ניט געגעבן אין מויל אַריין קיין לעק האָניק. זי האָט אים געהאָדעוועט נאָר מיט די פֿאַראַיאָריקע פֿוילע באַרלעך. אַ געטריי ווייב געווען. דעם האָניק האָט זי נעבעך אַליין געגעסן.

ביים טיש ווערט אַ געלעכטער. די דאַרעביילע פֿאַרגייט זיך מיט איר דריבנע געלעכטערל — אַ שאַרפֿס, וואָס שניידט אין אויער, און וואָס ווייטער, גייט בייביילען דאָס געלעכטערל אַריבער אין אַ מין געוויין. די געסט כאַפּט אַרום פֿון אָט דעם געלעכטערל אַן אומהיימלעכקייט. די היימישע — חרפּה פֿאַר די געסט. מ׳זעט: ביילע וויל זיך אָפּשטעלן, נאָר זי קאָן שוין ניט. הייבט אויף אויף איר גבריאל אַ ברעם:

— איך דערצייל ניט קיין מעשׂה אויף צו קוואָליען...

וואַרגט זיך ביילע מיטן געלעכטערל. די מומע ליבע זאָגט:

— דערצייל, גבריאל, דערצייל.

— דאָס זעלבע, זאָגט מען, — רוקט גבריאל אַראָפּ צוריק די ברעם, — איז פֿאָרגעקומען אויך מיטן וואָלף, אַפֿילו מיטן לייב אַליין. דערווייל, אין דער צייט, האָט זיך באַגעגנט מיטן פֿערד דער פֿוקס. דער פֿוקס איז שטענדיק פֿאַרהאַוועט. ער האָט קיין צייט ניט אויף לאַנגע רייד. „ווער ביסטו?״ — פֿרעגט ביי אים דער פֿוקס. צעהירזשעט זיך דאָס פֿערד: „וואָס דו ווייסט נאָך ניט, ווער איך בין? אויף מיר האָט דער קייסער אַליין...״ — „זייער שיין, — זאָגט דער פֿוקס, — דאָס האָב איך שוין געהערט פֿונעם וואָלף. נאָר דו זאָג מיר, דו אַליין, ווער ביסטו אַליין?״ — „אויף מיר, — הירזשעט דאָס אַלטע פֿערד, — ליגט אַ טייער קילימל און אויף מיר...״ — „זייער פֿיין, — שלאָגט אים איבער דער פֿוקס, — דאָס

קילימל איז טאַקע זייער אַ פיינס, נאָר דו אַליין ווער ביסט?״ — „איך טראָג אויף זיך גאָלדענע נאַריטניקעס מיט זילבערנע קוטאַסן. די גריווע איז ביי מיר אויסגעפלאָכטן מיט זיידענע און מיט״... — „אַלץ איז אמת, — זאָגט דער פוקס, — דאָס זע איך אַליין. דו זאָג מיר, דו אַליין, ווער ביסטו אַליין?״ — „איך אַליין בין אַ פערד״. — „אָט אַזוי זשע רייד!״ — און דער פוקס איז אַוועקגעלאָפן צום וואַלד. אויף מאָרגן האָט מען געפונען די נאַריטניקעס זיך וואַלגערן צווישן די אַרומגעהריזעטע ביינער...

גבריאל באַיאָר טוט אַ זיפץ:

— יחוס... ס׳איז מיר שוין גענוג יחוס.

דער איידעם האָט פאַרשטאַנען דעם מיין פון דער מעשׂה. אָבער אויף אָקסן־הענדלער איז ניט כדאי צו לייגן אַכט. מ׳קאָן מיט זיי שטיין אויף איין ברעט איין מאָל אין צען יאָר. פון דעסטוועגן קאָן ער ניט פאַרשווייגן:

— איר ווילט מיר זאָגן, אַז יחוס איז גאָרניט? איר פאַרשטייט ניט, אַז די אינטעלעקטועלע קראַפט פון פאָלק...

— כ׳בעט דיך, אַלעקסאַנדער, — שלאָגט אים איבער גבריאל, — רעדסטו, טאָ רייד ווי אַ מענטש, מ׳זאָל דיך פאַרשטיין. וועלכע קראַפט? וועלכן אינדיק לעקט ער?

אַלעקסאַנדער צעלאַכט זיך. איצט לאַכט ער שוין פונעם גאַנצן האַרצן. דער שווער, דער אָקסן־הענדלער, איז זייער אַ טשיקאַווער פאַרשוין. דערצו נאָך פאַרמאָגט ער אַ סך געלט. מ׳דאַרף אים אַריינגעמען אין שותפות. דער בעכער בראָנפן האָט אים, אַלעקסאַנדערן, גוט צעוואַרעמט. די טונקל־ברוינע אויגן גלאַנצן, ווי פריש־אָפּגעשיילטע קאַשטאַנען־ניס. ניט ער עסט, נאָר ער שלינגט אַלץ, וואָס ס׳קומט אים אונטער דער האַנט, אַפילו די געפעפערטע פיש מיט כריין. און די פיש האָט געקאָכט די מומע ליבע. נאָך אירע געפעפערטע פיש גייט אַפילו גבריאל אַרום מיט אַן אָפן מויל.

— דו ביסט נעבעך, אַלעקסאַנדער, גוט אויסגעהונגערט. אַז אַ מענטש זיצט אויף שוואַרצער ציקאָריע מיט פענעצלעך! — און גבריאל גיסט אים אָן דעם צווייטן בעכער בראָנפן. — לאָמיר אויסטרינקען פאַרן געזונט פונעם איינִיקל. ווי אַזוי, זאָגסטו, הייסט זי? תמרה? — גבריאל טוט אַ פיר מיט די אַקסל. — ווו נעמט איר, איך בעט אייך, אַזעלכע נעמען?

כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת, כ׳האָב צו ערשט געמיינט, אַז ס׳איז ביי דיר ניט קיין נאָמען, נאָר אַ צונעמעניש. אַ נאָמען „אַלעקסאַנדער״... כ׳האָב אָפּגעלעבט זעכציק יאָר אויף דער וועלט און האָב נאָך ניט באַגעגנט קיין ייִדן מיטן נאָמען אַלעקסאַנדער. צו דער תורה רופט מען דיך אויך אויף מיטן נאָמען אַלעקסאַנדער? רב אַלעקסאַנדער? און אפשר מאַכט מען דיר גאָר, ווי דעם קייסער, אַ הנותן תשועה... מיר מעגסטו דאָך זאָגן דעם אמת — ביסט אַ נאָמען נאָך אַ טויטן, צי ס׳איז ביי דיר אַ נאָמען פון דער הפטורה?

— נאָך אַ טויטן. — דער איידעם לאַכט ביז טרערן. — איך בין אַ נאָמען נאָך אַ גרויסן נפטר... נאָך איינעם פון מיינע עלטערזיידעס, נאָך דעם רב... — און אַלעקסאַנדער נעמט אויסרעכענען זיינע זיידעס די רבנים.

— מילא, — שלאָגט אים איבער גבריאל, — ביסט געקומען אין צען יאָר אַרום זיך באַרימען מיט דיין יחוס? איך האָב עס געוווּסט נאָך דעמאָלט... איך ווייס, אַז די לאַנדעס שטאַמען פון הוילע רבנים.

— חלילה — שלעפּט אַלעקסאַנדער אַרויס דעם ווייסן האַנטעך פון הינטערן קאָלנער, — געקומען בין איך צו אייך צוליב אַן ענין. מיין פאַבריקע שטייט, אַ זאַבאַסטאָווקע. מע וויל מאַכן סאָציאַליזם אויף מיין חשבון... בין איך אַוועקגעפאָרן. נאָר דאָס האָט צו אייך קיין שייכות ניט. איך וויל אייך אַריינגעמען אין אַ גרויס געשעפט. איך וויל אויסבויען אַ לעדער־פאַבריק. פּאָלעסיע דאַרפן האָבן שטיוול — ביליקע, פּראָסטע, גראָבע יוכטאָווע שטיוול.

— דו ווילסט אויסשמירן דעם יחוס מיט דזעגעכץ? נו, נו, וועגן דעם, אם־ירצה־השם, זונטיק. אום שבת פיר איך ניט קיין מסחר... די שוויגער דיינע זעסטו? — גבריאל טוט אַ פיר די אויגן צום דיוואַן. — זי איז אויסגעקנאָטן פון יחוס.

ביי גבריאל באַיאָרן גיסן זיך אַן די אויגן:

— אייער יחוס — אַ גאָלדענע קייט אויף די פיס.

— אַהאַ, דאָס זעלבע האָב איך אַ מאָל געהערט פון איוועץ. זי ציט אויך מערער צום טאַטנס שורש...

גבריאל ענטפערט ניט און ווערט אַנטשוויגן. דער דרך־ארץ צום

אײדעם, דעם פֿאַבריקאַנט, צוימט אײַן אים דעם כעס. גבריאל שאַצט אַ מענטשן לויט זײַן פֿאַרמעגן. דער אײדעם איז רײַך, אַ חשוב בײַם גובערנאַטאָר. אפֿשר ניט אַזוי ער, ווי דער טאַטע זײַנער. ער איז אַ באַלעבאָס פֿון אַ פֿאַבריקע, וואָס אַרבעט אויס פֿאַר די פּויערטעס בײַוולנע קאָפּטיכער, פֿאַר די פּויערים גראָב געוואַנט אויף גאַרניטערס און סוויטקעס. אויף די פּלײצעס זיצט בײַם אײדעם אַ געזונטער קאָפּ. ער פֿאַרמאָגט אַ פּאָר דורכגעטריבענע אויגן — זײ זעען, ווו ערגעץ עפּעס ליגט... אײן פֿאַבריקע איז אים קאַרג, איווע לעבט בײַ אים אין וווילטיק. בײַ דניאלן וואָלט זי זיך מיט קײן ברויט ניט אָנגעגעסן. דניאל וואָלט געשמירט... וואָס האָט ער פֿון זײַנע מאָלעכצן? און ווער דאַרף זײ האָבן, די כאַטעס, די טאָפּאָלן, די בערעזעס? צוליב וואָס דאַרף מען זײ מאָלן, אַז מ׳זעט זײ אַזוי אויף אויף שריט און טריט. גײסט אַרויס פֿון שטוב — איז וואַלד און וואַלד. אָט האָט דניאל פֿאַר אַכטאָגן געבראַכט און אויפֿגעהאָנגען אויף דער וואַנט די אַלטע קרעטשמע. די קרעטשמע שטײט, ווי אַ לעבעדיקע... נאָר צוליב וואָס האָט ער נאָך געדאַרפֿט אָנמאָלן זײַן טאַטנס בהמה מיט דעם אָפּגעבראָכענעם האָרן? אַ ווילדער, אַ גוטער מענטש, דניאל. נאָר גאָט זאָל ניט שטראָפֿן פֿאַר די רײד... אָבער יענעם האָט זי ליב געהאַט, נאָך דניאלן איז זי גרײט געווען צו גײן אין אויסרײסעניש, און צו דעם, זעט מען, ליגט איר נאָך עד היום ניט דאָס האַרץ... אַ רחמנות אויף איוועז. נאָר פֿאַרפֿאַלן. זאָל אונדז גאָט משפּטן.

— נו, אַלעקסאַנדער, טרינק אויס. אַריה טרינקט שוין צוליב מ׳יר דעם צווייטן בעכער. פֿאַר וואָס ט׳איר ניט מיטגענומען מיט זיך דאָס קינד?

— פֿרעגט בײַ איוועז.

— טאָכטער, דו הערסט? פֿאַר וואָס האָסטו טאַקע ניט געבראַכט דאָס קינד? דאָס חיות גײט מיר אויס, אַזוי וויל איך זען דײַן קינד.

— איך ווײס עס, טאַטע, — גײט איווע אַרויס פֿון הינטער די פּיקוסן, — דער וועג איז אָבער אַזאַ שווערער, און דערצו בין איך דאָך ניט געפֿאָרן אויף קײן שׂמחה...

— יאָ, מײַן טאָכטער, איך פֿאַרשטײ, — גבריאל טוט ווידער אַ קרעכץ און וואַרפֿט אַלץ זײַן בליק אַהין, אויפֿן שפּיגל, ווו ס׳וויגט זיך דער

טרויעריקער שאָטן פון זיין לעבן. — דו ביסט גערעכט... קום, מיין קינד, צום טיש. וואָס שטייט איר דאָרטן?

— באַלד, טאַטע, וועלן מיר קומען.

איווע, נאָך דעם אויסגעבראָכענעם געוויין ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט דער מוטער און אַצינד נאָך דעם ביסל בראָנפן, איז זי מער פאַרטראַכט ווי אומעטיק. זי זעצט זיך צו אויפן דיוואַן, גלעט דער מוטערס אויסגעטריקנטע האַנט און רעדט אַלץ צום דאָקטער, וואָס שטייט אַן אויפגערעגטער אונטער אַ צעצווייגטן פיקוס.

— ניין, ניין, איך קאָן מיט אייך ניט מסכים זיין. שוין צו פיל צופאַלן אין לעבן. אויף שריט און טריט אַ צופאַל. נאָר ווי ס'זאָל ניט זיין, איז מיר טאַקע ניט געבליבן אויף וועמען צו טראָגן מיין רוגז און פאַרדראָס. אָט דאָס איז מיין מאַמע? יענע מאַמע, ביי וועלכער די אויגן זיינען געווען פול מיט גאַל און מיט פייער? אַזעלכע אויגן זיינען אויך ביי איר ברודער, ביי מיין פעטער אַבושן. מער האָב איך אַזעלכע אויגן ביי קיינעם ניט באַגעגנט — און, זעענדיק, אַז דער דאָקטער וויל איר ווידערשפּרעכן, פאַרלויפט זי: — איך טרייב ניט איבער און טראַכט ניט אויס. אַ שטיק צייט האָב איך אַלעמען אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין. וווּ איך בין נאָר ניט געווען — אין גאַס, אין טעאַטער, ביי זיך אין שטוב — אומעטום האָב איך אַריינגעקוקט אַלעמען אין די אויגן אַריין. כ'האָב דערלערנט פרעמדע אויגן... איר ווייסט, באַקאַנטע האָבן אָנגעהויבן מיך אויסצומיידן. מ'האָט דערפילט, אַז איך קריך שטילינקערהייט, הינטן־אַרום, יענעם אין דער נשמה אַריין... און מיר אַליין איז אויך שרעקלעך געוואָרן. מיר דוכט, ווען מ'זאָל קאָנען פאַראייביקן דעם אויסדרוק פון די אויגן פון יעדן דור, וואָלט עס געווען דער גרעסטער דאָקומענט פון דער צייט.

ביי אירע לעצטע ווערטער נעמט דער דאָקטער זיין שיינע באָרד אין דער רעכטער האַנט, די לינקע פאַררוקט ער אין קעשענע פונעם פידזשאַק און הייבט אָן צו דרייען זיך אין די דלד־אמות, וואָס צווישן די פיקוסן.

— נאָר אַזעלכע אויגן, ווי ביי מיין מאַמען, האָב איך ביי קיינעם ניט באַגעגנט. מיין מאַמע האָט אַליין קיין מאָל ניט געלאַכט, און זי האָט ניט פאַרטראָגן קיין פרעמד געלעכטער. אַפילו די קינדער זיינען ניט געווען

פֿאַר איר קיין פֿרייד. זי האָט געטריבן פֿון זיך די קינדער. מיך האָט זי ניט געקאָנט אָנקוקן.

דער דאָקטער בלייבט שטיין פֿאַרווּנדערט. ער שטעלט זיך עס ניט פֿאָר:

— איך? ניט געקאָנט אָנקוקן? איך?... פֿאַר וואָס?

— אפשר דערפֿאַר, ווייל דער טאַטע האָט מיך ליב געהאַט.

— זי האָט דען ניט ליב געהאַט אייער טאַטן?

— אַ מאָל האָט זי אים ליב געהאַט. און שטאַרק ליב געהאַט. זי איז עלטער פֿונעם טאַטן אויף גאַנצע אַכט יאָר. נאָר שפּעטער איז איר ליבע אַריבער אין אַ שׂנאה. זיי האָבן געלעבט אונטער איין דאַך, אָבער ווי פֿרעמדע.

— ווי לאַנג, אַז זיי פֿירן אַזאַ לעבן?

— פֿון זינט איך בין געבוירן געוואָרן. — אַכט און צוואַנציק יאָר. דאָס לעבן איז גרויזאַם. אָט זיצט זי, מיין מאַמע, וואָס האָט מיך חתונה געמאַכט מיט אַזאַ אַכזריות. זי איז געוואָרן פֿאַר דער צייט אַן אַנדערע: אַ קליינינקע, אַן אָפּגעשווירענע. אַ קאָפּ מיט טרעפּ. מ׳שערט זי מיט אַ שער... אָט האַלט זי אַ ווייס ציגעלע אויף די קני, און איבער איר קאָפּ הענגט דניאלס בילד. ניין, אין דעם איז פֿאַראַן עפּעס פּאַטאַלס.

אויף דער וואַנט, איבער נעכעס קאָפּ, הענגט טאַקע אַ בילד. אַן אַלטע אויסגעקרימטע שטוב מיט אַ מאָך־באַוואַקסענעם שינדלדאַך. אויפֿן גאָרטן — אַ באַרנבוים מיט אָנגעקוואָלענע קנאָספּן. אין בלאָטיקן הייפֿל שטייט אַ רויטע קו מיט אַן אָפּגעבראָכענעם האָרן, דעם קאָפּ אויסגעצויגן צווישן דעם שוואַרצן שטאַכעטן־פּלויט און רעוועט אַהין, צום בערגל, וווּ ס׳שפּראָצן אַרויס די ערשטע, פֿרישע ליכטיק־גרינע גרעזעלעך. אין די אָרומיקע טאָלן ליגט נאָך אַ טונקעלער שניי, און אַרויפֿצו ווייט — אַ בערעזע־וועלדל, וואָס איז איינגעהילט אין אַ גרוי־וואַרעמען נעפּל.

איווע הייבט זיך אויף פֿון דיוואַן, גייט אָפּ אַ פּאָר טריט אויף צוריק און קוקט אויפֿן בילד.

— דניאל, — זאָגט זי, — האָט עס אויפֿגעהאָנגען צוליב מיר. ער האָט געוווּסט, אַז איך וועל דאָך אַהער אַ מאָל קומען.

דער דאָקטער, הינטערן פּיקוס, פּינטלט מיט די ווי:עס — אָן די ברילן זעט ער נישט ניט נאָר דאָס בילד, ער זעט אַפילו ניט איוון. ער הערט בלויז איר קול. פאַר די פינף יאָר, וואָס ער קען זי, האָט ער נאָך ביי איר אַזאַ קול ניט געהערט.

— ס׳איז אַ שרעקלעך בילד, — רעדט זי אַלץ שטילער. דאָס קול דערגייט ביז צו געפליסטער. — מיטן בילד וועל איך זיך שוין ניט צעשיידן... איך קלייב זיך אַזוי פיל ניט פונאַנדער אין מאָלעריי, נאָר מיר דוכט — ס׳איז ווונדערלעך. דאָ פעלט ליכט, ס׳פעלט לופט, די פאַרבן זיינען גרוי, אָבער וויפל לעבן!

— איר זייט אין אים נאָך אַלץ שטאַרק פאַרליבט?

— יאָ, איך בין פאַרשאָלטן מיט ליבע... טוט אַ קוק אויף דער קו מיטן אָפּגעבראָכענעם האָרן. דער אָפּגעבראָכענער האָרן אַליין זאָגט זייער אַ סך... דער אויסגעצויגענער האַלדז צווישן די שוואַרצע שטאַכעטן, און דער עיקר די אויגן ביי דער קו, סאַראַ מענטשלעכע אויגן!... אין די אויגן ליגט אַזוי פיל בענקשאַפט. איר הערט, ווי די קו רעוועט אין פעלד אַריין צו די עטלעכע גרעזעלעך? איר זעט, אַרום ליגן נאָך שוואַרצע שנייען, נאָר די קנאָספּן אויפן בוים וועלן זיך גיך עפענען... אויב, פאַר־שטייט זיך, ס׳וועט ניט אַ כאַפּ טאָן קיין פראָסט.

זי דרייט זיך אָפּ פונעם בילד און בעט ביים דאָקטער:

— איליאַ איליטש, אויב ס׳איז אייך ניט שווער, וואַרפט מיר אַרויף די שאַל אויפן אַקסל. אַ גרויסן דאַנק. ווי גוט, וואָס איר זייט דאָ. פאַר איינזאַמקייט האָב איך קיין מורא ניט, נאָר פאַר עלנטקייט — זייער.

— איוואַ, — רייסט זיך אַרויס ביים דאָקטער, — איוואַ!...

זי הייבט אויף אויף אים די אויגן:

— איך בין אייך זייער, זייער דאַנקבאַר, איליאַ איליטש, פאַר אייער גוטסקייט, אָבער מיך רופט מען איוואַ גאַווריליאָוונאַ. איך בעט אייך...

די שיינע שוואַרצע באָרד ביים דאָקטער פאַלט אים צוריק אויף דער ברוסט:

— אַנטשולדיקט, — און דער דאָקטער ברעכט אָפּ פון פּיקוס אַ בלאַט. איווע זעט, ווי ער קנייטשט האַסטיק־נערוועז צונויף מיט ביידע הענט דעם

בלאַט און פאַרוואַרפט אים אויפן ארון־קודשל. פאַררוקט די הענט אונטערן פידזשאַק אין די אַרבל אַריין, בלייבט ער שטיין מיט צוגעמאַכטע אויגן. זיין פּנים אין דער טונקלער שיין, וואָס פאַלט אַהער, צווישן די פּיקוסן, פון דעם הענגלאָמפּ, איז געוואָרן ניט צו דערקענען.

זי פילט און ווייסט — נאָר וואָס האָט זי געמאַכט אַ חורבן אין דאָקטערס לעבן.

— איליאַ איליטש, — רעדט זי נאָך אַלץ מיט יענעם שטילן, פליסטערנדיקן קול, — כ׳האָב אייך נאָר וואָס דערציילט, ווי איך האָב אַ מאָל אַ שטיק צייט דערלערנט מענטשלעכע אויגן. איר האָט וועגן דעם, פאַרשטייט זיך, ניט געוווּסט.

— ניין, דאָס האָב איך ניט געוווּסט.

— דערפאַר דאַרפט איר אָבער וויסן, ווי כ׳האָב אַ מאָל געפּלירטעוועט... אַרום מיר האָט זיך געדרייט די אַזוי גערופענע אַריסטאָקראַטיע פון שטאָט: אַדוואָקאַטן, קאָמערסאַנטן, אויפגעקומענע גבירימלעך, נגידישע סטודענטן. כ׳האָב דעמאָלט פאַרפירט ביי זיך אַ מין סאַלאָן. איך האָב דעמאָלט, נאָך מיין חתונה, געזוכט, ווו און אין וועמען צו נעמען נקמה. איך האָב געדאָרשט נאָך נקמה, איך האָב געמוזט נקמה נעמען פאַר זיך... אויף איינעם אַן אָוונט, ווי כ׳האָב צונויפגענומען אָט די גאַנצע אַריסטאָקראַטיע און זיי האָבן אַלע מיט צעפלאַמטע, נאַרישע, טיפּשעוואַטע פּנימער געטרונקען שאַמפּאַניער פון מיינעם אַן אַלטן שטעקשוך... נאָך דעם האָב איך זיך פאַרשלאָסן אין מיין צימער, און דאָס לעבן איז זיך שוין געגאַנגען אָן מיר. ווען ניט דאָס קינד, וואָלט איך איינגענומען סם און געלייזט דערמיט אַלע לעבנס־פראַגן.

דער דאָקטער רייסט אַרויס די הענט פון די אַרבל און באַמערקט אַפילו ניט, אַז ער האָט פון דאָרטן אַרויסגעשלעפּט זיינע פאַרלוירענע ברילן.

— איוואַ, צוליב וואָס, פרעג איך אייך, דאַרפט איר דאָס אַלץ אויף זיך אויסטראַכטן? איוואַ, איוואַ, הלוואַי וואָלט איך אייך בעסער ניט געקענט...

זי שווייגט אַ רגע, הערט זיך צו, ווי מע פירט דעם באַלעגאָלע אין זאַל אַריין, ווי אַלעקסאַנדער שרייט: „אַהער זעצט אים אַוועק! דאָס פאָלק דאַרף זיצן אויבנאָן!" און דערנאָך ענטפערט זי:

— איליאַ איליטש, איר קענט מיך ניט!

— הלוואַי וואָלט איך אייך טאַקע ניט געקענט.

ער זאָגט עס מיט אַזאַ כעס, אַז זי טוט צו אים אַ שמייכל:

— קומט צום טיש, לאָמיר אויסטרינקען פאַר גוטפרייַנדשאַפט, אַפילו אויף ברודערשאַפט, אָבער דערנאָך וועלן מיר גיין אַהין...

— צו דניאלן?

זי שאָקלט צו מיטן קאָפּ.

— יאָ, — זי פאַרריכט די האָרנאָדלען אין קאָפּ און לאָזט זיך גיין צום טיש. דאָ אָבער דערהערט זיך:

— און מיך לאָזט מען איבער אַליין?

— מאַמע, דו?

— יאָ, איך, די מאַמע. דו ביסט געקומען ניט צו מיר, נאָר צו אים... און איר זייט די גוטע, די לייטישע, די איידעלע... מיך לאָזטו איבער אַליין?

— מאַמע, דו?

נעכע וואַרפט אַראָפּ פון די קני דאָס באַק־לעמעלע:

— אַ גאַנץ לעבן האָט מיך קיינער ניט באַדאַרפט, — אין איר גאָר שלאַבבעריקן קול הערן זיך טרערן. — ביי מיר זיינען די אויגן געווען פול מיט גאַל?... מיט שלעכטן פייער? אַזעלעכע ביטערע אויגן האָסטו נאָך אין ערגעץ ניט באַגעגנט?

זי לאָזט אַראָפּ די באָרוועסע פיס צו דער ערד:

— די מאַמע איז געווען אַ מכשפה?

— מאַמע!

נעכע שטעלט זיך אויף אויף די פיס:

— יאָ, דאָס בין איך, די מאַמע. זי געפעלט דיר ניט? אַן אָפּגעשוירענע. מ׳שערט מיך, ווי אַ שאָף, מיט אַ שער. נעם אין מיר, טאָכטער, נקמה.

— מאַמע!

נעכע גייט, ווי אַ בלינדע, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, אויף דער טאָכטער:

— יאָ, איך, די מאַמע... און איר זייט געווען די גוטע? איך איינע האָב איך אַלעמען פאַרשטערט דאָס לעבן?

— מאַ־מע... איך בעט דיך...

נעכע כאַפּט זי אָן ביי די הענט:

— שווייג, ווער זייט איר מיר? כ׳וויל כאַטש פאַרן טויט וויסן — ווער זייט איר מיר?

— מאַמע?!

און ניט מיט איר קול רופט זי:

— איליאַ איליטש, וואָס שטייט איר פון דער ווייטנס?

— אין פאַמיליע־ענינים קאָן איך זיך ניט אַריינמישן. נאָר אויב איר דערלויבט...

ער גייט צו, נעמט אָן די קראַנקע פאַר די אַקסל, און כדי צוצוגעבן זיינע רייד מער וואָג און ווערדע, רעדט ער צו נעכען אויף רוסיש:

— וואַם נאַדאָ לעזשאַט, לעזשאַט, לעזשאַט אי לעזשאַט.*)

די קראַנקע ווערט זיך ניט און לאָזט זיך פירן צוריק צום געלעגער.

און ווען נעכע זיצט צוריק אויפן דיוואַן, דאָס באַק־לעמעלע איז ווידער אַרויפגעשפרונגען און זיך אַנידערגעלייגט ביי איר אויף די קני, זאָגט דער דאָקטער, שוין אַלץ אין רוסיש:

— באַרויִקט זיך, איוואַ גאַווריל־אָוונאַ, כ׳האָב דאָך איך פריִער געזאָגט, אייער מוטער איז ניט קיין פסיכיש־קראַנקע. אירע דעפּרעסיווע רעאַקציעס, און, פאַרקערט, די אַגרעסיווע, גייען פון אַ סך סיבות. צו דעם קומט נאָך צו דער עלטער־פסיכאָז... דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, האָט אַ שייכות צו פסיכיִאַטריע. אָבער צו...

— און זי קאָן זיין ביים פולן באַוווסטזיין?

— אָן שום צווייפל.

— ווערט עס נאָך שרעקלעכער.

## יב

דאָ, ביים טיש, אַחוץ גבריאלן און דער מומע ליבע, הערט קיינער ניט, וואָס אין יענעם ווייטן ווינקל צווישן די פיקוסן, ביים דיוואַן, קומט פאָר.

*) איר דאַרפט ליגן, ליגן, ליגן און ליגן.

דאָ זיצן גבריאלס זין, שניר און אייניקלעך, וואָס אויף אַלדאָס נייס און פרעמדס שיסן זיי מיט די אויגן, גאַפן מיט אָפענע מיילער: אַלעקסאַנדערס סיגנעטן אויףביידע הענט, איוועס פּאָווע־פעדער אויף דעם הוט, און דער דריטער, מיט אַזאַ שיינער באָרד, אַ דאָקטער! דער עיקר — זיי ריידן צווישן זיך „רישעס״. איין מאָל האָט אַפילו דער דאָקטער גערעדט מיט איווען אויף גאָר אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך. ווי מ׳איז דערנאָך געוווירער געוואָרן — אויף לשון־קודש. אין הויף האָט כמעט ביי אַלעמען אָפּגענומען דאָס לשון. אָבער די קינדער, וואָס צום אָנהייב פאַרשעמט מען זיך פאַר אַ פרעמדן מענטשן, מ׳פאַררוקט זיך אין די ווינקעלעך אַריין, און שפּעטער, ווען מ׳ווערט צוגעוווינט, היימישער, פאַרגעסט מען שוין אין יעדער מין מחיצה, אַזוי אויך איצט, דאָ ביים טיש, נאָך די בעכערס בראַנפן און די הייסע געקעכטסן. פריִער האָט דער טאַטע — „גבריאל דער פערצנטער״ — פון צייט צו צייט אויפגעהויבן די ברעם, באַזונדערס אויף ביילען, געגעבן דערמיט צו וויסן: פירט זיך שטילער. אָבער ווי נאָר צו זיין אויער איז דערגאַנגען נעכעס קול, האָט ער געלאָזט אַלעמען פירן זיך ביים טיש פראַנק־און־פריי.

און דער אַדלער אַלעקסאַנדער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו די הינער — צווישן די שוואָגערס און שוועגערינס, געשפּאַסט מיט די פּלימעניקעס און באַזונדערס מיט די דערוואַקסענע מוידן, און ווען דאָס ביסל וויצן און חכמהלעך האָבן זיך ביי אים אויסגעלאָזט, האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם באַלעגאָלע און אַריינגעפירט יענעם אַהער פון דער קיך:

— דאָס פאָלק דאַרף זיין אויבן אָן. אויפן פאָלק איז היינט אַ יקרות... אָט אַהער, לייזער!

דער באַלעגאָלע איז אַריין אין דער ברייטער טיר מיט אַ זייט, און, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער קאָפּ איז אים ווי אַריינגעקלאַפּט געוואָרן צווישן די אַקסל ביז צו די אויערן, האָט ער זיך פאָרט אָנגעשטויסן אין דעם אייבערשטן באַלקן, און דער שפּיצעכיקער יאַלעם איז אים אַראָפּ־געפאַלן, — רופט עס ביים טיש ווידער אַרויס אַ געלעכטער.

אַלעקסאַנדער לאַנדע, וואָס דאַרף אומעטום, ווו ער זאָל זיך ניט גע־פינען, מיט עפּעס זיך אַרויסשטעלן און זיך באַרימען, ווי נאָר ער האָט

דערזען, אַז זיין באַלעגאָלע נעמט אַזוי אויס און מאַכט אַזאַ רושם, האָט ער גאָר אויפגעלעבט:

— איר האָט שוין אַזעלכעס געזען? איר האָט שוין אַ מאָל געזען אַזאַ מפּילע?

נאָך ביי דער ערשטער באַגעגעניש — ביי דעם בערעזעוועץ וועלדל — האָבן אַלע געווענדט די אויפמערקזאַמקייט אויפן באַלעגאָלע, די באַיאַרט קאָן מען ניט פאַרחידושן מיט גרויסוווקסיקייט, מיט ברייטפּלייציקייט, מיט גרויסע בערד און רויטע פּנימער. זיי זיינען אַליין אויך, ניט צו פאַרזינדיקן, אין לייב. נאָר אָט דער באַלעגאָלע איז אַפילו פאַר זיי, פאַר די באָיאַרס, אַן אויסנאַם. די שוואַרצע באָרד מיט אַ סך שפּיצן, וואָס איז, דוכט זיך, קיין מאָל ניט צעקעמט געוואָרן, — זי פאַרנעמט דאָס גאַנצע פּנים און וואַקסט פון אונטער די אויגן אַרויס. די הענט דערגרייכן כמעט ביז צו די קני. באַזונדערס האָבן געוווּנדערט די שלעפעריקע בלויע אויגן.

— שוער, זעצט אים אַוועק אויבן אָן, כבוד דעם פאָלק!...

דער באַלעגאָלע קוקט מיט די בלויע אויגן אויף דעם גרויסן אָנגע־שטעלטן טיש, טוט אַ הילכיקן שלונג, און דערנאָך ניט ער בייגט זיך אָן, נאָר ער זעצט זיך צו אויף די שפּיץ פינגער, הייבט אויף און טוט אָן דאָס אַראָפּגעפאַלענע היטל.

גבריאל טוט אַ קלער: „ניט קיין רירעוודיקער, נאָר אַ גבר. אַזאַ מענטש וואָלט איך באַדאַרפט האָבן". ער דערלאַנגט דעם באַלעגאָלע צוויי פינגער:

— שלום־עליכם. ווי רופט מען אייך?

— מיך? לייזער רופט מען מיך. אַשמדאַי... ווי איר ווילט, אַזוי רופט מיך.

גבריאל באָיאַר הייבט אונטער אויף אים איין ברעם:

— ווי אַזוי? אַשמדאַי?

— שוער, — קוועלט דער איידעם, — ווי געפעלט אייך דאָס מפּילע?

גבריאל, פאַרטראַכטערהייט, רוקט צו אַ בענקל דעם באַלעגאָלע:

— ווי האָט איר געזאָגט רופט מען אייך, אַשמדאַי?... זעצט זיך, רב

לייזער, נעטמ אַ ביסל בראָנפּן. איר קאָנט טרינקען פונעם בעכער, פון אַ גלאָז, אַפילו פון דער פלאַש. טרינקט און זאָל אייך ווויל באַקומען.

— זעסט, לייזער, — זאָגט צו אים אַלעקסאַנדער, — דו האָסט נאָך ניט געוואָלט פאָרן.

גבריאל פרעגט ביים באַלעגאָלע:

— וואָס זשע, אַזאַ ייִד, קיין עין הרע, ווי איר, האָט מורא אַרויס־צופאָרן פון שטאָט?

— האָדי, נו, מורא? כ'בין געבליבן אָן דעם פערד.

— אייערע פערד זיינען דען קיין פערד ניט? דער בולאַנער איז גאָר אַ שיין פערד. כ'קאָן אים ביי אייך אָפּקויפן.

— די פערד זיינען זייערע, די לאַנדעס.

— אַ באַלעגאָלע אָן פערד? וואָס זשע, אייערע פערד האָט איר פאַר־טרונקען?

— האָדי, נו... פאַרטרונקען.

— ווו זשע דען זיינען אייערע פערד?

— ביי דער שטאָט.

— כ'פאַרשטיי ניט. — און גבריאל נעמט צו די פלאַש בראָנפן ביים איידעם, וואָס וויל אָנגיסן אין גלאָז און טרעפט אין כריין אַריין.

— שווער, איר מיינט, אַז איך בין שיכור? כ'קאָן דורכגיין אויף איין ברעט...

— זעץ זיך אַוועק, וועסט שוין באַלד ניט קאָנען שטיין אויף די פיס. וואָס זשע, רב לייזער, די שטאָט האָט ביי אייך צוגענומען די פערד?

אַלעקסאַנדער ווישט די אויגן, וויגט דעם פולן גוף אויף די דינע פיס:

— די פערד זיינען ביי אים געפגרט...

— וואָס זשע איז דאָ, אַלעקסאַנדער, דער געלעכטער?

— שווער, די פערד זיינען ניט ביי אים געפגרט... דאָס הייסט ביי אים, נאָר זיי זיינען ניט זיינע... זיי פגרן ניט ביי אים, נאָר ביי דער שטאָט. ביי אים פגרן ניט קיין פערד, זיי פגרן ביי דער שטאָט... אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק פגרן ביי אים די פערד.

— האָדי, נו, פערד? וואַנצן קויפן זיי מיר, ניט קיין פערד.

דער באַלעגאָלע פאַרחידושט ווידער אַלעמען. ניט חלילה מיט דעם, וואָס ער האָט שוין דאָרט, אין קיך, גענומען אַ גוטן טרונק בראָנפן און אַצינד טרינקט ער פון אַ דינעם גלאָז. דאָס מאַכט ביי די באַיאָרס קיין רושם ניט. טרינקען קענען זיי אויך. זיי חידושט דער אופן פונעם טרינקען. דער באַלעגאָלע טרינקט מוראדיק לאַנגזאַם, כמעט טראָפּנווייז, קוויקט זיך מיט יעדן טראָפּן באַזונדער. ס׳דוכט — ער טרינקט נאָך ניט. טרינקען וועט ער שפּעטער. דערווייל פאַרזוכט ער ערשט. די גלאָז בראָנפן וועט ביי אים אַוועקגיין אויף צו פאַרזוכן.

— אַזאַ טרינקען, — זאָגט גבריאל, — קאָן פריטשמעליען אַפילו אַן אָקס.

דער באַלעגאָלע ווענדט אויף קיינעם ניט קיין אַכט. ער שטעלט זייער פאַרזיכטיק אַוועק די גלאָז אויפן טיש, ווישט אויס מיטן אַרבל דאָס מויל און נעמט שמעקן אַ הערטשענע לאַטקע.

— פערד? — חזרט ער איבער. — וואַנצן קויפן זיי מיר, ניט קיין פערד. אַ מאָל האָב איך געהאַט פערד... מיינע, אייגענע.

— וואָס אמת, איז אמת, — אַלעקסאַנדער לאַנדע האָט שוין לאַנג אַזוי ניט געלאַכט, — כ׳האָב אויך געהערט, אַז אַ מאָל האָסטו געהאַט אייגענע פערד. נאָר דאָס איז געווען פאַר דער ערשטער ווייב?

— האָדי, נו, — טוט אַ ברום דער אַשמדאי.

— אַ מאָל, -- נעמט אַלעקסאַנדער דערציילן מיט אַ געמאַכטער ערנסטקייט, — נאָך יינגלווייז, איז ער געווען אַ מענטש אין אַ קלייט, ביי מיין מאַמען. ער האָט דעמאָלט געקאָנט נעמען צוויי טיוקעס אויף די פּלייצעס. ער האָט גאַנץ שיין פאַרדינט. אויסגעהאַלטן אַ מאַמע אַן אלמנה, געהאָדעוועט די קלענערע ברידער און שוועסטער. ער האָט זיי אַלעמען געמאַכט פאַר מענטשן — פאַר שוסטערס און שניידערס, איינער איז אַפילו אַ זייגערמאַכער. ער האָט חתונה געמאַכט אַלע שוועסטער.

— שיין פון זייער זייט, — זאָגט די מומע ליבע.

— זאָג איך דאָך אויך דאָס זעלבע. דערנאָך איז ער געבליבן אַליין מיט דער מאַמען. די מאַמע זיינע האָט מען גערופן — די לילית... זי האָט אַ מאָל געשלאָגן אַ סטראַזשניק אין מיטן זונטיק ביים קלויסטער. מ׳דער־

ציילט, אַז זיין מאַמע האָט ביי נאַכט געקאַנט אַריין אין אַלע פאַרשלאָסענע קלייטן...

— אַלעקסאַנדער, — שטעלט אים אָפּ גבריאל, וואָס זיצט פאַרטראַכט, מיט אַ געקנייטשטן שטערן, — אַפשיי פאַר אַ ייִדן מיט אַ באָרד.

— שווער, ער הערט דען, וואָס מ׳רעדט? גיט אַ קוק, ער האָט שוין פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף דער האַנט און שלאָפט. ער שלאָפט דאָך שוין! אַ מענטש שלאָפט אָפּ אַ לעבן אַפילו שטייענדיקערהייט. מיר דוכט, ער האָט אַפילו די זון ניט געזען... און ער דאַרף זי ניט. אויף אים קאָן מען זאָגן: ניט ס׳לעבט אַ מענטש אויף דער וועלט, נאָר ס׳שלאָפט אַ מענטש אויף דער וועלט... נאָר, צוריק גערעדט, וועגן וואָס האָט ער צו טראַכטן? אַז ער איז ביי היינטיקן טאָג דאָס אייבערשטע פון שטייסל — דאָס פאָלק: אַלע אינטעליגענטן חנפנען אים, קראַצן אים די פּיאַטעס, טאַנצן אַרום אים, פּוצן אים און קעמען אים, שמירן אים מיט פּאָמאַדע און שפּריצן אויף אים מיט אָדעקאָלאָן... מעג ער זיך רויִק שלאָפן, וועגן וואָס דאַרף ער זאָרגן?

— וואָס הייסט וועגן וואָס? — פרעגט די מומע ליבע. — זיי האָבן דאָך אַ ווייב מיט קינדער. בעסער־ערגער, נאָר די נשמה קאָן מען ניט אויסשפּייען. ווער זאָרגט פאַר זיי?

— אַלע זאָרגן פאַר אים...

— ווער זיינען דאָס ביי אייך דאָרטן די זאָרגערס, די באַזאָרגערס און פאַרזאָרגערס?

— איר זייט שיפּרהס מאַמע?... שטערט ניט! פאַרן אַשמדאי זאָרגן אַלע... פּגרן ביי אים די פערד, טראַכט וועגן דעם מיין טאַטע. ער — שלאָפט. דאָס ווייב קומט צו לויפן שבת פאַרן לייענען אין בית־מדרש אַריין מיט אַ גוואַלד: ייִדן, בני־רחמנים, אַ שטוב מיט קליינע קינדער שטאַרבן פון הונגער... וואָס זשע בלייבט צו טאָן? קויפט מען אים ווידער אַ פערד. איר זאָלט זען, אַז ער פאָרט אַרויס מיטן נייעם פערד אין שטאָט אַריין, שרייט מען אים פון אַלע גאַסן, פון אַלע קלייטן, פון אַלע גאַנקעס און פענצטער: אַשמדאי, שרייט מען, אַ רוח אין דיין טאַטן און מאַמען אַריין, טרייב ניט אַזוי דאָס פערד... אַ, שווער?

גבריאל, די גאַנצע צייט איין ברעם אונטערגעהויבן, טוט צעשטרייט אַ שמוך:

— יאָ, יאָ, אַ פּאָטיעכע טאַקע... שטאָטפּערד.

— אַ קעסטקינד ביי דער וועלט. — דער איידעם פּאַלט שיר פון בענקל ניט אַראָפּ. — מ׳האָט אים צוגעווינט צום אַלעם גרייטן... אַז זיין מאַמע, דבורה די לילית, איז געשטאָרבן, איז אים שוין געווען אַריבער די דרייסיק, קיין איין מיידל האָט פאַר אים ניט געוואָלט חתונה האָבן — זיי האָבן מורא געהאַט פאַר זיין ווּקס און פאַר זיין וואָג...

די ווייבער פאַרשטעלן מיט די הענט די מיילער און שטיקן זיך פון געלעכטער. די יונגע שנור סטיסיע פאַררויטלט זיך, און די מוידן ווייסן ניט, וווהין די אויגן אַהינצוטאָן. ביי דער מומע ליבע פאַרשווינדט אַפילו דער חוזק־שמייכל. זי הייבט זיך אויף און גייט אַוועק פונעם טיש. זי גייט אַהין, הינטער די פּיקוסן, צום דיוואַן. זי הערט שוין פון לאַנג — עפּעס קומט דאָרט פאָר. גבריאל ווינקט צו דער שוועסטער: זאָל זי טאַקע גיין זען, וואָס טוט זיך עס מיט נעכען. און אויפן איידעם הייבט ער אויף אויך די צווייטע צעשויבערטע ברעם:

— אַלעקסאַנדער, זאָל זיין גענוג, ס׳זיצן קינדער ביים טיש.

— ניין, שווער, איר מעגט עס האָרכן. ער שלאָפט דאָך... נו, און די מיידלעך זיינען שוין אַוועק. ער וואָלט געוויס פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן אָן אַ ווייב. ווער וואָלט אים גענומען, אַזאַ מגושם, אַזאַ בער? נאָר דאָ האָט זיך אונטערגעכאַפּט דער שוויגערס ברודער, רב אַבוש, און פאַר־געשלאָגן אַ שידוך. מיין טאַטע האָט זיך אויך אַריינגעלייגט אין דעם שידוך, געמאַכט פאַרן אַשמדאַי אַ נדן. געקויפט אים אַ שטוב, און מ׳האָט אים פאַרשלייערט... מ׳זאָגט, אַז ער איז דערנאָך געשטאָרבן נאָך אירע טריט.

— ער האָט געהאַט מיט איר קינדער? — פרעגט גבריאל, ניט אויפ־הויבנדיק די אויגן.

— אין דעם, שווער, ליגט דאָך די ראָזשינקע... אים גיט מען ווייבער מיט גרייטע קינדער. די ערשטע, דערציילט מען, איז געווען אַ שיינהייט. זי איז אַלט געווען אַ יאָר זיבעצן, נאָר זי איז שוין געווען אויף דער צייט...

כאַ־כאַ־כאַ... ער איז געבוירן געוואָרן, דער אַשמדאי, אין אַ זיידן העמדל... אַלץ האָט ער באַקומען גרייטס...

דער באַלעגאָלע, פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ אויף דער אונטערגעשטעלטער האַנט, די באָרד צו דער סטעליע, דאָס מויל אָפֿן, די נאָז פּייפֿט — אַלע זיינען זיכער ער שלאָפֿט, — הייבט ער זיך מיט אַ מאָל אויף, דער אַשמדאי, און, ניט אויפֿעפֿענענדיק די אויגן, טוט ער אַזאַ זעץ מיט דער פֿויסט אין טיש אַריין, אַז אַלע כלים נעמען שפּרינגען מיט הילך און געקלאַנג פֿון טיש אַראָפּ.

— סוואָלאָטשעס, איר לאַכט נאָך? — און צום פֿאַבריקאַנט: — הער, דו, אויב דו וועסט נאָך אַ מאָל דערמאַנען מיט איין שלעכט וואָרט איר נאָמען, פֿלעט איך דיר אויפֿן אָרט דעם קאָפּ און האָדי...

פֿון הינטער די פּיקוסן דערטראָגט זיך איוועס דערשראָקן־בעטנדיק קול:

— מאַמע!

— גיי אַוועק פֿון מיר... איך בין געווען די מכשפה? ביי מיר איז געווען גאַל אין די אויגן? אַזעלכע אויגן האָסטו ביי קיינעם ניט געזען?

איר קול דערנעענטערט זיך:

— ליבע, לאָז מיך. ווער זייט איר מיר? כ׳פֿרעג, ווער זייט איר מיר?

פֿון גבריאלס פּנים זיינען אָפּגעלאָפֿן אַלע בלוטן. ער הייבט זיך אויף, ס׳איז שוין אָבער צו שפּעט — צום טיש, אין דעם לאַנגן העמד, אַ באָרוועסע, מיט דעם ווייס־אָפּגעשוירענעם קאָפּ, גייט די ווייב. גבריאל לאָזט זיך אַנט־קעגן און בעט זיך ביי איר:

— נעכע, נעכע!

אין אירע אויסגעברענטע אויגן הייבט זיך אָן ווי צו רייכערן. דאָס רויכל אין די אויגן ווערט געדיכטער און שוואַרצער, און אין גיכן שלאָגט אַרויס אַ פֿייערל. גבריאל, פֿאַרלוירן און דערשלאָגן, בעט זיך ביי איר שטיל:

— נעכע, נעכע...

זי אָטעמט זייער שווער און רעדט קוים אַרויס:

— גבריאל, שרעק זיך ניט, גבריאל... איך האָב אַזוי פֿיל יאָרן גע־שוויגן, וועל איך פֿאַרן טויט אַוודאי שווייגן... זאָל דיר גאָט פֿאַר אַלץ באַצאָלן!... פֿאַר מיר, פֿאַר אים... — זי ווייזט אָן מיטן לאַנגן געלן פֿינגער

אויפֿן אַשמדאי. — פֿאַר אונדז האָסטו, גבריאל, איבערגעלאָזט די חרפּה, דעם בזיון...

— נעכע, נעכע!

— איך שווייג, גבריאל. איך שווייג...

אין הויף צעבילן זיך די הינט. גבריאל וואַרט ניט, ביז עמעצער וועט גיין אַ קוק געבן, ווער ס׳גייט דאָרט. ער לאָזט זיך אַליין צו דער טיר. אין דער רגע האָט ער פֿון פּולן האַרצן געבענטשט דעם אָנגעקומענעם — ווער ס׳זאָל דאָרטן ניט זיין. יענער האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצוגיין פֿון שטוב.

ער שטייט גבריאל באַיאַר, פֿאַרשלאָגן אין אַ ווינקל פֿונעם הויף. די סוף־האַרבסטיקע נאַכט איז אַ שטאָק־פֿינצטערע און אַ שאַרף קאַלטע. נאָר דער הימל איז זייער אויסגעשטערנט. אין טויער קלאַפּט מען אַלץ שטאַרקער. די הינט רייסן זיך פֿון די קייטן. אין די שטאַלן פּריכען די פֿערד איבער די קאַרעטעס האָבער. ס׳ציט פֿון דאָרטן מיט וואַרעמען הניי, מיט קאָנישינע און מאַקוכע. גבריאלן דערמינטערן די ריחות. די קעלט פֿרישט אים אָפּ דעם קאָפּ. ער פֿאַררייכערט דעם ציבעק. ער איז ניט אין כּעס, ער איז שוין אַפֿילו רויִק. אָן פֿאַרדראָס טראַכט ער וועגן ווייב. פֿילט אַפֿילו צו נעכען אַ טיפֿן רחמנות: ער איז אויך ניט שולדיק: „וואָס פֿאַראַ טענות קאָן איך האָבן צו איר? נו, און וואָס בין איך שולדיק? מיט וואָס האָב איך זיך דאָ פֿאַרזינדיקט? איך האָב דען אַזוי געוואָלט? איך האָב דען אַזוי געמיינט? פֿערציק יאָר פֿון מיין לעבן האָט נעכע צוגענומען, פֿערציק יאָר. אַזעלכע שיינע און געזונטע יאָרן. ווער וועט זיי מיר אומקערן, ווער וועט זיי מיר אָפּגעבן? און צום סוף — „פֿאַר אונדז האָסטו איבערגעלאָזט די חרפּה, דעם בזיון”... איך האָב דען אָפּגעגעבן עטלעכן דעם דאָזיקן באַלעגאָלע?... איך האָב דען ניט געוואָלט געבן נעכען אַ גט? איך האָב דען ניט געוואָלט צונעמען די קינדער און איבערלאָזן נעכען דאָס גאַנצע גוטס? כ׳האָב געוואָלט אַרויס אַ באַרוועסער, אין איין העמד. האָט מען מיך געמאַכט פֿאַר אַ משוגענעם... מ׳האָט מיך געפֿירט אַ געבונדענעם אין וואָגן צום רבין... און יענץ פֿערד, דער צדיק, די ערד זאָל אים דאָרט אַרויסוואַרפֿן, האָט געטריבן פֿון מיר דעם דיבוק”...

אין טויער קלאַפּט מען מיט די פּיס. גבריאל רירט זיך ניט פון אָרט. אין בערעזעווען ווערלדל שווימט מיט אַ מאָל פון ערגעץ אַריין אַ האַלבע לבנה און ווערט באַלד צוריק פאַרפאַלן.

גבריאל באַיאַר קרעכצט, ווי דער נאַקעטער סאָד אויפן ווינט. דער שאַרפער קאַלטער ווינט דערקלייבט זיך צו אים. די ערד איז שוואַרץ, נאָר אין די ווינקלען פון דעם הויף ביי די הויכע פּלויטן ווייסט זיך — ס׳הייבט אָן צו ווייען. אויב דער שניי קומט ביי נאַכט, — גייט אים דורך אין געדאַנק, — וועט ער שוין בלייבן ליגן. האָט מען דאָרטן נעכען באַרו:קט? האָט אַלעקסאַנדער געבראַכט אַהער דעם באַלעגאָלע אומישנע? איז דאָס אַלץ פון פרי:ער צוגעגרייט און פאַרטראַכט געוואָרן? און פון וועמען האָט ער, אַלעקסאַנדער, זיך געקאָנט עס דערוויסן? אַחוץ אַבושלען ווייסט וועגן דעם קיין לעבעדיקער מענטש ניט. אַ סברה, אַז אַבושל האָט זיך פאַר אים אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט? ס׳לייגט זיך ניט אויפן שכל. אַבושל וואָלט וועלן זען מיין בלוט, נאָר אויף זיין שוועסטער וועט ער קיין בלאָטע ניט גיין וואַרפן...

אין טויער קלאַפּט מען מיט אַ שטיין. ענדלעך צעטרייבט גבריאל די הינט און עפנט דאָס טירל. פאַרן טויער שטייט אַ מענטש אָן אַ היטל, אָן אַ מאַנטל — ס׳איז צו זען, דער מענטש האָט זיך פון שטוב אַרויס־געכאַפּט ווי ער שטייט און גייט. גבריאל דערקענט אים: דניאלס חבר, דער קלעזמער, דער לץ, וואָס מאַכט פון אַלץ און פון אַלעמען חוזק. דאָס האָט ער אַ מאָל, צוויי שעה פאַר דער חופּה, געהאָלפן איווען אַנטלויפן פון שטוב... און שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָר האָט ער יצחקס מיזינקע, ביירוסן, אויך געהאָלפן אַוועק פון דער היים. ווי אַזוי לאָזט עס אים יצחק איבערצוטרעטן די שוועל פון זיין שטוב?

גבריאל באַהאַלט דעם ציבעק.

— פון וואַנען טראָגט עס אייך אין אַזאַ הילוך אין מיטן דער נאַכט?

— פון יצחקן, — ענטפערט עקיבא, — **צו אייך זיך דערקלאַפּן איז** אַלץ איינס, ווי קלאַפּן אין די טויערן פון גן־עדן.

עקיבא קוקט אַ רגע אויף גבריאלן. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן טרעפט ער זיך מיט אים אַזוי־אַ פּנים־אל־פּנים, אויג־אויף־אויג.

— וואָס קוקט איר אויף מיר אַזוי? — גבריאל האָט גיכער דערפילט איידער באַמערקט עקיבאס קוק. — וואָס האָט אייך אַהער געבראַכט?

— כ׳בין געקומען צוליב יצחקן. דאָרטן פאַרקאָכט זיך אַ מיאוסע מעשׂה. נאָר וואָס האַלט איר מיך אויף דער קעלט? — און עקיבא לאָזט זיך אויף גיך גיין אין שטוב אַריין.

— וואָס האָט דאָרטן געטראָפן? — גייט אים נאָך גבריאל. — איר זייט, דוכט זיך, געקומען צו מיר, טאָ וואָס זשע אַנטלויפט איר?

— איך דאַרף צו איוון. ווער בושעוועט עס ביי אייך אַזוי?

— דער באַלעגאָלע האָט זיך אָנגעשיכורט...

דערזען אַריינקומען עקיבאן, טוט זיך דער באַלעגאָלע אַזאַ ריס צו אים, אַז די עטלעכע טעלער, וועלכע האָבן זיך על פּי נס נאָך פאַרהיט אויפן טיש, צעשפּרינגען זיך אויך איבער אַלע ווינקלען.

— עקיבא, — שרייט דער אַשמדאי, — עקיבא, ווי קומסטו אַהער? — ער קריכט איבער די בענק און כאַפּט אַרום עקיבאן.

— טאַטע, טאַטע, — בעט זיך ביי אים רחמים עקיבא, — וועסט מיר צעברעכן די ביינער.

— האָדי, נו, — לאָזט אים דער אַשמדאי פון די הענט ניט אַרויס, — עקיבאניו, אומעטום ביסטו דאָ, און צו מיר ווילסטו אַפילו ניט קומען. מיך האָסטו פאַרגעסן.

נעכע קוקט זייער אָנגעשטרענגט אויף עקיבאן. דערנאָך פירט זי איבער איר בליק אויף גבריאלן, וואָס איז שטיין געבליבן ביי דער טיר:

— איך שווייג, גבריאל, איך שווייג... כ׳האָב אַזוי פיל יאָרן געשוויגן, וועל איך פאַרן טויט אַוודאי שווייגן.

— ניין, — טוט אַ געשריי גבריאל, — ניין, שווייג ניט, נעכע, ר׳עד, נעכע, רעד!

— ניין, גבריאל, ניין, זאָג דו, דערצייל דו... איך וועל שווייגן... איך שווייג. — זי בלייבט שטיין אַן אויסגעשעפּטע. פון איר פּנים — אַ קליינ׳יקס, אַן איינגעצויגן־צעקנייטשטס — פאַרגייט דער אויפגעבראַכענער צאָרן, די גרינע פייערלעך אין די אויגן לעשן זיך. ס׳בלייבן ביי איר ווידער גרויסע, טיף איינגעפאַלענע,ליידיקע, טרוקענע, אויסגעברענטע אויגן. מיט אַ מאָל

דרייט זי זיך אויס צו אַלעמען מיטן רוקן און לאָזט זיך גיין צום דיוואַן. אויפן וועג מאַכט זי צו עמעצן מיטן לאַנגן געל־אויסגעדאַרטן ווייז־פינגער. דאָס ווייסע ציגעלע לויפט איר נאָך.

## יג

אַברהם, האַלב־ליגנדיק, אונטערגעשפּאַרט מיט קישנס, — פּונעם ווייטיק אין פוס מאַכן זיך אים אַלע מאָל צו די אויגן, — ענטפערט אויפן אויס־פאָרשערס פראַגן, ווי אַ זייטיקער, ווי איינער, וואָס צו אים האָט עס גאָר קיין שייכות ניט. און אויב אַפילו יאָ, אַרט עס אים שוין אויך זייער ווייניק — וואָס ס׳דאַרף זיין, וועט זיין... ער האָט געירשנט, אַברהם, די אונטערטעניקייט פון זיין מאַמען. אויב ס׳טרעפט אַ צרה אָדער עמעצער באַגייט קעגן איר אַן עוולה, טוט זי אַ ברען, נאָר באַלד, דערפילנדיק איר אָנמאַכט און ווייסנדיק, אַז אַלץ איז פון גאָט און פאַר אַלץ וועט ער אָפּצאָלן, גיט זי זיך אונטער. „דער שטילער זומער" ווערט מיט אַלץ איינשטימיק און גייט ווייטער שטיל אין איר יאָך. אָבער וואָס מער גלייכגילט ס׳איז אין אברהמס קול, אַלץ בלאַסער ווערט זיין פּנים. „דער שטילער זומער" שטייט ביי זיין צוקאָפּנס, בעט אין האַרצן ביי גאָט: „שרעק מיך, נאָר שטראָף מיך ניט", און ווישט אַלע מאָל אָפּ מיטן פאַרטעך די גרויסע טראָפּנס שווייס פונעם זונס שטערן.

דניאל זיצט נאָך אַלץ צופוסנס ביים ברודער — די פינגער פאַררוקט אין דעם קאָפּ האָר, אַ צעוויכערט־צעשויבערטער. פון אָנגעשטרענגטקייט און פון די צונויפגעפּרעסטע ציינער ציטערן ביי אים די קינבאַקן. ער קאָן גאָך אַלץ ניט אָנכאַפּן דעם פאָדעם:

— וואָס וויל ער, דער זשאַנדאַרם, וווהין פירט ער?

אין שטוב שטייט אַ שווייגנדיקער פּחד. דניאלן דוכט: דער פּחד פון דורות, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין דער אַלטער קרעטשמע, קריכט איצט פון צווישן די ווענט אַרויס. די ליכט דערברענען, די קנויטן פאַלן אין דעם צעשמאָלצענעם חלב אַריין. בשעתן פאַלן טוען זיי דאָס לעצטע מאָל אַ העלן פלאַקער און ווערן אויסגעלאָשן. דער לאָמפּ, אָן אַ היטעלע,

ברענט מיט אַ שפּיץ, דורך דעם האַלב־שוואַרצן גלעזל גייט אַ טשאַדענ־דיקער רויך. אין דער אייבערשטער טאַפּליע באַווייזט זיך אויף אַ רגע אַ שטיק לבנה. אַט אָ־די נאַכט דאַרף ער פאַרגעדענקען. אַט אָ־די נאַכט וועט ער מאָלן... זיין געדאַנק איז אָבער איצט פאַרנומען מיט איינס:

— וואָס וויל דער זשאַנדאַרם? וואָס דאַרף ער דאָ?

און דער הויכוווילגעבוירט, אַ צערייצט־אויפגעבראַכטער, שטייט מיטן רוקן צו אַלעמען, דעם רעכטן פוס אויף דער באַנק, דעם עלנבויגן אויף דער קני און רייכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן. דער רוח זאָל עס נעמען. מ׳דאַרף וואָס גיכער מאַכן אַ סוף מיט אָט דעם נפש.

פאַרנדיק אַהער, איז דער אויספאָרשער זיכער געווען: פאַר אַ האַלבע שעה וועט ער פאַרקאָכן דעם ענין. נאָר אַט מאַטערט ער זיך מיטן תמעוואַטן נפש שוין העכער דריי שעה און האָט זיך נאָך פון אָרט ניט גערירט. דוכט זיך, שוין אַלץ געפּרוווט, שוין אָנגענומען אַלע מיטלען — לאַנג געשוויגן, געמאַכט אַ שיפּענדיקן קול, געפינקלט מיטן גאָלדענעם צאָן און, דער עיקר, געדריקט אויף זיי מיט זיין קוק. נאָר אַפילו יענער קוק זיינער, אויף וועלכן חברים לויט דער דינסט זיינען אים אַזוי מקנא, האָט צו גאָרנישט ניט געבראַכט. דאָ, זעט ער, וועט מען מיט בייזן גאָרנישט אויפטאָן. וועט ער, איוואַן פיאָדאָראָוויטש, פּרוּוון מיט גוטן. דעם נפש מוז מען פאַרפּלאָנטערן. זאָל ער זיך מודה זיין נאָר אין אַ פּאָר קלייניקייטן. דאָס איבעריקע וועט ער שוין „דאָרטן" אַלץ אונטערשרייבן.

דער זשאַנדאַרם טוט אַ וואָרף דעם פּאַפּיראָס, זעצט זיך אַוועק צוריק צום טיש און רוקט אָפּ פון זיך אַלע פּאַפּירן:

— לאָמיר זיך פונאַנדערקלייבן רו׳ק...

דניאל זעט: די צוויי גריבעלעך איז שמעלצן זיך.

דער הויכוווילגעבוירט ווענדט זיך צו אַברהמען זייער מילד:

— צו דיר פּערזענלעך, פאַרשטייסטו דאָך אַליין, האָב איך גאָרניט, וואָס קאָן איך צו דיר האָבן?

— איך ווייס? — זאָגט אַברהם.

— דו, אַוורום איצקאָוויטש, — פרעגט דער אויספאָרשער גוטברו־דעריש, — האָסט דאָך צו מיר אויך גאָרניט?

— וואָס קאָן איך האָבן צו אייך? איך זע אייך דאָס ערשטע מאָל אין לעבן.

— אָט זעסטו, אַוורום איצקאָוויטש, מיר האָבן איינער צום אַנדערן גאָרניט. איך בין אַ סאָלדאַט, און דו ווייסט דאָך: וואָס דער קאָמאַנדיר באַפוילט, דאַרף מען אויספילן. אַ באַפעל, ווייסטו דאָך, איז אַ געזעץ. אַזוי צי ניט אַזוי?

— יאָ, אַזוי...

איוואַן פיאָדאָראָוויטש רעדט גאָר פריינדלעך:

— איך פיל אויך אויס אַ באַפעל. לאָמיר זיך פונאַנדערקלייבן רויק. אפשר האָסטו עפּעס פאַרגעסן? ווען מיר זיך דערמאָנען! זייער מעגלעך, אַז דו האָסט אָן עפּעס פאַרגעסן. געווען אַזוי לאַנג אין וועג. אַ פאַרוווּנדעטער, מיט אַ קראַנקן פוס. דיינע פאַרדינסטן וועל קיינער ניט פאַרמינערן. מיר וועלן נעמען אַלץ אין אַכט. ריכטיק, אַפאַנאַסי לוקיטש?

דער פּריסטאַוו, וואָס שטעלט נאָך אַלץ צונויף דעם אַקט און קאָן זיך קיין עצה ניט געבן מיט דער הענטל־פען — זי דרייט זיך און גליטשט זיך ביי אים צווישן די קורצע פעטע פינגער, — ענטפערט:

— טאַק טאָטשנאָ. איך קען אים פון לאַנג. געווען אַ שטיל יינגל...

— געווען אַ מאָל... — פאַרריכט אים דער אויספאָרשער. — שרייב ווייטער!

דער פּריסטאַוו כאַפּט זיך: עפּעס האָט ער דאָ געזאָגט ניט דאָס, וואָס מ׳דאַרף. געמען די גרינע אָדערלעך אויף דער פליישיקער רויטער נאָז קריכן אויף אַרויף.

— געווען אַ מאָל... טאַק טאָטשנאָ.

— מיר וועלן עס, אַפאַנאַסי לוקיטש, נעמען אין אַכט.

דער זשאַנדאַרם שפּאַנט איבער דער שטוב — אַ לאַנג־אויסגעבויגענער שאָטן באַוועגט זיך איבער דער וואַנט, לויפט אויף דער סטעליע אַרויף. די נעזער פון די שטיוול בליאַסקען אין דער האַלב פינצטערער שטוב. ער רעדט לאַנגזאַם און ווי צו זיך אַליין:

— יאָ, וואָס איז דאָ צו ריידן? שווער געווען צו שפּרינגען אויף די קוליעס. דאָס רענצל אויף די אַקסל. ביי אַזאַ צושטאַנד איז אַלץ אַ משא...

און דער קאָטעלאָק? דער קאָטעלאָק קלאַפּט אָפּ די זייטן... אַ שווערער וועג. און ס'איז דערצו אָסיען, רעגן, בלאָטעס... אַ שווערער וועג, וואָס איז דאָ צו ריידן? ס'איז זייער פאַרשטענדלעך, אַז ביי אַזאַ צושטאַנד קאָן מען טאַקע ניט פאַרגעדענקען קיין דאַטעס... דו ביסט טאַקע גערעכט, אַ סאָלדאַט לעבט מיט זונטיק, מיט מאָנטיק. ער ווייסט די נעמען פון די טעג, פון דעם חודש. ס'איז זייער ריכטיק, אַוורום איצקאָוויטש, פון קיין דאַטעס ווייסט ניט דער סאָלדאַט.

ער בלייבט שטיין ביי דעם בעט אַנטקעגן אַברהמען:

— אָבער דעם טאָג געדענקסטו?

— אַקוראַט געדענק איך ניט. ס'איז דוכט זיך, געווען פרייטיק און אפשר — שבת.

— שבת, ס'איז געווען שבת... — זאָגט דער זשאַנדאַרם מיט אַ מינע, ווי דער דאָזיקער אונטערשייד אין די טעג האָט פאַר אים קיין שום ווערט ניט. דאָך חזרט ער איבער נאָך אַ מאָל: — ס'איז געווען שבת. זייער ריכטיק. אין „אוטשאַסטאָק” האָט מען דיך געבראַכט שבת... ס'איז דיר שווער געוואָרן צו ריידן? אפשר דערלאַנגען אַ ביסל וואַסער?

— אַ דאַנק. איך דאַרף ניט קיין וואַסער. — און אַברהם דערפילט מיט אַלע חושים: איבער זיין קאָפּ ווערט פאַרהויבן אַ האַק. גראָד אין דעם זשאַנדאַרמס שטילע ווייכע רייד לאָקערט די סכנה. דער מאַרך ברענט אים. ער טוט אַ פיר די צונג איבער די צוגעשוואָלן־טרוקענע ליפּן. — אַ דאַנק, איך דאַרף ניט קיין וואַסער. אין אוטשאַסטאָק האָט מען מיך ניט איינעם געבראַכט. מ'האָט פאַרהאַלטן אַ סך סאָלדאַטן, זייער אַ סך סאָלדאַטן זיינען מיר געווען אין אוטשאַסטאָק, אַלע פאַרוווּנדעטע, אויף קוליעס. דאָרטן האָט מען פאַרשריבן אונדזערע נעמען, פון וואַנען און וווהין ווער עס גייט, און — אָפּגעלאָזט.

— ריכטיק, — באַשטעטיקט דער הויכווילגעבורט. — זייער ריכטיק. אָט זעסטו, דער זכרון איז ביי דיר אַן אויסגעצייכנטער.

— איך האָב זיך ניט געקלאָגט אויף מיין זכרון.

דער זשאַנדאַרם לאָזט דורך אַברהמס באַמערקונג פאַרביי דעם אויער:

— ביסטו געקומען אין שטאָט אַריין שבת גאַנץ פרי, און דו האָסט

זיך אויפֿן וואָקזאַל־פּלאַץ אָנגעשטויסן אויף אַ מיטינג? דאָס קאָנסטו דאָך ניט אָפּלייקענען?

דער זשאַנדאַרם פֿרעגט איבער נאָך ווייכער:

— דאָס לייקנסטו דאָך ניט אָפּ?

— וואָס לייקן איך ניט אָפּ? איך ווייס ניט, וואָס ווילט איר פֿון מיר?

— דערווייל, אַוורום איצקאָוויטש, גאָרניט. האָבן מיר פֿעסטגעשטעלט, אַז דו ביסט געווען אויפֿן מיטינג יענעם שבת אינדערפֿרי...

— קיין שום מיטינג האָב איך ניט געזען. און אין שטאָט אַריין בין איך אָנגעקומען ניט שבת אין דער פֿרי נאָר שבת פֿאַר נאַכט.

— און ווו האָסטו זיך געזען מיט דער שוועסטער?

ביי דער פֿראַגע ווערט אַברהם מבולבל. די אויגן ווערן אים אויפֿ־געריסן, און ער וויל זיך אויפֿזעצן. ס׳פֿעלט אים שוין אָבער כּוח, און דער קאָפּ פֿאַלט אים אויף דער מוטערס האַנט.

דער זשאַנדאַרם פֿרעגט איבער:

— און ווו זשע האָסטו זיך געזען מיט דער שוועסטער?

— ביי איר... ביי דער שטוב...

— וואָס האָסטו גערעדט מיט דער שוועסטער?

אַברהם קוקט פֿון דער זייט מיט די אויפֿגעריסענע אויגן און שווייגט.

— און וועמען האָסטו געזען ביי דער שוועסטער?

דניאל באַמערקט: די צוויי פֿריַער צעשמאָלצענע גריבעלעך ווערן צוריק פֿאַרפֿרוירן, און זיי, די צוויי בלויע גריבעלעך אייז, בייגן זיך אָן צו אַברהמען:

— דערצייל אַלץ. וועגן דעם איז אונדז סיי ווי אַלץ באַוווּסט...

אַברהם הייבט אויף דעם קאָפּ פֿון דער מוטערס האַנט:

— כ׳האָב זיך קוים דערקליבן צו איר שטוב. כ׳האָב זיך שוין קוים געהאַלטן אויף די קוליעס.

— דאָס ווייסן מיר שוין. האָסטו, הייסט עס, געטראָפֿן די שוועסטער אין שטוב?

— ניין... איך האָב זי געטראָפן אין דרויסן...

אַברהם פירט מיט דער צונג איבער די ליפן. ער קוקט מאָדנע אומבאַהאָלפן און דערביי שולדיק־דערשראָקן אויף דער מוטער, אויפן פאָטער. דניאל באַמערקט אָט אָ־דעם פיינפולן בליק.

— איך האָב זי געטראָפן... אין דרויסן... זי האָט געפּרעגלט איינגעמאַכטס, אַלע קינדער זיינען געשטאַנען אַרום דער פאַן...

— וועלכע קינדער? וועלכע פאַן? — דער לאַנג־אויסגעבויגענער שאָטן באַוועגט זיך ווידער איבער דער וואַנט. — פאַררייד מיר ניט די ציין. וועלכע קינדער? וועלכע פאַן? דו דערצייל מיר וועגן...

דער שאָטן אויף דער וואַנט בלייבט שטיין.

— דו דערצייל מיר... — דער זשאַנדאַרם נעמט אַרויס אַ נאָטיץ־ביכעלע, בלעטערט אַדורך אַ פּאָר בלעטלעך. — וועגן כיירוסן... דערצייל!

ביי יצחק באַיאַרן ווערט דער רוקן מיט אַ מאָל אַזוי אויסגעגלייכט, אַז די ריפּן שפּאַרן אים אַרויס פון הינטער דער ענגער קאַפּאָטע. דער שרעקלעכער קלאַפּ, אויף וועלכן ער האָט די גאַנצע צייט געוואַרט, איז דערלאַנגט געוואָרן.

„דער שטילער זומער" פאַרשטופּט מיטן עק טיכל דאָס מויל. פון אירע אויגן אַרויס שרייט אַ מאַמע — אָן אַ קול, אָן ווערטער... דאָס געשריי אָבער הערט די גאַנצע שטוב. אַפילו דער זשאַנדאַרם דרייט אָפּ דעם קאָפּ. דער פּריסטאַוו שנייצט הילכיק די נאָז.

ביי דניאלן קלאַמערן זיך איין די פינגער אין די האָר ביז ווייטיק — כיירוס איז ווידער אין זייערע הענט... נאָר וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צו אַברהמען?

מלכה טראָגט אַוועק דאָס איינגעשלאָפענע קינד אין בעט אַריין. זי וויל אויך צונעמען פון דאַנען דניאלן. זי האָט מורא, ס'זאָל מיט אים חס־ושלום ניט טרעפן קיין חלשות.

— נו, דערצייל וועגן כיירוסן.

אַברהם אָטעמט אָפּט:

— יענע שוועסטער האָב איך ניט געזען. שוין אַ סך יאָרן ניט געזען.

יצחק באַיאַר הייבט זיך אויף:

— יענע איז אים קיין שוועסטער ניט, און מיר איז זי ניט קיין טאָכטער. איר נאָמען ווערט ביי מיר אין שטוב ניט דערמאָנט.

דער הויכוווילגעבורט טוט אַ שמייכל:

— נאָר דערפאַר, ווייל זי איז אַריבער אין פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן? אַ, נאָר דערפאַר?

יצחק באַיאַר בייסט די שפּיץ באָרד און שוויגט.

— האָב קיין מורא ניט, אַלטער, — דער זשאַנדאַרם שטעלט זיך אַוועק קעגן יצחקן, — זי איז אין ערגעץ פון דיר ניט אַוועקגעגאַנגען. אייערע קינדער גייען פון אייך ווייט ניט אַוועק. איר איבערגיין אין פּראַוואָסלאַוויע איז אויך ניט מער ווי אַ יִדיש שפּיצל... מיר ווייסן, איר זייט פעיִק אויף אַלץ. זי איז אַריבער, דיין כיירוס, אין פּראַוואָסלאַוויע, כדי צו האָבן אומעטום ווינרעכט. ס'זאָל איר זיין גרינגער צו בונטעווען קעגן דער מאַכט, פאַרשפּרייטן די קראַמאָלע... זי איז אַזאַ פּראַוואָסלאַוונע, ווי ער, וויזט ער אויף אַברהמען, — איז אַ פּאַטריאָט. שפּיאָנען זיינען זיי געווען אויפן פראָנט, פאַרקויפטע נשמות. פאַר דרייסיק זילבערנע מטבעות האָבן זיי פאַרקויפט דעם יאַפּאַנער אונדזער הייליק רוסלאַנד... האָב קיין מורא ניט, אַלטער, ניט אין קלויסטער אַריין גייט דיין כיירוס, נאָר אויף מאַניפעסטאַציעס. פרייהייט וויל זי. וועלכע פרייהייט? נאָך וויניק פרייהייט האָט איר? איר הערשט שוין, דוכט זיך, איבער גאַנץ רוסלאַנד... וואָס פעלט אייך, זשידעס? קום, לאָמיר דורכגיין דאָס גאַנצע דאָרף, צען דערפער, הונדערט דערפער, ביי וועמען וועסטו טרעפן אַ שאַכטל שאָקאָלאַד און צוויי פלעשער ווייַן אויפן טיש? ביי וועמען, פרעג איך? דו שוויגסט, אַלטער? טאַ־טאַ!

ער דרייט זיך אויס צו אַברהמען:

— און דו, דו ווילסט מיר פאַררייידן די ציין? סוקין טי סין, הינטישער זון, דו! ביסט נאָך צו יונג! אומזיסט עקשנסטו זיך. מיר ווייסן סיי ווי אַלץ. מיר ווייסן, אַז דו ביסט געווען אויפן מיטינג, בעת דיין שוועסטער האָט געהאַלטן די רעדע...

— איך בין דאָרט ניט געווען.

— ביסט דאָרט יאָ געווען. דיין שוועסטער אַליין האָט עס ניט געקאָנט אָפּלייקענען. דו ביסט דאָרט געווען, און מיר ווייסן אויף זיכער: דאָס האָסטו דערלאַנגט מיטן קאַטעלאָק איבערן קאָפּ אַן עכט רוסישן פּאַטריאָט... דיין קאַטעלאָק האָבן מיר, און ער איז דער בעסטער עדות. דאָס האָסטו געהרגעט אַ מענטשן!

— איך?

— פאַרשטייט זיך, דו.

אַצינד באַקומט ער, אַברהם, כוחות. אַלע אברים דינען אים. דאָס גאַנצע בלוט שלאָגט אים אין פּנים אַריין. איבערן לייב גייט אַזאַ היץ, אַז דער שוייס פון שטערן ווערט מיט אַ מאָל אויסגעטריקנט.

— איך האָב געהרגעט?

— דו!

אַברהם קוקט אויפן זשאַנדאַרם, ווי אויף אַ בייזוווּנדער. אים דוכט זיך אַפילו — דער זשאַנדאַרם האַלט זיך ניט אויף די פיס, וואַקלט זיך פון איין וואַנט צו דער צווייטער.

— איך האָב געהרגעט? — פרעגט ער שטיל איבער. אין זיין קול הערט זיך ניט קיין שרעק, ניט קיין פּחד, ניט קיין אימה, נאָר גרויסע פאַר־חידושטקייט: — איך האָב געהרגעט? — צוליב וואָס?... און צוליב וועמען?

און וואָס מערער דעם זשאַנדאַרמס רייד דערגייען צו זיין באַוווּסטזיין, אַלץ משונהדיקער, ווילדער, לעפּישער ווערן זיי פאַר אים:

— איך... האָב... געהרגעט...

און אין אַברהמען האָט געפּלאַצט דער פּחד. ס'רייסט זיך פון אים פלוצעם אַרויס אַ פריילעך געלעכטער. ער האָט נאָך קיין מאָל אַזוי ערלעך ריין און געשמאַק ניט געלאַכט:

— איך האָב געהרגעט?...

דניאל כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענט פאַר מלכהן, וואָס שטייט לעבן אים.

— שרעק זיך ניט, — זאָגט ער צו איר. — העלף מיר אויפשטיין. טאַטע, גיב מיר דיין האַנט.

יצחקס רוקן ווערט ווידער איינגעבויגן:

— דניאל, נעם זיך אין די הענט אַריין. מיר האָבן, מיין זון, אַ גרויסן גאָט.

דניאל ענטפערט ניט. ער איז ניט בלייך, ער איז — ווייס. די אויגן פאַרלאָפן מיט הייסן נעפּל. די פינגער ציטערן אויפן פאָטערס אַקסל. ער, דניאל, וואָס איז סוף־כל־סוף צוגעקומען צו דער מדרגה פון אַ רייפן קינסטלער — יעדער איינצלנער שטריך, יעדער איינצלנער שמיר מיטן פּענדזל האָט אַן און פאַר זיך קיין שום ווערט ניט, פריִער דאַרף מען האָבן פאַרן אויג דאָס גאַנצע, און ווען דאָס גאַנצע איז דאָ, קומען זיי, די דעטאַלן, אַליין, — ער, דניאל, שטייענדיק פאַרוואָרפן איין האַנט אַרום פאָטערס האַלדז, די צווייטע אַנגעשפּאַרט אָן מלכהן, האָט מיט אַ מאָל דערזען דאָס גאַנצע...

מלכה בעט זיך ביי אים:

— דניאל, קום, דניאל, האָב רחמנות.

„דער שטילער זומער" בעט זיך ביי אַברהמען:

— הער אויף, מיין קינד, צו לאַכן.

דניאל ווענדט זיך צו דער מוטער:

— מיש זיך ניט, מאַמע, זאָל ער לאַכן... לאַכט אַלע. מלכה, גיי צום קינד. טאַטע, גיב מיר דיין יענע האַנט. אָט אַזוי!

פון גרויסער אויפרעגונג פאַרהיקעט ער זיך:

— איר האָט גע־הערט דאָס גע־לעכטער? — פרעגט ער ביים זשאַנדאַרם.

— אַיאָ, אַ געלעכטער פון אַ מערדער?

— אַפאַנאַסי לוקיטש, — טוט אַ געשריי דער הויכווילגעבורט, — באַרויִק זיי...

— נו, איצט וועט שוין אייך דער פּריסטאַוו ניט קאָנען העלפן, — זאָגט דניאל ניט מיט זיין קול, — שלאָגט מיר ניט איבער! איך האָב אייך געהערט עטלעכע שעה נאָך אַנאַנד. איך האָב געהערט געדולדיק... איר האָט געהערט דאָס געלעכטער? אַיאָ, אַ געלעכטער פון אַ מערדער? שלאָגט ניט איבער, אייער הויכווילגעבורט. איך וועל זאָגן עטלעכע ווערטער... וועגן דעם, אַז מיין שוועסטער, יאָ, יאָ, זי, כּיירוס, איז מיין שוועסטער, אַז זי איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע אויף אַ מיטינג, דאָס גלייב איך. איך ווייס,

אַז מיין שוועסטער טרעט אַרויס אויף מיטינגען פון ווילטיק, פון איבערגעזעטיקטקייט, פון צו פיל פרייהייט. איר איז זייער געפעלן געוואָרן סיביר... איר איז זייער געפעלן געוואָרן צו גיין מיט די קייטן אויף די סיבירער פרעסט, איבער די סיבירער שנייען.

דער זשאַנדאַרם בלייבט די ערשטע רגעס פון אָט די אָפענע דיבורים שטיין, ווי געפּלעפּט. ס׳קאָן גאָר זייער מעגלעך זיין, אַז צום ענין וועט אויך גוט צו נוץ קומען אָט דער ברודער אירער, דער דאָרפישער קינסטלער, — אין אים האָט זיך אָנגעזאַמלט אַזוי פיל שׂנאה, אַז ער קאָן זי שוין מער ניט אויסבאַהאַלטן. טוט ער אַ ווונק צום פּריסטאַוו — יענער זאָל מער ניט שטערן, און אַליין, מיט אַן אמת צופרידענעם שמייכל, נעמט ער זיך עפּעס אַריינשרייבן אין זיין נאָטיץ־ביכעלע — אין דעם זשאַנדאַרמישן ספר הזכרונות.

דניאל ווענדט אויף דעם ניט קיין אַכט:

— אַז מיין שוועסטער איז אַרויסגעטראָטן דאָרטן אויף אַ מיטינג — דאָס גלייב איך. אַז איינער אַ סאָלדאַט האָט אויף דעם זעלבן מיטינג דערלאַנגט מיטן קאָטעלאָק איינעם פון אייערע פּאַטריאָטן איבערן קאָפּ — אין דעם גלייב איך אויך. אָבער יענעם סאָלדאַט האָט איר ניט געכאַפּט. דערווייל איז אָנגעקומען פון „אוטשאַסטאָק” דאָס צעטל מיט די נעמען פון די פאַראַלטענע סאָלדאַטן. שטערט ניט, אייער הויכוווילגעבורט, איר פאַרשרייבט דאָך עפּעס אין אייער ביכעלע... אין די צעטלען האָט איר זיך אָנגעשטויסן אויף דער פאַמיליע „באַיאַר”. מיין שוועסטערס פאַמיליע איז אויך באַיאַר. די אָכראַנקע האָט גלייך פעסטגעשטעלט: ס׳איז אַ ברודער מיט אַ שוועסטער... שרייט ניט, אייער הויכוווילגעבורט, אייער געשריי וועט מיך ניט דערשרעקן. איר האָט דאָך געהערט, וואָס די אַלטע פּויערטע האָט אייך געזאָגט: „מ׳יר לעבן סיי ווי אין גיהנום”. הערט מיך אויס ביזן סוף. דאָ האָט זיך ביי דער אָכראַנקע צעשפּילט די פאַנטאַזיע, אַזאַ געווינס — אַ ברודער מיט אַ שוועסטער... און איר האָט פאַרטראַכט צו שאַפן אַ פּראָצעס. איר מוזט דאָך מיט עפּעס פאַרענטפערן, באַרעכטיקן פאַר דער וועלט אייער אַכזריות. ס׳איז דאָך אַ גאָלדענער מאַטעריאַל פאַר שמאַקאָוון, פאַר מאַרקאָוון, פאַר פּורישקעוויטשן... — דניאל קאָן מער ניט ריידן. די לעצטע ווערטער רעדט

ער קוים אַרויס. ער שלינגט די לופט. די שוואַרצאַפּלען ווערן ביי אים ברייטער, און ער בלייבט ליגן ביים פֿאָטער אויף די הענט.

## יד

ווען דניאל קומט צו־זיך, געפֿינט ער זיך ליגן אין אַלקער, ביים פֿענצטער, אויפֿן באַנקבעטל. ער פֿילט זיך אַזוי, ווי עמעצער וואָלט אים נאָר וואָס אומרחמנותדיק אָנגעבראָכן די ביינער. אין קאָפּ אַ טעמפּער ווייטיק. אים דוכט — צוקאָפּנס ליגט אים אַ שטיין. ער טאַפּט אַפֿילו מיט די פֿינגער דעם צוקאָפּנס. ניין, אַ קישן. פֿאַר וואָס זשע זיינען די פֿעדערן אַזעלכע האַרטע ?

מלכה לייגט אים קאַלטע האַנטעכער צום קאָפּ. די פּראָסטיקע פּאַפּאָראָטן לויכטן פֿון פֿענצטער מיט לבנה. ס׳שמעקט עפּעס מיט פֿריש געשיילטער ביטערלעכער קאָרע. פֿון דעם נאַסן האַנטעך פֿאַלן הילכיקע טראָפּנס וואַסער אין שיסל אַריין.

ביי דער זייט זיצט אַ פֿנים דער דאָקטער. ווער, און נאָך וואָס האָט מען אים געבראַכט ?

אין צווייטן צימער איז ליכטיק — מ׳האָט אָנגעצונדן נייע ליכט.

אין קיך באַלעבאַטעוועט די מומע ליבע. זי איז די ערשטע אַהער געקומען. ווי נאָר נעכע מיטן באָקלעמעלע האָבן זיך צוריק אויפֿן דיוואַן פֿאַרקליבן, ווי נאָר מ׳האָט דעם אַשמדאי באַרו:קט און פֿון עקיבאַן איז באַוווּסט געוואָרן, וואָס אין דער אַלטער קרעטשמע קומט פֿאָר, האָט די מומע ליבע זיך געלאָזט לויפֿן צו יצחקן. זי האָט ניט געקאָנט וואַרטן, ביז איוועס מיטן מאַן וועלן זיך דאָרטן צונויפֿריידן. ער, אַלעקסאַנדער לאַנדע, האָט געמאָלדן: ניט נאָר ער וועט אַליין ניט גיין, נאָר ער פֿאַרווערט איווען אויך אַהין צו גיין. אויב מ׳וועט עפּעס קאָנען טאָן פֿאַר ייִדן, וועט מען עס טאָן דאָרטן, אין דער היים, דורכן שוואָגער דעם אַדוואָקאַט. ס׳איז שוין גענוג און איבערגענוג, וואָס זי, איווע, איז געגאַנגען אָן זיין וויסן צו איר, צו אַט

דער כיירוסן, אין תפיסה אַריין... ס׳איז פשוט אַ גליק, וואָס מ׳האָט זי צו יענער ניט צוגעלאָזט.

די מומע ליבע האָט ניט פאַרגעסן מיטצונעמען מיט זיך אַ פּאָלומעסעק געפילטע פיש. נאָך איר איז באַלד געקומען גבריאל. און שפּעטער אַ ביסל — איווע מיטן דאָקטער. איווע איז געקומען אַן איבערגעטאָנענע און אַן אויסגעפּוצטע.

אויף דער קיך פּויעט גבריאל דעם פּריסטאַוו מיט פייערדיקן בראָנפן.

— נו, גאַווריאיל, גאָספּאָדין גאַווריאיל... אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג. ס׳אַראַ טאָכטער דו האָסט... דער איידעם איז אויך דאָ? ער האָט גענומען אַן איבעריקן טרונק בראָנפן און האָט ניט געקאָנט קומען? כאַ־כאַ־האַ. ס׳טרעפט. ווי אַזוי מ׳האָט זיך עס אַלע דאָ דערשראָקן... כאַ־כאַ־האַ. אָנגעשראָקן דעם סאָלדאַט.

ער טרינקט אויס:

— אַ... שטאַרקע שאַבעסקאָווקע!

די מומע ליבע רוקט אים אונטער אַ שטיק פיש. ער נעמט זיך פאַרבייסן.

— דאָברע... איך האָב ליב אייערע פיש, קיין פעפער זשאַלעוועט איר ניט.

ער בייגט זיך אָן צו גבריאלן:

— און דער מאָלער איז צו אַ היציקער... צו וואָס אַזעלכע רייד? בכלל דאַרף מען שווייגן. בפרט נאָך פאַר נאַטשאַלסטוואָ! נו, אויב דו ווילסט שוין יאָ אַ מאָל עפּעס זאָגן, איז — אין קישן אַריין... איידער דו רעדסט אַרויס אַ וואָרט, קוק זיך פריִער טויזנט מאָל אַרום. די זשאַנדאַרמעריע האָט לאַנגע אויערן... כאַ־כאַ־האַ, ווו האָט מען גענומען דעם בושעל? זעט נאָר, זעט, ווי ער שלינגט בולקע מיט בראָנפן... דעם פויגל וועל איך ברענגען מיין אייניקל אַ מתנה.

ער טונקט איין נאָך אַ שטיקל חלה אין בראָנפן און טוט אַ וואָרף דעם פויגל. דער בושעל איז שוין שיכור. ער קלאַפּט מיט די פליגל, זעצט זיך צו, פאַרוואַרפט דעם לאַנגן האַלדז מיטן שנאָבל אַרויף אויפן רוקן, דערנאָך נעמט ער אַרומגיין אין אַ קרייז, ניט ער גייט — נאָר ער שפּרינגט אונטער,

שטעלט זיך אָפּ, בייגט אונטער איין פוס, בלאָזט זיך אָן... און ס׳דוכט, ווי ער זאָגט: אַלע בושעלן זיינען ערגעץ דאָרטן, אין די וואַרעמע קאַנטן, און איך דאַרף דאָ שיכורן מיטן פּריסטאַוו.

— נו, גאָספּאָדין גבריאַל, פאַר אייער געזונט... דעם פויגל איז גוט. ער טרינקט זיך רויק און האָט ניט מורא פאַר נאַטשאַלסטווא... כאַ־כאַ־האַ. אַך, האָט איר זיך אַלע דערשראָקן, כאַ־כאַ־האַ.

די אייגעלעך ביים פּריסטאַוו ווערן אין גאַנצן פאַרפאַלן. זיי זיינען ווי אַראָפּגעשוווענקט געוואָרן מיטן בראָנפן. ער בייגט זיך אָן צו גבריאַלן:

— אַלע גייען אַרום דערשראָקן, אַלע, גאָספּאָדין גאַווריאיל, אַלע.

דער פּריסטאַוו צלמט זיך איבער:

— יעי באָגו, אַלע... אַ צייט אַזאַ... מיר זיינען אויך דערשראָקן. פאַרסט אַריין אין אַ דאָרף, מ׳קלינגט אין קלויסטער, ווי ס׳געהער צו זיין, דער גלח איז אויפן אָרט, פּויערים נעמען אַראָפּ די היטלען... און דאָך פאַלט אויף דיר אָן... דער רוח ווייסט וואָס, אַ טרייסלעניש. דו ווייסט, אַז דו ביסט די מאַכט, אַז מ׳האָט פאַר דיר מורא... און ביי דיר גייען אַרום מוראַשקעס איבער דער פּלייצע. טפו, סאַראַ צייט!

דער פּריסטאַוו בייגט זיך אַריין נאָך טיפער און רוימט איין, ווי אַ סוד, גבריאַלן אויפן אויער. די גרינע אָדערלעך קלעטערן דערביי איבער דער נאָז:

— די שרעק, גאָספּאָדין גאַווריאיל, גייט פון דאָרטן. פון אויבן!... — ער ווייזט מיטן פינגער אויף אַרויף. — פון דער הייך... פון דאָרטן גייט די שרעק... דאָרטן זיינען זיי נאָך מערער דערשראָקן... דו ווייסט, גאָספּאָדין גאַווריאיל, וואָס האָט דעם הויכווילגעבורט געבראַכט אַהער? די שרעק!... ס׳שלאָפט זיך קיינעם ניט. אַזאַ שרעק האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט, אַז ס׳טרעפט ניט אַ צאָן אויף אַ צאָן... איינער האָט מורא פאַרן אַנדערן. טפו, נו, נו!

ער כאַפּט אויף מיטן שיכורן מוח, אַז ער רעדט איבעריקס:

— נ־יי־ן, מער טאָר מען ניט טרינקען. מ׳טאָר ניט. ס׳איז ניט דערלויבט. נו, נאָר איין ביסעלע... אַ טרויער אויפן האַרצן. די נשמה איז

ביי מיר אַ זינדיקע, אַך, ניין, טי גאַוריאיל, סאַטאַנאַ, מער טרינק איך ניט.

ער שטופּט אָפּ גבריאלס האַנט מיט דער אָנגעגאָסענער גלאָז בראַנפן, כאַפּט דעם בושעל, נעמט אים צו זיך אויף די הענט און הייבט אָן צו זינגען:

Помирать буд-ем,
Пришла смерть,
При-и-шла сме-эрр-рть,
От само-о-ого Бо-о-га,
Не-э хочется уми-и-ирать.
Гуля-а-а-аю нем-но-го-о-о!.. *)

מיט איוועס און דעם דאָקטערס אָנקומען ווערט אין דער אַלטער קרעטשמע רויקער. דער גזר ווערט דערוויל בטל. וואָס שפּעטער וועט זיין, וועט מען זען. גאָט וועט שפּעטער אויך ניט פאַרלאָזן... דער דאָקטער, ווי נאָר ער איז געקומען, האָט ער געמאָלדן דעם היכוווילגעבורט: „דעם פאַרוווּנדעטן סאָלדאַט קאָן מען מיט אַזאַ פוס פון בעט ניט רירן. דער סאָלדאַט האָט היץ. אין דרויסן שטייט אַ שטאַרקע קעלט און סע ווייעט" און ער לאָזט זיך אין אַלקער אַריין, צום צווייטן חולה — צו דניאלן.

ערשט אַצינד מישט זיך שוין אַריין איווע: דער הער אָפיצער קאָן דאָך אויף זיכער ניט זאָגן, אַז אָט דער פאַרוווּנדעטער סאָלדאַט איז טאַקע דעם

---

*) מיר וועלן שטאַרבן,
ס'איז געקומען דער טויט,
ס'איז געקומען דער טויט
פון גאָט אַליין,
ס'ווילט זיך ניט שטאַרבן:
הוליע איך אַ ביסל...

פֿאַרבֿרעכן באַגאַנגען? ס׳איז דאָך ניט מער ווי אַ חשד? מ׳קאָן דאָך אַ קראַנקן מענטשן, נאָר אויפֿן סמך פֿון חשד, אין אַזאַ וועטער ניט נעמען... זי, איוואַ לאַנדאַו, און איר מאַן אַלעקסאַנדער נאַטאַנאָוויטש לאַנדאַו, נעמען אַברהם באַיאַרן אויף „פּאָרוקע”. זי גיט דעם אָפֿיצער אַן אונטערשריפֿט.

דניאל הערט ניט, וואָס מ׳רעדט צו אים. זיין בליק איז געווענדט אַהין — צו דער שיין. דאָרטן אין דעם ליכטיקן צימער, מיט דער פּלייצע צו אים, אין אַ שוואַרץ לאַנג קלייד מיט אַ טיפֿן אויסשניט, שטייט איווע. זי רעדט מיטן זשאַנדאַרם. ביי יענעם זיינען די צוויי בלויע שטיקעלעך אייז כמעט צעשמאָלצן געוואָרן — זיי שווימען אַרום אין די לענגלעכע גריבעלעך וואַסער פֿון איין ברעג צום צווייטן. אויף זיין האַרטן טונקלען פּנים — די העפֿלעכקייט אַליין. ער שמייכלט זייער מילד. ס׳איז צו זען: ער איז מיט איר פֿולקום מסכים.

דניאל לאָזט ניט אַראָפּ דאָס אויג פֿון איוועס שוואַרץ־גלאַנציקן קאָפּ האָר — זיי זיינען פֿאַרדרייט, די האָר, אין אַ גרויסן קובליק, וואָס פֿאַלט איר אויף דעם ווייסן האַלדז־און־נאַקן.

„דאָס איז איווע, טראַכט ער, מיין קינדהייט, מיין יוגנט, מיינע טרוימען?.. דאָס איז יענע איווע? דאָס פֿלעג איך איר, אין די זומערדיקע קאַיאָרן, ביים טייך זאָגן: „אויף מיין געלעגער האָב איך אַ גאַנצע נאַכט מיין ליבהאַרציקע געזוכט, געזוכט און ניט געפֿונען”... אָט דאָס איז זי, אָט יענע איווע, וואָס פֿלעגט מיר ענטפֿערן: „איך בין, מיין האַרציקער פֿריינד, צו דיר אין פֿעלד אַרויס, איך האָב פֿאַר דער זון זיך אויפֿגעהויבן... ליבהאַרציקער מיינער, דיר איינעם וועל איך אָפּגעבן מיין גאַנצע ליבע... דיר, דניאל... דיר איינעם”. אָט דאָס איז זי, אָט יענע איווע? יאָ, דאָס איז זי. זי איז געוואָרן פֿולער אין די אַקסל, ברייטער אין די היפֿטן — זיין בליק בלאָנקעט איבער איר ווייסן האַלדז־און־נאַקן. דו ביסט שיין, איווע. דו ביסט נאָך שענער, ווי געווען. כ׳בין איצט אויך גרייט אָפּגעבן פֿאַר דיר מיין לעבן... ס׳האָט זיך אָבער צוגעמישט צו דיר עפּעס זייטיקס, עפּעס זייער פֿרעמדס”.

— ווי פֿילן מיר זיך?

דניאל דערפֿילט, ווי עמעצער נעמט אים אָן ביי דער האַנט. די שיין פֿון די פּראָסטיקע פֿאַפּאָראָטן און די ליכט, וואָס פֿאַלט פֿון צווייטן צימער,

מישן זיך דאָ אין אַלקער אויס. לעבן זיין באַנקבעטל שטייט עפּעס אַ רויט־לעך־באַזילבערטע, אַ ווייכע מילך־שיין. דער דאָקטער זיצט אין אָט דער שיין, האַלט זיין האַנט, טאַפּט אים דעם דופק. און פון אונטער דעם דאָקטערס ברילן־גלעזלעך פינטלען צו אים זייער קינדעריש די אויגן.

— ווי פילן מיר זיך?

אַ האַרציקער קול ביים דאָקטער. יאָ, עקיבא, ווען ער האָט גערעדט וועגן דאָקטער, איז געווען גערעכט, ביים דאָקטער איז טאַקע אַ קול פון אַ פאַרליבטן.

— איר קאָנט זיין אַ פריינד, דאָקטער, אַ חבר... — ער פרוווט זיך אונטערהייבן אויפן עלנבויגן. — זי נייטיקט זיך זייער אין אַן אמתן פריינד.

דער דאָקטער רוקט זיך אָפּ צוזאַמען מיטן בענקל. ער קוקט אויף דניאלן מיט גרויס נייגער: איז עס פּשטות צי טפּשות? פרעגט ער ביי אים:

— וועגן וואָס, אייגנטלעך, און וועגן וועמען רעדט איר?

הזרט דניאל איבער דאָס זעלבע נאָך אַ מאָל, נאָר שוין קלאָרער:

— איר קאָנט זיין אַ פריינד, דאָקטער. זי, איווע, נייטיקט זיך זייער אין אַ פריינד.

— איך בין, דוכט זיך, ניט געפאַרן אַהער זעכציק ווערסט צו ריידן מיט אייך וועגן איווען.

זעט ער, דניאל, דער דאָקטער פאַרשטייט אים ניט. ענטפערט ער אויף דעם דאָקטערס פריִערדיקער פראַגע:

— ווי איך פיל זיך? אַ דאַנק!

— איך פרעג עס אייך ניט צוליב העפלעכקייט. איך פרעג עס אַלס דאָקטער, איך דאַרף...

דניאל שלאָגט אים איבער:

— איך דאַרף אויך, דאָקטער, אוי, ווי איך דאַרף, ווי ס׳איז מיר נייטיק. — ער רעדט פאַרטראַכטערהייט: — איך וואָלט, דאָקטער, אָנגעהויבן אַלץ פון אָנהייב... אַלץ אַנדערש, אַלץ פונקט פאַרקערט. כ׳האָב דאָך ביז איצט אַלץ געמאָלט מיטן קאָפּ אַראָפּ... אָבער ס׳איז שוין צו שפּעט! די נשמה איז מיר שוין פאַרברענט געוואָרן. קיין אַנדער נשמה קאָנט איר דאָך מיר ניט אַריינשטעלן, און ווען איר וואָלט אפילו יאָ געקאָנט אַריינזעצן מיר אַ נייע נשמה...

עמעצנס אַ פרעמדע, אַ טויטע נשמה, קיין לעבעדיקע נשמות וואַלגערן זיך ניט. אַפילו ווען איר קאָנט מיר אַריינזעצן אַ נייע נשמה, דאַרף איך זי ניט. איך דאַרף האָבן מיין אייגענע נשמה! אַ נשמה איז ניט קיין ליכטל, וואָס מ׳קויפט פאַר אַ גראָשן אין קלייטל... אַ נשמה דאַרף ניט נאָר לייכטן, ווי אַ ליכטל, אַ נשמה דאַרף וואַרעמען מענטשן... אַ נשמה — איז פייער!... מיין נשמה האָט שוין אויסגעברענט, און זי איז אויסגעברענט געוואָרן אויפן ווינט.

— איר הערט, ווי דער פריסטאַוו זינגט? — זאָגט פלוצעם דער דאָקטער. — גבריאל האָט אים אָנגעשיכורט. דער פריסטאַוו קושט זיך מיטן בושעל. דער בושעל איז אויך שיכור. כ׳האָב געהערט, אַז מ׳קאָן אָנשיכורן אַ פויגל. נאָר מיר איז קיין מאָל ניט אויסגעקומען צו זען...

דניאל בלייבט ליגן מיט צוגעמאַכטע אויגן: „דער דאָקטער וויל מיך אָפּווענדן פון אָט דעם געשפּרעך אויך; ער איז טאַקע ניט געפאָרן אַהער צוליב מיר. צו מיר איז ער געקומען ווי אַ רופא. און אפשר איז ער טאַקע ניט מער ווי אַ רופא?"

— דער פריסטאַוו, — זאָגט דניאל, — איז ביי גבריאלן אויף חודש־געלט. און ווי מיינט איר, דאָקטער, יענעם דאַרף מען אויך געבן?

— פאַרשטייט זיך. און ניט ווינציק.

— ווו זשע נעמט מען? — פרעגט דניאל ביי זיך אַליין. — ווו זשע נעמט מען?

— וועגן דעם טראַכט ניט, איוואַ גאַווריל‏אָווּנאַ וועט אַלץ באַזאָרגן.

דניאל כאַפּט פלוצעם אָן דעם דאָקטער פאַר דער האַנט:

— איך בעט אייך זייער, אַנטשולדיקט מיר טויזנט מאָל, גייט איר צו אים, און מיר שיקט אַהער איוועז. זייט מיר מוחל, נאָר איך בעט אייך זייער.

— וואָס איז מיט אייך? — שטוינט דער דאָקטער. — אַלץ גייט גוט. אייער ברודער וועט מען ניט רירן פון אָרט. אין שטאָט וועלן מיר נעמען אַן אַדוואָקאַט. וואָס ערגערט איר זיך אַזוי?

— דאָקטער, איך קאָן עס אייך ניט דערקלערן.

— איך פאָדער עס פון אייך ניט. איך וויל נאָר, איר זאָלט זיך באַרויִקן.

— איך בין רויִק... איז טוט מיר די טובה, שיקט מיר צו איוועזן.

— ביטע, באַרויִקט זיך. איך גיי איר זאָגן.

און ווען דער דאָקטער גייט אַרויס, זאָגט דניאל צו דער ווייב, וואָס זיצט די גאַנצע צייט ווי אַ פאַרגעסענע, מיטן נאַסן האַנטעך אין די הענט:

— מלכה, גיי ברענג מיין זייגער, דיין רינג.

— דניאל, דעם רינג אויך?

— יאָ, מלכה, דעם רינג אויך. יענעם רינג... דיר איז שווער זיך שיידן?

— ניין, דניאל, ניין, ביי אַזאַ צרה...

— יאָ, מלכה, בעת ס׳ליגט דער חלף אויפֿן האַלדז... נעם ביי דער מאַמען איר בייטשעלע פערל, נעם אַפילו ביי דער מומע ליבע די אוירינגלעך, ביי איר נעם! גיי, מלכה, גיכער, נעם אַלץ צונויף, וויקל עס איין און ברענג מיר אַהער.

— איך גיי, דניאל, איך גיי. וואָס נאָך?

ער טוט אַ גלעט איר האַנט:

— מער גאָרניט, מלכה.

פון יענער זייט שוועל שטויסט זיך מלכה אַן אויף איווען. אין דער יוגנט זיינען זיי ניט געווען קיין נשמה־חברטעס. ס׳האָט איינע פאַר דער צווייטער דאָס האַרץ ניט אויסגעגאָסן, הגם ביידע זיינען זיי געווען בת־יחידהס. אָבער זי, מלכה, איז געווען איינע ביי זכריהן — ביי גבריאלס אופזעער איבער די אָקסן־טרייבער, און זי, איווע, איז געווען די בת־יחידה ביי גבריאלן. אמת, איווע האָט עס איר קיין מאָל ניט געגעבן צו פילן. און אַפילו אויך דעמאָלט ווען זי, איווע, פלעגט שוין אַראָפּקומען אַהיים פון דער שטאָט, ווו זי האָט געלערנט, פלעגט זי זיך מיט גאָרנישט ניט גרויסן אָדער מיט עפּעס זיך וועלן אויסטיילן און זיך אַרויסשטעלן. מלכה איז אַלץ געווען די זינגערין פון די טרויעריקע ליבעלידער, איווע — די פרייליכע טענצערין. ביי מלכהן האָט זיך קיין מאָל ניט אויסגעשעפּט דער קוואַל פון די טרויערלידער. איווע איז קיין מאָל ניט מיד געוואָרן צו טאַנצן. דאָך האָט מלכה קיין מאָל ניט פאַרגעסן, אַז זי, איווע, איז גבריאלס טאָכטער. זיי זיינען ביידע געווען פאַרליבט אין דניאלן. נאָר די בת־יחידה מלכה — פאַרבאָרגענערהייט, בסוד־סודות, קיינער זאָל זיך, חלילה, ניט דערוויסן און זיך ניט אָנשטויסן, זי זאָל ניט ווערן צו שפּאָט און צו געלעכטער, און די בת־יחידה איווע האָט געשפּילט איר ליבע מיט דניאלן אָפן, פאַר דער

גאַנצער וועלט. מ׳האָט אַפילו גערעדט, היינט־מאָרגן ברעכט מען טעלער.

ביי טאָג, ווען די פור מיט אַברהמען איז ביי דער קרעטשמע שטיין געבליבן, און ווי נאָר זי, מלכה, האָט דורכן פענצטער דערזען און דערקענט איװען, האָט זי זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זי איז שוין ביים פענצטער שטיין געבליבן און פון אָרט ניט געקאָנט זיך רירן. זי האָט נאָר פון הינטער דעם פאָרהענגל געקוקט און נאָכגעשפּירט נאָך איוװעס יעדער טראָט און תנועה. זי האָט געזען, ווי איװע איז געשטאַנען לעבן דניאלן אונטער דעם באָרנבוים מיט טרערן אין די אויגן, און ביי אים, ביי דניאלן, זיינען געווען אַזעלכע אויגן, אַז אָט־אָט פאַלט ער צו אירע פיס.

מלכה האָט זייער מורא געהאַט צו טרעפן זיך מיט איװען אויג־אויף־אויג. און אַצינד, ווען זי האָט זיך שוין יאָ מיט איר אויפן שוועל אָנגעשטויסן, בלייבט זי שטיין מטושטש, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און וויל דורכלאָזן, אָפּטרעטן דעם וועג דער גרויסשטאָטישער, דער אויסגעפּוצטער פּאַבריקאַנטשע. איװע דערפילט עס, פאַררויטלט זיך און נעמט זי אַרום:

— ווי איז דיר, מלכה, קיין חרפּה ניט?

— ער איז געפערלעך קראַנק... — פירט זי אָפּ איװען אָן אַ זייט און שעפּטשעט איר אויפן אויער. — נאָר איין גאָט ווייסט דעם אמת. כ׳האָב מיינע כוחות, מיין געזונט ניט געשאַנעוועט...

אין איר הייסן אָטעם הערט איװע אַ מין מחילה־בעטן, אַ פאַרענטפערונג. גלייך ווי זי, איװע, האָט איר איבערגעלאָזט אַ זייער טייערן משכון, און זי, מלכה, ניט געקוקט אויף איר גאַנצער מי און זאָרג, האָט אים שלעכט פאַרהיט.

— איין גאָט ווייסט דעם אמת — חזרט איבער מלכה, — איין גאָט ווייסט... — נאָר לויט איװעס אונטערגעהויבענער ברעם דוכט זיך איר, מלכהן, — דער איינציקער גרויסער טאָגטעגלעכער עדות אירער ווערט אָפּגעפרעגט. איװע וויל ניט וויסן פון קיין עדות. זי מאָנט און פאָדערט ביי איר איין תשובה: פאַר וואָס געפינט זיך דער משכון אין אַזאַ קלאָגעדיקן מצב?

הייבט מלכהן אָן צו רייצן איװעס אונטערגעהויבענע קרומע ברעם, דער פּאָך מיט די לאַנגע וויִעס, די נאַקעטע געטאָקטע האַנט אויף איר

אַקסל, און דער עיקר: די זיס־שמעקנדיקע פּאַרפום־ריחות. ס׳שרייט פון איר פּלוצעם אַרויס:

— מ׳ווייסט נאָך ניט, צי איר וואָלט פאַר אים געטאָן מערער, ווי איך. איך האָב אָפּגעגעבן דאָס גאַנצע לעבן... איר מעגט מיר גלייבן, אַז ס׳איז זייער שווער צו פירן אַזאַ לעבן.

— מלכה, פאַר וואָס אירצסטו מיך? און צוליב וואָס זאָגסטו עס מיר?

— צוליב וואָס? — איוועס ווייס לייב פון דעם טיפן אויסשניט אַרויס טוט איר אַ ברי אין די אויגן. — איר האַלט זיך פאַר אַן אומגליקלעכער... איר לעבט אָבער אין ראַסקאָש, דער קאָפּ טריקנט אייך ניט... אייער קינד לעבט אין פרייד... און איך? — אין די ווינקלען פון אירע פאַרשמאַלטע אויגן לויפן אָן טרערן. זיי קומען פון טיפן האַרצן, ניט קיין געבעטענע:

— און איך?... דניאל טראַכט נאָך איצט אויך מער וועגן אייך. ער וויל אייך באַזאָרגן מיט אַן אמתן פריינד. מיר איז באַשערט צו לעבן אַזוי... אָן ליבע, אין נויט, מיין קינד דאַרף...

מלכה באַפרייט זיך פון איוועס הענט און וויל אַוועקגיין. איווע פאַר־שטעלט איר דעם וועג:

— ניין, אויב אַזוי, טאָ הער. דו, מלכה, ביסט אַ גליקלעכער מענטש און אַ גליקלעכע פרוי...

— איך אַ גליקלעכע פרוי?

— יאָ, אַ גליקלעכע. דו לעבסט, זאָגסטו, אָן ליבע? ס׳איז אַ ליגן. דו האָסט דאָך ליב דניאלן, דו וואָלסט זיך געקאָנט שיידן מיט דניאלן? זעסט, נאָר פון מיינע רייד אַליין האָסטו זיך געביטן אין פּנים. ס׳איז דיר געוואָרן שרעקלעך נאָר פון מיינע רייד אַליין... דו וואָלסט מיר אָפּגעגעבן דניאלן? איך מיין, אַז ניין. דו שטעלסט זיך פאַר דיין לעבן אָן דניאלן? און וועמען זשע גיסטו אָפּ דיין לעבן? דאָס איז דאָך, מלכה, דיין לעבן. און ס׳איז ביי דיר אַ גרויס און שיין לעבן... און איך, מלכה? וועמען גיב איך אָפּ מיין לעבן? מ׳קאָן דען פאַרגלייכן דניאלס ניט־ליבע צו אַלעקסאַנדערס יאָ־ליבע?

איווע טוט מיט אַ מאָל אַ ציטער מיטן גאַנצן קערפּער.

— מיר זיינען פרויען. דו פאַרשטייסט מיך, מלכה. מיך האָט מען

פריִער דערנידעריקט, אויסגעבאָדן אין בלאָטע... און דערנאָך מיך איינגעוויקלט אין זייד.

איווע פּילט, מער דאַרף זי ניט ריידן — זאָל זיך מלכה קלאָגן. מלכה געהער דאָך צו די, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט זייער שווער לעבן מיט עפּעס אַ באַזונדער מין הנאה. דאָס איז דאָך דאָס איינציקע, וואָס זיי פאַרמאָגן: זיי קאָנען ליידן... זיי האָבן הנאה פון דעם, וואָס זיי קאָנען זיך קלאָגן פאַר דער וועלט. זיי האָבן ליב צו קראַצן די ווונד אויף דער זון. נאָר איווע קאָן זיך ניט אָפּשטעלן:

— אויב דו געדענקסט אַזוי גוט, אויב ביי דיר, מלכה, איז אַלץ אַזוי פאַררעכנט, האָסטו אים דיין לעבן ניט אָפּגעגעבן... דאָס וואָרט „געבן" פּאַסט גאָר אַפילו ניט אַהער. דאָס גיט מען ניט. דאָס איז ווי אָטעם, ווי לופט... אָן דעם בלייבט קיין לעבן ניט. און אויב נאָר מע גיט, גייט מען אַרום אַ גאַנץ לעבן מיט אַ שטריק אויפן האַלדז... דו שטעלסט מיר אַרויס דיין האַלדז מיט דעם שטריק? דו באַרימסט זיך מיט דיין גוטסקייט? דו האָסט זיך מפקיר געווען, דו האָסט זיך ניט געשאַנעוועט?

אין מלכהן קאָכן אויף אַלע בלוטן:

— וואָס זשע, ס'איז אַ ליגן? ווער זשע דען האָט אים אָפּגעגעבן דאָס לעבן? ווער, פרעג איך דיך? ווער וואָלט געוואָלט האָבן אַ מאַן און זיצן טאָג ווי נאַכט מיט דער נאָדל?... מיט אַ קראַנקן, אַ צעבראָכענעם, מיט אַ קינד... די לעצטע דריי יאָר טוט ער שוין גאָרניט. ער מאָלט ביימעלעך און גרעזעלעך.

איווע כאַפּט זי אָן פאַר ביידע הענט:

— דו האָסט עס אים אויסגעוואָרפן? דו האָסט געהאַט האַרץ?

— איך האָב אים אויסגעוואָרפן? זאָל מיך גאָט שטראָפן, אויב איך האָב אים אַ מאָל געזאָגט אַ קרום וואָרט. אָבער ווי קאָנסטו מיר זאָגן, — רייסט זי אַרויס אירע הענט פון איוועס הענט, — אַז איך האָב ניט אָפּגעגעבן דניאלן מיין גאַנץ לעבן? ווער דען, פרעג איך דיך, האָט אים אָפּגעגעבן דאָס לעבן? אפשר דו?

— אפשר... — זאָגט איווע שטיל און פאַרבייסט אַ ליפּ. — אפשר...

פאַר מלכהן איז איווּעס „אפשר״ אַזוי ווילד, אַזוי פרעך, אַז זי געפינט אַפילו ניט קיין ווערטער אויף צו ענטפערן. פון איווּעס אַלע רייד דער־פילט זי מיט אַ מאָל אַזאַ ווייטיק, ווי יענע וואָלט איר אַריינגעשטאָכן די לאַנגע גלאַנציק־רויטע נעגל אין האַרצן אַריין.

## טו

איווע שפּאַנט אַריבער די שוועל. זי הערט, ווי מלכה גייט אַוועק גיך־גיך און די הילצערנע שטעקשיך אויף אירע פּיס קלאַפּן אין דיל. אין דעם טונקעלן אַלקערל שמעקט מיטן פריש־געוואַשן וועש, מיט פוילנדיקע עפּל און מיט אייליפּאַרבן. ביים פענצטער, ווי ס׳וואָלט אָנגעוויעט אַ בערגל שניי, ווייסט זיך אַ גרויסער צעשויבערטער קאָפּ — דניאל ליגט אויפן באַנקבעטל. אַצינד וועט זי, איווע, אים ענטפערן אויף זיין איינציקן בריוו, וואָס ער האָט איר צוגעשיקט אין אַ האַלב יאָר אַרום נאָך דער חתונה. זי לאָזט זיך אַראָפּ לעבן אים אויף דער ערד. ס׳איז איר אַלץ איינס — זאָל מען אַריינגיין, זאָל מען לויפן אויף איר בייזווונדער, זאָל קומען מלכה און זי אַרויסשלעפּן פאַר די האָר. זי, איווע, מוז אים באַלד אַלץ זאָגן, דניאלן, זי מוז אים אַלץ דערציילן. אָבער די צונג איז איר צוגעקלעפּט געוואָרן צום גומען.

זי זיצט לעבן אים אַ פאַרשטיינערטע. ערשט ווען דניאל לייגט אַרויף זיין האַנט אויף איר קאָפּ און נעמט, ווי אַ מאָל, איבערקלייבן מיט די פינגער אירע האָר, ציטערן אויף אירע וויעס, און ווי מיט די אויגן הערט זי זיך שוין צו צו יעדער ריר פון זיינע פינגער, — אָט וועט ער איר באַלד, ווי אַ מאָל זאָגן: „איווע, דו וועסט זיין דאָס פריידיקע ליד פון מיין לעבן״... נאָר ער שווייגט, דניאל.

מיט אַ מאָל ווייזט זיך איר אויס, אַז ניט ער גלעט זי, דניאל, נאָר, ווי אַ בלינדער, פירט ער מיט די זיך טרייסלענדיקע פינגער איבער איר קאָפּ האָר, איבערן שטערן, איבער אירע אויגן־לעפלעך. ער זוכט, ווי אַ בלינדער, סימנים, פאַר אים אַליין באַוווּסטע, כדי זי צו דערקענען, אַז דאָס איז טאַקע זי, איווע... און זיין האַנט בלייבט ליגן אומבאַוועגלעך.

ס׳כאַפּט זי אַרום אַ גרויל. איר דוכט, אַז זײַנע פֿינגער אויף איר נאַקן הייבן אָן קיל ווערן אײנער נאָכן צווייטן. זי הייבט אונטער דעם קאָפּ.

— ס׳איז דיר שווער מײַן האַנט? — פֿרעגט ער זי.

— ניין, דניאל, דײַן שווײַגן...

ער ענטפֿערט ניט אַפֿילו מיט קיין ריר פֿון אַ פֿינגער. ער קוקט אַלץ אַהין אין ליכטיקן צימער אַרײַן. דאָרטן, דורך דער אָפֿענער טיר, זעט ער: אויף אַ טאַבורעטקע, בײַ אַברהמען צוקאָפּנס, זיצט דער פֿאָטער, דער רוקן איז בײַ אים ווידער אײַנגעבויגן, דער קאָפּ ווידער צום אַקסל פֿאַרנייגט, דאָס פֿאַרוואַקסענע האָריקע אויער אָנגעשטעלט. דער טאַטע טוט זיך אַלע מאָל אַ בייג אויף אַ זײַט, ווי ער וואָלט געזעסן ניט אויפֿן בענקל, ניט אין שטוב, נאָר אין מיטן טײַך אויף אַ שיפֿל און אָן וועסלעס. און דאָס שיפֿל זעצט זיך וואָס ווײַטער אַלץ טיפֿער אין וואַסער, און אַלע מאָל טוט זיך עס אַ געפֿערלעכן קער פֿון אַן אָנגעיאָגטער שווערער כוואַליע.

אַנטקעגן פֿאָטער, אויף דער צאַרגע פֿון בעט, בײַ אַברהמען צופֿוסנס, זיצט די מוטער. די האַנט הענגט איר אַראָפּ, די אויגן פֿאַרמאַכט, די ליפּן פֿאַרפּרעסט — ס׳זאָל זיך חלילה ניט אַרויסרײַסן קיין געשריי. מײַן מאַמע, טראַכט דניאל, „דער שטילער זומער”...

— דניאל, — דריקט אים איווע די האַנט, — דניאל, שווײַג ניט!... איך האָב אַוודאי געוואָלט זײַן דאָס פֿריידיקע ליד פֿון דײַן לעבן... שווײַג ניט, דניאל, דײַן שווײַגן איז זייער שרעקלעך. דו האָסט דאָך געשיקט נאָך מיר.

ער זעצט זיך מיט אַ מאָל אויף און לאָזט אַראָפּ די פֿיס פֿונעם באַנק־בעטל:

— יאָ, איווע, כ׳וועל דיר באַלד זאָגן... זי איז געראָכט, מלכה.

זי טוליעט צו דעם קאָפּ צו זײַנע קני:

— דו האָסט געהערט?

— יאָ, זי איז געראָכט, מלכה... זי איז געזעסן מיט דער נאָדל, און איך האָב געמאָלט ביימעלעך, גרעזעלעך... כ׳בין דען אַ מאָלער? אַ וויסטער שמירער.

ער דרייט מיטן קאָפּ — ס׳פֿעלט אים לופֿט:

— ס׳גייט דאָ ניט אין לייטישקייט, אין מענטשלעכקייט, אין דאַנק־באַרקייט... שלאָג מיך ניט איבער.

— דניאל, — ציט זי צו אים די הענט, — מ׳דאַרף ניט. איך פאַר־שטיי דיך...

— ניין, איווע, דו פאַרשטייסט מיך ניט. איך קלאָג זיך ניט, איך באַוויין ניט מיין גורל. זאָל זיין, אַז מיין לעבן איז פאַרשאָלטן געוואָרן, אָבער דאָס איז ניט קיין פאַרענטפערונג... ווו איז דאָס בילד מיינס, ווו דער טאַטע זיצט אויפן שיפל אין מיטן צעברויזטן טייך, אַן ווערסלעס... אויב איך האָב ניט געקאָנט שאַפן אַזאַ בילד, האָב איך באַדאַרפט נעמען די האַק, אַוועקגיין אין די וועלדער האַקן ביימער, טרייבן פליטן און געבן אַ ווייב און קינד ברויט...

— וועסט עס נאָך שאַפן, דניאל.

— איווע, מאַך מיך ניט בלינד. איך זע, און דו זעסט — מער וועל איך שוין גאָרנישט ניט שאַפן. און דאָס, וואָס איך האָב געמאָלט, האָט קיין ווערט ניט. די נשמה איז ביי מיר פאַרברענט געוואָרן ווי שטרוי. פון מיין נשמה גייט שוין ניט קיין פייער, נאָר אַ טשאַד... מיין איינציקע האָפענונג בלייבט — מיין זון. אפשר וועט ער זיין מזלדיקער פון מיר, אפשר וועט ער עפּעס אויפטאָן.

— דניאל, — זאָגט זי דערשראָקן, — עמעצער קוקט אויף אונדז.

— ווער? ווו?

— אַן־אַ צוויי גלי‏ענדיקע קוילן, ניט קיין אויגן...

— מלכה, — פּרוּווט זיך דניאל אויפשטעלן אויף די פיס, — דאָס ביסטו?

— איך, דניאל.

— וואָס זשע שטייסטו דאָרטן?

— כ׳האָב געבראַכט דעם רינג... דער מאַמעס בייטשל פּערל, דער מומע ליבעס אוירינגלעך.

— נעם און גיב עס אָפּ איווען.

איווע הייבט זיך אויף פון דער ערד:

— אויף וואָס דאַרף איך עס? איך פאַרשטיי ניט, דניאל!

— וועסט עס אָפּגעבן אים, דעם זשאַנדאַרם, זאָל ער אַוועקפאָרן...

— דניאל, ביי דער מומע ליבע נעמסטו אַראָפּ די אוירינגלעך, און ביי מיר...

— ניין, איווע, ניין... דיין מאַנס גאָלד דאַרף דאָ קיינער ניט.

עס קומט אַריין עקיבא, און זי, איווע, טוליעט זיך מיט אַ מאָל צו זיין אַקסל:

— היינט אויף דער נאַכט האָט מיך אָבער אויך געטראָפן אַ גרויס גליק... עקיבא, דו האָסט דאָך עס אַלץ געוווּסט.

— וואָס געוווּסט?

עקיבאס ענטפער, און נאָך מער דער בליק זיינער פון אונטער די צונויפגעצויגענע ברעמען — אַ בליק פון איינעם, וואָס וואַקלט זיך און קאָן נאָך אַלץ צו קיין באַשלוס ניט קומען, — אָט־אָ דער בליק פון נאָך אַלץ וועגן און מעסטן, רופט אין איר אַרויס אַ בייזן פאַרדראָס און אַ צאָרן. זי צווייפלט ניט: עקיבא ווייסט גוט, וואָס היינט אויף דער נאַכט איז דאָרטן ביי איר טאַטנס טיש, פאָרגעקומען. און נאָך מער, זי איז אַפילו זיכער, אַז פאַר אים, פאַר עקיבאן, איז שוין פון לאַנג אָן אַנטפּלעקט געווען דער סוד: אַנדערש איז ניט צו דערקלערן זיין האַלטן זיך און זיין אויפפירן זיך דאָרטן. צום אָנהייב איז ער מבולבל געוואָרן. באַלד אָבער זיך אין די הענט גענומען, נאָר אויף די אויסגעקרימט געוואָרענע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ סאַרקאַסטישער שמייכל... וואָלט ער, עקיבא, טאַקע גאָרנישט ניט פאַר־שטאַנען, וואָלט ער געמוזט ניט ווילנדיק אַ פרעג טאָן: וואָס קומט דאָ אַזעלכעס פאָר? און אַפילו אויך איצט, ווען זי איווע, האָט אים שוין אַזוי קלאָר געזאָגט, מאַכט ער ווידער דעם אָנשטעל, אַז ער פאַרשטייט ניט, וועגן וואָס און פון וואָס זי רעדט צו אים.

זי גייט אָפּ פון עקיבאן. דניאל ליגט צוריק אויסגעצויגן אויפן באַנק־בעטל, דאָס פּנים צו דעם אָנגעפּרוירן־לבנהדיקן פענצטער אויסגעדרייט. מלכה וויל איר איבערגעבן דאָס ביסל צירונג. איווען שניידן אין די אויגן דער מומע ליבעס קליינינקע אוירינגלעך. האָט איר דניאל טאַקע געזאָגט: „איווע, דיין מאַנס געלט דאַרף דאָ קיינער ניט?...‟ אַ טרויער הייבט איר אָן אונטערגיין אונטערן האַרצן — אויך אויף איר קוקט מען דאָ, ווי אויף

אַלעקסאַנדער לאַנדעס אַ זאַך... זי איז פאַר זיי ניט יענע איווע, נאָר עפּעס אַ טייל פון איר מאַנס גיטער. און זי דערפילט מיט ווייַ און צער די מחיצה, וואָס שטייט צווישן איר און זיי. אויף אַזוינס האָט זי זיך ניט געריכט. אמת, ווי נאָר די פור איז אין פעלד אַרויס, האָט זי אַרומגע־כאַפּט אַ שווער געפיל, וואָס האָט זי דעם גאַנצן וועג ניט אָפּגעלאָזט: קיין פרייד וועט זי דאָרט ניט האָבן, זי פאָרט אויף קבר־אָבות פון איר ליבע. זי פאָרט אויף תמיד זיך געזעגענען מיט אירע שיינע קינדער־און יוגנט־יאָרן. זי וואָלט אָבער ניט געגלייבט, אַז יענע שיר־השירים־יאָרן זיינען מיט דערנער און מיט בר׳יענדיקע וואַלדגראָזן אַזוי פאַרוואַקסן געוואָרן.

זי האָט געפונען כוח, ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, וואָס דאָרטן, ביי איר טאַטנס טיש, איז פאָרגעקומען, אויף גיין זיך איבערטאָן. זי האָט געוואָלט קומען צו דניאלן אַ יומטובדיקע, געבן אים צו וויסן, אַז זי קוקט ניט אויף אים ווי אויף אַ געפערלעך־קראַנקן, אַז זי גלייבט מיטן גאַנצן האַרצן אין זיין געזונט ווערן. האָט זי אין דעם אויך אַ ביטערן טעות געהאַט! איר גוטע כוונה איז אויפגענומען געוואָרן צום שלעכטן. ניט נאָר מלכה — אויך ער, דניאל, האָט געקוקט אויף דעם קלייד מיט עפּעס אַ מין שׂנאה.

און דאָך, כאָטש דאָס האַרץ נאָגט און פּלאָגט איר, כאָטש זי איז אָפּגעשטויסן פון די געגאַרטע און געזוכטע און איז געבליבן שטיין, ווי אין אַ גרויסער פינצטערניש, יענץ פייערל, ביי וועלכן זי האָט געלעבט, איז פאַר איר מיט אַ מאָל אויסגעלאָשן געוואָרן... — דאָך פילט זי אין דער נשמה עפּעס אַ מין פרייד. די דורכגעמאַכטע זעכציק ווערסט מיט דער אַקס איבער דעם טיפהאַרבסטיקן וואַלד־וועג האָבן אויפגעטרייסלט און צעטרייסלט איר דרעמל־און חלום־צושטאַנד, אין וועלכן זי האָט זיך די לעצטע יאָרן געפונען.

— נו, — זאָגט זי צו עקיבאן, — זאָל זיין אַזוי... נאָר דער סוד איז שוין קיין סוד ניט... זאָל זיין אַזוי... איך בין דאָ געוואָרן אַ פרעמדע. כ׳בין, אַ פּנים, אומעטום מחוץ למחנה... זאָל זיין אַזוי. — און זי שטרעקט אויס די האַנט צו מלכהן. — גיב מיר דאָס קניפּל צירונג.

און דאָ טוט דניאל מיט זייער אַ צעבראָכן קול אַ פרעג:

— וואָס ווייסט איר פון כּיירוסן?

ס'איז קלאָר. די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן פאַר די, וואָס זיינען געקומען צו פאָרן פון דער שטאָט. איווע הייבט אויף אויף עקיבאן אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן.

— איווע, — פּרוּווט זיך דניאל אויפזועצן, — שאַנעווע מיך ניט. דערצייל מיר אַלצדינג. כּיירוס איז שוין ווידער אין זייערע הענט? וואָס שווייגסטו? עקיבא־פריינד, דערצייל מיר, דו ווייסט דאָך.

— כ'וואָלט דען עפּעס פון דיר באַהאַלטן? די לעצטע פּאָר חדשים בין איך איבער די שטעטלעך מיט רעגאַלעסקעס טרופּע אַרומגעפאָרן.

דניאל זעצט זיך מיט אַ מאָל אויף:

— ביסט אַרומגעפאָרן איבער די שטעטלעך?

עקיבא פילט — ער איז דאָ אַריינגעפאַלן. און מורא האָבנדיק, אַז דניאל זאָל זיך, חלילה, ניט נעמען צו עפּעס דערגראָבן, נעמט ער אויף גיך זאָרגלאָז דערציילן אויף זיין שטייגער און נוסח:

— יאָ, איך בין אַרומגעפאָרן מיט רעגאַלעסקעס טרופּע. אין איינעם אַ שבת־צו־נאַכטס, אין דער פּאָזשאַרנע, צווישן די פעסלעך וואַסער, גייט אַ טעאַטער־שטיק „צוויי ווייבער חלשן נאָך איין מאַן". די פּאָזשאַרנע איז געפּאַקט. און דאָ, בעת בראָניע גרין איז אויף פיר צונויפגערוקטע טישן געגאַנגען דעם ציגיינערישן טאַנץ און דאָס פאַרביקע קליידל האָט זיך פון איר אָפּגעשיידט אויף אַ האַלבן מייל, אין דעם מאָמענט האָט זיך אַריינ־געריסן דער שטעטלדיקער מורה־הוראה און דערזען, ווי די „חצופה" וואַרפט אין דער לופטן די נאַקעטע פיס, זעצט אין די טאַצן און טרייסלט ווילד מיט די הוילע אַקסל, האָט ער גענומען שרייען ניט מיט זיין קול: „גע־ע־וואַלד יידן, מיר ברענען!..." דער דעזשורנע פּאָזשאַרניק, וואָס איז געשטאַנען אין זיין פולער אַמוניציע הינטער די „קוליסן" און געשלונגען דעם גאַוועד פון בראָניעס טאַנץ, ווי נאָר ער האָט דערהערט „מיר ברענען", האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער „קאָלאָנטשאַ" און גענומען זעצן אין אַלע גלעקער... דו שטעלסט זיך עס פאָר?

דניאל שפּאַרט זיך אָן אויף בײדע הענט אָן דעם ראַנד פון דער קאַנאַפּע:

— כ'שטעל מיך עס זייער גוט פאָר. טרויעריק, עקיבא־פרײַנד, טרוי־עריק און שפּלדיק איז אונדזער לעבן, עקיבא־חבר, טרויעריק איז אונדזער לעבן אַרום און אַרום, — ער גייט צו צו עקיבאן און קוקט אים אין פּנים אַרײַן מיט אַ הייסן מאַנענדיקן בליק. — און אויף מאָרגן איז דאָרט געווען אַ פּאָגראָם?

— גאָט זאָל אָפּהיטן, — שרייט כמעט אויס עקיבא — וואָס פעלט דיר אײַן?

פון עקיבאס דערשראָקענעם קול ווערט דניאל נאָך מער אײַנגעבויגן. ער טוט זיך אַ וויג און, ווי אָן אָנשפּאַר אויף ניט אומצופאַלן, פאַררוקט ער די פינגער אין די האָר. נאָך אַ רגע שווײַגן פרעגט ער:

— און דו, איזוע, ווייסט טאָקע גאָרניט פון כײַרוסן?

— דניאל, דאָס בין איך...

— דו, מלכה... און ווו איז איזוע?

— זי האָט אָוועקגעטראָגן די מתנה... דניאל, — הייבט זי זיך אָן ביי אים שטיל צו בעטן, — לייג זיך צו, דניאל.

— ניין, כ'וויל ניט ליגן. וואָס האַלט איר מיך אין איין באַלייגן? קיין איין אבער טוט מיר ניט וויי. מ'האָט מיר געבראַכט צו פירן אַ דאָקטער... מלכה, ווער איז דאָרט נאָך געקומען?

— מײַן טאַטע איז געקומען.

— ניין, אחוץ אים, איז נאָך עמעצער געקומען. ווער ווײנט עס?

— אַ, יאָ... די אַלטע האַרפּינע מיט מאַריען זײַנען געקומען. זיי האָבן געבראַכט דאָס קראַנקע קינד צום דאָקטער.

— איז וואָס זשע שטייסטו דאָ? גיי, מלכה־קרוין, גיי אַהין. אפשר דאַרפן זיי דײַן הילף?

און מלכה שטיל, אָן אַ וואָרט, שלײַכט זיך, ווי אַ שאָטן, אַרויס. דניאל גייט צו און שפּאַרט זיך אָן אָן דעם ווענטל פון דעם בעט, ווו ס'שלאָפט אינעם אָנטאָן דאָס קינד. ער שטייט לאַנג און חזרט איבער איינע און די זעלבע ווערטער:

— זון מײַנער, מײַן לעצטע האָפֿענונג, וואָס דערוואַרט דיך אין לעבן?

דערנאָך זעצט ער זיך צו אויפֿן בעט, בײַגט זיך אָן און קושט מיט ציטער דעם זונס טונקל־ברוינע קרויזן, דעם שטערן, די אויגן, דאָס נעזל, די ליפּעלעך. דאָס קינד טוט זיך אַ דריי, טוט פֿון שלאָף עפּעס אַ מורמל און פֿאַרוואַרפֿט די הענטלעך אַרום פֿאָטערס האַלדז. דניאל בלײַבט שטיל אין דעם זונס אָרעמס. ער וויל אים ניט אויפֿוועקן. און ווען ער איבערצײַגט זיך, אַז דאָס קינד שלאָפֿט, באַפֿרײַט ער זיך פֿון זײַנע הענט. ער חזרט ווידער:

— זון מײַנער, מײַן אײנציקע האָפֿענונג!

ער קושט דאָס נאַקעטע קני־עלע, בײדע הענטעלעך און יעדעס פֿינגערל באַזונדער.

— עקיבא־פֿרײַנד, גיב מיר אַ האַנט... פֿיר מיך צו דער קאַנאַפּע... נײן, נײן, כ׳וויל ניט ליגן. איך וויל זיצן. זאָלסט שמואליקן אַ מאָל זאָגן...

— וואָס, דניאל?

— אַז מײַן גאַנצן גלויבן, מײַן גאַנצע האָפֿענונג, האָב איך איבער־געלאָזט בײַ אים. לאָמיר שווײַגן... איך ווײס סײַ ווי אַלצדינג. וואָס קאָנסטו מיר זאָגן? איך אויף דײַן אָרט וואָלט אויך גאָרנישט ניט געזאָגט. דאָס מענטשלעכע לשון איז צו דלותדיק. וואָס פֿאַר אַ וואָרט קאָן דען פֿאַרלעשן דעם גיהנום, וואָס ברענט אין האַרצן? נאָר איך קאָן שוין ניט שרײַען... המן הסלע הזה נוציא מים? — צי קאָן מען פֿון דעם דאָזיקן פֿעלדז אַרויסצי־ען וואַסער?... לאָמיר שווײַגן. ווי איז צו אונדזער רײדן און ווי איז צו אונדזער שווײַגן!

ער אָטעמט שווער, אָפּגעהאַקט, מיט אַ כריפּ, שלינגט אַלע מאָל אַראָפּ אַ קנויל, וואָס שטעלט זיך אים אין האַלדז. ער נעמט אָן עקיבאס האַנט:

— לאָמיר שווײַגן!

דניאלס האַנט איז דאַרער, טריקענער און קנאָכיקער געוואָרן, עקיבאן דוכט, ס׳איז ניט קײן האַנט, נאָר אַ בינטל געפֿרוירענע בײנדלעך.

— עקיבא־פֿרײַנד, ס׳שיט אַ שניי?

— יאָ, דניאל, ס׳שטעלט זיך דער ווינטער.

— עקיבא, אַ געדיכטער, אַ שטילער שניי?

עקיבא רייבט דניאלס האַנט. ער וויל אים דערוואַרעמען די קאַלטע פינגער. אַ פּנים, אַז דער כוח־השמיעה איז ביי דניאלן אויך שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן: צי דען טאַקע הערט ער ניט, ווי דער ווינט רוישט אין דרויסן?

— איך האָב ליב דעם ערשטן שניי. כ׳האָב אָבער זייער ווינציק געמאָלט דעם ווינטער... כ׳האָב ליב די וועסנע. וויפל שיינקייט און קראַפט! עקיבא, און יענע דריי זוניקע טעג, יענע דריי געציילטע וועסנע־טעג, וועט מען מיר שוין טאַקע קיין מאָל ניט געבן? נו, גוט, גוט, לאָמיר שווייגן... איך בין שוין צעשפּאָלטן, צעקרישלט, אָן אַ תקומה... דאָס לעצטע ביסל לעבן דערצאַפּלט אין מיר. איך פּיל עס, און דו זעסט עס אויך... איך בין רויק. כ׳וואָלט נאָר באַדאַרפט עפּעס... כ׳וואָלט נאָר באַדאַרפט עפּעס פרעגן ביי אַברהמען... דער טויט שרעקט מיך ניט. אויף מיין וואָרט, ער שרעקט מיך ניט... איך וויל אָבער ניט שטאַרבן קיין בעל חוב. אויב כ׳וועל ניט צאָלן דעם חוב, איז מיין גאַנץ לעבן געווען נאַריש... אַ בטלניש לעבן. איך וויל ניט שטאַרבן קיין בעל חוב. שרעקלעך איז ניט דער טויט, שרעקלעך איז אַוועקגיין פון דער וועלט מיט ליידיקע הענט.

עקיבא שלאָגט אים מער ניט איבער. ער זעט: דניאלן איז ניט אָפּצושטעלן און ניט צו פאַררייזן. ער רעדט, דניאל, ניט אַזוי צו אים, ווי צו זיך אַליין.

— כ׳דאַרף דריי זוניקע וועסנע־טעג... איך וועל נעמען אַ גרויסן שטיק לייוונט, איך וועל אַרויס אין פעלד און מאָלן אַ צעכוואַליעטן ברייטן טייך. די כוואַליעס וועלן זיין טונקל, טונקל־בלויע, כמעט שוואַרצע... יאָ, די כוואַליעס דאַרפן זיין כמעט שוואַרצע, נאָר מיט ווייסע באַזילבערטע רוקנס... קיין ברעג זעט מען ניט, נאָר אַ קרוין פון אַ ווערבע, אַ גרינע קרוין קריכט פון וואַסער אַרויס. דער הימל איז אַ ריינער, זייער אַ בלויער, איין ווייסער צעקעמטער וואָלקן שווימט אַרום... אַלץ איז פאַרגאָסן מיט זון. די לופט איז אַ דורכזיכטיקע. פון דער ערד שלאָגט אַ ווייסע פּאַרע. און אויף די צעכוואַליעטע שוואַרצע וואַסערן טראָגט זיך אַ שיפל. דער טאַטע זיצט אין דעם. אָן וועסלעס. דער רוקן איינגעבויגן, דעם קאָפּ צום אַקסל פאַרנייגט... אָט־אָט קערט זיך איבער דאָס שיפל. ס׳האַלט זיך אויף ניסים.

ער בלייבט מיט אַ מאָל זיצן שטיל, ווי אויסגעליידיקט, אויסגעשעפּט, אַ מידער און אַ פאַרמאַטערטער, דער אָטעם — נאָך כריפּענדיקער, אָפּגעהאַקטער.

— עקיבא־פריינד, דעם חוב האָב איך שוין געצאָלט... ווער לאַכט עס דאָרט אַזוי?

— איווע לאַכט... זי האָט שוין, דוכט מיר, מיט זיי אָפּגעפּאַרטיקט זיך. דער זשאַנדאַרם איז שוין אַ געקויפטער. ער קלייבט זיך שוין אַוועקפאָרן.

— און אַברהמען וועט מען דאַרפן ברענגען צו זיי?

— נו, דאָס וועט מען שוין שפּעטער זען. דערווייל איז אַלץ גוט.

דניאלן שטעלט זיך אין די אויגן אַ געדיכטער נעפּל:

— דער אייביקער „דערווייל"... אייביק דרייט זיך איבערן קאָפּ די שווערד...

— דניאל, טראַכט ניט וועגן דעם. דער דאָקטער מיט איווען נעמען עס אויף זיך.

— עקיבא, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען מיט גבריאלן? וועגן וועלכן סוד רעדט איווע?

— איך וועל דיר שפּעטער דערציילן...

— איר באַהאַלט פון מיר אַלץ אויס... איווע ווייסט דאָך מן הסתם גוט, וואָס מיט כיירוסן האָט געטראָפן? נו, גוט, מיין פריינד, זאָל זיין שפּעטער! — ער שלינגט אַראָפּ אַ קנויל, וואָס האָט זיך אים געשטעלט אין האַלדז. — איך האָב זי יאָ דערקענט און ניט דערקענט... ס'איז איווע און ניט איווע... ניין, ס'איז אַן אַנדער איווע. מיר שטייט פאַר די אויגן יענע איווע, וואָס פלעגט קומען אין די פאַרטאָגן צום טייך. קומען און זיך אַוועקזעצן שטיל, אַפילו אָן אַ גוט־מאָרגן... אָדער איך זע זי שטיין ביי דער קרענעצע, צווישן די דריי אָלכעס און שווענקען וועש... זי וויל מיך אָפּגיסן מיט וואַסער. די צעפּ פאַלן ביי איר אין מולטער אַריין. זי איז פאַרפאַליעט, די אויגן צוגעזשמורעט, פון אונטער די וויִעס שלאָגט אַ פאַרשייט פייערל, און זי לאַכט... איך זע נאָר יענע איווע. יענע איווע פלעגט מיר אָנפילן די נשמה מיט חיות, מיט גרויסע האָפענונגען.

ער הייבט זיך פּלוצעם אויף און מיט אַ וואַקלדיקן טראָט גייט ער צו צום טישל. ער עפנט דאָס טישקעסטל, טאַפּט דאָרטן אָן מיט די ציטערנדיקע פינגער אַ צונויפגעבונדן האַרט פּעקעלע, בלייבט אַ רגע שטיין פאַרטראַכט, דערנאָך נעמט ער עס אויף גיך אַרויס און דערלאַנגט עס עקיבאן:

— עקיבא, נאַ באַהאַלט, וועסט עס שפּעטער... אָפּגעבן איווען. דאָ זיינען קללות און תפילות. זיי פאַרן שוין אַוועק?

— דוכט זיך, אַז יאָ. — עקיבא פאַררוקט דאָס פּעקעל אין זייטקעשענע און נעמט אָן דעם חבר פאַר ביידע הענט. — פאָלג מיך, דניאל, לייג זיך צו.

— ניין, פריינד מיינער, כ'וועל זיך נאָך אָנליגן... אַז זיי וועלן אַוועקפאָרן, וועלן מיר אַלע גיין שפּאַצירן. איך, דו, מלכה און איווע. מ'קאָן אַפילו איינשפּאַנען דעם שליטן. איך האָב ליב דעם ערשטן שניי. איך האָב ליב די ערשטע ווינטערדיקע ווייסקייט... נאָר פריער דאַרף איך עפּעס פרעגן ביי אַברהמען.

ער גייט אַרויס אין צווייטן צימער. די ליכט ברענען פאַר אים זייער ווייט און אין אַ געדיכטן נעפּל. דער נעפּל ווערט אַלץ געדיכטער. ער פּרוּווט פינטלען מיט די וויִעס — דער נעפּל צעגייט זיך אָבער ניט. אין די אויערן שטייט אים אַ שטילקייט. קיין שום קול דערגייט צו אים ניט. לעבן דעם בעט, דוכט זיך, שטייט די מוטער.

— מאַמע, — זאָגט ער, — אפשר האָסטו אַ גלעזל וואַרעמס?

— ס'איז ניט אייער מאַמע. דאָס בין איך דאָך.

— אַ, דו? דאָס ביסטו, דאָבציע?

— יאָ, איך. איר דערקענט מיך ניט?

— איך דערקען... איך דערקען... דאָבציע. — און דניאל וואָלט זייער וועלן זען אַברהמס אויגן, דער ברודער איז דאָך געווען פאַרליבט אין דעם מיידל, נאָך איידער מ'האָט אים אויף דער מלחמה גענומען. — אַברהם, — זאָגט ער מיט אַ שמייכל, — אין אַזאַ מיידל מוז מען זיין פאַרליבט, מ'דאַרף דאָך זיין שטאַרקער פון אייזן... שוואַרצע אויגן און אַזעלכע בלאָנדע האָר. דאָס איז דאָך אַ זעלטנהייט. אַ מתנה פון גאָט. נאָר ווען איך בין אויף

דאָבציעס אָרט, שטאַרב איך, אַברהם, אויך נאָך דיינע טריט... אַיאָ, דאָבציע?

פון דניאלס רייד ווערט דאָבציע רויט. זי פאַרשטייט זיינע רמזים און זיין כוונה — ער וויל פּשוט איר און אַברהמען מיטהעלפן אַרויסצוברענגען יענץ גרויסע וואָרט, וואָס זיי ביידן איז עס שווער אַרויסצוזאָגן. זי איז אים פון גאַנצן האַרצן דערפאַר דאַנקבאַר און זי וועט עס קיין מאָל ניט פאַרגעסן. נאָר צי דען איז איצט אויף דעם די צייט? צי דען זעט ער ניט, דניאל, וואָס אין שטוב טוט זיך? זעט ער דען ניט, אַז אַפילו די „קנעפּלעך" שטייען אָנגעטאָנענע, רירן זיך ניט פון אָרט און וואַרטן? צי פילט ער ניט די אָנגעשטרענגטקייט פון דער שעה? צי דען טאַקע ווייסט ער ניט, וואָס אין קיך אויפן גרויסן טיש, וועלכער איז פאַרשפּרייט געוואָרן מיט אַ ווייסן ליילעך, קומט פאָר? צי ווייסט ער טאַקע ניט, אַז דער דאָקטער מאַכט דאָרט אַן אָפּעראַציע מאַריעס קינד? צי דען טאַקע זעט ער ניט, ווי יצחק לייכט צו דעם דאָקטער מיט צוויי אויפגעהויבענע ליכט אין ביידע הענט? צי דען זעט ער ניט, דניאל, ווי די אַלטע האָרפּינע שטייט אויף די קני, צלמט זיך און קלאַפּט אַלע מאָל דעם קאָפּ אין דער ערד... אַ פּנים, אַז דניאל זעט עס ניט און ווייסט וועגן דעם גאָרניט. זאָגט זי אים, דאָבציע, אויפן אויער:

— איך וועל אייך גיין ברענגען טיי.

ווען דאָבציע איז אָפּגעגאַנגען, בייגט זיך דניאל אָן איבערן ברודער:

— קיינער שטייט ניט לעבן אונדז?

— ניין, דניאל. וואָסי, דו זעסט ניט?

— איך זע, אַברהם, איך זע... זאָג מיר ווען ביסטו געווען ביי רחלען?

— צוריק מיט אַ וואָך.

— און זי האָט געפרעגלט אין דרויסן וואַרעניע? ווער פרעגלט עס אין דער צייט איינגעמאַכטס?.. און פון וועלכע אויבסן? פון ווייַנשל?

— כ'ווייס דאָרט פון וועלכע?

— און די קינדער, זאָגסטו, זיינען געשטאַנען אַרום דער פאַן?

פון דניאלס קוק, פון זיינע פייכטע גלאַנציקע אויגן, רוקט זיך אַברהם אַריין טיפער אין די קישנס.

— זאָג מיר, ברודער, דו ביסט אַריינגעפאַלן אַהין אין דעם טאָג... ווען ס׳איז פאָרגעקומען דער פּאָגראָם ?

אַברהם שווייגט.

— דו האָסט געטראָפן רחלען ליגן... אין דרויסן ?

אַברהם שווייגט.

— זי האָט נאָך געלעבט ?

— דניאל... מאַטער מיך ניט.

ביי די ווערטער האַלט זיך שוין דניאל ניט אויף די פיס און טוט אַ פאַל לעבן ברודער אויפן בעט. ער נעמט פירן מיט די ציטערנדיקע פינגער איבערן ברודערס פּנים. די פינגער ווערן ביי אים נאַס. אַברהם וויינט. נעמט דניאל אַרום מיטביידע הענט אַברהמס קאָפּ, טוט אַ שווערן קרעכץ און בלייבט ליגן שטיל.

קיינער באַמערקט ניט און הערט ניט, וואָס צווישן די צוויי ברידער קומט פאָר. אַלע האָבן אויך פאַרגעסן אָן דעם אויספאָרשער, אָן דעם פּריסטאַוו. מ׳האָט אַפילו פאַרלוירן זיך אַליין און דאָס אייגענע זיין. יעדע רגע ציט זיך און דויערט אַן אייביקייט. אין אַזאַ מין רגע ווערט מען געעלטערט. שפּעטער וועט מען ניט וועלן זיך אַליין גלייבן, אַז אַזעלכעס האָט מען איבערגעלעבט און ביי אַזעלכעס איז מען בייגעווען. מיט אויפגע־ריסענע אויגן, די קעפּ געווענדט אַהין, אין קיך אַריין, צו דעם ווייסן טיש, ווו מ׳זעט נאָר דעם דאָקטערס איינגעבויגענעם רוקן, זיין אַלע מאָל אויס־געצויגענע האַלב־נאַקעטע האַנט צו איווען, וועלכע באַדינט און דערלאַנגט אים, און איבער זיי ביידן שטייט יצחק באַיאַר אַן אויסגעגלייכטער, מיט די צוויי ברענענדיקע ליכט אין ביידע הענט, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים, און זאָגט מיט די ליפּן — בעט ביי גאָט הילף און רחמים. אין אָט דער ביז צום סוף אָנגעצויגן־אָנגעשטרענגטער שווייגעניש און וואַרטעניש גלייכט דער דאָקטער אויס דעם רוקן, ציט אַראָפּ צום האַלדז די מאַרליע פונעם פּנים און הייבט אָן אויסצופייפן אַ פריילעכן ניגן;

— מוטער, — זאָגט ער צו מאַריען, וואָס זיצט לעבן דער מומע ליבע און יענע גלעט איר די אַקסל, — אייער קינד וועט זיין געזונט.

ערשט איצט צעוויינט זיך מאַריע. זי טוט זיך אַ וואָרף און וויל קושן

דעם דאָקטערס הענט. די אַלטע האָרפּינע הייבט זיך אויף פון דער ערד, בלייבט שטיין פאַר אים, און פון ניט וויסן, וואָס צו טאָן, נעמט זי צלמען דעם דאָקטער:

— גאָט זאָל זיין מיט דיר אין אַלע וועגן... טי באָזשאַ ליודינאַ דאָ דנאַ...*)

די אַלטע קרעטשמע לעבט אויף. איין עקיבא זיצט אין פינצטערן אַלקערל אויף דער קאַנאַפּע, האַלט נאָך אַלץ די האַנט אין זייט־קעשענע, וווהין ער האָט פאַררוקט דאָס פּעקעלע פאַר איווען, און קוקט דורכן אָפענעם טירל מיט שרעק און טרויער, ווי דניאל ליגט, אַרומגענומען מיט אַברהמען, און יענער איז זיך נאָך, אַ פּנים, גאָרניט משער און איז נאָך אין גאָרנישט ניט חושד.

צום בעט גייט צו די מוטער, „דער שטילער זומער". זי קוקט אויף אירע צוויי זין און זאָגט פון נחת:

— ס'זאָל נאָר זיין מיר פאַר אייערע קעפּ... נאָך מיין קאָפּ זאָלט איר מיר בלייבן. דניאל, דו האָסט דאָך געוואָלט, מיין זון, אַ גלאָז טיי? דניאל?...

— פּלוצעם שרייט זי אויס ניט מיט איר קול: — וויסט איז מיר, פינצטער איז מיר, — און „דער שטילער זומער" פאַרברעכט די הענט, — יצחק, מלכה, מענטשן ליבע, וואָס איז מיט מיין קינד?

אין דרויסן סקריפּען די רעדער פון דער בריטשקע — דער אויספאָר־שער מיט דעם פּריסטאַוו פאָרן אָפּ. ביי דער טיר רעוועט די קו מיט דעם אָפּגעבראָכענעם האָרן, מ'האָט פאַרגעסן זי אַריינלאָזן אין שטאַל. אַלעמענס אויגן ווערן ווידער פול מיט פּחד און האָפענונג. זיי זיינען ווידער געווענדט צום דאָקטער, וואָס האַלט דניאלס זייער געלע האַנט. מ'שטייט אַזוי, ווי דער שניי וואָלט געפאַלן ניט הינטער די פענצטער, נאָר אויף זייערע הערצער. איין אַברהם, וואָס האָט זיך באַפרייט פון דניאלס האַנט, איז אַרויס פון בעט אין איין וועש און שפּרינגט אַרום איבער דער שטוב אויף די מיליצעס.

„דער שטילער זומער" מיט פאַרפרעסטע ליפּן, מיטן אייביקן געשריי

---

*) דו ביסט גאָטס מענטש ביזן סוף (אוקראַיניש).

אין די אויגן, וויגט די פאַרבראָכענע הענט, קוקט דעם דאָקטער אין פּנים אַריין און וואַרט... אַזוי האָט זי געוואַרט אין יענער זומערדיקער נאַכט, צוריק מיט דרייסיק יאָר, ווען דניאל איז געבוירן געוואָרן, מ׳זאָל איר אָנזאָגן די בשׂורה, אַז ס׳איז ביי איר געבוירן געוואָרן אַ לעבעדיק קינד. די ערשטע דריי זיינען ביי איר געבוירן געוואָרן טויטע. זי האָט דעמאָלט אויך מיט פאַרבראָכענע הענט געוואַרט... און ווען יצחק האָט איר אָנגעזאָגט: „רבקהלע, אַ גרויסער, אַ שווערער, אַ קדיש...״ האָט זי דעמאָלט פון פרייד גענומען שרייען:

— זון, שייַן, לבנה, שטערן.

דער דאָקטער לייגט אַוועק דניאלס האַנט. דרייט אָפּ פון רבקהס אויגן דעם קאָפּ, נעמט אַראָפּ די ברילן און גייט אויף גיך אַוועק אין קיך אַריין, ווו ס׳ליגט דאָס קראַנקע קינד. פונעם אַלקערל, ווו עקיבא זיצט נאָך אַלץ אויף דער קאַנאַפּע, לויפט אַרויס אַ צעטומלטער דניאלס לעבעדיקע האָפע־נונג — זיין נייניאָריקער זון. יצחק כאַפּט אים אויף די הענט אַרויף.

„דער שטילער זומער״ הערט זיך אויף צו וויגן און פרעגט שטיל מיט אַ טרוקענעם קול:

— אַ, און דאָס איז גאָר?

דערנאָך שטרעקט זי אויס די הענט צו אַלעמען:

— מענטשן, ליבע מענטשן, גוטע מענטשן, פריינד מיינע, וואָס שטייט איר? — און זעענדיק, אַז קיינער רירט זיך ניט פון אָרט, טוט זי זיך אַליין אַ וואָרף צו דניאלן — ראַטעווען איר קינד. די מומע ליבע פאַרהאַלט זי:

— וויינט, רבקה, וויינט, וועט אייך ווערן גרינגער.

פונעם „שטילן זומער״ הערט מען ניט קיין קול. יצחק באָיאַר — שטאַרק איינגעבויגן, דאָס מויל אָפן, פון דעם נאָר וואָס דערלאַנגטן אומ־רחמנותדיקן און אומדערבאַרעמדיקן קלאַפּ קאָן ער דעם אָטעם ניט כאַפּן — דריקט שטאַרקער צו זיך שמואליקלען, וואָס רייסט זיך צום פאָטער. ענדלעך טוט יצחק באָיאַר אַ מאָדנעם אָטעם, גייט צו צו דעם בעט, בייגט זיך אָן, נעמט שמואליקס הענטל, פאַרמאַכט מיט זיינע צוויי פינגערלעך דניאלס אָפענע ווייסע אויגן, און זאָגט:

— ברוך דיין אמת.

— יצחק, אַ? — פרעגט רבקה מיט אַ קול, וואָס קוים מ׳הערט עס. — אַ, אַ?

יצחק נעמט זי אָן ביים עלנבויגן:

— רבקה, שטאַרק זיך... מ׳טאָר ניט פאַרשטערן שבת.

זי שטייט שטיל, קוקט, ווי עקיבא מיט גבריאלן טראָגן אַריבער דניאלן אַהין, אין פינצטערן אַלקערל, אויף דער קאַנאַפּע. ערשט דעמאָלט, ווען זי דערזעט: מלכה טראָגט אַהין אַ ווייסן ליילעך, נעמט „דער שטילער זומער" שרייען:

— אויסגעשלאָסן געוואָרן די זון... די שײַן, די לבנה, די שטערן.

# צווייטער בוך

# א

אין דער מומע ליבעס שטוב שטייט שוין כמעט אַ גאַנצע וואָך אַ שטיל־איינגעהאַלטענע, אַ סוד־סודותדיקע יומטובדיקייט פון ערב אַ גרויסער, דערצו נאָך אומגעריכטער שׂמחה, וואָס דאַרף אַריין אין אַזאַ אַלטגעבאַקן דלותדיקער, קבצניש־אביונישער נעסט. אין דער דאָזיקער סודותפולער שטילקייט — קיין בייז־אויג זאָל, חלילה, ניט שאַטן, קיין שלעכט וואָרט זאָל, חלילה, ניט גילטן — איז געלעגן דער פלאַמיקער רייץ און די טיפע אויפרעגונג פון אַ שיינעם חלום.

ביידע — די מומע ליבע און דער מאַן אירער שמריה, וואָס גלייבט תמיד און וואַרט יעדע רגע אויף אַ נס, אויף דער ישועה — האָבן אויף אַ קול ניט אויסגעדריקט די פרייד, זיך געהאַלטן געלאַסן, ווי ווייט מעגלעך, מן־הצד; ביידע האָבן מורא געהאַט אָפּצוטרייבן דאָס מזל, וואָס האָט פּלוצעם אָנגעקלאַפּט אין פענצטער, זאָל דאָס מזל פריִער די שוועל איבערטרעטן... אויב דאָס וועט טאַקע געשען, אויב דאָס וועט טאַקע טרעפן און מקוים ווערן, וועט מען נאָך צייט האָבן משׂמח זיין זיך.

ביידע האָבן נאָך אַלץ ניט געגלייבט, ביידע האָבן נאָך אַלץ מורא געהאַט, אַז פון דעם אַלעמען זאָל זיך, חלילה, ניט אויסלאָזן קיין טייך. באַזונדערס האָט מורא געהאט צו בויען לופט־שלעסער די מומע ליבע: ס'קאָן דאָך זייער זיין, ס'קאָן דאָך זייער טרעפן, אַז רב אַבושל, וואָס איז פּלוצעם אין מיטן העלן טאָג אויף אַ האַלבער שעה אין שטוב אַריינגעפאַלן, האָט עפּעס צוגעגעבן, עפּעס איבערגעטריבן, איבערגעשאַצט און אויסגעמאָלט מערער, ווי ס'איז אין דער אמתן, פאָרגעשטעלט די זאַך גרעסער, ווי זי קאָן און דאַרף זיין... הגם געזאָגט האָט ער קלאָר, און איבערגעחזרט ניט איין מאָל: דאָס מיידל איז אַבנרן געפעלן. אייער טאָכטער האָט אויסגענומען ביי די לאַנדעס — שיפרה האָט געפונען חן אין זייערע אויגן... ער, אַבוש, איז געקומען אַהער אַלס שליח־מיוחד פון דעם אַלטן דיין, פון רב נתן לאַנדע אַליין.

האָבן טאַטע־מאַמע זיך געסודעט אין די לאַנגע סוף־ווינטערדיקע פאַר־טאָגן; גערעדט, איינגעטענהט און דערוויזן האָט ער שמריה: ער וועט באַשיימפּערלעך דעם אייבערשטנס השגחה. מיט זייער טאָכטער געשעט אַ גרויס וווּנדער, זי איז עולה־לגדולה, — אַ שנור ביי די לאַנדעס... אמת, זי איז גערעכט, ליבע, פאַר וואָס האָט טאַקע שיפרה אליין ניט אָנגעשריבן, ניט צוגעשיקט פאַר דער גאַנצער צייט קיין איינגעטונקענע פּען?

סוף כל סוף, שוין ביידע מיד פון טראַכטן און איבערטראַכטן, פון מעסטן און איבערמעסטן, — און פון צו פיל קלערן, זאָגט די מומע ליבע, מערן זיך דאגהס און ספקות — באַשליסן זיי איין מאָל פאַר אַלע מאָל: אויף וויפל יצחק באָיאַר פאָרט די טעג אין שטאָט אַריין נאָכן זון, נאָך אַברהמען, וועט ער דאָך זיכער זיך אָפּשטעלן דאָ, דאַרף מען מיט אים פאָרן אַהין, צו איוועז. און פאָרן, באַשטייט שמריה, דאַרף אַוודאי ליבע. זי וועט מיט איר קלוג אויג אַ קוק געבן און זען, וואָס דאָרטן טוט זיך.

און די מומע ליבע איז מסכים. הגם דער וועג שרעקט זי — די לעצטע פאָר וואָכן פילט זי אַן איבלעניש אונטערן לעפעלע... אָבער אויף שמריה קאָן מען ניט שטעלן און פאַרלאָזן זיך. שמריה זעט שוין איצט אַלץ אין אַ העל ליכט — ביי אים שפּילט שוין דאָס ווינטשפינגערל אין לינקן אויג. אַזאַ איז ער שוין, שמריה. וואָס זאָל זי טאָן? וועט זי אַליין פאָרן, און יצחק וועט אויך זיין מיט איר, וועט זי דאָרטן אויסקלאָרן, צי די גאַנצע מעשׂה איז אַ יש און צי ס'איז פאַראַן אין דעם אַ ממשות.

— שמריה, — זאָגט זי, — זאָל זיין געזונג, שלאָף! די דריטע העגער האָבן נאָך ניט געקרייעט.

— אוי, ליבע, ווען איך זאָל קאָנען אַנשלאָפן ווערן...

— שלאָף, שמריה, שלאָף! — און זי אַליין שטייט אויף. מ'דאַרף צום וועג זיך צוגרייטן און אויך די שטוב באַזאָרגן... און וואָס ווייניקער ס'איז פאַראַן מיט וואָס צו גרייטן, מיט וואָס צו באַזאָרגן, אַלץ פריִער דאַרף מען אויפשטיין, אַלץ מער אַרבעט איז פאַראַן. טוט זי אָן דעם מאַנס שטיוול, שלייכט זיך שטיל פון שטוב אַרויס — ניט אויפצוּוועקן די קינדער. אויפן דאָרף לייכטן שוין זיך אייניקע הייזער, וועט זי זיך לאָזן אַהין צו די שכנים —

זי טוט עס, די מומע ליבע, זייער זעלטן, שוין אין אַ שעה פון גאָר גרויסן מאַנגל און דחקות: לייען עפּעס דאָ, באָרגן עפּעס דאָרטן.

די מומע ליבע, נאָכן אָפּטאָן און באַזאָרגן אַלץ, וואָס ס'איז נאָר אין איר יכולת געווען, זיצט מיט דער געלי׳ענער שאַל אויף די קני און איז גרייט אין וועג אַריין. די קינדער אַרום איר — איינס קלענער פונעם צווייטן, אַלע דריי יאָר געבירט זי אַ קינד. די קינדער אָבער וואַקסן אין דער היים נאָר ביז צוועלף יאָר. דערנאָך גייט מען אין דער וועלט אַריין פאַרדינען פאַר זיך דאָס שטיקל ברויט און אויך מיטהעלפן מיט עפּעס־וואָס דעם טאַטן.

אַצינד, פאַרן אָפּפאָרן, זאָגט זי אָן יעדן איינעם נאָך אַ מאָל, באַזונ־דערס דער עלטערער, דער עלפיאָריקער טאָכטער, וואָס בלייבט בעל־הביתטע אין שטוב, ווי זיך צו פירן בנוגע דעם טאַטן, מיט די קלענערע קינדער, וואָס צו טאָן און ווי אַזוי צו האַנדלען אין דעם אָדער יענעם פאַל.

די קינדער זעען, נאָך מער פילן זיי — אין שטוב קומט פאָר עפּעס אויסערגעוויינלעכס! דער טאַטע שמייכלט כמעט... די מאַמע קלייבט זיך גאָר ניט גיין, נאָר פאָרן. ביז היינט ווייסן זיי: די מאַמע גייט תמיד צו פוס. און דער איינציקער גאַנג איז — צום פעטער גבריאל. די מאַמע נעמט אין איין האַנט אַ קלומעקל, אין דער צווייטער האַנט דעם שטעקן און לאָזט זיך, ווי זי דערציילט, דורך פעלדער און וועלדער, איבער זאַמדן און איבער די פאָלעסיער זומפּן... די עלטערע קינדער ווייסן, נאָך וואָס און צוליב וואָס, די מאַמע גייט. דער טאַטע שיקט זי אַרויסרייסן ביי דעם ליגנער, ביים לבן־הרמאי, ביי דעם דבר־אחר, ביי דעם ברודער אירן, די פופּצן קערבלעך, וואָס מ׳האָט אים, דעם טאַטן, צו דעם צוגעזאָגטן נדן ניט דערגעבן. יעדעס יאָר גייט די מאַמע אַהין, צום פעטער גבריאל, און יעדעס יאָר קערט זי זיך אום פון דאָרטן אַ מיד־צעבראָכענע מיט ליידיקע הענט. דעמאָלט שטעלט זיך אין שטוב גאָר אַ טויטע שטילקייט. און טאָמער טרעפט, אַ קינד טוט אַ שטיף אָדער נאָר מער — אַ לאַך, דערהערט זיך תיכף דעם טאַטנס רוגזה:

— ווער לאַכט עס דאָרטן? וועמען איז עס אַזוי גוט געוואָרן?

זיצט מען שוין דערנאָך ניט נאָר טויט־שטיל, נאָר אויך פול מיט אימת־מוותדיקער ציטערניש. צוויי מאָל וואָרנט ניט דער טאַטע. ס'איז גענוג בלויז איין פּיפּס פון עמעצן, און אַלע קינדער, אָן אַ „ווער" און אָן אַ „וועמען",

כאַפּן פייערדיקע פּעטש. די מאַמע דערביי טאָר זיך די קריוודע ניט אָנעמען, טאָר זיך ניט איינשטעלן — דאָס ברענגט אַריין שמריהן נאָך אין אַ גרעסערן צאָרן, פאַרקערט, כדי צו לינדערן און צו שטילן זיין כעס, דאַרף זי זיך אויף זיין צד שטעלן, אים דעם גערעכטן אָפּגעבן. אָבער בעת ער שלאָגט, שטעלט זי אירע הענט אונטער, און מיט טרערן אין די אויגן בעט זי:

— שמריה, וואָס לאָזטו אויס דיין האַרץ צו די קינדער? שמריה, וואָס נעבעך זיינען זיי, די שעפעלעך, שולדיק? שמריה, ווער שלאָגט עס הונגעריקע קינדער?

אַצינד, פאַר דעם ווייבס אָפּפאָרן, שטייענדיק ביים פענצטער, קוקט ער אויפגעלייגט אַרויס אויף דער פור, — אַ מיטלוואוקסיקער, אַ טונקל-דאַרער כעסן. בעת ער שרייט, דוכט זיך, אַט וועלן דיביינער זיינע צעטרייסלט און צעשאָטן ווערן... ער איז אָבער געבונדן, שמריה, שטייף און פעסט מיט שטאַרקע אָדערן. אַ שוואַרצער, ווי ערשט פון מידבר אַרויס, קוקט ער אויף דער וועלט מיט גרויסע, זייער פינקלענדיק-שאַרפע, מיט עפּעס תמיד וואַרטנדיקע אויגן. אַן עלנטער, אַ מטופל מיט קינדער, אַ פאַריאָגטער אין יאָך פון דאגות-פּרנסה — אַזוי אַ קיילעכדיק יאָר, אין פרעסט און אין היץ, אין שניי און אין רעגן, מיטן זאַק און בעזמען פון איין יאַריד אויפן צווייטן — אויפקויפן אַ בינטל חזיר-האָר, אַ פעלכל, אַ שטיקל וואַקס, — זוכט ער אויף אַלע וועגן, קוקט אַרויס און וואַרט, אַז זיין ישועה זאָל קומען און ער זאָל דורך עפּעס אַ נס אויפגעריכט ווערן.

שמריה איז אַ ווילד-פרומער, ציטערט מיט אַלע אברים פאַר גאָט. אַלע טאָג ביי זון-אויפגאַנג און ביי זון-זעצן-זיך רופט ער אויף קולי-קולות, און אויך שטיל, מיט געבעט, מיט תחנונים און מיט געוויין:

— האַר פון דער גאַנצער גרויסער וועלט, דו ביסט גרויס, דו ביסט שטאַרק, דו ביסט מעכטיק, הער מיין קול, זע די טרערן פון מיינע אויגן, דו ביסט הייליק, הייליק, הייליק! האָב רחמנות, אויב ניט אויף מיר, איז אויף די קליינע קינדער... גרויסער גאָט, עפן דעם טויער אין הימל, הער מיין געבעט, פאָטער אין הימל, דערנעענטער דעם טאָג פון דער ישועה. איך, שמריה, בין אַ ווערעמל, אַ ביסל שטויב, אַ שטיקל ליים אין דיין האַנט, אַ צעבראָכן שערבל, אַ קורצער שאָטן. ענטפער מיר, גאָט, ענטפער!

ענטפער מיר, פאָטער, ענטפער! ענטפער מיר, באַשעפער, ענטפער! ענטפער מיר, גאָט פון רחמנות, ענטפער! ענטפער מיר, מלך איבער אַלע מלכים, ענטפער! ענטפער מיר, גאָט פון מיינע אבות, ענטפער! דאָס וואַסער דערגרייכט שוין מיר ביזן מויל... ענטפער!

און יענער, דער אַלמעכטיקער און שרעקלעכער, וואָס אָן זיין ווילן פאַלט קיין האָר פון קאָפּ ניט אַראָפּ, יענער, דער גרויסער בעל־רחמים, שווייגט און ענטפערט ניט. פאַלט שמריה צייטנווייז אַריין אין גרויס יאוש.

— גרויסער גאָט, — שטאַמלט שמריה — ווען דען וועסטו מיר העלפן, אַז כ׳וועל שוין ליגן מיטן פּנים צו דער ערד? איי, איי, פאָטער האַרציקער.

שטייענדיק איצט ביים פענצטער, הייבט שמריה די אַקסל, פּרוּווט אַלע מאָל, צי דער בערעם צרות ווערט טאַקע גרינגער, און קוקט אויף דער פּור אַרויס. פאַר אים, פאַר שמריהן, איז עס אויך אַ גוטער סימן, אַ מזל־זאַך: דאַרף טרעפן, יצחק באַיאַר פאָרט גראָד אַהין, אין דער גרויסער שטאָט, נאָכן זון, נאָך אַברהמען, וואָס איז דאָרטן אָפּגעלעגן מיט דעם קראַנקן פוס דעם גאַנצן ווינטער. אַזאַ געלעגנהייט — פאַרשפּאָרן וועג־הוצאות.

שמריה שמייכלט טאַקע. אין דער שטיל איינגעהאַלטענער, סוד־סודות־דיקער יומטובדיקייט שמעקט מיט דעם איינגעדעמפּטן מערן־צימעס, מיט דער ציקאָריע, וואָס איז לכבוד דער נסיעה און לכבוד אַזאַ חשוב־אָנגעלייגטן גאַסט, ווי יצחק באַיאַר, געגרייט געוואָרן.

און פון יענער זייט פענצטער, אין הימל, אונטער די געקרייזלט־ווייסע וואָלקנדלעך, גייט אַרום די גרויסע האָרעפּאַשניצע פון דער וועלט — די זון. ביי נאַכט האַלטן נאָך גוטע פרעסט, נאָר ביי טאָג, איבער דעם גרויס פונאַנדערגעוואָרפענעם דאָרף, אויף דער זוניקער זייט, פאַלן שוין פון די דעכער טראָפּנס, ווי זוניקע פונקען. אַפילו אין דעם געשריי פון די קראָען, אין דעם ציטער פון די טאָפּאָלן, הערט און פילט זיך דער ערב־פרילינג.

אין דער צווייטער העלפט שטוב — אויך מיט צוויי קלעצער אונטער־געשפּאַרט — שפּילט אויף דער לירע דער בלינדער, דער בעל־הבית פון דער כאַטע. מיט אַ מאָל ווערט דאָרט שטיל און אין וואַנט קלאַפּט דער היימישער, דער גוט־באַקאַנטער פינגער:

— שמאַריאַ טשויעש ?

— טשויו, פּאַנאַסע.

— נאַ יאַרמאַראָק פּידעש ?

— מאָבוט ני... *)

זייערע יאַריד־וועגן פאַלן זיך אָפּט צונויף. אוןביידע — דער שכן מיטן בעל־הבית — גייען אין איינעם אויף איין מאַרקטאָג. נאָכן יאַריד, דער טאָג פאַרגייט, זיצט פּאַנאַס אויפן ליידיקן מאַרק איינער אַליין און וואַרט לאַנג און מיט געדולד אויף זיין שכן. ער ווייסט, שמריה איז אַוועק זיך „מאַליען" אין סינאַגאָגע. די לעצטע תפילה הייבט מען אָן ביי זיי, ווען די ערשטע שטערן באַווייזן זיך. און ווען שמריה קומט, צלמט זיך פּאַנאַס אויך איבער אויפן קלויסטער, און ביידע לאָזן זיך צוריק אין וועג אַריין — אַהיים.

ווי דער שטייגער איז, פאַרן אָפּפאָרן זעצן זיך אַלע צו. הינטער דער וואַנט דרייט פּאַנאַס די לירע און זינגט וועגן דער בידנער אַלמנה, וואָס די יתומים „טרייסטן" זי:

Мати ж наша, мати,
Не журися нами:
Як повирастаем,
Розійдемось сами.

Ой, будес нас мати,
По горах, по долинах,
Ой, буде нас, мати,
По чужих країнах... *

---

*) — שמריה, הערסט ?

— כ'הער, פּאַנאַסע.

— אויפן יאַריד וועסטו גיין ?

— ווייזט אויס, אַז ניט...

און דאָ, ווען אַלע זיצן אַזוי אין פֿאַרטראַכטקייט, אין איין שורה אויף דער באַנק — פֿון שמריהן ביז צו דעם קלענסטן דרייאָריק קינד, — פֿאַלט פּלוצעם אַרויס ביי דער עלפֿיאָריקער טאָכטער, וואָס האָט געהאַלטן אין וואַשן דאָס געשיר, נאָר אויף שמריהס ווונק, האָט זי זיך אויך צוגעזעצט מיט אַ טעלער אין דער האַנט, און זיצנדיק אַזוי אין דער שטילקייט און הערנדיק, ווי פּאַנאַס זינגט:

Ой, буде нас мати,
По чужих краïнах... *

פֿאַרשטייט זי, די עלפֿיאָריקע בעל־הביתטע, גוט דעם באַטייט און דעם מיין פֿון יעדן וואָרט, — פֿאַלט ביי איר פּלוצעם דער טעלער פֿון די הענט אַרויס...

אין שטוב טוט מיט אַ מאָל אַ ווייע מיט אימה — פּאָר צעבערעכן אַ כלי ווערט מען געמימתט. די שערבלעך פֿון דעם געקווייטלטן טעלער ליגן צעשאָטן אויף דער רויטלעכער, מיט ליים פֿריש אויסגעשמירטער ערד. אַלע קוקן אויפֿן טאַטן. שמריה, הגם די קינבאַקן הייבן אים אָן אַרומגיין, זאָגט אָבער:

— נו, נו, צו אַ גוטן סימן... די שערבלעך וואַרף ניט אַרויס, לייג זיי

*) מאַמע, אונדזער מאַמע,
זאָרג ניט וועגן אונדז,
אַז מיר וועלן אויסוואַקסן,
וועלן מיר זיך אַליין פֿונאַנדערגיין.
אוי, וועלן מיר זיך צעשפּרייטן, מאַמע,
איבער בערג און איבער טאָלן,
אוי, וועלן מיר זיך צעשפּרייטן, מאַמע,
איבער פֿרעמדע לענדער...

(פֿון אַן אוקראַיניש פֿאָלקסליד)

צונויף אויף דער פּאַליצע, ליבע, די פּור! יצחק פּאָרט. נו, ליבע, אין אַ גוטער שעה... אין אַ מזלדיקער שעה. מיט דעם רעכטן פוס... ליבע, כאַפּ זיך ניט אַרויס מיט קיין וואָרט... פאָרסט גלאַט אַזוי צו שיפרהן... אַ מיידל, איינע אַליין, ווייט פון דער היים... דער שטן זאָל, גאָט באַהיט...

די מומע ליבע, דעם דלות אויף צו להכעיס, און ווי אַ בריה אַ בעל־הביתטע, און ווי אַ גרויסע עקרת־הבית — קיין שום קלייניקייט טאָר ניט פאַרפאַלן ווערן, אין אַזאַ דחקות טאָר גאָרניט גיין לאיבוד, — אויף צו להכעיס אַלע דאגות און צרות זעט זי אויס געזונט און נאָך אַלץ שיין. אמת, די לעצטע פּאָר וואָכן פילט זי עפּעס אַן איבלעניש אונטערן לעפעלע. אָבער זי גיט עס קיינעם ניט צו פילן און צו באַמערקן. זי באַהאַלט עס דערווייל אויס פונעם מאַן. די גוטע בשׂורה וועט זי נאָך באַווייזן אים אָנצוזאָגן. און אפשר וועט עס איבערגיין? ס׳טרעפט זיך דאָך אַזוינס...

זי שטייט, די מומע ליבע, מיט דער געלי׳ענער שאַל אויף די פּלייצעס, די קלוגע אויגן צוגעזשמורעט. זי הערט זיך צו, ווי שמריה לערנט זי און זאָגט איר אָן. שלאָגט זי אים ניט איבער, לאָזט אים דריי מאָל איבערחזרן איינס און דאָס זעלבע, און ווען ער בלייבט שטיל, פרעגט זי אים מיט איר גוטן, נאָר טרויעריקן שמייכל:

— וואָס נאָך, שמריה?

— זע, ליבע, פאַרהאַלט זיך ניט. — און ער קוקט אויף איר מיט הייסע אויגן. — ליבע, דו דאַרפסט ברענגען פון דאָרטן די ישועה, ליבע, פאַרהאַלט זיך ניט... אויב יצחק דאַרף זיך דאָרט פאַרהאַלטן, קום אויף אַן איבער־געכאַפּטער פור.

— שמריה, דערווייל פאָר איך אַהין צום מזל... ניט דאָס מזל קען מיך, ניט איך קען עס. אפשר וועט דער רב מזל ניט פאַרבעטן מיך אַפילו זיך זעצן? ווער ווייסט, שמריה...

— ליבע, אַז מ׳וועט דאַרפן, פאַרבייג דיין גדלות...

— שמריה, איך פאָר, חלילה, ניט שיטן עמעצן פעפער אין נאָז אַריין.

— אוי, ליבע, פאַרגעס אָן דעם באַיאַרישן גדלות...

— לויפן, ווי אַ מויז איבערן צימבל, וועל איך אָבער אויך ניט.

— פאָר, מיין ווייב, זיי מצליח, ליבע, פאָלג מיך, וואָס ווייניקער גדלות...

— אוי, שמריה, שמריה, מיט וואָס קאָן איך זיך פאַר זיי באַרימען? מיט איין אויג וועל איך קוקן אויף זייער עשירות, מיטן צווייטן — אויף מיין דלות...

## ב

נאָך דעם, ווי שמריה האָט אַרויסבאַגלייט דאָס ווייב ביז צום ברייט־צעפּאָרענעם פּאַרקויטיקטן שניי־שליאַך, אויפגעהערט אַרומשפּרינגען אַרום דעם שליטן, אויפגעהערט מיט פאַרשטעלטע רייד אָנצוזאָגן און דערמאָנען, געבליבן שטיין ביי די טאָפּאָלן אין דער איינער קאַפּאָטע, נאָר מיט דעם אויסגעשייערטן ווינטשפּינגערל אין לינקן אויג, — נאָך דעם איז די פור גאָר גיך פון דעם גרויס פונאַנדערגעוואָרפענעם דאָרף אַרויס און גלייך אין דעם אַלט־געדיכטן וואַלד אַריין.

דער שליטן גייט צווישן די דיקע סאָסנע־שטאַמען. די קאָרע פון אונטן טיף געקאַרבט, אויפגעלאָפן שוואַרץ, נאָר וואָס העכער צו דער קרוין — דין־גלאַטער, ליכטיק־גאָלדיקער. איבער דעם שמאָלן איינגעפאָרן־פאַרגעלטן וועג טרייסלען די אייביק־גרינע צווייגן דעם שניי פון זיך. זיי רוישן אינעם ערב־פרילינג, שפּאַרן און שטויסן זיך — ווילן כאַפּן אַן איבעריקן שטראַל, נאָך אַ טראָפּן שיין. און די זון, די גרויסע וועלט־האָרעפּאַשניצע, שטילט זייער דאָרשט, פּויעט זיי אַלעמען, פון אונטער די שיין־געקרייזלטע רויכן, מיט חיות־וואַרעמער, מיט לעבנסזאַפטיקן ליכט. דער שניי בליצט אין די אויגן.

— ליבע, דו האָסט זיך גוט איינגעמאָסטעט?

— יאָ, רב יצחק. מירן ביזקל נאַכט דערפאָרן?

— אַז גאָט וועט שענקען געזונט און פּאָגאָדע...

אין דעם מאַנס שטיוול, אין דעם אַלטן בורנעס, די געלינע גרויגעקעסטלטע שאַל אויפן קאָפּ, זיצט זי, די מומע ליבע, פון הינטן, אויפן שטייף אָנגעקלאַפּטן זאַק היי, און טראַכט וועגן איר נסיעה: ווער און וואָס איז ער, אָט דער אַבנר, וואָס וויל נעמען שיפרהן ווי זי גייט און שטייט? רב נתן לאַנדעס מיזיניק, פון אַזאַ יחוס, דער עיקר פון אַזאַ עשירות, קאָן

ער דאַך נעמען אַ מיידל פון זייער גראַד, און אויך פון אַזאַ יחוס און אויך פון אַ שמאַלצגרוב... איז אפשר אַט דער אַבנר אַ בעל־מום, אַ חולה־מסוכן, אָדער גאָר, באַהיט גאָט, אַ חולה־נופל?

אַוודאי וואָלט די מומע ליבע וועלן זיך אַן עצה האַלטן מיט יצחקן, מיט דעם חשוב אין דער משפחה, וואָס אויף אים זאָגן די באַיאַרס: דאָס האַרץ ליגט ביי אים אין דער רעכטער זייט. זיינע אַן עצה דאַרף מען הערן און פאָלגן. זיינס אַ וואָרט איז ניט געפעלשט, ריין פון קנאה. ער זאָגט דעם אמת אין די אויגן. ער, יצחק, נעמט ניט אויף קיין זאַכן, ווי זיי וואָלטן באַדאַרפט זיין, נאָר אַזוי, ווי זיי זעען אויס און ווי זיי זיינען.

וואָלט אַוודאי די מומע ליבע וועלן זיך מיט אים אַן עצה האַלטן, אַבער ווי אַזוי קאָן מען פאַר אים, פאַר אַזאַ אָבל, ריידן וועגן אַ שידוך? טרויעריק איז יצחק. אַפילו אין יענע טעג, נאָך דער טאַטעס שמד, האָט מען אויף אים אַזאַ פּנים ניט געזען. ביי יצחקן זיינען ניט קיין צרות, אַפילו ניט קיין יסורים. ער, יצחק, איז אַ בעל־נסיון... מיט וואָס זאָל זי אים טרייסטן? מיט וואָס קאָן זי אים מנחם זיין? צו שטאַרקע רייד דאַרף מען האָבן פאַר יצחקן. זי, די מומע ליבע, פאַרמאָגט זיי ניט. ווילט זיך איר אַ געשריי טאָן:

— גענוג, רב יצחק, גענוג. מ׳זעט דאָך ממש מיטן אויג, ווי איר ווערט גראָוו און גראָווער...

נאָר זי שווייגט, די מומע ליבע. דער שליטן גייט שטיל. די ווייסע בייכיקע שקאַפּע פירט אָנגעשטרענגט מיט דעם צעשפּאָלטענעם אויער, פריכעט, טרעט איבער די זוניקע פאַסמעס, וואָס פאַלן דורך די גרינע צווייגן. זאָגן קאָן די מומע ליבע גאָרניט. ניטאָ אויך וואָס צו פרעגן און וואָס צו דערוויסן זיך. אַלץ איז אין דער משפחה שוין באַוווסט: נאָך דניאלס טויט האָט דער איידעם הערשע־לייב געבראַכט די דריי קינדער. די יתומים, — טראַכט די מומע ליבע, — זיינען אַוודאי אַ גרויסער ווייטיק אין שטוב. זיי טראָגן אַבער אַריין אַ לינדערונג. קינדער פאַרמערן די יסורים, אַבער איינצייטיק פאַרלייכטערן זיי אויך די צרות — מ׳מוז אַ מאָל פאַרט אַ לאַך טאָן...

אין דער משפחה ווייסט מען שוין אויך: הערשע־לייב וויל נעמען

מלכהן. „דער שטילער זומער״ וויל עס זייער — די יתומים זאָלן ניט אַריינפאַלן צו אַ שטיפמאַמע. מלכה וועט ניט זיין פאַר זיי קיין שטיפמאַמע. רחלס קינדער וועלן ביי איר ניט אָפּגערוקט זיין פון איר אייגן קינד — פון שמואליקן. דערווייל ווייסט מען נאָך ניט, מיט וואָס ס׳וועט זיך ענדיקן. מלכה, זאָגט מען, איז פון הערשע־לייבס אַנדייטונג שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן. און מער ווערט וועגן דעם ניט גערעדט. דעם קידושין־רינג, דעם זייגער, וואָס איווע האָט אין יענער נאַכט פון דניאלס טויט שטילערהייט צוריק אונטער דעם קישן אַוועקגעלייגט, האָט מלכה פאַרקויפט און געשטעלט אויף דניאלס קבר אַ שטיין.

וועגן כיירוסן וועט די מומע ליבע אַוודאי קיין שום רייד מיט יצחקן ניט פאַרפירן. יענע זיצט נאָך אַלץ אין תפיסה. איבער איר איז אויך שיר אברהם ניט ניזוק געוואָרן. דער דאָקטער האָט דאָרטן, אין דער שטאָט, געשטעלט אַלע אַדוואָקאַטן אויף די פיס, אַראָפּגעבראַכט אַפילו איינעם פון דער קרוינשטאָט, פון פּיטערבאַרג. ווען מ׳פאַרלעשט, חלילה, ניט דעם בלבול, וואָלט זאָגט מען, אויסגעבראָכן גאָר אַ גרויסע שׂרפה... ביי איר ברודער, ביי גבריאלן, איז אויך ניט פריילעך — די יונגע שנור, סטיסיע, האָט צוריק מיט אַ חודש אַראָפּגענומען די שוויגער פון שטריק. זי שטאַרבט און שטאַרבט, נעבעך, און קאָן ניט שטאַרבן. דער מלאך־המוות מאַטערט זי און נעמט זי ניט צו. דניאל האָט אַ מאָל וועגן איר געזאָגט:

„די נשמה איז אין נעכען שוין לאַנג געשטאָרבן, און אָן אַ נשמה איז דעם גוף זייער־זייער שווער צו שטאַרבן...״

דאָס ביסל סודותפולע יומטובדיקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דער מומע ליבעס האַרץ פון דער אומגעריכטער בשורה, אַז איר טאָכטער שטייט פאַר אַזאַ מזלדיקער שידוך, ווערט מיט יעדער אָפּגעפאָרענער מייל אַלץ מער און מער פאַרווייעט מיט צער און שווערן געמיט. דערצו נאָך דאָס איבלעניש אונטערן לעפעלע... זיצט זי מיט דער שאַל איבערן קאָפּ, די הענט פאַררוקט טיף אין די אַרבל, די ליפּן פאַרפרעסט, און די אויגן ביי איר, ווי ביי אַלע באַיאַרס, בשעת פאַרטראַכטקייט, האַלב צוגעשלאָסן.

איבערן וואַלד גייט די זון. ס׳הערט זיך אין דער פראָסטיקער לופט דאָס הילכיקע פייקלען פון די פיקהאָלצן איבער די טרוקענע שטאַמען,

דאָס רופנדיקע געזאַנג פון די בלויערלעך, דער סקריפּ פון דיביימער, און ס׳ווייעט מיט דעם ערב־פרילינגדיקן ביטערלעכן ריח פון ניסנבוים.

יצחק באַיאַר, ווי תמיד אין וועג, זיצט מיט אַ זייט, די פיס אין די אונטערגעניטע גראָבזויליקע שוואַרצע פּוישטן פאַרוואָרפן איבער דער דראַבינע, אין דעם פעלצל — אַ ברוינס, אַ קורצס, אונטערגעגאַרטלט מיט דער גרינער קרייקע. אויפן קאָפּ די ירושה פונעם עלטער־זיידן — דאָס סויבלנע היטל, וואָס דערגרייכט אים ביז צו די אויערן און ביים זוים איז עס שוין ביז גלאַנץ אויסגעריבן. אין די רויטע הענט האַלט ער די שטריקלדיקע לייצעס, רייכערט דעם ציבעק און הערט זיך צו עפּעס צו...

דער רוקן ביי יצחקן ניט געבויגן, דער קאָפּ צום אונטערגעהויבענעם אַקסל ניט פאַרנייגט: אַ וועלכער קלאָפּ ס׳זאָל שוין ניט קומען, אַ וועלכע צרה ס׳זאָל שוין ניט זיין, וועט דער ווייטיק גרעסער ניט ווערן. ער זיצט גלייך, איין אויג צוגעשמורעט, און הערט זיך צו עפּעס צו. עמעצער רעדט אין אים, טענהט, שרייט און מאָנט מיט אַ פאַרביסענער עקשנות: „יצחק, ענטפער, וואָס וועט זיין מיט דער איינציק לעבעדיקער טאָכטער?" וואָלט כאָטש „דער שטילער זומער" עפּעס געזאָגט? גאָרנישט! רבקה רעדט נאָר מיט די אויגן... ער האָט זי אַפילו איין מאָל געבעטן: „רבקה, שטיל איין דיינע אויגן".

פון דעמאָלט אָן גייט „דער שטילער זומער" גאָר אַרום מיט אַראָפּ־געלאָזטע אויגן.

— זי האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן בריהשאַפט, גבורהשאַפט, — דער־הערט זיך פּלוצעם יצחקס קול.

די מומע ליבע, פאַרטאָן אין אירע רעיונות, טוט זיך פון יצחקס אומ־דערוואַרטן קול אַ בייג אויף פאַרויס, ווי דער שליטן וואָלט מיט אַ מאָל שטיין געבליבן. זי קוקט אויפן קרעטשמאַר: פאַר דער צייט, וואָס זיי זיינען אין וועג, איז, דוכט זיך, אין זיין לאַנג־שמאָלער באָרד צוגעקומען צוויי פאַסמעס גראָווע האָר. מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, נאָר מיטן גוטן שמייכל, פרעגט זי:

— ווער, רב יצחק?

— מיין „שטילער זומער". זי טראָגט אַליין דעם צעבער, וואַרפט זיך

צו אַלע שווערע אַרבעטן און אַלץ מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. אַז די אַראָפּגעלאָזטע אויגן זיינען נאָך שרייענדיקער פון די אָפענע... פון אירע אויגן קאָן איך זיך קיין אָרט ניט געפינען. נאָ־נאָ! — טוט ער אַ טרייב די שקאַפּע. — זי בלייבט שוין שטיין, אַז זי מוז דאָך הערן וואָס מ׳רעדט. ב־נאָ־נאָ! זאָג מיר, ליבע, וואָס קאָן איך, אַזאַ פּראָסטער מענטש, אויף דעם ענטפערן ?.. ניין, ליבע, ניט מיין מוח, ניט מיין האַרץ קאָן אַזאַ וואַנט דורכברעכן. און ווער בין איך עס אַזעלכער, וואָס זאָל קאָנען נעמען און שטעלן אויף זיך? קאַרג, וואָס ס׳איז אָפּגעבראָכן געוואָרן אַזאַ שיינער צווייג, זאָל איך נאָך נעמען האַקן דעם שטאַם...

אַז דער מומע ליבע ווערט קלאָר, וועגן וואָס די רייד גייט, עפנט זי פון חידוש די אויגן — ער, יצחק, זאָל ריידן וועגן דער געשמדטער טאָכטער? אין דער משפחה איז דאָך האַרב פאַרזאָגט געוואָרן קינד־און־קייט: פאַר יצחקן זאָל כיירוסעס נאָמען ניט אַרויסגעבראַכט און ניט דערמאָנט ווערן.

— זאָל דיך, ליבע, ניט וווּנדערן, — צינדט אָן יצחק דעם פאַרלאָשענעם ציבעק, — די צייט שלייפט אַפילו אַ שטיין. דניאל, עליו־השלום, האָט זיך פון איר ניט אָפּגעזאָגט... גלויבן, האָט ער מיט מיר איין מאָל געקנעלט, איז אַ זאַך פון יושר און סאָוועסט. יעדער מענטש, האָט ער מיט מיר איינגעטענהט, קאָן און דאַרף גלייבן אין אַ וועלכן גאָט ער וויל... איך, האָט ער מיר דעמאָלט אָפן געזאָגט, גלייב בכלל ניט אין קיין שום געטער. ס׳איז מיר געננוג, טאַטע, אַז מ׳קוועטשט מיך אויף דער ערד פון אַלע זייטן. כ׳דאַרף ניט, אַז מ׳זאָל מיך נאָך דריקן פון אויבן... דעם הימל, האָט ער געזאָגט, האָב איך ליב אַ פרייען, אַ ריינעם, אָן געטער. איך, האָט ער געזאָגט, בייג מיך פאַר דער זון, פאַר דער לבנה, פאַר די שטערן... פון זיינע רייד. ליבע, האָט מיר געקילט דאָס בלוט אין די אָדערן... וויאָ! זי וועט זיך שוין באַלד צוזעצן.

די שקאַפּע ענטפערט מיט אַ שמיץ פון דעם אונטערגעבונדענעם ווײדל און טוט אַ ריס דעם שליטן. די מומע ליבע טוט זיך ווידער אַ נייג אויף פאַרויס, נאָר די אָנגעלאָפענע קנייטשן אויפן שטערן צעגייען זיך ניט. יצחק פאַררוקט דעם אויסגערייכערטן ציבעק אין פּוישט, נעמט אַריין אין

דער האַנט די שמאָלע לאַנגע באָרד און פינטלט מיטן צוגעזשמורעטן אויג אין דער ווייט אַריין. די לופט אין וואַלד ווערט אַלץ דורכזיכטיקער און קלאָרער. די זון, ווי באַרג־אַרויף, קלעטערט אַלץ העכער אין הימל. נאָר אונטן, ביי די וואָרצלען, מערן זיך די שאָטנס. דער שניי בליצט מיט בלויִע פערל. דער שליטן סקריפּעט רעשיקער — דער פראָסט שטאַרקט זיך.

— אָבער איין זאַך איז, ליבע, אַן אַפּיקורס, און אַ צווייטע זאַך — אַ משומד. מיט וואָס, פרעג איך דיך, איז דער גאָט פון אונדזערע עלטערן איר ניט געפעלן געוואָרן? נאָר דערפאַר, ווייל ער איז דער גאָט פון אַ געיאָגטן פאָלק?... דאָס קאָן מען, ליבע, ניט פאַרגעבן און ניט מוחל זיין. אין אַזאַ שווערער צייט, אין אַזאַ עת־צרה אַנטלויפן פון אַ פאָלק צו אַ רייכן טיש, זוכן דאָרטן אַ פעטן ביין... ניין, ליבע, דאָס קאָן מען ניט מוחל זיין. ניין, ליבע, אַ משומד איז ניט קיין אפיקורס. אַ משומד פאַרקויפט דאָך דעם טאַטן מיט דער מאַמען פאַר אַ טאָפּ לינדזן...

ביי יצחקן גייען אַלע ביינער אונטערן פעלצל. דאָס פּנים פלאַמט אים:

— זאָג מיר, ליבע, צי דען טאַקע זיינען אונדזערע קינדער אַזוי נידעריק געפאַלן? תמיד קומט מיר אויפן געדאַנק דער קדוש יאָנטל. אַ פשוטער שניידער־יונג געווען, קוים געקאָנט דאַווענען, אָבער סאַראַ ווערדע! סאַראַ שטאָלץ!

— רב יצחק, — זאָגט שטיל די מומע ליבע, — טורמע איז דען אַ פעטער ביין?

— הע — פאַרטראַכט ער זיך אַ רגע, — וואָלט איך אויף זיכער געוווסט, אַז זי דאַרף דאָס אָפּגעטאָן צוליב דעם טאָפּ לינדזן, וואָלט איך דען נאָך צען יאָר געוואָלט הערן איר נאָמען? איך וואָלט מיט דיר, ליבע, ניט גערעדט פון איר. דו ווייסט, ווער ס'האָט מיך אויפגערודערט? גראָד ער, דעמאָלט, דער סלעדאָוואַטעל, אָט יענער לאַנגער שונא־ישראל. „דיין טאָכטער, האָט ער מיר געזאָגט, איז ווייט פון דיר ניט אַוועק". זיינע ווערטער זיינען מיר אין האַרצן אַריין. זיי שטעכן און ברִיען מיך ביז דער זיבעטער ריפּ... וווהין זשע איז זי אַוועק? ווו זשע איז זי? ניט דאָ, ניט דאָרט? וויאָ! זי שטייט שוין ווידער. אַן אָנשיקעניש מיט איר, אַ וויבערשע

נשמה, להבדיל, אַלץ דאַרף זי וויסן. לאָמיר שוין שווייגן, אַניט וועלן מיר פאַר דריי טעג ניט דערפאַרן... נ־נאַ־נאַ!

ער בלייבט טאַקע זיצן שטיל. די מומע ליבע פון אונטער דער שאַל אַרויס, זעט: זיין נאַר וואָס אויפגעפלאַמט פנים לעשט זיך, די ליפּן אויסגעקרימט, די הענט פאַלן אים אויף די קני, מיט די דלאָניעס אַרויף. די פינגער בייגן און גלייכן זיך אויס, ווי זיי וואָלטן עמעצן גערופן.

קוקט די מומע ליבע אויף יצחקן מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. אַן איבערגעפולטע מיט מיטלייד, זאָגט זי צו אים שטיל, ווי זיך געבעטן פאַר אים:

— רב יצחק, פון צייט צו צייט מוז זיך אַ מענטש אויסוויינען... דאָס האַרץ זאָל ניט דערטרונקען ווערן אין טרערן.

יצחק באַיאַר גיט קוים אַ שמייכל. ער שלעפּט אַרויס די בייטש פון אונטערן געזעס.

— נאַ־נאַ! די „וויסע" קריכט ווי משיח. נאָך קיין פערטל וועג ניט אָפּגעפאָרן. וויאָ!

פאַרשטייט די מומע ליבע, אַז זי האָט געזאָגט אַ גרויסע נאַרישקייט: געזעצט יצחקן זיך אויסוויינען... נאָר וואָס קאָן זי זאָגן און ענטפערן אויף זיינע רייד? זאָל גאָט שומר־ומציל זיין אַפילו איר גרעסטן שונא פון אַזעלכע יסורים.

אַ קלינגענדיקע שטילקייט שטייט איבערן וואַלד. דער מומע ליבע שווינדלט אין די אויגן פון דער זון, פון בליצנדיקן שניי, אַפילו פון די גרינע סאָסנעס. צו אַ שאַרפער ריח גייט פון דער צעוואָרעמטער שקאַפּע. זיצט די מומע ליבע ווידער מיט צוגעשלאָסענע אויגן — דער וועג ווערט איר וואָס ווייטער שווערער. ניט אומזיסט האָט די נסיעה זי געשראָקן. צום אָנהייב, ביים אַרויספאָר, דערפילנדיק יענעם מין חלשות, יענע ניט־גוטקייט אונטערן לעפעלע, וואָס באַשלאָגט זי די לעצטע וואָכן, האָט זי עס ווידער אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, אויסגעזוכט אויף דעם אַ סך תירוצים. אָבער אַז יענער מין חלשות לאָזט זי ניט אָפּ, פאַרקערט, דער איבל איבערן גאַנצן לייב שטאַרקט זיך, ווערט די מומע ליבע זייער אומרויִק און הייבט אָן מיט גרויס אַנגעשטרענגטקייט צוהערן זיך, וואָס

אין איר קערפּער קומט פאָר. די סימנים זיינען ניט קיין גוטע. מער פעלט איר ניט. זי מאַכט אַ חשבון...

— ליבע, ס'איז דיר דען אַזוי הייס? — פרעגט יצחק, דערזעענדיק, ווי זי וואַרפט פון זיך די שאַל אַראָפּ. — דער טאָג איז טאַקע אַ מחיהדיקער, ס'נעמט אָבער אַ יאָדרענער פראָסט. ס'איז דיר חלילה עפּעס ניט גוט?

בעט זי אים אָפּשטעלן דאָס פערד.

— יאָ, דער קאָפּ האָט זיך מיר עפּעס פאַרדרייט...

— ליבע, אפשר וועסטו זיך אַ ביסעלע דורכגיין?

העלפט ער איר אַראָפּ פון שליטן:

— די פיס זיינען דיר פאַרקליאַקנעט געוואָרן, צי וואָס?

— אַ פּנים, — ענטפערט זי. און מיט איר גוטן, נאָר זייער אַ פאַר־זאָרגטן שמייכל גיט זי צו: — ניטאָ שוין די מיידלשע כוחות.

יצחק פאַרהאַלט זיין בליק אויף איר פּנים און דערנאָך גייט ער לאַנג מיט איר שווייגנדיק נאָכן שליטן. פּלוצעם נעמט ער זי אָן ביים עלנבויגן:

— דניאל ליגט אָן אַ נאָמען... גיב מיר דאָס וואָרט, ליבע...

זי פאַררויטלט זיך. איר סוד וויל זי נאָך פאַר קיינעם ניט אַנטפּלעקן. נאָר פילנדיק, ווי יצחקס פינגער ציטערן אויף איר עלנבויגן, ווי ער קוקט אויף איר מיטן צוגעזשמורעטן אויג, ווי ער וואַרט מיט האָפענונג אויף איר וואָרט, און וועלנדיק עפּעס טאָן פאַר אים און מיט עפּעס צו פאַר־לייכטערן זיין שווער געמיט, שטעלט זי זיך אָפּ און זאָגט:

— אַ פּנים, ס'איז פון גאָט...

— ליבע, גיסטו מיר דיין וואָרט.

— רב יצחק, איך גיב אייך מיין וואָרט.

און זעענדיק, ווי פון אירע רייד לייטערט זיך יצחקס פּנים, גיט זי צו פייערלעך:

— ווי מיר געפינען זיך איצט אין וואַלד, פאַר גאָטס הימל און ערד, גיב איך אייך, רב יצחק, מיין וואָרט, אַז אויב נאָר אַ ייִנגל, וועט זיין נאָמען הייסן צווישן יידן — דניאל.

## ג

איווע, נאָך דער שווערער קרענק, — קיינער האָט ניט געגלייבט, אַז זי וועט זיך פון בעט אויפהייבן און אויף די פיס זיך שטעלן, — אַן אויסגעמאָגערטע, אין די אויגן, נאָך גרעסער געוואָרענע, יענץ אומבאַהאָלפן נקמה־פייער, וואָס צו וועמען עס איז געווענדט און געריכטעט, דערגרייכט עס ניט און שאַדט ניט, דאָס פייער ברענט נאָר דאָס אייגן האַרץ, — איווע זיצט נאָך אַלץ, שוין קרוב צו האַלבער נאַכט, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, און קאָן זיך צום פּעקעלע בריוו ניט צורירן. ערשט היינט האָט איר עקיבא געבראַכט יענץ פּעקעלע, וואָס דניאל האָט פאַרן טויט איר איבערגעשיקט. און אויך ערשט היינט בשעת דערלאַנגען איר דאָס פּעקעלע, האָט ער איר געזאָגט, עקיבא:

— שוועסטער, נאַ! כ׳האָב עס דיר ניט געוואָלט אָפּגעבן... כ׳האָב אָבער אויף דעם קיין רעכט ניט. דאָס איז געווען זיין לעצטער ווילן.

האָט זי, אַחוץ „שוועסטער”, קיין אַנדערע רייד ניט געהערט. פון די אויגן זיינע און פון דעם קול זיינעם, מיט וועלכען ס׳איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן „שוועסטער”, האָט זי אַרומגעכאַפּט אַזאַ צאַפּלדיקע פרייד, אַז צורזעענדיק, ווי עקיבא לאָזט זיך אויפגיך צו דער טיר אַרויס, האָט זי אים אַפילו ניט געקאָנט פאַרהאַלטן און אָפּשטעלן. זי איז געבליבן שטיין אַ שיינענדיקע און אַ גליקלעכע. דאָס לעבן אַליין האָט איר אונטערגעטראָגן אַזאַ גרויסע, טייערע מתנה — עקיבאן.

די נייע דינסט, צוגעשטעלט געוואָרן צו זען און צו הערן וואָס ביי איווען אין צימער קומט פאָר, ווער ס׳גייט אַהין אַריין און אַרויס, איז נאָך עקיבאס אַוועקגיין אַוועקגעלאָפן גלייך צו אַלעקסאַנדערס שוועסטער, צום אַדוואָקאַטס ווייב, צו יהודיתן, דערציילן, אַז נאָר וואָס האָט זי אַליין געהערט איווען לאַכן. דעם אַדוואָקאַטס ווייב האָט עס ניט געוואָלט גלייבן: גיי שוין גיי, פאַר די צען יאָר, וואָס מיר קענען זי האָבן מיר נאָך קיינער ניט געהערט זי לאַכן... — די דינסט האָט אָבער געשווירן, געכאַפּט די ערד: זי זאָגט קיין ליגן ניט. איז יהודית אַוועק מיט דער נייס צו דער יינגערער שוועסטער,

צו אסתרן, און ביידע זיינען דאָרטן געקומען צום אויספיר, אַז דער קלעזמער איז טאַקע געוואָרן עפּעס צו אַן אָפּטער אַריינגייער צו איוון...

די נאַכט גייט. נאָר אונטער דעם גרינעם אַבאַזשור, נאָך אַלץ ניט קיין צעוויקלטס, נאָך אַלץ מיט די געפלאָכטן־ליינענע פעדעם וואָס איז אויף גיך איבערגעבונדן געוואָרן, ליגט דאָס פּעקעלע ניט קיין גערירטס. זיין טויט, די לוויה, טרעט פון איר ניט אָפּ, ווערט אויף אַ רגע ניט פאַר־טונקלט. די לוויה איז געווען אַ שרעקלעכע. ווי נאָר מ׳איז אין פעלד אַרויסגעפאָרן האָט גענומען ווייען, און דער וועג איז פאַרלוירן געוואָרן. זי געדענקט ניט, איווע, וויפל דאָס ווייען האָט געדויערט — אַ שעה, צי גאָר דריי מעת־לעת... נאָר ווען זי האָט די אויגן געעפנט, איז די פור מיטן מת, פאַרווייעט מיט שניי, געשטאַנען הינטער אַ סקירדע שטרוי און אַרום איז געווען שטיל און ווייס. די פערד האָבן פאַררוקט די קעפּ אין דער סקירדע און הילכיק געשמאַק געריבן די הרעטשענע שטרוי. „דער שטילער זומער״ שאַרט מיט די נאַקעטע הענט דעם אָנגעווייעטן שניי פונעם מת. אַלע מאָל פאַרט אָן פון די אַרומיקע דערפער און כוטאָרס אַ נייע פור — די באַיאַרס פאָרן צו דער לוויה. דער דאָקטער בעט זיך ממש מיט טרערן, און דער טאַטע אירער שרייט אויף איר: וואָס וויל זי, איווע, זיך אומברענגען? די זאַווערוכע קאָן ווידער אַמאָל זיך אויפהייבן, זי הערט דען ניט ווי די פערד כראָפּען? מיטן מת קאָן מען דאָך ניט פאָרן גיך. זי, איווע, דאַרף פאָרן אַפּריער. ביי דער קבורה וועט זי ביי־זיין.

נאָר איווע איז אויף דעם ניט איינגעגאַנגען — זי וועט באַגלייטן דניאלן אין זיין לעצטן וועג. פאַר נאַכט האָט מען אים צו קבורה געבראַכט. דער פראָסט איז געווען אַזאַ שטאַרקער, אַז ס׳איז אוממעגלעך געווען אויס־צוהאַקן די געהעריקע קרקע. די ערד איז ניט פאַרפרוירן, נאָר פאַר־שטיינערט געוואָרן. און מ׳האָט דניאלן כמעט אַ האַלב־זיצנדיקן אַריינגע־לייגט אין קבר. דערצו נאָך די אויפגעהויבענע האַנט זיינע — מ׳האָט זי בשום־אופן ניט געקאָנט אויסגלייכן. איוון האָט געדאַכט: דניאל וויל ניט גיין אין קבר, מ׳לייגט אים אַהין מיט גוואַלד אַריין...

און ווידער און אָבער אַ מאָל שטעלט זיך פאַר אירע אויגן — נאָך דער קרענק גרעסער געוואָרענע, מיט דעם אומבאַהאָלפענעם נקמה־פייער

אין זיי — די נאַכט פון דניאלס טויט, יענע פאַרשאָלטענע און געבענטשטע נאַכט. יענע נאַכט, אין וועלכער זי האָט זיך ווידער דערזען און געפונען. דעמאָלט, אומקערנדיק זיך צו פאַרטאָג־צו אין טאַטנס שטוב אַריין, ערשט די שוועל פון שטוב איבערגעטראָטן, קוים באַוויזן דעם מאַנטל אויסצוטאָן, שטייט פאַר איר אַלעקסאַנדער, נעמט זי גראָב אַרום און שלעפּט זי אין בעט אַריין. אויף אַ רגע בלייבט זי ווי איינגעגראָבן אין דער ערד. אַ גלי־ענדיקע חרפּה און אַן אוממענטשלעכער ווייטיק כאַפּט זי אַרום — אַ חרפּה פאַר זיך אַליין אַלס מענטש און אַ ווייטיק פאַר זיך אַלס פרוי... באַלד אָבער האָט זי זיך פון זיינע הענט אַרויסגעריסן, און, אומגעריכט פאַר זיך אַליין אים אַראָפּגעלאָזט אַזאַ פּאַטש, אַז אַלע ציינער האָבן אים אין מויל אַ קלונג געטאָן.

— דאָס איז דיר פאַר אַלע צען יאָר!

ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער. דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— ביסט פון זינען אַראָפּ?

— ניין, כ׳בין געקומען צום זינען.

— דעם פּאַטש וועל איך ניט קאָנען פאַרגעסן. איך וועל דיר אים ניט מוחל זיין. דאָס איז אַ פּאַטש פון אַ שונא.

— פון דיין גרעסטן שונא! — און כדי ניט אַרויסצורופן קיין רייד צווישן די ברידער און די שוועגערינס, האָט זי אין דעם מאַנטל זיך צוגעשפּאַרט אויף דעם סאָפקעלע, ביז ס׳וועט טאָג ווערן. גאַנץ פרי איז אַלעקסאַנדער אַליין אַוועקגעפאָרן מיטן אַשמדאַי אַהיים.

דאָס פּעקעלע, אַ באַלויכטנס אונטער דעם גרינעם אַבאַזשור, ליגט נאָך אַלץ ניט קיין אָנגערירטס. דאָס צימער אַ גרויס, אַ ליידיקס, וואָס טיפער אין אים — געדיכטער די פינצטערניש, קעלטער. אַחוץ דעם נאַקעט־קיילעכדיקן רויטפּאָלירטן טישל, דעם שמאָלן ווייסגעפאַרבטן אייזערנעם בעטל און דעם בילד אויף דער וואַנט — די קו מיטן אָפּגעבראָכענעם האָרן, וועלכע איז מיט דעם אויסגעצויגענעם קאָפּ צווישן די שטאַכעטן געווענדט צום בערגל, צו די עטלעכע נאָר וואָס אויסגעשפּראָצטע גרעזע־לעך, און אַרום נעפּל און טונקל־געוואָרענע שנייען, איז דאָ אין צימער כמעט מער גאָרנישט ניטאָ. אויף דער שווערער דעמבענער טיר, הינטער

אַ ליילעך העגנגען אירע אַמאָליקע מיידלשע קליידער. אַלץ דאָס איבעריקע, דעם ערשטן טאָג באַלד נאָכן אומקערן זיך פון דניאלס לוויה, שוין אַ קראַנקע, פון יענער זייט שוועל אַרויסגעשטעלט און אַרויסגעוואָרפן.

קיינער לייגט זיך ניט אין שלום אַריין, קיינער ווייסט אויך ניט, וואָס דאָרטן, בעת דער נסיעה צו איר קראַנקער מוטער, איז צווישן זיי פאָר־געקומען און געטראָפן. מ׳הערט אויך ניט, אַז איינער דעם צווייטן זאָל אַ טענה, אַ פאָדערונג אַרויסשטעלן. ס׳שטייט אַ שטילקייט, אָבער פון יענע שטילקייטן, וואָס ווייען מיט קריג און מחלוקת. בעת דער שווערער קרענק, דאָס האָבן אַלע באַמערקט, איז אַלעקסאַנדער קיין איין מאָל צו איר ניט אַריין — כסדר מיט דער מאַמען זיינער, און דאָס אויך ניט אָפט, און אויך נאָר דעמאָלט, ווען דער דאָקטער אָדער אַנדערע זיינען געווען ביי דער קראַנקער.

דאָך, אין די ערשטע וואָכן, ווען איווע האָט זיך צווישן הימל און ערד געפונען, פלעגט אַלעקסאַנדער אַלע פאַר נאַכט, אין די בין־השמשותן, פאָדערן ביים דאָקטער, וואָס קומט יעדן טאָג אין דער צייט אויף צו בלייבן אויף אַ גאַנצער נאַכט לעבן דער קראַנקער, אַז דער דאָקטער, זאָל זיך פאַר גאָרנישט ניט אָפּשטעלן — זאָל מען אַלע טאָג, אַפילו צוויי מאָל אין טאָג ברענגען דעם פּראָפעסאָר עפּראָס, זאָל מען ווידער צונויפרופן די פּראָ־פעסאָרן פון שטאָט. ניט חלילה דערפאַר, ווייל ער, אַלעקסאַנדער, גלייבט ניט אין איליאַ איליטשן... אָ ניין, נאָר...

האָט דער דאָקטער רעמעז אין יענע טעג נאָך געגלייבט אין אַלעק־סאַנדערס רייד און אין זיין צער, האָט אים געמונטערט און געטרייסט: מ׳דאַרף ניט אַריינפאַלן אין ייאוש, מ׳דאַרף וואָס ווייניקער פּראָפעסאָרן און דאָקטוירים. זי דאַרף וואָס מער רו. ער, איליאַ איליטש, ניט געקוקט אויף איר שווערן צושטאַנד, גלייבט זייער אין איוועס געזונטן אָרגאַניזם, און דער עיקר — אין איר לעבנסדאָרשטיקייט.

שפּעטער, ווען איווע האָט אָנגעהויבן צו־זיך קומען, האָט אַלעקסאַנדער כמעט אויסגעמיטן דעם דאָקטער. דער דאָקטער האָט שוין געוווּסט „פאַר וואָס". אמת, ווען ניט עקיבא, וואָלט ער, איליאַ איליטש, מיט זיין תמימות און גלויבן אין מענטשן, אַזוי גיך עס ניט דערזען און עס ניט באַמערקט.

וואָס ווייטער, איז פאַרן דאָקטער קלאָרער געוואָרן: אַלעקסאַנדער האָט געוואָרט אויף איוועס טויט. איר טויט וואָלט אים באַפרייט פון אַ סך ניט־אָנגענעמלעכקייטן און זאָרגן. אין פרעמדע אויגן וואָלט ער געווען דער אומגליקלעכער מאַן, וואָס האָט זיך אַזוי מפקיר געווען, געשאָטן מיט גאָלד, ממש אונטערגעלייגט אונטער דער קראַנקער די הענט... נאָר דאָס אומגליק איז געשען. און אַלעקסאַנדער וואָלט נאָך שלושים אָפּגעשפּילט די נייע חתונה.

דער דאָקטער האָט פאָרט מורא, אַז ווען איווע וועט געזונט ווערן, זאָל ווידער צווישן זיי קיין פשרה־שלום ניט ווערן. אין איינעם אַ פאַרטאָג, ווען דער דאָקטער איז געזעסן לעבן איוועס בעט, האָט זי אים אָבער פּלוצעם געזאָגט:

— איליאַ איליטש, ווי נאָר איך וועל זיך שטעלן אויף די פיס, גיי איך פון אָט דער שטוב אַוועק!

דער דאָקטער, הגם ער ווייסט אַלץ, וואָס דאָ אין שטוב קומט פאָר, און הגם ער האָט גוט געזען, ווי דער שפּיגוועבס, אין וועלכן זי האָט זיך, ווי אַ פליג, געשלאָגן, איז נאָך בעת דער נסיעה צו דניאלן צעריסן געוואָרן, קיין שלום, פאַרשטייט ער, אַפילו קיין אויסערלעכער, אַפילו פאַר דער וועלט, קאָן שוין קיין מאָל צווישן איר און אַלעקסאַנדערן ניט זיין, — דאָך דערהערט פון איר, פאַר אַלע יאָרן, דאָס ערשטע מאָל אַזעלכע קלאָרע, רויִק־באַטראַכטע אַרויסגעזאָגטע רייד, בלייבט ער זיצן אָן אָטעם. איווע זעט, ווי דער דאָקטער נעמט אַראָפּ די ברילן, לייגט זיי איבער פון איין האַנט אין דער צווייטער, שויבערט די באָרד און שמייכלט משונה, חזרט זי נאָך אַ מאָל איבער:

— יאָ, ווי נאָר איך שטעל זיך אויף די פיס, גיי איך פון אָט דער שטוב אַוועק.

אין אַ רגע אַרום גיט זי צו:

— פאַרשטייט זיך, מיטן קינד... דאָס קינד וועט ער קאָנען זען, ווען ער וועט וועלן. נאָר אויסהאַלטן און דערציִען וועל איך דאָס קינד אַליין.

ביים דאָקטער פאַרמאַכן זיך די אויגן — מידע און רויטע פון די שלאָפלאָזע נעכט. פון אירע ווערטער שטעלט זיך אים אָפּ דאָס האַרץ, און ער טוט מיט אַ מאָל אַ פאַל צו אירע פיס. זי שטעלט אים ניט אָפּ. ער רעדט

עפּעס גיך און הייס. זי הערט ניט קיין ווערטער. עס כאַפּט זי אויך אַרום אַ וואַרעם געפיל צו אָט דעם מענטשן, וואָס זיצט שוין באַלד צוויי חדשים נאַכט נאָך נאַכט, צו מייסטנס אין צווייטן צימער, און הערט זיך צו פון דאָרטן, פון הינטער דער טיר, צו איר יעדן אָטעם... ציט זי אַרויס פון אונטערן צודעק די נאַקעטע האַנט און לייגט זי אויף זיין קאָפּ אַרויף. ער קושט איר די פינגער:

— מיין שטוב איז דיין שטוב... דיין קינד וועט זיין מיין קינד...

— איך ווייס, איך ווייס... — און ווי דעמאָלט אין אָוונט, און איר טאַטנס שטוב, דאָרט הינטער די פּיקוסן, האָט זי זיך דערשראָקן פאַר זיין בעטנדיק־מאָנענדיקן „איווע", אַזוי אויך איצט דערשרעקט זי זיך פאַר „מיין שטוב איז דיין שטוב". זי באַפרייט פון אים איר האַנט:

— איך ווייס, איך ווייס... אַ גרויסן דאַנק אייך פאַר אַלץ!

פונעם דאָקטערס שווערן זיפץ און פון דעם, ווי אַזוי ער בלייבט זיצן מיטן טרויער אויפן פּנים, באַקומט זי אויף אים רחמנות.

— איליאַ איליטש, איר זייט פאַר מיר דער סאַמע ליבסטער מענטש.

— ליבע מענטשן, — זאָגט דער דאָקטער, און אויף זיין פּנים באַווייזט זיך אַ ביטערער שמייכל, — ליבע מענטשן זיינען פאַראַן אַ סך אויף דער וועלט.

זי האָט אים אויף דעם גאָרנישט ניט געענטפערט.

פון יענעם פאַרטאָג אָן איז זי בכלל אַנטשוויגן געוואָרן.

איר שווייגן האָט אויף די קרובים קיין גרויסן רושם ניט געמאַכט, קיין באַזונדערן חידוש ביי קיינעם פון זיי ניט אַרויסגערופן. אויך פריִער, אַלע צען יאָר, איז זי קאַרג געווען אויפן וואָרט. אַפילו דעם שווער, דעם שטילן נתן לאַנדע, וואָס גייט אַרום אויף דער וועלט אין ווייסע וואָלענע זאָקן, האָט מורא פאַר אַ קאַץ און פילט זיך דאָ אין שטוב אויך ווי אַ פרעמדער, — אַפילו אים פלעגט זי ענטפערן קורץ, תמיד דייטלעך, קלאָר, ווי געגעבן דערמיט אָנצוהערן: אַלץ, וואָס ס'איז געווען צו ענטפערן, איז געזאָגט געוואָרן. אויך פריִער איז זי געווען מיט אַלעמען קאַלט, אָבער זייער העפלעך... די ערשטע צייט האָט אָט די העפלעכקייט אירע אַריינגעבראַכט אַלעקסאַנדערס שוועסטער אין גרימצאָרן. שפּעטער איז מען צו

איר אַרט ריידן און אויפפירן זיך געוווינט געוואָרן. מ׳האָט עס אַפילו געהאַלטן פאַר אַ מעלה. דער אַלטער נתן לאַנדע פלעגט זאָגן דעם ווייב, דער סוחרטע:

— נעמי, נו, מילא, פּטור... דו זעסט אין איר הוילע חסרונות, צוליב שלום־בית, נעמי, דאַרף מען אויף אַ סך זאַכן פאַרמאַכן די אויגן. זיי ניט קיין מחרחר־ריב, צעבלאָז ניט קיין שׂנאה צווישן זיי. ביי איוועץ מעגן זיך אַנדערע לערנען לייטישקייט.

אויף דעם, וואָס איווע האָט אין דעם ערשטן טאָג פון איר אומקערן זיך פון דער נסיעה אַרויסגעוואָרפן פון איר צימער אַלע קליידער און אַליין דאָס מעבל אַרויסגעשטעלט, אויף דעם האָט ער אויך געפונען אַ פאַרענטפערונג:

— פאַרגעסט ניט, אַ מענטש איז ניט ערוב פאַר זיינע מעשׂים אין אַזאַ מצב. ס׳איז טאַקע חוץ לדרך הטבע, משונה ווילד, ס׳איז טאַקע מוקשה, שווער צו פאַרשטיין, גאָר פאַרגעסט ניט, אַז זי איז אַ מר־נפש, אַ פאַר־ביטערטע נשמה, זי האָט איבערגעטראָגן דאָרטן עינויים־קשים, שווערע ליידן, פאָרט אַ טאָכטער. נעכע איז אַזוי מסוכן קראַנק... גייט שוין, גייט! יענער איז שוין אַ שוכן־עפר, אויף דער אמתער וועלט. וואָס איז פאַראַן וואָס צו ריידן וועגן אים... נעמי, רייד ניט אויף איר קיין לשון הרע. ס׳וועט איבערקאָכן. ס׳איז דאָך שוין אַזוינס אויך געווען... אויב זי האָט זיך דענסטמאָל פון אים ניט מתבודד געווען, זיך פון אים ניט אָפּגעזונ־דערט, וועט זי אַצינד אַוודאי און אַוודאי ניט... ס׳איז פאַראַן, ברוך־השם, אַ קינד. דאָס קינד האָט זי ליב. מישט זיך ניט, פאַרמאַכט די אויגן. ס׳וועט איבערברענען. אויף מחלוקת שיטן אַלע מיסט. יעדער איינער אַ ביסעלע, אַ קאַפּעלע, אַ הייפעלע — און די מחלוקת וואַקסט!... פּתח בכד וסיים בחבית — מ׳הייבט אָן פון אַ קריגל און מ׳פאַרענדיקט מיט אַ פאַס. אַ מחלוקת איז פייער. וואַרף ניט, נעמי, קיין פייער אין דיין אייגענער שטוב!

און ווען דאָס ווייב, די סוחרטע, פרעגט אים: נאָך וואָס האָט זי, איווע, נאָך דעם, ווי זי האָט אַרויסגעוואָרפן די קליידער, דאָס מעבל פון צימער, נאָך וואָס האָט זי באַדאַרפט גיין אין תפיסה אַריין צו יענער משומדתטע, צו דער ביירוס? ס׳איז נאָך אַ גליק, וואָס מ׳האָט זי צו יענער ניט צוגע־

לאָזט. איבער יענער איז דאָך שיר אַ שטאָט מיט יידן ניט געקומען צו אַ גרויסן גזר... און וואָס איז געווען איר, איוועס, עסק צו געבן דאָרטן אין דאָרף אַ חתימה דעם זשאַנדאַרמישן פּאָלקאָווניק, דעם קאַבלוקאָוון, פאַרן סאָלדאַט? וואָס הייסט, זי נעמט אים אויף איר אחריות?

אויף דעם ענטפערט ווידער דער אַלטער נתן לאַנדע:

— וואַרף ניט, נעמי, קיין פייער אין דיין אייגענער שטוב...

און דאָס פייער אין שטוב איז טאַקע דערווייל פאַרבאָרגן, פאַרשטיקט און פאַרהוילן פאַר פרעמדע אויג־און־אויער — שונאים זאָלן ניט וויסן, ניטפאַרגינערס זאָלן זיך ניט פרייען. אַריינפאַלן אין פרעמדע מיילער — פאַר דעם האָבן די לאַנדעס מורא אימת־מוות. די צוויי שוועסטער — אסתר און יהודית, ביידע האַלטן זיך פאַר די גרעסטע יחסנטעס און שיינהייטן אין שטאָט. ביידע מיטן גאַוודיקן ערנסט ניט נאָר פאַר אַנדערע, נאָר אויך איינע פאַר דער צווייטער; די צוויי שוואָגערס — דער חלוש יונה וואַנדער, דער שותף אין דער שוויגערס געשעפטן, און דער אַדוואָקאַט, דער כלל־טוער כאַנאַן איסייעוויטש לעווי, וואָס שמט פאַר אַ גאָלדענער צונג און אייזערנעם מוח, — זיי אַלע, באַזונדערס אין אַלעקסאַנדערס בייזיין, ריידן ניט וועגן איר. זיי גיבן אים דערמיט אָנצוהערן: זיי וויסן, וואָס ער, אַלעקסאַנדער, האָט פאַרטראַכט, זיי זיינען מיט אים אין גאַנצן מסכים. שוין לאַנג צייט געווען צו מאַכן מיט איר אַ סוף. נאָר זיי ווילן איינס: ס׳זאָל געטאָן ווערן שטיל און לייטיש.

דאָס פייער אין שטוב איז דערווייל פאַרשטיקט אויך צוליב אים, צוליב דעם מיזיניק, צוליב דעם בן־זקונים — אַבנרן, דעם דרייסיקיאָריקן בחור, דעם געוועזענעם סורר־ומורה, וואָס האָט זיך אומגעקערט צוריק אַהיים, נאָך לאַנגע יאָרן וואַנדער־און־זוכעניש איבער דער וועלט, אַ בעל־תשובה. ער האָט אָנגעטאָן אַ קאַפּאָטע און גייט אַלע פאַרטאָג און פאַרנאַכט מיטן אַלטן טאַטן אין בראַסלאַווער שולכל. ער קומט צו גיין אַהין, אַבנר, אַ געבויגענער, שטעלט זיך אַוועק מיטן פנים צו דער וואַנט, און מ׳זעט נאָר, ווי די אַקסל צוקן זיך ביי אים. ס׳טרעפט אויך: דער בעל־תשובה וויינט אויף אַ קול... אין שטוב מישט ער זיך צו גאָרניט, עסט זייער קנאַפּ, שלאָפט כמעט ניט, דרייט זיך אַרום איבער די גרויסע, ליידיקע רייך מעבלירטע

צימערן, איבער די קאָרידאָרן פֿונעם פֿירגאָרנדיקן מויער, איין האַנט פֿאַרלייגט הויך אויפֿן רוקן, מיט דער צווייטער צופּט ער דאָס געקרייזלט־בלאָנדע בערדל. אָפּט מאָל זעט מען אים זיצן איבערן שאָך־ברעטל — ער שפּילט מיט זיך אַליין אין שאָך. אים, אַבנרן, קאָן מען ניט, פֿון זינט ער האָט זיך אַהיים אומגעקערט, שוין באַלד אַ יאָר, פֿון זיין פֿאַרטראַכטקייט אַרויסשלאָגן.

שטייט אין שטוב אַ שטילקייט. אין דרויסן — אַ פּראָסטיקע נאַכט. אַ רויטלעכע לבנה, — אַ שטיק פֿון איר אָפּגעבראָכן, אַ סוף־חודשדיקע. זי קוקט גלייך אין פֿענצטער אַריין. איווע ווייסט: קיינער וועט צו איר ניט אַריינקומען. אַחוץ עקיבאן קומט בכלל צו איר קיינער ניט. שיפֿרה באַווייזט זיך די לעצטע צייט פֿאַר די אויגן ניט. מיט וואָס האָט זי, איווע, קענן איר זיך פֿאַרשולדיקט? דער דאָקטער איז שוין אויך באַלד צוויי וואָכן ביי איר ניט געווען.

דאָס פּעקעלע, אַ באַלויכטנס אונטער דעם גרינעם אַבאַזשור, אין שוואַרצן איינגעוויקלט, ווי דניאל וואָלט דערמיט געזאָגט: „קיין פֿרייד זוך ניט דאָ", ליגט נאָך אַלץ ניט קיין אָנגערירטס. איווע הערט, ווי די קו מיט דעם אָפּגעבראָכענעם האָרן רעוועט, די פֿערד הינטער דער סקירדע קייען הילכיק די הרעטשענע שטרוי... זי זעט: דניאל מיט דער אויפֿגעהויבענער האַנט וויל ניט קריכן אין קבר אַריין; די מאַמע מיט דעם וויים־אָפּגעשוירענעם קאָפּ, אין דעם לאַנגן העמד, אַ באָרוועסע, יאָגט זיך איבערן הויף נאָכן אייניקל און וויל צונעמען ביי דעם קינד דאָס געפֿאַרבטע שפּילכל.

ענדלעך טוט זי אַ צי פֿאַרן עק פֿאָדעם — דער שלייף איז צעבונדן. מיט אינערלעכער ציטערניש, ווי צו אַ ווונד, וואָס נאָך איידער מ'רירט זיך־צו צו איר, דערפֿילט מען דעם גרויסן ווייטיק, און איינצייטיק אויך ווי צו אַ הייליקייט, נעמט זי צעוויקלען דאָס פּעקעלע. דאָס פּאַפּיר פֿון יאָרן לאַנג ליגן — טונקל־געל, צונויפֿגעקאָרטשעט, די ברעגן אַרומגעברענט, געווען שוין אין פֿייער, דערנאָך אַ פּנים איבערגעטראַכט און עס פֿון פֿייער אַרויסגעכאַפּט. יאָ, דאָס איז דניאלס כתב, זיין אַלכסונדיקע האַנטשריפֿט, די לענגלעך־שפּיציקע אותיות, צו איר געשריבענע און

ניט קיין אָפּגעשיקטע... פאַר דעם איז זי ניט ברוגז און האָט פאַר דעם קיין טענה ניט. זי אַליין האָט אויך איין מאָל געפּרוּווט אָנשרייבן, ניט געקאָנט אָבער געפינען פאַר אירע געפילן און צושטאַנד אַזעלכע ווערטער, מיט וועלכע זי זאָל קאָנען זאָגן דעם גאַנצן אמת און דערביי זאָל זי אַליין ניט דערנידעריקט ווערן. און דער עיקר האָט זי מורא געהאַט אַרויסצורופן ביי דניאלן רחמנות. אָדער נאָך ערגערס: פון רחמנות־וועגן, אויף דער הייסער רגע, וועט ער זיך ברענגען אַלס קרבן פאַר איר. און שפּעטער וועט ער זיך מאַטערן דאָס גאַנצע לעבן אין פאַרבאַרגענער חרטה. דעם בריוו האָט זי ניט אָפּגעשיקט. ער ליגט נאָך ביז היינט אין איר קעסטעלע. דאָס זעלבע איז אויך געווויס פאַרגעקומען מיט דניאלן.

זי לייענט מיט ציטערניש איין בייגעלע נאָכן צווייטן. אַ סך שורות זיינען אויסגעצוויטעט און פון דער צייט אָפּגעמעקט געוואָרן. ניטאָ צו איר קיין רוף און קיין ווענדונג. דאָס זיינען אַפילו ניט קיין בריוו, נאָר אַ פאַרשטיקט געשריי. אַ געשריי, וואָס גייט דיר אַרום איבערן רוקן, ווען דו זעסט אַ שלעכטן חלום. די טעג האָט זי, איווע, אַזאַ חלום געזען. אַ שרעקלעכער חלום געווען. זי האָט געוואָלט שרייען, נאָר ניט געקאָנט. דאָס געשריי איז איר בלויז איבערן רוקן אַרומגעגאַנגען.

אויף יעדן בייגעלע נאָר עטלעכע שורות. און יעדעס בייגעלע הייבט זיך אָן מיט די זעלבע ווערטער: „איך בין אַליין. איז דען אונדזער גאַנצע ליבע געווען ניט מער ווי אַ שפּיל, אַ פאַרבלענדעניש? ניט מער ווי אַ שקאַצעריי פון אַ ווילדער וואַלדמויד? האָב איך אָנגענומען די פליגל פון אַ ווינטמיל און געטראַכט אויף זיי צו פליִען? כ׳האָב געוואַרט אויף דיר אַ גאַנץ יאָר. כ׳בין געווען זיכער, אַז דו וועסט אויסזעצן דאָרט אַלע פענצטער, וועסט צעברעכן אַלע שפּיגלען און וועסט זיך אומקערן צו מיר. ווי וויט מ׳זאָל די טויב ניט פאַרטראָגן פון איר נעסט, געפינט זי דאָך דעם וועג צוריק... כ׳האָב געהאָפט, אַז דו וועסט זיין מיין ליד, און דו ביסט געוואָרן מיין צער, דער כוס פון מיין פּיין...

...איך בין אַליין. נאָר איך האָף און גלייב... כ׳דריי זיך אַליין אין דעם ווירבל־ווינט, דאָס וויקל־גראָז פּענטעט מיר די פיס, ס׳נאָגט אַ ווייַ אין האַרצן, כ׳קאָן ניט צוזען, ווי דורך מיין טאַטנס אויגן קוקט אַרויס דער

פֿאַלקס־אומגליק, און אין מײַנע אויגן לעשן זיך אַלע פֿאַרבן, ס'לעשט זיך דאָס פֿײַער פֿון ווילן און ווינטשן, דאָס פֿײַערל פֿון בענקעניש, דער כּוח פֿון שלעפֿן די וואָך און דעם יאָך. איבער מיר הענגט אַ שווידערפֿולע נאַכט, נאָר איך האָף און גלייב...

...איך בין אַליין. ניטאָ יענע געטרוימטע הייך־וועגן, יענע ווײַט־וועגן, יענע טיף־וועגן. די וועגן מײַנע זײַנען באַדעקט מיט שאַרפֿע שטיינער, די פֿיס זײַנען צעבלוטיקט. נאָר איך האָף און גלייב... מײַנע אויגן טרערן פֿונעם גרויען שטויב, אויף מײַנע ווײַעס געדיכטע נעפּלען, און דאָס גאַנצע פֿײַער פֿון מײַן נשמה קאָן זיך ניט דורכשלאָגן דורך זיי. פֿון די ווינטער־דיקע פֿעלדער ווײַעט מיט ווײַסן טרויער, נאָר איך האָף און גלייב...

... איך בין אַליין. איבער מײַן קאָפּ ברויזט אַ שווידערלעכע נאַכט, נאָר איך שילט קיינעם ניט, ווײַל די ערשטע קללה דאַרף אויף מײַן קאָפּ פֿאַלן. איך האָב געזוכט אין לעבן דעם יום־טובֿ, איך האָב געוואַרט אויף די געגרייטע טישן, וואָס וועלן געשפּרייט זײַן מיט זייד, מיט גאָלד־געשטריקטע טישטעכער. כ'האָב געוואַרט, אַז אָט וועט מען מיר אונטערטראָגן דעם אַלטן ווײַן אין אַ קרישטאָלענעם כּוס... כ'האָב געמיינט, אַז דו וועסט מײַן ליד זײַן, און דו ביסט געוואָרן מײַן צער, דער כּוס פֿון מײַן פּײַן. מײַנע אויגן בלאָנקען אַרום איבער פּוסטע פֿעלדער. איך וואָגל איבער זיי און זוך גאָרניט. מײַן נשמה, וואָס איז אַ מאָל פֿאַרכּישופֿט געווען, פֿלאַטערט איצט איבער די פּוסטע פֿעלדער, אַן אונטערגעשניטענע פֿונעם טויט. מײַן לאַנגער האַרבסטיקער טאָג גייט צום סוף. אין מײַן נשמה דערטריקענען שוין אַלע קווייטן, נאָר איך האָף און גלייב...

... איך בין אַליין. ניטאָ יענע טעג, ווען מײַן אויג האָט זיך געבאָדן אין בונטקייט פֿון צוויט, מײַן האַרץ האָט געבליט, איך בין אַרומגעגאַנגען איבער די פֿאָלעסיער זומפּן אַ פֿאַרכּישופֿטער. ס'האָט מיר געדוכט — איך בין אַרײַן אין דער סאַמע טיף פֿון לעבן, אין דער שטילער פֿרייד פֿון זײַן... יענע טעג האָבן שוין לאַנג אָפּגעברענט, און ס'האָבן שוין אויך אָפּגעברענט און ס'זײַנען פֿאַרלאָשן געוואָרן די קאַלטע שײַטערס פֿון די געל־פֿלאַמיקע בערעזעס, די פֿאַרבן פֿון בלעטערפֿאַל. מײַנע טעג ווערן אַלץ קירצער און די נעכט אַלץ לענגער און פֿינצטערער. נאָר איך האָף און גלייב...

...איך בין אַליין. אין די נעכט האָב איך דיך געזוכט אויף מיין געלעגער. דו ביסט מיר געלעגן אויפן דנאָ פון מיין נשמה, דו ביסט געווען דער נר־תמיד אין מיין האַרצן. ביי דער שיין פון יענעם פייערל האָב איך געלעבט אין די לאַנגע פינצטערע נעכט. אָפט פלעגט זיך מיר חלומען אַ הייסער דאַרשטיקער חלום, אַ חלום, וואָס וועט קיין מאָל ניט מקוים ווערן. נאָר איך האָף און גלייב...

...איך בין אַליין. יעדער פויגל האָט זיין ליד און האָט זיין נעסט. איך בין פאַרבליבן אָן אַ ליד. כ׳האָב געגלייבט, אַז דו וועסט זיין דאָס ליד פון מיין לעבן... וואָס קאָן דער זיין שרעקלעכער, שוידערלעכער, ווי צו בלייבן אָן דעם אייגענעם ליד? כ׳גיי אַרום, ווי אויף אַ בית־עולם, אַ שטומער...״

ווייטער צו לייענען איז איווע מער ניט געווען בכוח. דאָס ניט דער־לייענטע פאַרגעלטע און צעקנייטשטע, פון פייער־אַרומגעברענטע בייגעלע פאַפיר פאַלט פון אירע הענט אַרויס. זי בלייבט זיצן מיט די אויסגעצויגענע הענט אויפן טישל, ווי פאַרשטאַרט. איבערן גאַנצן לייב גייט איר אַ שטע־כיקע קעלט. אויך טוט איר אַלע מאָל אַ שלאָג אַ היץ אין פנים אַריין. און דאָ דערהערט זי — מ׳קלאַפּט אין איר טיר. וויל זי אַ געשריי טאָן:

— גייט ניט אַהער!

נאָר דאָס קול איז פאַרפאַלן געוואָרן.

ס׳קומט אַריין שטיל, אין דעם ווייסן פאַרטעכל, מיטן ווייסן אייבערל אויפן קאָפּ, דאָס נייע דינסטמיידל, וואָס פאַר דער קורצער צייט פון איר דינען דאָ איז איר פנים קיילעכדיק און פאַררויטלט געוואָרן. אין דער פאַררויטלטקייט פונעם מיידלס פנים זעט מען דעם סוף פון אַ זייער לאַנגן תענית און דעם אָנהייב פון אַ צופרידענער זעטיקייט.

— כ׳האָב שוין עטלעכע מאָל געקלאַפּט צו אייך, ענטפערט איר ניט. זי זיצט דאָך שוין זייער לאַנג ביי מיר. כ׳האָב פאַר איר געשטעלט דעם סאַמאָוואַר... נאָר ווו זאָל איך זי לייגן שלאָפן? כ׳בין געגאַנגען צו שיפרהן, האָב איך זי אין דער היים ניט געטראָפן...

— וועמען לייגן שלאָפן? נאָך וואָס ביסטו געגאַנגען צו שיפרהן?

— אייער מומע איז געקומען צו פאָרן. שיפרהס מאַמע.

— מיין מומע ליבע?

— זאָל איך זי גיין רופן?

— איך וועל אַליין... — און איוועלאָזט זיך אין קיך אַריין, ווו ס׳זיצט די מומע ליבע.

— אוי, מומעניו, — פֿאַלט איר איווע אַרויף אויפן האַלדז, — אוי, האַרציקע, פֿאַר וואָס זייט איר גלייך צו מיר ניט אַריין? אוי, מומע מיינע, טייערע!

— אַז מ׳קומט צו גאַסט, — זאָגט די מומע ליבע מיט איר שמייכל און באַטראַכט דערווייל איוועס פֿאַרענדערט אויסזען, איר אויסגעמאַטערט־קייט, די גרעסער געוואָרענע אויגן, — אַז מ׳קומט צו גאַסט, איוועניו, איז גלייכער אַנצוהויבן פֿון דער קיך. ערשטנס דערוויסט מען זיך דאָ אַלע נייסן... און, צווייטנס, איז בעסער, ווען מ׳פֿירט דיך פֿון קיך אין זאַל אַריין, איידער, חלילה, פֿאַרקערט.

— יאָ, מומע מיינע, האַרציקע, — טוט איווע אַ פֿאַרמאַך־צו ביידע אויגן, ווי דער טאַטע אירער גבריאל באַיאַר. — איר זייט גערעכט. מיך האָט מען פֿאַרפֿירט אין זאַל אַריין מיט גוואַלד. ווער, ווער, נאָר איר ווייסט דאָך גוט... — זי וויל נאָך עפּעס צוגעבן, נאָר זעענדיק, ווי דאָס דינסטמיידל שטעלט אָן מויל און אויערן, נעמט זי די מומע אונטער דער האַנט, — איר זייט ביי מיר אַזאַ גרויסער גאַסט. קומט, מומעניו, כ׳האָב אייך אַזוי פֿיל צו זאָגן און צו פֿרעגן, אַז די גאַנצע נאַכט וועט זיין צו קליין...

די מומע ליבע דאַרף אויך אַ סך פֿרעגן. פֿאַר דער צייט, וואָס זי איז אין קיך געזעסן, איז איר האַרץ נאָך אומרו:קער געוואָרן: מילא, דאָס, וואָס שיפֿרה האָט זיך אין אַן אַנדער דירה איבערגעקליבן, דאָס איז אַפֿילו גוט און קלוג. ביז דער חתונה ווינט מען ניט מיטן חתן אונטער איין דאַך. נאָר פֿאַר וואָס האָט זי אויפֿגעהערט צו גיין אַהער? און ווו קאָן זי עס אַרומגיין אין אַזאַ שפּעטער שעה? דאָס מיידל איז געגאַנגען נאָך איר און אין שטוב זי ניט געפֿונען... וואָלט זי מיטן חתן אַרומגעגאַנגען, וואָלט עס געווען אַ האַלבע צרה. זאָגט אָבער דאָס מיידל, אַז דער אַבנר גייט בכלל גאָר פֿון שטוב ניט אַרויס. און אַהערצו קומט זי אויך ניט... וואָס טיפֿער אין וואַלד אַריין, טראַכט די מומע ליבע, אַלץ פֿינצטערער ווערט.

ווען די מומע ליבע פילט זיך ניט אַזוי שלעכט, וואָלט זי תיכף צו שיפרהן געגאַנגען. נאָר איין גאָט ווייסט דעם אמת, זי האַלט זיך קוים אויף די פיס. זי וועט איבערנעכטיקן דאָ, און מאָרגן וועט קלאָר ווערן. אין אַזאַ פאַל זאָגט די מומע ליבע: אויב ס׳וואַרט אויף מיר אַ צרה, וועל איך ניט פאַרשפּעטיקן צו איר מאָרגן אויך. אויב ס׳וואַרט אויף מיר אַ פרייד, קומט דאָך די פרייד קיין מאָל ניט צו שפּעט. וועט מאָרגן די פרייד נאָך גרעסער זיין. געוויס וועט זי זיך באַלד פון איווען עפּעס אויך דערוויסן...

אָבער ווי נאָר זי איז אין איוועס צימער אַריין, האָט זי אָן זיך פאַרגעסן. דאָס מיידל האָט גאָרנישט ניט איבערגעטריבן און קיין ליגן ניט געזאָגט — איווע לעבט טאַקע צווישן די פיר נאַקעטע ווענט.

— מומע, איין רגעלע, כ׳וועל באַלד בעטן דאָס בעט. אָט לייג איך נאָר צונויף...

— וואָס זיינען דאָס פאַר אַן אַרומגעבערענטע פּאַפּירלעך?

— דניאלס בריוו. יאָ, מומע, וואָס קוקט איר אויף מיר אַזוי?

— גאָט איז מיט דיר? ווי קאָן מען באַקומען בריוו...

— איר ווילט זאָגן: פון יענער וועלט? ניין, מומע, ס׳איז פון דער־וועלט. ער האָט זיי געשריבן און ניט אָפּגעשיקט, ער האָט זיי געוואָלט פאַרברענען, נאָר פאַרן טויט האָט ער זיי מיר איבערגעשיקט מיט עקיבאן. נו, איצט נעם איך בעטן. איר זייט גוט דורכגעפרוירן געוואָרן אין וועג. יצחק איז געקומען נאָך אַברהמען? מאָרגן וועל איך גיין אָפּנעמען ביי אים אַ גרוס פון דער היים. איר זייט ניט געווען ביי אונדז די לעצטע צייט?

— ניין, איוועניו, ניין.

— מומע, מיר האָט זיך צוריק מיט עטלעכע טעג געחלומט אַ שרעק־לעכער חלום. כ׳האָב געזען, ווי מ׳נעמט אַראָפּ די מאַמע פון אַ שטריק...

פון איוועס רייד ציטערט די מומע ליבע אויף, נאָר זי זאָגט מיט איר גוטן שמייכל:

— און דו, איוועניו, גלייבסט אין נאַרישע חלומות?... גיי שוין, גיי, דאָס וואָלט געפּאַסט פאַר מיר, פאַר אַ פּראָסטער דאָרפס־יידענע. איי, גוט, — קריכט זי אין בעט אַריין און דעקט זיך איין — כ׳זאָג דיר, אַז

קיין בעסערע זאַך פון אַ געלעגער איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. וואָס זשע זיצסטו, איוועו? לייג זיך אַוועק...

— מומע, פאַר וואָס ציטערט ביי איך אַזוי דאָס קול?

— וואָס איז דער חידוש, איוועניו, נאָך אַזאַ וועג... פאַר נאַכט האָט אַ נעם געטאָן אַזאַ קעלט, אַז איך קאָן נאָך פונעם פראָסט ניט אָפּגיין, ביי טאָג איז אין וועג געווען נישקשה. די זון האָט געוואַרעמט. אַפילו אין וואַלד איז געווען ניט קאַלט.

און זי רעדט, די מומע ליבע, און דערציילט, ווי אַזוי זיי זיינען אין שטאָט אַריינגעפאָרן, ווי אַזוי יצחק האָט זיך אין די גאַסן פאַרפּלאָנטערט... דערביי טראַכט זי וועגן יענער שבועה, וואָס זי האָט דאָרטן יצחקן אין וואַלד געגעבן, געשווירן ביי הימל און ערד... דניאל האָט ביי זיין לעבן, אַחוץ צרות, קיינעם גאָרנישט ניט פאַרשאַפט. ער איז פאַרשאָלטן געווען פון זיין ליבן נאָמען אַליין. מ׳האָט אים אַ מאָל גענומען אין שטעטל אַריין אויסצומאָלן אין דעם נייעם בית מדרש די מזלות פון די חדשים אויף די ווענט, האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט, אַ גאַנצן זומער געמאָלט, מ׳איז געגאַנגען קוקן אויף די חידושים, נאָר ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים ענדיקן, האָט אין מיטן העלן טאָג אויסגעבראָכן אַ שׂרפה אין בית־מדרש. אַ האַלבע שטאָט איז אַוועק מיטן פייער. פון דעמאָלט אָן האָט מען אים מער אין ערגעץ ניט גערופן. עפּעס אַ קללה איז נאָכגעגאַנגען נאָך דניאלן. זי, די מומע ליבע, וועט איר שבועה ניט ברעכן, נאָר זאָל שוין בעסער געבוירן ווערן אַ מיידל...

זי רעדט, די מומע ליבע, און דערציילט:

— זיינען מיר גאָר געבליבן שטיין. מ׳זעט ניט קיין לעבעדיקן מענטשן. אַ טויטע שטאָט. כ׳האָב געמיינט, אַז אין דער גרויסער שטאָט זיינען די גאַסן פול מיט מענטשן. נאָך אַ גליק, וואָס ס׳איז אָנגעפאָרן... ווי רופט איר אים, דער אַשמ...

און די מומע ליבע, אַ דערוואָרעמטע ניט אַזוי פונעם צודעק, ווי פון איוועס לייב, וואָס שלאָגט מיט פייער, פאַלט מיט אַ מאָל, אויפן האַלבן וואָרט, אין שלאָף אַריין.

איוועו, די הענט פאַרוואָרפן אונטערן קאָפּ, קוקט ווי די לבנה גייט אָפּ

פונעם פענצטער, הערט, ווי אין דעם גרויסן אויפנעם־צימער שפּאַנט אַרום דער בעל־תשובה. דער דיל סקריפּעט אונטער זיינע פיס. אַזוי גייט ער אַרום גאַנצע נעכט. שפּעטער איז אַלעקסאַנדער געקומען. ער איז אויף גיך אַדורך צו זיך אין קאַבינעט, אויפן וועג פאַרטשעפּט און אומגעוואָרפן אַ בענקל. „דער יחיד גייט גלייך, קוקט זיך אין די זייטן ניט אַרום... אויב ס׳שטייט אים עפּעס אויפן וועג, מעג עס פאַלן, צעבראָכן ווערן"... זי דער־שרעקט זיך פאַרן געדאַנק, וואָס לויפט איר פלוצלינג דורך: צוואַרטן, ביז ער וועט אַנטשלאָפן ווערן, דערנאָך שטילערהייט אַריינגיין און אים דאָרטן אַ שלאָפנדיקן דערשטיקן... און דערנאָך זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין. אויפן געריכט וועט זי פאַר דער גאַנצער וועלט דערציילן, וואָס פאַר אַ פאַרברעכן ער איז קעגן איר באַגאַנגען... דניאל האָט זי באַשולדיקט, הלמאַי זי האָט די פענצטער, די שפּיגלען ניט צעבראָכן, פאַר וואָס איז זי ניט אַנטלאָפן און זיך ניט אומגעקערט צוריק צו אים? אַ יאָר צייט האָט ער געוואַרט און זיך ניט דערוואַרט... איז ער אַריין צו זכריהן און אָנגעטאָן מלכהן דעם גאָלדענעם רינג... נעמט זי, איווע, וועקן די מומע ליבע — איין מענטש מוז כאָטש דעם אמת וויסן.

— מומע, — וועקט זי, — מומע, הערט! דעם ערשטן טאָג, ווי נאָר ער האָט מיך אַריינגעפירט אין דעם אויסגעמעבלטן שלאָפצימער, האָב איך אים געזאָגט: אומזיסט האָט איר זיך אויסגעבראַכט. איר האָט מיך געפירט מיט גוואַלד אונטער דער חופה, נאָר אייער ווייב וועל איך קיין מאָל ניט זיין... האָט ער מיר אַ קוק געטאָן אין די אויגן און איז אַרויס. איך בין פאַרבליבן זיצן אַליין. אין אַ פאָר שעה אַרום איז ער אַריין און געזאָגט: „גוט! מ׳האָט פאַר אייך צוגעגרייט אַן אַנדער צימער. לעבט אייך דאָרט אַליין". און איך בין אַריבער אין יענעם צימער, ווו ס׳איז געשטאַנען פאַר מיר אַ בעט. „אין טיר שטעקט אַ שליסל, — האָט ער מיר געזאָגט, — איר קאָנט זיך פאַרשליסן אויף ביי נאַכט", — און ער איז אַרויס. איך האָב זיך באַרויקט. אַזאַ איידלקייט האָב איך זיך פון אים ניט געריכט. פאַר נאַכט איז ער ווידער אַריין. ער האָט מיר אַריינגעטראָגן עסן און ווידער איבערגעחזרט. „לעבט אייך דאָ אַליין!" — די טאַץ אין איינעם מיט די טעלער האָב איך אַראָפּגעשמיצט פון טיש אויף דער ערד... ער

האָט מיר אויף דעם גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט ווידער מיר אַ קוק געטאָן אין די אויגן אַריין און איז אַרויס. דעם גאַנצן אויפדערנאַכט איז קיינער צו מיר ניט אַריין. די טאָץ מיט די צעבראָכענע טעלער, דאָס עסנוואַרג, האָט זיך געוואַלגערט אויפן דיל. כ׳האָב פאַרשלאָסן די טיר, איבערגעלאָזט דעם שליסל אין טיר און זיך אַוועקגעלייגט מיטן אָנטאָן אין בעט אַריין. מומע, שלאָפט ניט! הערט!.. ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז געווען גרויסער טאָג, און ער איז געלעגן לעבן מיר... מומע, שלאָפט ניט, זאָגט מיר, וואָס האָב איך געזאָלט טאָן?.. איך ווייס ביז היינט ניט, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען... פון יענער נאַכט אָן בין איך פאַרגאַנגען אין טראָגן. ווהין האָב איך געקאָנט גיין? מומע, וואָס שווייגט איר?

— זאָל גאָט באַהיטן און באַשיצן, — שאָקלט די מומע ליבע מיטן קאָפּ און שמוצערט מיט די ליפּן, — באַהיט און באַוואָרנט זאָל מען זיין... ס׳איז דאָך הימלשרייענדיק.

— ניין, זאָגט מיר, מומע, וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? ס׳איז מיר פאַרבליבן נאָר איינס — אַרויפלייגן אויף זיך די הענט... ס׳האָט מיר אָבער ניט געקלעקט אויף דעם קיין כוח...

די מומע ליבע נעמט איוועס קאָפּ, לייגט אים אַרויף צו זיך אויף דער ברוסט און גלעט איר אָקסל:

— וויין, איווע, וויין זיך אויס, וועט דיר גרינגער ווערן.

— מומע, — טוליעט איווע דעם קאָפּ צו איר, — ניט אומזיסט רופט איך די גאַנצע משפחה: די שיינע, די קלוגע מומע ליבע...

— זאָל איך אַזוי וויסן בייז, איוועניו, ווי איך ווייס, פאַר וואָס מ׳רופט מיך אַזוי. אַז מ׳זאָגט נאָך „די שיינע מומע ליבע", מילא, שווייג איך. די באַיאָרס טעכטער זיינען קיין עין הרע, אַלע שיינע. גאָט גיט זיי שיינקייט און נעמט ביי זיי אָפּ דאָס מזל... נאָר אַז מ׳זאָגט די „קלוגע מומע ליבע", פרעג איך: אין וואָס ליגט מיין חכמה? אין דער צעזיפּטער זיפּ, אין דער צעשפּאָלטענער מאַקרעטע? אין דעם, וואָס מיינע קינדער זיינען פון צוועלף יאָר אָן צעשפּרייט איבער דער וועלט? איינער אין ליסי, דער צווייטער אין סטריסי... מיין עלטערער, דודל, איז ערגעץ אין דער ליטע, אין ווילנער ישיבה. לעבט פון לאָסקאַוון ברויט, גייט אַרום אויף „טעג".

שלאָפֿט אין בית־מדרש הינטער דער הרובע אויפֿן קולעקל... דעם ייִנגערן, פּנחסן, — האָב איך קוים איינגערעדט שמריהן, און מיר האָבן אים אָפּגעגעבן צו אַ בלעכער. טראָגט דאָס קינד שוין דאָס צווייטע יאָר פֿאַמויניצעס, ניאַנטשעט די קינדער, און די בלעכערקע שלאָגט פֿון אים דריי מאָל אין טאָג אַרויס דאָס שטיקל ברויט, וואָס ער שלינגט אַראָפּ. שיפֿרה איז אויסגעוואַקסן אין די רייכע קיכן... אוי, איוועניו, וווּ איז דאָ מיין חכמה?

— אין דעם, מומע, וואָס איר קלאָגט זיך קיין מאָל ניט.

— פֿאַר וועמען זאָל איך זיך קלאָגן? זאָג מיר, וואָס בין איך בעסער פֿאַר אַנדערע? נאָר מיר איינער איז שלעכט? און אַז מ׳קלאָגט זיך, איוועניו, ווערט דען גרינגער? וואָס וועט זיין, אַז איך וועל שוין יאָ צעבינדן און באַווייזן מיינע מכות פֿאַר אַנדערע?.. יעדער איינער האָט גענוג זיינע אייגענע מכות. ווי דו שטייסט און גייסט, ווי דו טוסט זיך נאָר אַ קער, איז אומעטום וויטיק מיט אומגליק, איין צרה גרעסער פֿון דער צווייטער... קאָן איך זיך גיין קלאָגן פֿאַר יצחקן? וואָס זיינען מיינע צרות קעגן זיינע אומגליקן? און ביי דיר, איוועניו, איז דאָס האַרץ אויך געגוג צעיאָטרעט.

— האָט איר, מומע, איין רפֿואה — טרערן?

— אַ רפֿואה צי ניט קיין רפֿואה, נאָר ווען אַ מענטש זאָל זיך ניט אויסוויינען, וואָלט דאָס האַרץ דערטרונקען געוואָרן אין טרערן.

— און דערנאָך לעבן ווייטער ווי נעכטן און אייערנעכטן?

— אַן אַנדער ברירה האָבן מיר?

איווע הייבט זיך אונטער אויפֿן עלנבויגן:

— ניין, מומע, איך וויל לעבן אַנדערש. אים וועל איך צושיקן אַ גט.

— וואָס האָב איך אויף דעם זאָגן? דאָס אייגענע האַרץ איז אַוודאי דער בעסטער זייגער. נאָר אייל ניט, באַטראַכט און טראַכט איבער. שרייב אַן דעם טאַטן. דער טאַטע וועט דיר גיין אַנטקעגן. באַטראַכט זיך גוט, איווע. דו ווילסט זיך ראַטעווען פֿונעם רויך, זע זאָלסט חלילה ניט אַריינ־שפּרונגען אין פֿייער...

## ד

איווע האָט די גאַנצע נאַכט מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. ווי ס׳איז נאָר טאָג געוואָרן, איז זי פאַרזיכטיק און געהיט פון בעט אַרויס — די מומע ליבע ניט אויפצוועקן, פון נייע געשפרעכן ניט פאַרהאַלטן ווערן — און איז צום קינד אין צימער אַוועק. זי וועט אויך היינט, ווי יעדער טאָג נאָך איר קרענק, אַליין פאַרן קינד אָנבייסן צוגרייטן און עס מיט אַ פריילעך פנים אין שול אַרויסבאַגלייטן. זי האָט היינט אַ סך געענג און זי וויל וואָס פריִער פון שטוב אַרויס — שיפרה וועט געוויס באַלד קומען צו דער מוטער, וויל זי, איווע, זיי ניט שטערן. דערצו נאָך מיידט זי שיפרה די לעצטע צייט אויס. איווע פאַרשטייט ניט פאַר וואָס? זי האָט, דוכט זיך, שיפרהן קיין רעה ניט געטאָן. ווען זי איז פאַר אַ יאָרן געקומען צו פאָרן, האָט זי געטאָן פאַר איר אַלץ, וואָס נאָר ס׳איז אין אירע כוחות און מעגלעכקייטן געווען צו טאָן.

און איווע איז היינט דאָס ערשטע מאָל נאָך דער קרענק אין דרויסן אַרויס. זי גייט צום אַשמדאַי זיך טרעפן דאָרט מיט יצחקן, זיך זען מיט אַברהמען. זי וויל אויך האָבן אַ לעבעדיקן גרוס פון דער היים, פון דער מאַמען. איווע פאַרשטייט איצט גאָר אַנדערש די מאַמע. נאָך יענעם פרייטיק־צו־נאַכטס ביי איר טאַטן אין שטוב, דאָרטן, אונטער די ברייט־צעצווייגטע פיקוסן, ריידנדיק מיטן דאָקטער וועגן דער מוטער, איז זי געווען זיכער — די מאַמע איז ניט ביי די געדאַנקען, די רייד פאַרשטייט זי ניט, זיי דער־גייען ניט צו איר... און מיט אַ מאָל די גרויסע איבערראַשונג — די מאַמע וואַרפט פון די הענט דאָס ציגעלע אַראָפּ און מישט זיך אין די רייד אַריין. „איך בין געווען די שלעכטע? אַזעלכע ביטערע אויגן האָסטו אין ערגעץ ניט באַגעגנט? דיין מאַמע איז געווען אַ מכשפה?...” און שפּעטער, ווען קיינער האָט דעם באַלעגאָלעס קלאַפּ אין טיש אַריין ניט פאַרשטאַנען, איז זי, אין דעם לאַנגן ווייסן העמד, אַן אָפּגעשוירענע, אין די אויסגעלאָשענע אויגן האָבן זיך באַוויזן די צוויי גרינע שׂנאה־פייערלעך, אַרויס אין מיטן שטוב און געזאָגט:

— גבריאל, פאַר אונדז האָסטו איבערגעלאָזט די חרפה...

דערנאָך דעם טאַטנס קול — אַ דערשראָקן־נעבעכדיקס:

— נעכע! נעכע!

דער מאַמעס ענטפער:

— איך שווייג, גבריאל, איך שווייג. כ׳האָב אַזוי פיל יאָרן געשוויגן, וועל איך פאַרן טויט אַוודאי שווייגן. — און צום סוף: עקיבאס אַריינקומען. דער מאַמעס קוק אויפן טאַטן, דערנאָך אויף עקיבאן; איר אויסדרייען זיך צו זיי מיטן רוקן, — איר אַוועקגיין צוריק הינטער די פּיקוסן צום לעדערנעם דיוואַן; די אויגן זיינען איר ווידער אויסגעלאָשן געוואָרן. נאָר אַוועקגייענדיק, האָט זי עמעצן געוואָרנט מיטן דאַר־אויסגעצויגענעם פינגער...

אין יענעם פרייטיק־צו־נאַכטס האָט אָט דאָס אַלץ איוועץ די אויגן געעפנט און איר דעם סוד פון דער מאַמעס פאַרביטערטקייט, פון איר שרעקלעך לעבן אַנטפּלעקט. און דאָך קאָן איר איווע ניט מוחל זיין. ניט אַזוי פאַר זיך, ווי פאַר דניאלן. — זי גייט זייער פאַמעלעך. דער פראָסט, די בלענדנדיקע ערב־פרילינגדיקע זון, דער ווינט פון טייך, וואָס שמעקט מיט ווערבע, פאַרשלאָגט איר דעם אָטעם, פאַרבלענדט און פאַרשיכורט זי ביז קאָפּ־פאַרדרייעניש. ערשט אַצינד דערפילט זי איר אָפּגעשוואַכטקייט, די פיס קאָנען ניט אָנטאַפּן די האַרטע ערד, זיי שטעלן זיך די גאַנצע צייט, ווי אויף עפּעס זייער ווייכס און וואַקלענדיקס. שפּאַרט זי זיך צו צו אַ בוים — צו פיל שיַין פאַר אירע אויגן. ווו געפינט זי זיך, אויף דער שפּיגל־גאַס? זי שטייט דאָך כמעט אַנטקעגן דער שוויגערס שניטקראָם. קערעוועט זי אויפגיך אַראָפּ אויף דער צווייטער גאַס. אַ שליטן, איבערגעדעקט מיט אַ בערנפעל — דאָס פערד, ווי אויסגעצויגן אין דער לופטן, שניידט דורך די גאַס. דער שליטן איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן פון אויג, נאָר די גלעקלעך קלינגען איר נאָך אַלץ אין די אויערן. דער פראָסט, די זון, אָט דאָס גלעקל־געקלאַנג רופט ביי איר אַרויס עפּעס אַ מאָדנע פרייד. זי דערפרייט זיך אַפילו, ווען אין דער גלעזערנער טיר פון דער „קרעדיט־געזעלשאַפט״ דערזעט זי דעם שוואַרצן סורטוק מיט די זילבערנע שנירלעך — דעם אַלטן שווייצאַר מיט דער צעצווייט־שפּיצעכיקער ווייסצעקעמטער באָרד.

זי שטעלט זיך אַלע מאָל אָפּ. פריִער, ביז היינט, האָט זי גאָר קיין

מאָל אין שטאָט אַזוי פיל מענטשן ניט געזען. אָט גייען אין די פּאָרמעס גימנאַזיסטן, גימנאַזיסטקעס, ריידן אַלע אין איינעם, שטיפן און לאַכן. און זי פרעגט ביי זיך אַליין: ווי לאַנג, איווע, אַז דו ביסט געווען אַ גימנאַזיסטקע? אויך אַזוי פאַרשייט, הפקר־וועלט... — און די נאָר וואָס שטילע פרייד, וואָס האָט זי אַרומגעכאַפּט, פאַרשווינדט. ניין, יענע יאָרן אירע זיינען שוין זייער ווייט, אַזוי ווייט, אַז אַפילו מיטן כוח־הדמיון איז זיי שווער צו כאַפּן... ווי פון אַ געדיכטן נעפּל אַרויס זעט זי שטיקלעך זומערדיקע טעג, אַ האַלבע לבנה־נאַכט, זי דערזעט זיך זיצן מיט דניאלן ביים טייך... זי איז זיכער, איווע: זי לעבט שוין אויף דער וועלט זייער און זייער לאַנג... זי האָט איבערגעלעבט דעם הונדערטיאָריקן עלטערזיידן, די דריי־און־ניינציקיאָריקע עלטערבאָבע, איבערגעלעבט דניאלן... און זי לעבט נאָך אַלץ און לעבט, צוליב וואָס? צוליב וועמען? ווען עמעצער גייט־צו צו איר און טוט זי אַ פרעג:

— ווער ביסטו?

וואָס וואָלט זי געקאָנט אויף דעם ענטפערן? דאָס איינציקע:

— איך בין איווע.

און ווען מ׳פרעגט זי ווידער:

— און ווער איז זי, די איווע?

און שוין ניט אַזוי פון אָפּגעשוואַכטקייט, ווי פון פאַרקלערטקייט און פאַרטראַכטקייט פּלאָנטערן זיך איר די טריט. די פיס טרעטן ווידער ניט אויף דער ערד, נאָר ווי אויף עפּעס ווייכס און וואַקלענדיקס. אויפן גרויסן מאַרק־פּלאַץ גרייט מען זיך צום גרויסן, צו דעם פרילינגדיקן, צו דעם ערב־פּסחדיקן יאָרמאַרק. אין דער לענג און אין דער ברייט שטעלן זיך אויף גאַנצע גאַסן — הילצערנע און לייוונטענע. פאַר איוועס אויגן שווינדלט אַ שלל פאַרבן, אַרום איר — טומל און געשריי. און זי דערפילט זיך מיט אַ מאָל דאָ — און ניט נאָר אין דער שטאָט, נאָר אין דער גאָרער וועלט — צווישן הימל און ערד, פרעמד, עלנט און, דער עיקר, איבעריק...

— היי, היי, בערעגיס! *)

---

*) היי, היי, היט זיך! (רוסיש).

עפּעס אָטעמט איבער איר קאָפּ מיט פייער. פון אַלע זייטן שרייט מען און מע לויפט צו איר. זי הייבט אויף די אויגן — אַ פאַרריסנס אויף אַרויף, אַ פאַנאַנדערגעפּנט פערדיש מויל, פון די ליפּן פּאַלט אויף איר אַ געדיכטער ראָזער שוים. עמעצער נעמט זי אונטער דער האַנט און מ׳פירט זי אויפן טראָטואַר אַרויף. אַ סך מענטשן גייען הינטער איר.

— מ׳מעג דען אַזוי גיין? וויפל האָט באַדאַרפט געדויערן, אַז איר זאָלט אַרונטערפאַלן אונטער די פערד?

— מיר דוכט, זי איז שיכור.

— ניט שיין, אַז אַ פרוי זאָל טרינקען.

און נאָך עמעצער גיט צו:

— המ־מ... נאָ וויד, קאַזשעטסיאַ, בלאַגאָראָדנאַיאַ... *)

זי דערקלייבט זיך צום אַשמדאַי. נאָר אַחוץ דעם באַלעגאָלעס ווייב מיט צוויי קינדער, טרעפט זי דאָרט קיינעם ניט. די שטוב איז פול מיט בייסיק־שטיקנדיקן גרוי־געלבלעכן רויך, וואָס פאַרגייט אין די אויגן און שטיקט אין האַלדז. די יידענע ווענדט כמעט ניט קיין אַכט אויף דער אַריינגעקומענער. זי קען זיי שוין גוט, אָט די ווילטעטיקע שטאָט־דאַמעס, וואָס קומען צו גיין, פרעגן אַלץ אויס, פאַרשרייבן אין אַ קליין ביכעלע מיט זילבערנע שלעסלעך, גיבן דיר אַ סך עצות און גייען אַוועק. ביז מ׳רייסט ביי זיי אַרויס אַ דרייערל, שלאָגט מען אָפּ די פיס און מ׳בלייבט אָן אַ האָרץ. ריידן מיט זיי איידל, מיט געבעט און טרערן, דאָס ווייסט די יידענע, טאָר מען ניט. אויף אַזאַ קבצנטע זאָגן זיי: זי איז אַ שטילע, זי וועט נאָך צוּוואַרטן. דאָך כדי די אַריינגעקומענע זאָל ניט אָנהייבן צו געבן עצות, זאָגט זי:

— לאָזט אָפּן די טיר, דער רויך קאָן די אויגן אויסעסן. וויפל איך בעט זיך ניט ביי אים: לייזער, גזלן, אַ רוח אין דיין טאַטן אַריין, שטעל אַרויף אויפן קוימען נאָך אָן עמער, קאַרג צעבראָכענע עמער וואַלגערן זיך אויפן מיסט? דאָס דאַרף מען דאָך שוין ביי דער שטאָט ניט בעטן... ווי נאָר ס׳טוט אַ בלאָז אַ ווינט, אַזוי פאַרשלאָגט ער דעם רויך אין שטוב

---

*) לויטן אויסזען, דוכט זיך, אָן אָנשטענדיקע... (רוסיש).

אַריין. איז גיי רייד אָבער מיט אַ תם. נאָר האָט קיין דאגהס ניט, ער וועט שוין ביי מיר אַרויפשטעלן נאָך אַן עמער אויפן קוימען.

פאַרלאָפן דעם וועג, ניט געגעבן יענעם די מעגלעכקייט צו זיין אַ גוטע מיט רייד, צו לערנען און צו געבן עצות — דאָ ווייסט מען אַליין, וואָס און ווי אַזוי די אייגענע שטוב־באַלעבאַטישקייט צו פירן, — גייט די ייִדענע דערנאָך אַרויס מיט קללות, ניט חלילה אויף דער אַריינגעקו־מענער, נאָר אויף זיך אַליין. דאָס ווירקט כמעט תמיד:

— בעסער וואָלט שוין דער טויט אויף מיר געקומען... בעסער וואָלט איך שוין אין דער ערד געלעגן, בעסער וואָלט מיך דער גיהנום געברענט... און שטוב איז דאָך אַפילו ניטאָ קיין רוט, מיט וואָס אַ קינד אָפּצושמייסן. בעסער וואָלט איך בלינד געוואָרן, בעסער וואָלט מיך אַ דונער געטראָפן.

איווע חידושט זיך אויף דער ייִדענע. זי שיט אויף זיך קללות און חרמות, נאָר די אויגן, רויטע פונעם רויך, שמייכלען ביי איר. ס׳דוכט, אַז די אויגן זאָגן: „איר מיינט, אַז איך מיין עס ערנסט? זאָל גאָט אָפּהיטן, זאָלן בעסער מיינע שונאים בלינד ווערן, זאָלן זיי ליגן אין דער ערד און ברענען אין גיהנום". איווע צעשמייכלט זיך. דער ייִדענעס פריי־לעך־לאַכנדיקע אויגן אין אָט דעם בייסיק־שטיקנדיקן גרוי־געלבלעכן רויך, צווישן אָט דער אָרעמקייט, ווו ס׳איז ניטאָ „קיין רוט, מיט וואָס אַ קינד אָפּצושמייסן", די ביטערע קללות, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט מיט אַזאַ צעצויגן זינגענדיקן קול, האָט איווען עפּעס מיט אַ מאָל אי גרינגער, אי ליכטיקער געמאַכט דאָס האַרץ און די וועלט.

— איך בין געקומען, — זאָגט איווע, — זיך זען מיטן יידן, וואָס איז ביי נאַכט צו אייך פאַרפאָרן.

— וואָס זשע האָט איר געשוויגן? געקומען יענעם דרייען אַ קאָפּ אויפן ניכטערן האַרצן. דעם גאַסט האָב איך נאָך אַליין ניט געזען. נאָר געסט גייען מיר אָפּ... צו אַלע צרות האָט מען מיר נאָך אַרויפגעוואָרפן אַ פרעמד קינד. ס׳רייסט אויס דאָס האַרץ קוקנדיק אויף דעם...

— ווע מעס איז דאָס קינד?

— וואָס איז אייער עסק?... דו האָסט שוין ווידער געפּאַקט די שווע־בעלעך? — צעשרייט זי זיך אויף אַ מיידעלע. — גוואַלד, אומגליק מיינס,

דו ווילסט שוין ווידער גיין צינדן? דער ייִד איז נאָך פאַר טאָג אַוועק. זיין זון נעכטיקט ביים דאָקטער. עקיבא האָט אויך דאָרטן גענעכטיקט. מיין שיינער מאַן האָט היינט אַפילו דאָס פערד ניט געשפּאַנט. איך ווייס, ווו זיי זיינען? אַ פערד האָט מען אונדז געקויפט. אַ בראָך צו זייערע יאָרן. אַ טאָג גייט עס און דריי טעג ליגט עס... כ׳וועל שבת אַריין אין ד׳ער גרויסער שול און וועל אַלעמען די בערד אַרויסרייסן. קויפט איר שוין יאָ אַן אָרעמען באַלעגאָלע אַ פערד, טאָ קויפט, אַ רוח אין אייער טאַטנס טאַטן אַריין, אַ בעל־פּרנסה, ניט קיין אָנלייגער... איר גייט שוין אַוועק? גייט געזונטערהייט.

און ווען איווע איז שוין אָפּגעגאַנגען ווייט פון דער שטוב, האָט זי דערהערט, ווי די ייִדענע שרייט איר נאָך פון דער אָפענער טיר:

— זאָגט מיר כאָטש אייער נאָמען, איך זאָל כאָטש קאָנען זאָגן, ווער ס׳איז דאָ געווען?

איווע ענטפערט ניט. דער יידענעס לאַכנדיקע אויגן האָבן צום סוף אַרויסגערופן ביי איר פאַרדראָס און אומעט: די ייִדענע איז צו איר מצב געוווינט געוואָרן און לעבט ווי אַ וואָרעם אין כריין.

איווע כאַפּט איבער דעם אָטעם און לאָזט זיך פון באַרגיקן געסל אַראָפּ. ביים דאָקטער אָדער ביי עקיבאַן וועט זי זיך שוין דערוויסן וועגן דעם קינד, וואָס זי האָט געזען זיצן צווישן דעם אָנגעוואָרפענעם בעט־געוואַנט און וואָס האָט געריבן מיטביידע הענטלעך די אויגן. דאָרטן ווֹעט זי געוויס טרעפן יצחקן.

און יצחק באָיאַר, נאָך דעם, ווי דער אַשמדאי האָט זיך דערקלאַפּט, דאָס ווייב זיינס דערוועקט, נאָך דעם, ווי זי האָט די טיר געעפנט און אין שטוב זיי אַריינגעלאָזט, איז ער אויף דער ערד, אינעם אָנטאָן, נאָר די פּוישטן אַראָפּגעוואָרפן, די בורקע אונטערן זייט, דאָס פעלצל צוקאָפּנס, — זייער גוט אָפּגעשלאָפן דעם דריטן טייל נאַכט. מיטן אָנברוך אויף טאָג האָט ער זיך אויפגעהויבן, די שפּיץ פינגער איבערן פאַרפרוירענעם פענצטער אַ פיר געטאָן — יוצא געווען דערמיט נעגל־וואַסער, אָפּגעזאָגט די ערשטע ברכות און זיך געלאָזט גיין אַ מקום־קדוש זוכן — ניט אַזוי

פון וועלן דאַוונען, בציבור, ווי פונעם פאַרלאַנג אַליין אַ קדיש זאָגן נאָך די צוויי קינדער — נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם זון און נאָך דער אַכזריש־אומגעבראַכטער טאָכטער. אמת, דאָרטן אין שטעטל זיינען זיי ביידע מיט אַ קדיש־זאָגער באַזאָרגט געוואָרן, אָבער ווי פרום און געטריי יענער זאָל דעם קדיש ניט זאָגן, גייט עס פאָרט פון אַ פרעמדן האַרץ.

געוויס וואָלט גבריאל מיט זיינע זין און אייניקלעך — דער פאַרטיקער מנין — אַ גאַנץ יאָר געגאַנגען צו אים צוויי מאָל אַ טאָג, ווי אין די שבעה־טעג, און יצחק מיט שמואליקן וואָלטן אַליין קדיש געזאָגט — דער טאַטע נאָך די קינדער, און דאָס קינד נאָכן טאַטן... נאָר ס'איז ניט פאַר קיין מענטשנס כוח געוועזן צו זען און צו הערן, ווי זי, „דער שטילער זומער", זאָגט אויך קדיש, און דווקא אָן קרעכצעריי, אָן טרערן, נאָר זי רעדט אַרויס יעדעס וואָרט מיט אַזאַ קול, אַז יצחק איז אויף מאָרגן נאָך שבעה־אָפּזיצן אַוועקגעפאָרן אין שטעטל און דאָרטן אַ קדיש־זאָגער געדונגען.

אַרויסגייענדיק פונעם באַלעגאָלעס שטוב — אַ צוגעדריקטע צו דער ערד און פון איר איינגעבויגענעם דאַך שפּאַרט אַרויס דער שוואַרצער קוימען מיטן שפּיצעכיקן עמער פון אויבן, — האָט זיך יצחק באַיאַר געדאַכט: יענע גרויסע שטאָט, יענע גאַסן, איבער וועלכע ער האָט ביי נאַכט געבלאָנקעט און געוואָגלט, יענע הויכע מויערן, וואָס האָבן אים מיט פערד און שליטן אַזוי לאַנג געפירט און געדרייט אַרום זיך, ווי עפּעס אַ ניט־גוטער וואָלט געטריבן פון אים חוזק, זיינען ערגעץ פאַר דער נאַכט פאַרשוווּנדן, איינגעשלונגען און איינגעזונקען געוואָרן.

פאַר זיינע אויגן — נידעריקע פאַרשנייטע הייזער, שמאָלע געסלעך, איינגעוואַלגערטע הילצערנע פלויטן, קאָסאָקע פענצטער, פּונקט אַזעלכע, ווי אין יענעם היימישן שטעטל, וווהין ער פאָרט ווינטערצייט איין מאָל אין חודש... ער גייט מיט דעם טלית־און־תפילין אונטערן אָרעם — אָן דעם כלי־זיין לאָזט זיך יצחק באַיאַר קיין מאָל אין וועג ניט. די פאָרשטאָט איז נאָך אין שלאָף, נאָר איבער די פּראָסטיק־צוגעשנייטע געסלעך סקריפּען שוין נאָך דרימלענדיקע טריט. עמעצער גענעצט אויף אַ קול. פון די הייזלעך ציט מיט אָווערדיקע ריחות.

און אין הימל גרויסע צעגליטע שטערן. דער פאַרטאָגיקער ווינט בלאָזט פון זיי דאָס אַש אַראָפּ. נאָך אַ שעה, און זיי וועלן איבערגעברענט ווערן — קיין סימן וועט פון זיי ניט בלייבן. די לבנה, אַ דערפרוירענע פון דער גאַנצער נאַכט אויפן פראָסט, האָט זיך פאַרקליבן אויפן טאָפּאָל־בוים, צווישן דעם הייפל על־פּי־נס אויפן ווינטער פאַרבליבענע גרין־פאַר־דאַרטע בלעטער, און וואַרט אויף דער ערב־פרילינגדיקער זון — ביי איר אויפגאַנג וועט זי זיך דערוואַרעמען און דערנאָך זיך לאָזן אין איר ווייטער־דיקן וועג, זיך דערקלייבן צו אַ צווייטער, אפשר צו אַ וואַרעמערער נאַכט.

ווייט גיין האָט באָיאַר ניט באַדאַרפט. אַרויס פון באַרגיקן געסל, האָט ער דערזען: אַנטקעגן לויכטן שוין די גוט־באַקאַנטע, די פון אויבן קיי־לעכדיקע בית־מדרש פענצטער. אַריין און געטראָפן דאָרטן אַ היפשן עולם, באַזונדערס אַרום דער אָנגעהייצטער הרובע, אַרום דעם לאַנגן ביז גלאַנץ אויסגעריבענעם טיש, ווו ביי די שמעלצנדיקע רעשטן פון יאָרצייט־ליכט, איבער די גרויסע, אין לעדער געבונדענע סלאַוויטער גמראס, זיצן ישיבה־בחורים, אַמפּערן זיך אויף אַ קול מיטן געוויסן ניגון, מיט יענעם מוסרניק־ניגון, וואָס דאַרף נעמען ביי דער נשמה, פאַרכאַפּן ביים האַרצן, ווי דער גרונטלייגער זייערער רב ישׂראל סאַלאַנטער האָט געלערנט און פאַרזאָגט.

מיט ברען און התלהבות פלייסן זיי זיך, די ישיבה־בחורים, פאַר די אַרום שטייענדיקע בעלי־בתים — פאַר זייערע ברויטגעבער, פאַר די, וואָס האַלטן זיי אויף קעסט, גיבן זיי „טעג". זיי באַווייזן מיט אַלע אברים: אויך זיי, די ישיבה־לייט, געדענקען, פאַרגעסן ניט דעם חוב, מ׳זען זיך אין זיבעטן שוויס, טראָגן מיט אַהבה־רבה דעם גרויסן עול און פילן אויס ערלעך און מיט יושר די אַרויפגעלייגטע אויף זייערע פּלייצעס התחייבותן, — זיי פאַרדינען עולם־הבא ניט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר זיי, פאַר די באַזאָרגער זייערע.

יצחק באָיאַר, הגם אין דער משפּחה האַלט מען אים פאַר אַ קענער, מ׳שטעלט אים אַפילו העכער פון זכריהן, אָבער ער אַליין ווייסט: קיין למדן איז ער ניט. שבת נאָכן שלאָף, אָדער אין אַ פרייער שעה אין סאָד, קאָן ער קוים איינבייסן דעם „עין־יעקב". שטייט ער, דער באָיאַר, מיט דרך־ארץ

און יראת־הכבוד ביי דער זייט און הערט זיך צו, ווי צוויי ישיבה־בחורים אַמפּערן זיך.

איינער — „דער נאַראָדיטשער", ווי מע רופט זיי לויט די נעמען פון די געבוירן־ערטער, — צופּט דאָס בלאָנדע ערב־איידעמל־בערדל און וויל זיך בשום־אופן ניט אונטערגעבן. אַלע ראַיות און באַווייזן פונעם צווייטן מאַכט ער צו נישט. ער שלאָגט זיך מיט יענעם אויף לעבן און טויט — אַזאַ וויכטיקע פראַגע קאָן ער ניט, דער נאַראָדיטשער, דערלאָזן, זי זאָל מיט אַזאַ גרינגקייט געלייזט ווערן. פון אַזאַ הפקרות קאָן, חלילה, די וועלט חרוב ווערן. ער שרייט אויפן בייקולכל:

— נאָר ווען זיינען די רייד געזאָגט געוואָרן? במה דברים אמורים — ווען איז דאָס אַלץ גערעדט?... מ'דאַרף דאָך תופס זיין... תינוקות של בית רבן וואָלטן עס פאַרשטאַנען. נאָר זע, דער תוספות זאָגט דאָך שוואַרץ אויף ווייס: ביצה שנולדה ביום־טוב — אַן איי וואָס איז געלייגט געוואָרן אום יום־טוב...

און דאָ ביי דער טיר, ווי פון האַנטפאַס אַרויס, פאַלט אַריין מיט דעם זעלבן ניגון אַ גיפטיק קול:

— אַן אייזל, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין נאַראָדיטש...

פון אָט דעם זאָג, דערזעענדיק, פון וועמען די רייד גייען, לאַכט און בייזערט זיך קיינער ניט. די גוטמוטיקייט אָבער, די מסיבה־היימישקייט ווערט אַרום טיש און הרובע פאַרפאַלן. יצחק באַיאַר האָט פון אָנהייב ניט דערקענט נעכעס ברודער — אַבושלען. אָדער, ווי מען רופט אים „דער חריף".

אַבוש, פאַרבייגייענדיק, וואַרפט אַ בליק אויפן באַיאַר. יצחק ווייסט: אַבושל וועט זיך ניט אָפּשטעלן און קיין „שלום" ניט אָפּגעבן. נעכעס ברודער רעדט מיט קיינעם ניט פון די באַיאַרס. אַז ער קומט צו דער שוועסטער, גיט ער אויך דעם שוואָגער, גבריאלן, די האַנט ניט. יצחק באַמערקט אָבער — אַבושלס קיילעכדיקע אויגן מיט די ווייסע רייפעלעך אַרום די שוואַרצאַפּלען גיבן עפּעס פון צופרידנקייט אַ בלינצל. אַבושל בייגט זיך איין, טוט אַ רייב איין האַנט אין דער צווייטער און זאָגט:

— שמש, צינד אָן די ליכט, צייט צו שחרית. היינט לייענט מען די תורה און מע זאָגט הלל.

ווען די פריִערדיקע באַליידיקונג־ווערטער בנוגע דעם נאַראָדיטשער און דערנאָך די באַפּעל־ווערטער צום שמש ווערן פון אַן אַנדערן, פון אַ צווייטן געזאָגט, אויך פון אַזאַ, וואָס לעבט פון קיצבה, וואָלט מען אים פון בית־מדרש אַרויסגעוואָרפן. נאָר דאָ, ביי אַבושלען, שווייגן אַלע. קיינער קאָן ניט דערקלערן, קיינער קאָן ניט זאָגן, קיינער ווייסט ניט, פון וואַנען און פון וועלכן קוואַל שעפּט ער, אַבושל, די העזה און די חוצפה זיינע. די גמראָס פאַרמאַכן זיך. מ׳צעגייט זיך. קיינער וויל זיך מיט אַבושלען ניט פאַרטשעפּען. פאַר זיין צונג, דער עיקר פאַר זיינע אויגן האָבן אַלע מורא. דערצו נאָך איז ער, אַבושל, די לעצטע צייט געוואָרן דער בית־הקברות־שמש. ווען די נושׂאי־המיטה שטעלן זיך מיטן מת ביים בית־מדרש און אַבושל נעמט מיט זיין קול אָפּזאָגן דעם מת פון „זיין אָרט", פון אַלע „זיינע רעכט", פאַרוועירט אים צו קומען צווישן די לעבעדיקע, און דערנאָך, ווען ער טוט אַ געשריי צו די נושׂאי־המיטה: „נעמט אים"! — פון אָט דעם אויסגעשריי פאַלט אָן אויף אַלעמען אַ פּחד. ס׳דאַכט — אין מיטה ליגט ניט קיין מת, נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס אויב מ׳וועט עס אויפגיך ניט אָפּטראָגן, וועט עס באַלד פון אונטער דעם שוואַרצן געוואַנט זיך אויפהייבן און אָנטאָן אין שטאָט בייזע מעשׂים.

דער שמש צינדט אָן די ליכט אויפן עמוד. אַבושל זאָגט אים עפּעס אויפן אויער. יענער שאָקלט צו מיטן קאָפּ. מ׳שטעלט זיך דאַוונען. יצחק טוט אָן טלית־און־תפילין, נאָר די גאַנצע צייט פילט ער אויף זיך אַבושלס אויגן — די צוויי שוואַרצאַפּלען אין די ווייסע רייפעלעך. דער נייגער פון וויסן, וואָס אַזעלכעס האָט אַבושל געזאָגט דעם שמש אויפן אויער, וואַקסט צווישן עולם. איינער פרעגט ביים אַנדערן, נאָר קיינער ווייסט נאָך דערווייל ניט. דער שמש גיט אָבער צו וויסן מיט די אויגן — ער וועט אַלעמען זאָגן. דאָ זעט מען, ווי דער שמש גייט צו צום פרעמדן ייִדן. לויטן הילוך און גאַנג דערקענט מען אַ „מוכסן", מ׳הערט ווי דער דאָרפס־ייִד ענטפערט דעם שמש:

— מיך רופט מען יצחק. דעם פאָטער עליו־השלום, האָט מען גערופן

מנשה. ניין, ניט קיין כהן, ניט קיין לוי, איך בין אַ פּראָסטער ייִד — אַ ישׂראל...

דער ענטפער ווערט זייער געפעלן. אַ ייִד פון הינטער דער הרובע דערלאַנגט יצחקן „שלום־עליכם", דערפרעגט זיך, פון וואַנען און נאָך וואָס איז ער אין שטאָט אַריין געקומען? דערציילט אים דער באַיאַר: געקומען צונעמען אַ זון פון קראַנקן־הויז. ער איז אַן אָבל, איז ער אַריין זאָגן קדיש.

דער הינטער־הרובע־ייִד, אַ פאַרחלומטער, מיט ניט קיין היגע אויגן, אַ בראַסלאַווער חסיד, פאָרט אַהין צוויי מאָל אַ יאָר, און מיט אַזעלכע, ווי ער, קלייבט מען זיך ביי נאַכט צונויף אויפן רבינס, אויף נחמן בראַס־לאַווערס קבר... דאָך זוכט ער שוין אַ סך יאָרן אַ לעבעדיקן רבין. ער איז שוין אויסגעפאָרן אַלע „הויפן", אויסגעוועזן ביי אַלע גוטע־ייִדן, אָבער קיינער פון די „היינטיקע" געפעלן אים ניט, „נעמען" אים ניט... דער־וויסנדיק זיך, אַז יצחק לעבט ערגעץ אין די וועלדער, באַטראַכט ער און באַטאַפּט מיט די פאַרחלומטע ניט־היגע אויגן יצחקס לאַנגע און שמאָלע באָרד. זוכט אַ צייכן אויף דעם הויכן שטערן, אין דעם סויבלנעם אַלט־אויסגעריבענעם היטל, באַזונדערס אין דער גרינער קרייקע אויפן ברוינעם פעלצל, און ער איז גרייט אָנצונעמען דעם וואַלד־ייִדן פאַר אַ פאַרבאָרגענעם צדיק, פאַר אַ נסתר, פאַר אַ נייעם בעל־שם...

יצחק דאַוונט מיטן פנים צו דער וואַנט, דרייט זיך אויס בלויז צום קדיש זאָגן. די צייט ציט זיך אים שרעקלעך לאַנג. אַבושל, וואָס דאַוונט פאַרן עמוד, מאַכט לאַנגע הפסקות, דבקות און ציקלט זיך מעשׂה־חזן. דעם באַיאַר איז טייער יעדער רגע — אַברהם וואַרט דאָרט אויף אים ביים דאָקטער. וויפל קאָן מען טאָקע זיין ביי יענעם? וויפל קאָן מען זיך ניצן מיט יענעמס לייטישקייט און גוטסקייט? מ׳דאַרף אויך געבן צו וויסן ליבען, אַז אין אַ פאָר שעה אַרום פאָרט ער אַהיים. ער קאָן „דעם שטילן זומער" מיט די יתומים ניט לאָזן דאָרט אַליין שבת־האַלטן. אויף שבת וויל ער ברענגען אַברהמען. פון אַלע קינדער איז געבליבן נאָר איינער. דער וואַלד־ייִד דערפילט: מ׳שלעפּט אים ביים אַרבל. דרייט ער זיך האַסטיק אויס:

— אַ?

דער, וואָס מיט די פאַרחלומטע, מיט די ניט־היגע אויגן, זאָגט:

— מ׳האָט אייך אויפגערופן צו דער תורה.

דער וואַלד־ייִד לאָזט זיך גיין גיך. ער איז צעטראָגן פון דעם ניט דערוואַרטן כבוד און אויך פון דעם, וואָס ער האָט ניט געהערט, ווען ער איז אויפגערופן געוואָרן. אַן עדה שטייט און וואַרט. יצחק באָיאַר איז שוין כמעט ביים בעלעמער. ער האָט זיך שוין אויפגעהויבן אויפן דריטן טרעפּל, און דאָ דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין שטענדער און אַ טרוקן קול:

— לאָזט אים ניט, לאָזט אים ניט צו צו דער רייניקייט.

און דערנאָך קולות פון אַלע זייטן:

— ס׳איז אַ חילול־השם... אויפגעצויגן אַ טאָכטער לתרבות רעה.

— אַ משומדתטע.

— אַ מורד־במלכות.

— איבער איר איז שיר אַ גרויס אומגליק אין שטאָט געשען.

— מ׳דאַרף אים אין חרם אַריינלייגן. ער האָט אויפגעצויגן אַ גזר אויף אונדזער קאָפּ. ובערת הרע מקרבך...

ביי יצחקן ווערט דער רוקן מיט אַ מאָל איינגעבויגן — אויף אַזאַ קלאַפּ האָט ער זיך גאָר קיין מאָל ניט געריכט. און דער קלאַפּ איז פאַרן ייִדן אַזאַ, אַז דאָס האַרץ באַגיסט זיך אים מיט בלוט. און דער טומל אין בית־מדרש, דער רעש און געפילדער מערט און פאַרשפרייט זיך. די צדדים צעטיילן זיך:

— מ׳טאָר ניט מבייש זיין אַזוי אַ מענטשן.

— ווער דען איז שולדיק?

— אַז דאָס קינד וואַקסט אויס אַן אויסוואורף, איז שולדיק טאַטע־מאַמע...

און אַבושלס טרוקן קול רייסט זיך אַלע מאָל אַריין:

— ובערת הרע מקרבך...

— אַ טאָכטער אַ משומדתטע...

— אַ מורד־במלכות...

— דאָס אומגליק הענגט נאָך איבער דער שטאָט.

— פון אַ ווערעמדיקן בוים קומען ווערעמדיקע פּירות.

און דאָס טרוקענע קול חזרט איבער:

— ובערת הרע מקרבך...

אויף אַ רגע טוט אין יצחקן אַ קאָך אַ כעס — אָט נעמט ער געבן פּעטש, ווער ס׳וועט זיך אים נאָר אונטער דער האַנט טרעפן. אָבער ער קערט זיך אום צו זיין אָרט, טוט אויס דעם טלית־און־תפילין, שאַרט פאַרבאָרגענערהייט אַראָפּ אין האַנט אַ טרער, און אַן איינגעבויגענער פאַרלאָזט ער דעם בית־מדרש.

מיט טלית־און־תפילין אונטערן אָרעם, מיט דער אַראָפּגעשאַרטער טרער אין דער האַנט, גייט ער דורך די פריר־טויזקע, שוין מיט זון פאַרפלייצטע און מיט טומל פאַרפולטע געסלעך. פון די אָפענע קלייטלעך שמעקט מיט הערינג, מיט בוימל, קעראָסין און דזעגעכץ. צו די יאַטקעס ציִען זיך שליטנס מיט פלייש. אַ ייִדענע בעט ביים קצב אַ האַלב פונט פלייש אָן ביינער. זאָגט איר יענער: מאָרגן קוילעט מען אַן אָקס אַן אַנטיק, אַזעלכעס ווי אַזעלכעס, אָן איין ביינדעלע, די הערנער וועלן אַפילו זיין פון פלוסטער... — אין אַ ברייט־צעעפנטער שמידערײ פאַלן צוויי האַמערס אויף אַ ווייך־צעגליטן שטיק אייזן. דאָס אייזן שרייט ניט, אַרום שיטן זיך בלויז פייערדיקע פונקען. פון אַ פענצטערל, וואָס שפּאַרט זיך אָן אָן דער ערד, הערט זיך אַ שטעפּערײ פון אַ ניי־מאַשין. דער בעל־מלאכה זינגט:

דער שניי־יידער נייט, די נ־אָ־אָ־אָדל גייט,
ס׳איז גרוים די נויט,
אויב דאָס איז לעבן וואָס איז טויט ?...

יצחק באָיאַר, דעם רוקן געבויגן, דעם קאָפּ פאַרנייגט צום אונטער־געהויבענעם אַקסל, איז פאַרטראָגן. דער טראָט אָבער, ווי תמיד, אַ שווערער, אַ זיכערער — אין האַרטן שניי בלייבן טיפע סימנים. דער מהלך צום באַלעגאָלעס שטוב איז ניט קיין ווייטער — דאָס באַרגיקע געסל וואָלט אים שוין לאַנג באַדאַרפט אַהין פאַרפירן, נאָר ער גייט און גייט, און ווען ער כאַפּט זיך, טרעפט ער זיך שטיין כמעט אויסער דער שטאָט. ווייסע פעלדער שפּרייטן זיך ביז צו דעם וויַיטן בערעזע־וואַלד.

— און איך זוך אייך. זיי אַ שטערנזעער און טרעף, אַז יצחק באָיאַר

שטייט זיך ביים ברעג טייך, קוויקט זיך מיט גאָטס געבענטשטער זון און לויבט זיין ליבן נאָמען פאַרן חסד, וואָס ער טוט מיט אים.

דער באָיאַר דערפרייט זיך:

— עקיבא־לעבן, דו?

— זאָלן מיר אַזויביידע געזונט זיין, אַז דאָס בין איך און ניט קיין אַנדערער.

— עקיבא־פריינד...

עקיבא טוט אַ ציטער — אַזוי פלעגט אים רופן דניאל.

— וואָס, רב יצחק?

דערציילט אים דער קרעטשמאַר, וואָס אין בית־מדרש איז זיך מיט אים פאַרלאָפן.

— פאַרוואָס קומען מיר אַזעלכע בזיונות, אַזאַ חרפּה? איך האָב זי אַרויפגעפירט אויפן שלעכטן וועג... איך בין שולדיק? ניין, ניין, עקיבא־פריינד, דיך מאַך איך אויך ניט שולדיק... דיר האָט זי אויך צעבראָכן דאָס לעבן... ניט אַזוי האָסטו געמיינט. סיי ווי סיי... אָן דיין הילף וואָלט זי אויך אַנטלאָפן פון דער היים. דאָס פייער געפינט אַן אַרויסגאַנג.

און, ווי אַ קינד, טוט זיך אַ קלאָג דער ייִד:

— מיין נשמה ברענט און אַלע ביינער טוען מיר וויי...

— קומט מיט מיר, רב יצחק, איך וועל אייך אַרויפנעמען אויף מיין וועגעלע און מיר וועלן פאָרן און מיר וועלן אַריינפאָרן...

— וווהין? — שלאָגט אים איבער יצחק.

— אין אַ לאַנד פון מילך און האָניק.

— צו פיל פירער, — זאָגט יצחק מיט כעס — צו פיל נביאים האָבן זיך באַוויזן. יעדער איינער איז אַ משיח, יעדער טרומייטערט אין האָרן... גייסט צום דאָקטער? — פרעגט יצחק ווייכער. — כ׳וועל נעמען אַברהמען און פאָרן אַהיים.

— איך בין אייך געקומען טאַקע נעמען צום דאָקטער.

— אַ שיינעם דאַנק דיר. עפּעס, זע איך, ווילסטו מיר זאָגן?

— קומט, רב יצחק, ביים דאָקטער וועלן מיר ריידן.

אַריינגעקומען אין קאָרידאָר, דערזעט יצחק אין דער אָפענער טיר,

וואָס פירט אין אַ גרויסן צימער, אַחוץ דעם דאָקטער מיט דער שיינער באָרד, נאָך עטלעכע מענטשן: אַלע זיינען אויף די פיס, קיינער שטייט ניט אויף אַן אָרט, מ׳רעדט אַלע מיט אַ מאָל. נאָך גאָר יונגעלייט. ביי אַלעמען די פּנימער בלייכע, די אויגן — ברענען. איינער פון זיי טיילט זיך אויס פון אַלעמען. ער גייט אַרום איבער דער שטוב מיט ברייטע טריט. די הענט אין די קעשענעס, דעם קאָפּ מיטן וואַלד האָר פאַרריסן אין דער הויך. ער טראָגט אַ פאָר שוואַרצע וואָנצעס, אַ קמץ־בערדל, און פון זיינע ברייטע פולע רויטע ליפּן שיטן זיך ניין מאָס רייד. יעדעס וואָרט ווערט אָבער אויסגערעדט קלאָר און דייטלעך און מיט אַזאַ טאָן און מינע, אַז די אַלע רייד, וואָס ווערן פון אַנדערע געזאָגט, האָבן קיין ווערט ניט. די איינציקע רייד, וואָס דאַרפן פון אַנדערע געזאָגט ווערן, מוזן זיין נאָר זיינע. זיין וואָרט — דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט, וואָס דאַרף ברענגען דער וועלט יושר, גערעכטיקייט און ישועה. דער באָיאַר וויל כאַפּן עפּעס פון די רייד, נאָר די ווערטער זיינען זייער פרעמדע. ער וואָלט זיי אַפילו ניט געקאָנט אַרויסריידן, מ׳קאָן די ציין אויף זיי צעברעכן: טעריטאָריאַליזם, קולטור־אויטאָנאָמיזם, אחד־העמיזם...

— נביאים? — טוט יצחק אַ פרעג ביי עקיבאן.

— נביאים... — שמייכלט עקיבא.

— און מיין אַברהם זיצט אויך צווישן די נביאים? רוף מיר אים אַרויס אַהער, פאַרהלושעט מיר אים ניט דעם קאָפּ מיט בוריאַן. געגוג פון מיינעט וועגן, די והותר...

— אָ, — באַווייזט זיך דער דאָקטער אין דער טיר. — ברוך־הבא, רב יצחק, — און ער דערלאַנגט אים די האַנט. — קומט אַריין.

— אַ גרויסן דאַנק אייך, — יצחק נעמט דעם דאָקטערס האַנט אין זיינעביידע הענט. — איר האָט געטאָן פאַר מיר און פאַר מיין זון אַזעלכעס, אַז איך וועל אַ גאַנצן לעבן פאַר אייך גאָט בעטן. איר זייט אַ מזל־טוב... נאָר כ׳בעט אייך רחמים, כ׳וועל פאַלן פאַר אייך אויף די קני, קושן אייערע פיס, טשעפּעט אים ניט, ער איז ריין און גאַנץ...

דער דאָקטער נעמט אַרויס זיין האַנט פון יצחקס הענט:

— פון וואָס רעדט איר?

— ס׳איז מיר געבליבן איין קינד, טשעפּעט אים ניט, שלעפּט אים ניט אַריין אין אייערע חברהס. צינדט אים ניט אָן אייערע ליכט אין קאָפּ. איינער איז שוין פון זיי פאַרברענט געוואָרן... און איינע...

— אָט טאַקע וועגן איר וויל איך מיט אייך גראַד ריידן. פאַר אייער אַברהמען האָט קיין צרות ניט, ער איז ווייט פון אַזעלכע זאַכן, אין קיין שום חברהס וויל אים דאָ קיינער ניט אַריינשלעפּן.

— פון איר איז ניטאָ וואָס צו ריידן. איך בין שוין לאַנג נאָך איר שבעה אָפּגעזעסן.

— איך בעט אייך, רב יצחק, מיך אויסהערן. קומט מיט מיר אַריין אַהער.

און יצחק באַיאַר, מחמת דרך־ארץ און דאַנקבאַרקייט צום דאָקטער, לאָזט זיך אַריינפירן אין אַ זייטיקן צימער. אַהינצו קומט באַלד אַריין אויך אַברהם, יצחק דערפרייט זיך מיטן זון, צעקושט זיך מיט אים. ער זעט אים אָן די מיליצעס. אמת, ער שפּאַרט זיך אָן אויף אַ שטעקל, הינקט אַ ביסל אונטער.

— טאַטע — זאָגט פּלוצעם אַברהם, — כ׳בעט דיך זייער, לאָמיר זי נעמען אַהיים...

— וועמען נעמען? — טוט יצחק אַ געשריי. — נעמען? זי נעמען?

— שרייט ניט, רב יצחק, — זאָגט דער דאָקטער, — און הערט מיך אויס. הערט מיך אויס, רב יצחק. אין דער תורה שטייט: כרחם אָב על בנים. ס׳איז פאַראַן אַ גליקלעכע מעגלעכקייט. מ׳קאָן נעמען כיירוסן אויף פּאַרוקע. דאָס קאָן אָבער טאָן נאָר דער פאָטער.

יצחק באַיאַר זיצט ביים פענצטער אַ באַלויכטענער פון דער ערב־פרילינגדיקער זון. דער רוקן איז ביי אים געבויגן, ווי ער וואָלט גרייט געווען אויפצונעמען כלערליי קלעפּ. איינצייטיק אָבער זיצט ער אויך, ווי אַ זייטיקער, ווי אַ ווייט־פרעמדער, ווי איינער, וואָס דעם דאָקטערס רייד האָבן צו אים קיין שייכות ניט. אויף דעם דאָקטערס אַלע רייד האָט ער מער קיין איין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט. דער דאָקטער פאַרלירט די רויִקייט. דעם באַיאַרס שווייגן ווערט פון אים אויסגעטייטשט, ווי אַ פּשוטער חוזק. ער קען זיי, די דאָרפסלייט, דאָרטן, ווו זיי דאַרפן, שטעלן זיי זיך אַרויס

פֿאַר תמען, פֿאַר אַזעלכע, וואָס קענען קיין צוויי ניט ציילן. וואָלטן די רייד געגאַנגען וועגן פּשוטערע, וועגן ווייניק־וויכטיקערע זאַכן, וואָלט דער דאָקטער שוין לאַנג אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַ סוף געמאַכט צו דעם גאַנצן געשפּרעך. נאָר דאָ, ביי אַזאַ לאַגע, פֿאַרבייגט איליאַ איליטש זיין כבוד. אָבער שוין שאַרף זאָגט ער:

— פֿאַרגעסט, רב יצחק, אויף אַ רגעלע, אַז כּיירוס איז אייער טאָכטער. דערמאָנט זיך, אַז ס׳גייט אין ראַטעווען אַ מענטשן!

דאָ, ביי דעם דאָקטערס לעצטע ווערטער, רייסט יצחק באַיאַר אָפּ דעם בליק פֿון די פֿייערדיקע פֿענצטער, הייבט האַסטיק אונטער די אַקסל, פֿון זיין ברוסט רייסט זיך אַרויס אַ צוגעשטיקטער קרעכץ, וואָס גיט צו וויסן, אַז מער אויסהאַלטן אַזעלכע פּייניקונגען וועט ער ניט קאָנען:

— וואָס ווילט איר פֿון מיר, נאָך וואָס האָט איר מיך געבראַכט אַהער?

— רב יצחק, פֿאַרשטייט מיך ניט צום שלעכטן, — פֿאַלט ביים דאָקטער דאָס קול, און ער בעט זיך כּמעט. — איר איינער קאָנט עס טאָן. נאָר איר איינער. אויב איר זאָגט זיך אָפּ, פֿאַרשיקט מען זי קיין סיביר. נאָך היינט גייט זי אַוועק מיטן עטאַפּ. זי וועט גיין מיט די קייטן אויף די פֿיס. און ס׳בלייבט דאָך דאָ ביי איר...

דער דאָקטער דעררעדט ניט. יצחקס פּנים דערשרעקט אים. דער באַיאַר האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פֿאַרן בענקל. אַברהם, ווי אַ שותּף צו דעם, וואָס דאָ האָט זיך פֿאַרקאָכט, שוין מיט גרויס חרטה, און נאָך מיט גרעסערן רחמנות צום פֿאָטער, זיצט אָנגעשפּאַרט די הענט אויפֿן שטעקן, דעם קין אויף די הענט, מיט אַן אָפֿן מויל, אַ בלאַסער און אַ פֿאַרזינדיקט־דערשראָקענער. עקיבא מישט זיך אויך ניט אַריין. צום אָנהייב האָט ער געבלעטערט אַ בוך, דערנאָך אים צוריק אויף זיין אָרט אין ביכערשראַנק אַריינגעשטעלט און גענומען פֿונעם דאָקטערס אַרבעטס־טיש דעם ווייס־טרוקענעם מענטשלעכן שאַרבן. ער האַלט דעם שאַרבן אויף ביידע הענט און קוקט אויף אים שוין אַ שטיק צייט. די ברעם אונטערגעהויבן, דער שטערן שטאַרק צונויפֿגעקנייטשט, נאָר מיט אַ קוים באַמערקבאַרן שמייכל אויף די צונויפֿגעצויגענע ליפּן.

און די זון אין די צוויי גרויסע פֿענצטער, דורך די לאַנגע פֿון אויבן

ביז אַראָפּ געדיכט־געשטריקטע פּאָרהאַנגען, פֿאַרגיסט דעם צימער מיט ערב־פרילינגדיקן, מיט צאַפּלדיקן ליכט. דער דאָקטער אָן די פּענסנע — זיי הענגען אַראָפּ פֿון זײַדענעם שנירל, שטייט מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, פֿינטלט מיט די אויגן אויף דער שײַן און וואַרט פֿונעם ייִדן כאָטש נאָך איין לעבעדיק וואָרט.

יצחק, די אונטערגעהויבענע אַקסל לאָזן זיך אים אַראָפּ, דער רוקן גלײַכט זיך אים לאַנגזאַם אויס, נאָר ער שווײַגט. ניט פֿון דאַנקבאַרקייט, ניט דערפֿאַר, וואָס דער דאָקטער האָט אַזוי פֿיל געטאָן, געווען דער ערשטער צווישן יענע, וואָס האָבן בטל געמאַכט דעם בילבול אויף אַברהמען, האָט אַזאַ צײַט אים אויסגעהאַלטן, אים געהיילט און אויסגעהיילט. אָן־אָ זיצט ער דאָך, אַברהם, אָן די מיליצעס. אמת, מיט אַ שטעקן, ער הינקט אַ ביטל אונטער, אָבער ער איז פֿאָרט אויף די פֿיס געשטעלט געוואָרן. אַוודאי בלײַבט ער, יצחק, אַן אייביקער בעל־חוב פֿאַרן דאָקטער. ווען ניט ער, וואָלט מען באַדאַרפֿט געווען גיין און בייגן דעם קאָפּ און אָפּשלאָגן אַלע שוועלן. אַוודאי וועט ער, יצחק, דאָס גאַנצע לעבן בעטן גאָט פֿאַרן דאָקטער. נאָר ניט פֿון דאַנקבאַרקייט זיצט ער דאָ, יצחק באָיאַר, און לאָזט זיך גיסן זודיקן פּעך אויפֿן האַרצן. ווען ניט די טיפֿע אַכטונג צום דאָקטער, דער גרויסער יראת הכבוד פֿאַר אים, וואָלט ער גענומען דעם זון פֿאַר דער האַנט און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר.

דער באָיאַר האָט אין יענער נאַכט פֿון דניאלס טויט געזען: דער דאָקטער מיט דער שיינער שוואַרצער באָרד איז אַ גרויסער מענטשן־פֿרײַנד. ער איז גרייט אײַנצושטעלן זײַן לעבן, זיך מפֿקיר זײַן פֿאַר אַ צווייטן. יצחק וועט קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן יענע נאַכט. ער איז אַפֿילו זיכער, אַז אין דער לעצטער רגע פֿאַרן טויט וועט ער זען בלויז יענעם פֿרײַטיק־צו־נאַכטס. און ניט ווי אַזוי דניאל ליגט אין בעט שוין אַ קאַלטער און האַלט אַרומגענומען אַברהמען. ניין, ער וועט זען אין דער לעצטער רגע פֿאַרן פֿאַרלאָזן די ליכטיקע וועלט, ווי דער דאָקטער פֿאַרשפּרייט אויף דער קיך דעם טיש מיט אַ ווײַסן לײַלעך, בינדט אונטער מיט אַ האַנטעך די באָרד, פֿאַרקאַטשעט די אַרבל ביז די עלנבויגנס און הייסט אים, יצחקן נעמען די צוויי אָנגעצונדענע ליכט איןביידע הענט אַרײַן: „רב ייִד, לײַכט מיר

צו, ס׳איז די גרעסטע מיצווה, וואָס מ׳קאָן נאָר טאָן אום שבת!...״ ער לייגט אַרויף דאָס נאַקעטע קינד אויפן טיש און שניידט דעם אויף דאָס בייכל. דאָס איז געווען אַ ווילדע איינשטעלעניש. אַפילו דער לאַנגער זשאַנדאַרם איז נתפעל געוואָרן. דער פּריסטאַוו האָט זיך גלייך אויסגע־ניכטערט. ווען, חלילה, דאָס קינד שטאַרבט, וואָלט געקאָנט אויסברעכן אַ שרעקלעכע שׂרפה. דער פּריסטאַוו איז שפּעטער געפאָרן צוויי וואָכן נאָך אַנאַנד צו מאַריען — געווירע ווערן צום קינד. גאָר אַזאַ הייס האַרץ און אין דער זעלבער צייט נאָר אַזאַ ווילדער משוגענער, ווי דער דאָקטער, האָט געקאָנט אויף זיך אַזעלכעס נעמען. ווען די שעה זאָל גאָרניט זיין, ס׳טרעפט אַן אומגליק, שטעלט זיך אַ מוראדיקע סכנה פאַרן גאַנצן כלל. אויף יצחקן האָט דעמאָלט די הויט געציטערט. ער ווייסט ביז היינט ניט, ווי אַזוי האָט ער די ליכט אין די הענט איינגעהאַלטן און ווי אַזוי ער איז פון די פיס ניט אומגעפאַלן.

דער דאָקטער גייט אַרום הין־און־צוריק איבער דעם פאַרביקן אויס־טערליש־געמאָלטן טעפּעך מיט די העל־רויטע פילשפּיציכיקע בלעטער אויף די דיקע שוואַרץ־ווייסע איבערגעפלאָכטענע צווייגן, וואָס שפּרייטן זיך און קריכן איבערן דיל פונעם גאַנצן צימער. די טריט זיינע ווערן דאָרט, ווי אין אַ וואַלד, פאַרלאָרן געגאַנגען. אפשר פון דעם, וואָס דער דאָקטער האָט אָנגעהויבן אַרומצוגיין מיט אָ די פאַרשטילטע טריט, וויגט זיך הין־און־צוריק, ווי אַן אומרו, וואָס וועט, דוכט זיך, קיין מאָל זיך ניט אָפּשטעלן, און אפשר גאָר פון דעם, וואָס פון יענעם צימער הערט מען שוין אויך קיין קול ניט — אַ פּנים, יענע וואַרטן דאָרט אויך, און אפשר דערפאַר, וואָס אין אָט דער מיט אַ מאָל געוואָרענער שטילקייט שרייט אין דעם באַיאַר דאָס אייגן האַרץ נאָך העכער: איין־און־איינציקע טאָכטער געבליבן... גען זי אַהיים!... — נאָר דאָ הייבט זיך אויף יצחק און זאָגט:

— אומזיסט אייער טרחה, איר וועט מיך ניט ברעכן.

— דאָס איז פּשוט אוממענטשלעך, — בלייבט דער דאָקטער שטיין, — ס׳איז ניט צו באַגרייפן. איר, וואָס האָט פאַר דער לעצטער צייט אַזוי פיל איבערגעלעבט... אייך וואָלט, דוכט זיך, די צייט און די צרות באַדאַרפט אַ ביסל ענדערן און איבעראָנדערשן. אַפילו אַ שטיין ווערט פון דער צייט,

פון ווינטן און רעגן אַרומגעשלייפט. דאָס לעבן שטייט ניט אויף איין אָרט...

— עליקל, וויפל איז דער שיר? דער סאַמאָוואַר ווערט קאַלט, מענטשן וואַרטן.

— באַלד, מאַמע, באַלד.

אין דער שטיל־געעפנטער טיר, די אַרויסגעשלאָגענע זילבער־האָר פון אונטער דעם שוואַרצן שאַרף, מיט די פון נחת־טרערנדיקע אויגן, מיטן פנים, וואָס זאָגט כסדר: „ניט פאַרשטערט זאָל עס מיר ווערן", שטייט דעם דאָקטערס מוטער אין עפּעס אַ פאַרלעגנהייט. לויט דער מוטערס אויגן דערקענט דער זון, אַז ניט נאָר צוליב דעם סאַמאָוואַר, וואָס ווערט קאַלט, איז די מאַמע אַריין, זי האָט נאָך עפּעס צו זאָגן. ווייסט ער, וועגן וואָס די רייד קאָן גיין: מיט אַ מאָל איז אַ קראַנקער געקומען.

— מאַמע, איצט וועל איך קיינעם ניט אויפנעמען. זאָל ער אַפילו זיין אַ קבצן ביזן הימל.

— גוט, מיין זון, גוט. וועל איך איר טאַקע גיין אַזוי זאָגן.

אין דער מוטערס קול דערהערט דער דאָקטער אַן איינגעהאַלטענע, פאַרבאָרגענע צופרידנקייט. ס'פילט זיך אין איר קול, אַז זי וועט גערן און מיט הנאה אַרויסבאַגלייטן יענע פון שטוב. דער מוטערס גרייטקייט, איר תּיכפדיקע נאָכגיביקייט פאַרווונדערט שטאַרק דעם דאָקטער. נאָך ניט געווען אַזאַ פאַל, זי אַליין זאָל דערלאָזן, אַז אַ קראַנקער זאָל ניט אויפ־גענומען ווערן, תמיד שטייט זי צו:

— זאָג ניט אָפּ, מיין זון. אַ קראַנקער מענטש איז געגאַנגען אַזוי ווייט. דו ביסט דאָך זיין לעצטע האָפענונג... פאַרגעס קיין מאָל ניט, מיין קינד, אַז ווען דיין טאַטע וואָלט געהאַט אויף אַ דאָקטער, וואָלטסטו ניט געווען קיין נאָמען נאָך אים...

אַ פאַרחידושטער פרעגט ער:

— מאַמע, די קראַנקע איז שוין אַ מאָל געווען ביי מיר?

— ניין, קיין מאָל ניט.

— ווייסטו ניט ווער זי איז?

— פאַר וואָס זאָל איך ניט וויסן? רב נתן לאַנדעס שנור.

— איווע? איווע? — פרעגט ער צוויי מאָל איבער דערשטוינט.

די מוטער פאַרריכט דעם שוואַרצן שאַרף אויפן קאָפּ, פאַרשאַרט די זילבערנע האָר, און די נחת־טרערנדיקע אויגן ווערן גלייך טרוקן: ביי איר לעבן וועט דאָס ניט געשען. זאָל ער שוין בעסער פאַרבלייבן אַן אַלטער בחור. זי וועט ניט דערלאָזן, אַז איר זון, אויף וועלכן זי האָט אָפּגעגעבן דאָס לעבן, זיך פאַר גאָרנישט ניט אָפּגעשטעלט, גאָרנישט ניט געווען צו שווער און טייער, זאָל נעמען אַ גרושה מיט אַ קינד. אויך פריִער איז ער געווען אַן אָפּטער אַריינגייער צו די לאַנדעס. זי האָט געקוקט אויף דעם דורך די פינגער. נאָר די לעצטע חדשים איז ער געווען מער דאָרטן, ווי ביי זיך אין דער היים. ניט איין מאָל, אין דער צייט פון איוועס קרענק, האָט זי אים געטראָפן דאָרט ביי נאַכט זיצן הינטער דער טיר און דרעמלען אויפן בענקל. ער האָט געהאַט איין ענטפער:

— זי איז דאָך מסוכן קראַנק, היינט־מאָרגן דער קריזיס.

— ביי וועמען? — האָט זי אים געפרעגט.

— וואָס הייסט ביי וועמען? ביי דער קראַנקער.

— און איך האָב געמיינט, אַז ביי דיר...

און פלוצעם, צוריק מיט אַ פּאָר וואָכן, האָט ער מיט אַ מאָל גאָר אויפגעהערט צו גיין אַהין. וואָס דאָרטן איז געשען, ווייסט זי ניט. נאָר צופרידן פון דעם איז זי. מסתמא האָט ער זיך געכאַפּט, אַז צו קיין גוטס וועט עס ניט ברענגען. און צוליב וואָס? אַ שיינע? קאַרג שיינע מיידלעך אין שטאָט? דעם פּראָפעסאָר עפּראָסעס טאָכטער איז שענער פון איר.

נאָר צוזעענדיק, ווי דער זון, דער דאָקטער, שטייט פאַר פרעמדע מענטשן אַ צעטראָגן־מבולבל געוואָרענער, וויגט אין דער האַנט די פענסנע אויפן שנירל, פינטלט נאַריש מיט די אויגן, די פאַרבן בייטן זיך אים אין פּנים, זאָגט זי:

— וואָס זשע שטייסטו? גיי אַרויס באַגעגענען.

און צו די איבעריקע, באמת האַרציק:

— קומט, ליבע געסט, טרינקען אַ גלאָז טיי, לאָזט זיך ניט בעטן.

— אָט דאָס האָסטו מיר געבראַכט אויף דיין שיין וועגעלע אין דעם שיינעם לאַנד? — פאַלט אָן יצחק באַיאַר אויף עקיבאָן, ווען דער דאָקטער מיט דער מוטער זיינען אַרויסגעגאַנגען. — דו זיצסט אויף דיין שיין

וועגעלע, האַלטסט אַ מענטשלעכן שאַרבן אין דער האַנט און שמייכלסט מיט חוזק...

— רב יצחק, גאָט איז מיט אייך.

— מיט מיר איז ער, אַוודאי, נאָר צי איז ער מיט דיר? דער שאַרבן אין דיינע הענט איז ניט נאָר חילול־השם, נאָר קודם־כל חוזק פון זיך אַליין. פון איין זייט נייע נביאים. אויך זי איז צווישן די נביאים. נייע משה רבנוס, דבורה הנביאהס, מ׳רופט נעמען נייע לוחות, מ׳פירט צו א נייעם באַרג־סיני... ס׳שטעלט זיי גאָרנישט אָפּ — ניט די בליצן, ניט די דונערן. מ׳גייט קיין סיביר, מ׳גייט אויף דער תליה... גאַסן, גאַנצע שטעט ווערן פאַרגאָסן מיט בלוט... און אויפן טיש שטייט אַ מענטשלעכער שאַרבן, און מ׳שיט אין אים דאָס אַש פון די ציגאַרן... שווייג, עקיבא, וואַרף ניט קיין רייד אויפן ווינט. מיר קוקן טאַקע דורך איין פענצטער, מיר זעען אָבער פאַרשיידענע וועלטן... דיר טוט ווי אַ פינגער, און מיר טוט ווי דאָס גאַנצע האַרץ. מיר פאַרשטייען זיך ניט... און איך וועל דיר זאָגן נאָך בעסער: מיר קענען זיך ניט. איך ווייס, למשל, ניט, ווער איר זייט?

און יצחק באַיאַר, ניט קוקנדיק אויף עקיבאן, נעמט דעם טלית־און־תפילין אונטער דעם אָרעם:

— קום, אַברהם, צו דיר, מיין זון, האָב איך גאָרניט... צום דאָקטער וועלן מיר נאָך אַריינגיין. כ׳האָב אים געבראַכט אַ קליינע מתנה — אַ ביסל אַנטאָנאָווער עפל. קום, מיין זון, רוף מיר אַרויס איוועז, מ׳דאַרף זיך מיט איר זען. זי איז מסתמא געקומען נאָך אַ גרוס פון דער היים. גיי זאָג איר, אַז מ׳האָט די מאַמע פון שטריק אַרויסגענומען. גיי דערצייל איר, גיי גיב איר איבער אַ גרוס...

נאָר דאָ איז ווידער אַריין דעם דאָקטערס מוטער. זי וועט די אורחים פון איר שטוב ניט אַרויסלאָזן אָן אַ גלאָז טיי. און יצחק מיטן זון זיינען אַריינגעפירט געוואָרן אין יענעם צימער — צו די יונגעלייט מיט די בלייכע פנימער און ברענענדיקע אויגן. יענער, וואָס מיט דעם אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיטן וואַלד האָר, מיט די געפוצטע שוואַרצע וואָנצעס און קמיץ־בערדעלע, האָט עפּעס שטילערהייט איינגעטענהט מיט איוועז, יצחק האָט דערהערט, ווי איווע ענטפערט אים:

— איך וועל אים גאָרנישט ניט זאָגן. איר קענט ניט דעם ייִדן.

דערהערנדיק אירע רייד, טוט דער באָיאַר אַ שמוך אין דער באָרד אַריין: „פאָרט אייגן בלוט״. און ווען איווע גייט צו צו אים, נעמט אים אַרום, ווי איר אייגענעם טאַטן, נעמט זי יצחק אָן ביים עלנבויגן, ווי ער טוט עס תמיד מיט אַ גאָר ליבן און גאָענטן מענטשן, און זאָגט:

— אַ גרויסן דאַנק גאָט, וואָס איך זע דיך אַ געזונטע. כ׳האָב געהערט, אַז דו ביסט געווען שטאַרק קראַנק. אין דער היים איז קיין נייס ניטאָ. אַלע זיינען געזונט.ביילע האָט אין אַ גוטער שעה געהאַט אַ פּאָרל — צוויי מיידלעך. — און יצחק גיט איר איבער אַ באַריכותדיקן גרוס פון יעדן באַזונדער. נאָר פון נעכטן רעדט ער ניט. איווע פרעגט אים אויך ניט וועגן דער מוטער. זי גייט צו צו דעם קאַכל־אויוון, שפּאַרט זיך אָן מיטביידע הענט אָן אים און בלייבט אַזוי שטיין מיט דער פּלייצע צו דער שטוב.

— אָ, אַ וואַרעמע הרובע, גוט. כ׳בין אַ ביסל דערפרוירן געוואָרן.

אַחוץ דעם דאָקטער, זיין מוטער און עקיבאַן ווענדט אויף איר כמעט קיינער קיין אויפמערקזאַמקייט ניט. אַלע איבעריקע זיינען שטאַרק פאַר־נומען מיטן דאָרפס־ייִד, וואָס אינעם פּעלצל מיט דער גרינער קרייקע, דאָס אויסגעריבענע סויבלנע שטריימל אויף דער זייט, מיט טלית־און תפילין אונטערן אָרעם, ווי ער זיצט אויפן שפּיץ בענקל, ווי איינער, וואָס קומט אָפּ אַ שטראָף, ווי ער זופּט הילכיק די טיי און דערציילט דערביי איוועץ, אַז יענע וואָך האָט זיך ביי אים געקעלבט די בהמה, אַז דער טאַטע אירער, גבריאל, האָט די לעצטע צייט אָנגעהויבן גיין מיטן אַלטן פּריץ, מיט באָגושעווסקין, אין וואַלד אַריין שיסן האָזן... אַז דער מומע ליבעס מאַן, שמריה, האָט היינטיקן זומער, גייענדיק פונעם יאַריד דורכן וואַלד אַהיים, זיך באַגעגנט דאָרט מיט אַ שד. שמריה שווערט ביי ארבע־כנפות, אַז ס׳האָט זיך אים ניט אויסגעדאַכט.

יצחק באָיאַר זעט אָבער גוט: אָט די עטלעכע יונגעלייט, באַזונדערס אָט דער, וואָס מיטן וואַלד האָר, מיט די געקעכלטע וואָנצעס און קמץ־בערדעלע, ווען אים אַזוי גיך פון שטוב ניט אַרויסלאָזן. זיי קלייבן זיך ווידער פאָרפירן דאָס פריִערדיקע געשפּרעך פון אָנהייב. רוקט יצחק אָפּ

די גלאָז ניט דערטרונקענע טיי, קלאַפּט לאַנג מיט די פינגער איבערן טיש און זאָגט:

— רבותי, איר אַלע האָט געטאָן פאַר מיר זייער אַ סך. וואָס איז דאָ שייך צו ריידן. זאָל גאָט זיין מיט אייך אין אַלע אייערע וועגן. איך ווייס אויך, אַז דאָס, וואָס איר ווילט פון מיר, טוט איר דאָס פון גוטן האַרצן. ווייל באמת, וואָס זייט איר מיט איר? כ׳ווייס אויך, אַז איר ווילט מיר חלילה ניט צאַפּן דאָס בלוט. איר זייט אויך ניט געקומען אַהער מיר שוואַרצן דאָס פּנים. וועל איך אייך דערציילן אַ געשיכטע, וואָס איז זיך אַ מאָל פאַרלאָפן אין אונדזער משפּחה. נאָך דעם וועלן שוין אַלע רייד זיין איבעריק. הערט, רבותי! מיין עלטער־זיידע אָשר, עליו־השלום, פון דער מאַמעס צד, האָט געהאַט אַ ברודער טאָדרעס, עליו־השלום. אין דער משפּחה האָט מען אים גערופן „בעל־מופת". דאָס איז געווען, ער זאָל מיר מוחל זיין, זייער אַ פּראָסטער ייִד. ער האָט ניט געהערט צו די רבי־בר־בר־חנהס געגנדז. פאַרן שלאָף פלעגט ער בענטשן און נאָכן עסן לייענען קריאת־שמע. פרייטיק־צו־נאַכטס פלעגט ער נאָכן קידוש נעמען דעם פידל, אַוועקגיין אויף אַ וועטשורקע און שפּילן דאָרטן ביזן ווייסן טאָג אַריין. ער איז געווען כל ימיו אַ שניידער. אָבער אַזאַ בעל־מלאכה, וואָס אין אים האָט געטליִעט דער געטלעכער פונק פון דעם גרויסן בצלאל. פאַראַן אין אונדזער משפּחה אַ סך אַזעלכע. פון שמאַטעס האָט ער געקאָנט מאַכן בגדי־מלכות. מיט איין וואָרט — פון זאַמד פלעגט ער דרייען פאָדעם. גענייט האָט ער פאַר אַלע פּריצים און שׂררות. אים איז געווען אַלץ איינס, פאַר וועמען צו נייען: פאַר זכרים צי פאַר נקבות. אַ מאָס פלעגט ער אַראָפּנעמען אויפן אויג. איצט פאַרשטייט איר שוין, פאַר וואָס מ׳האָט אים גערופן „בעל מופת"? גייט זיך דאָס לעבן שטיל, ווי זאָגט מען: אַ טאָג אַריין, אַ נאַכט אַרויס, די נאָדל נייט, דאָס לעבן גייט. נאָך אַ קליידל, נאָך אַ בגד. טאָדרעס, עליו־השלום, איז שוין געווען אין די יאָרן, קרוב צו שמונים. נאָך אַ שפּאַן, נאָך אַ טראָט, און דער „בעל מופת" וואָלט אַראָפּ מיט כבוד, מיטן פאָדעם אויף דער ליפּ, אין קבר אַריין. טרעפט אָבער אַ מעשה, — יצחק באָיאַר טוט אַ קרעכץ, — וועמען לאָזט עס דאָס לעבן אַראָפּ גלאַט אַזוי אין שאול־תחתיה אַריין, אַז מ׳זאָל אים פריִער ניט אָנכאַפּןביים גאָרגל און מיט

שאַרפֿע נעגל ניט שטיקן און וואַרגן?... איווע דערצייל דו ווייטער. אַ מאָל פֿלעגסטו חנוכה צום ערשטן ליכטל, זייער שיין דערציילן.

און יצחק באַיאַר קלאַפּט זיך אָן דאָס ציבעקל, פֿאַררייכערט און בלייבט זיצן מיט צוגעמאַכטע אויגן. דרייען אַלע אויס די קעפּ צו איוועז. טוט זי אַ שאָקל מיטן קאָפּ — זי וועט דערציילן. פֿאַר איר טראָגן זיך אַדורך יענע ווינטערדיקע חנוכה־אויפֿדערנאַכטן. אויפֿן טיש ליגט דער באַרג הייסע הרעטשענע לאַטקעס, איבערגעדעקטע מיט האַנטעכער, ס׳שטייט דער טאָפּ געגדזענע גריוון. די זיידעס הערן אויף צו שפּילן מיט די אייניקלעך אין דריידל, די עלטערן באַהאַלטן די קאָרטן. און זי, איווע, דערציילט די געשיכטע. נאָר דעמאָלט איז לעבן איר געזעסן דניאל... אָבער צוליב יצחקן, וואָס אים איז שווער פֿאַר פּרעמדע צו פֿאַרענטפֿערן זיך און צו דערקלערן, און אויך פֿון וועלן אויף אַ ווײַלע איבערטראָגן זיך אַהין, אין דער שיינער יוגנט אַריין, רוקט זי זיך אַריין טיפֿער אין שטול, פֿאַרמאַכט אויך, ווי יצחק, די אויגן און זעצט פֿאָר:

— אין איינעם אַ טאָג שיקט דער אַלטער פּריץ, דער גראַף באָגושעווסקי, נאָכן שנײַדער, נאָך אונדזער טאָדרעסן, עליו־השלום, און זאָגט צו אים אַזוי: מ׳דאַרף אויפֿנייען פֿאַר מיין טאָכטער אַ קלייד. שיקן קיין פֿאַריזש נייען — אויף דעם איז קיין צייט ניטאָ. נאָר טאָמער פּטרסטו די מאַטעריע, וועט דאָס דיר קאָסטן אַלע פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט. די מאַטעריע האָט מען מיר געבראַכט אַזש פֿון פּערסיע. ענטפֿערט אויף דעם דער „בעל מופֿת״:

— אדוני פּריץ, אויף ווען דאַרף פֿאַרטיק ווערן דאָס קלייד?

— איך יאָג דיך ניט, — זאָגט דער גראַף, — דו האָסט נאָך צייט גענוג. מ׳וועט דיר אַוועקשטעלן דיין טיש אין אַ באַזונדער חדר, מ׳וועט דיר געבן אַלץ, וואָס דו דאַרפֿסט און ניי.

און אַזוי איז געבליבן. מ׳האָט באַוויזן טאָדרעסן, עליו־השלום, די יונגע גראַפֿיניע, האָט ער זי אָפּגעמאָסטן מיטן אויג, און זיך גענומען צו דער עבודה. מיט איין וואָרט, צי ווייל דער גראַף האָט אים אַזוי אָנגעשראָקן, צי דער שׂטן־מקטרג האָט זיך דאָ אַריינגעמישט, נאָר טאָדרעס האָט דאָס קלייד קאַליע געמאַכט. דער גראַף האָט ניט געשריִען, זיך ניט

געבייזערט. נאָר דעם שניידער האָט מען טאַקע אַרויסגעפירט אין הויף אַריין, אַוועקגעלייגט די רעכטע האַנט אויף אַ קלאָץ און פאַרהויבן אַ גלאַנציקע שווערד. אַז טאַדרעס האָט דערזען — די שפּיל איז פאַרן טיוול, דער אַלטער פּריץ וועט האַלטן וואָרט, הייבט ער זיך אָן בעטן:

— אדוני פּריץ, אויב איך האָב געקאַנט קאַליע מאַכן דאָס קלייד, וועסטו נאָך קענען שפּעטער מיט דריי טעג מיר אָפּהאַקן די האַנט. איך וועל פון דיר אין ערגעץ ניט אַנטלויפן. איך האָב אַ זון, ער איז נאָך טאַקע יונג, נאָר ער וועט דיר דאָס קלייד פאַרריכטן. — איז דער פּריץ מסכים. אַמאָליקע פּריצים האָבן געהאַט יושר! הייסט ער אַריינוואַרפן דעם אַלטן שניידער אין קעלער און באַפוילט, מ'זאָל פאַרן ברענגען דעם יונגן, דעם זון. און דאָס הייבט זיך ערשט אָן די מעשׂה־נורא...

— גוט, איווע, גוט, — הייבט אויף יצחק אַ ברעם. — רו זיך דיר אָפּ אַ ביסעלע! — ער קלאַפּט אויס דאָס אַש פון ציבעק אָן אַ פּיסל פון בענקל און דערציילט ווייטער: — האָט מען דעם זון געבראַכט. דאָס איז געווען טאַדרעסעס מיזיניקל יאַנטל, דער בן־זקונים פון דריטן ווייב. יאַנטל איז געווען אַ שיינער בחור, אַ פריילעכער יונגאַטש, אַ לעביונג. ער איז ניט געווען, חלילה, קיין סאַמאַראַדנער שיכור, נאָר דעם ביטערן טראָפּן האָט ער ליב געהאַט. כאָטש יאַנטל, זכרונו־לברכה, האָט געהאַט גאָלדענע הענט, כאָטש אין זיין יעדן פינגער איז געלעגן אַ שטיק כישוף, נאָר פאַר פּריצים האָט ער ניט געוואָלט נייען. ער האָט גענייט נאָר גראָבע זאַכן: סוויטקעס, סערמענגעס, פּעלצן, וואַטאָווע לייביקעס — פאַרן פּראָסטן פּויער. מיט זיי טאַקע פלעגט ער מאַכן קידוש. האָט ער ביי טאָג געאַרבעט און ביינאַכט — געגנבעט פערד. יאָ, ער איז געווען אַ פערד־גנב. אין אָט דער מלאכה איז ער אויך געווען אַ גרויסער מומחה. ער האָט איין מאָל אין מיטן העלן טאָג, אַרויסגעפירט אַ פערד פון אַ ציגיינערישן טאַבאָר. פאַרשטייט איר דאָך שוין... אַז יאַנטל איז געקומען צום פּריץ, דערהערט, אין וואָס פאַר אַ סכנה זיין אַלטער טאַטע איז, האָט ער גענומען באַטראַכטן דאָס קאַליע געמאַכטע קלייד. ער האָט עס לאַנג באַטראַכט, באַקוקט, געמאָסטן, דערנאָך אַ פייף געטאָן און געהייסן אַריינרופן די יונגע גראַפיניע. ער האָט יאָ פון איר אַראָפּגענומען אַ מאָס און מיט אַ געזאַנג זיך אַוועק־

געזעצט צו דער עבודה. אַ קול האָט ער געהאַט — די זיסקייט אַליין. אין דריי שעה אַרום איז דאָס קלייד פאַרריכט געוואָרן. די יונגע גראַפיניע איז געווען אויפן זיבעטן הימל. האָט דער גראַף באַפוילן אַרויסלאָזן דעם אַלטן שניידער פון קעלער.ביידן — דעם טאַטן מיטן זון — אָנגעגעבן מתנות און מיט כבוד זיי אָפּגעלאָזט אַהיים. נאָר דאָ, רבותי, הייבט זיך ערשט אָן דער תוך, דער עיקר פון דער געשיכטע. ביז אַהער איז עס געווען, ווי זאָגט מען, די פאָרשפּיל... פון יענעם טאָג אָן איז אָבער דעם גראָפס טאָכטער געוואָרן אויס מענטש. זי האָט אָנגעהויבן איינפאַלן, דאַרן, ביז זי איז גאָר געבליבן ליגן צום בעט. אין פּאַלאַץ איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה. דער אַלטער באָגושעווסקי האָט אַראָפּגעבראַכט די גרעסטע לאַנד־דאָקטוירים. נאָר קיינער פון זיי קאָן מיט גאָרנישט ניט העלפן. אַז אַ מענטש קלאָגט זיך אויף גאָרנישט ניט. דער אַלטער באָגושעווסקי רירט זיך שיר ניט פונעם זינען. אַ וועלכער פאָטער קאָן עס צוקוקן, ווי זיינס אַ קינד, אַן איין־און־איינציקע טאָכטער, גייט צו גרונט...

ביי די לעצטע ווערטער טוט ביי יצחקן אַ ציטער דאָס קול. פון זיין ברוסט רייסט זיך ווידער אַרויס אַ קרעכץ, און ער דרייט אויס דעם קאָפּ צו איוועז.

— הכלל, — כאַפּט אונטער איווע, — דאָס מיידל גייט אויס, ווי אַ ליכט. זי צאַנקט. ווי דער שניי אום וועסנע. איז דריי טעג און דריי נעכט דער גראַף פון איר ניט אָפּגעטראָטן: זאָל זי אים זאָגן, וואָס פאַרלאַנגט זי, וואָס איז איר באַגער? זאָל זי נאָר זאָגן, וועט איר דאָס טעלערל פון הימל דערלאַנגט ווערן. האָט זיך די טאָכטער צעוויינט און אויפגעעפנט פאַרן פאָטער דאָס האַרץ: זי איז פאַרליבט אינעם שניידער־יונג! האָט עס דעם אַלטן גראַף ווי אַ דונער געטראָפן. די גרעסטע שׂררות, די גרעסטע מיוחסים, די רייכסטע פירשטן און מאַגנאַטן שלאָגן אָפּ זיין שוועל, לעכצן נאָך זיין טאָכטערס אַ בליק — איר שיינקייט רימט דאָך איבער דער מדינה. און דאָ, נאַ דיר גאָר... אַ זשידליק, אַ שניידערוקל, אַ פערד־גנב. אַ פינצ־טערער בזיון פאַר דער וועלט. דער אַלטער פוילישער גראַף מיטן אַלטן פוילישן האָנער וויל אַפילו וועגן דעם ניט הערן. דאָס וועט קיין מאָל ניט זיין. נאָר די טאָכטער ברענט. זי ווערט פון טאָג צו טאָג שוואַרצער, אָט

בלייבט פון איר אַ האַלעוועשקע... און דער אַלטער גראַף האָט זיך געבראָכן. ער האָט אַוועקגעשיקט נאָכן שניידעריונג אַ קאַרעטע מיט פיר פערד געשפּאַנט נאַשפּיץ. יאָנטל האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס טוט מען אים אָן אַזאַ כבוד. מסתמא האָט דאָס קלייד שטאַרק אויסגענומען אויף אַ באַל און מ׳וויל געוויס נייען נאָך אַזאַ קלייד. אָבער נאָך מער האָט אים פאַרחידושט: דער אַלטער גראַף אַליין, בכבודו ובעצמו, איז אים אַרויס באַגעגענען. דער גראַף קוקט אויף אים לאַנג, דערנאָך נעמט ער אים, יאָנטלען, פירן און באַוויזן דעם פּאַלאַץ. גייט ער אַרום, יאָנטל, איבער די גרויסע רייכע חדרים, ווי אין אַ חלום. די ווענט זיינען באַהאָנגען מיט טעפּעכער, מיט ביקסן, הירשן־קעפּ מיט גרויסע הערנער. אומעטום גאָלד און זילבער, טייערע אַנטיקלעך, זייד און סאַמעט — אַלץ פאַרכאַפּט דאָס אויג און דאָס האַרץ. אַז דער פּריץ האָט אים שוין באַוויזן, נעמט ער יאָנטלען אונטער דער האַנט און פירט אים אַריין אין אַ חדר־מיוחד, זעצט אים אַוועק ביי אַ געגרייטן טיש. אויפן טיש איז געווען אַל דאָס גוטס, פון וואָס אַ מויל קאָן נאָר אויסריידן. דער גראַף גיסט אָן צוויי גילדענע בעכער מיט וויין. איינעם דערלאַנגט ער יאָנטלען, דעם צווייטן נעמט ער זיך: „נו, זאָגט ער, דו ביסט געבוירן געוואָרן אין אַ זיידן העמדל... טרינק!" נאָכן בעכער וויין איז יאָנטל שוין גאָר אינגאַנצן פאַרכישופט געוואָרן. אַזאַ ביסל משקה האָט ער נאָך קיין מאָל ניט געהאַט אין זיין מויל. ער פילט, ווי אַ זיסע וואַרעמקייט צעגייט זיך אים איבער אַלע אברים. פּלוצלינג טוט אים דער גראַף אַ פרעג:

— יאַנוש, וואָלסט אַ בעלן געווען צו פאַרמאָגן אַזאַ פּאַלאַץ?

שמייכלט ער, יאָנטל. דער פּריץ חוזקט. מילא, זאָל ער אים רופן „יאַנוש". אַלע רייכע האָבן ליב אָפּצושפּעטן פון אַ קבצן, בפרט נאָך אַ גראַף. און דערצו נאָך פון אַ יידן. מסתמא איז אויפן אַלטן פּריץ אָנגעפאַלן אַ מרה־שחורה, האָט מען פאַר אים צוגעטראַכט אַזאַ מין סאָרט פאַרוויילונג. יאָנטלען פאַרדריסט עס אַוודאי ביז גאָר, נאָר וואָס קאָן ער טאָן? אַז מ׳פאַלט אַריין אין וואַסער, קלאָגט מען זיך ניט, הלמאַי ס׳גיסט אַ רעגן... שווייגט ער, יאָנטל. ער וואַרט, וואָס וועט דאָ ווייטער זיין, און דער גראַף

גיסט אים דערוויל אָן נאָך אַ בעכער ווײַן, שוין פון אַ צווייטן מין, און פרעגט:

— יאַנוש, דו האָסט דאָך מײַן טאָכטער געזען?

— געזען, — שטאַמלט יאַנטל, — וואָסי דען?

— זאָג, יאַנוש, זי געפעלט דיר?

טרינקט יאַנטל אויס דעם בעכער ווײַן, גיסט זיך אַליין אָן נאָך איינעם, קערט אים איבער אין מויל אַרײַן, און גיסט אָן נאָך איינעם. יאַנטל, ווי געזאָגט, האָט געקאָנט נעמען אַ ביסל ברענענדיקן ווײַן. קיין שיכור איז ער ניט געווען, נאָר צווישן חברה האָט אים דאָס פּנים ניט געפלאַמט.

— איך בין, — זאָגט ער, — טאַקע אַ שניידער. מ׳זאָגט אַפילו, אַז איך בין אַ פערד־גנב, נאָר חוזק האָב איך פײַנט. זאָל מיך דער יאַסנע־וועלמאַזשנע פּאַן אַפּלאָזן אַהיים.

און יאַנטל הייבט זיך אויף. נעמט אים דער גראַף אָן ביי דער האַנט:

— דײַן וועדרע געפעלט מיר!... זעץ דיך אַוועק און הער גוט. דו ביסט געבוירן געוואָרן אונטער אַ גליקלעכן שטערן. מײַן איין־און־איינציקע טאָכטער האָט זיך פאַרליבט אין דיר. אַלע מײַנע גיטער, מײַן גאַנץ האָב־און־גוטס געהערן פון הײַנטיקן טאָג צו דיר. נאָר דו דאַרפסט איבערגיין אין אונדזער גלויבן. — און דער גראַף חזרט איבער די רייד איין מאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל. זעט שוין יאַנטל: ס׳איז ניט קיין שפּאַס און ניט קיין ליצנות. דער פּריץ רעדט ערנסט. הייבט ער אָן, יאַנטל, צו פאַרשטיין, אין וואָס דאָ גייט און וואָס מ׳פאַרלאַנגט פון אים... קוקט ער אַרײַן דעם גראַף גלײַך אין די אויגן און ענטפערט:

— ניין!

בלײַבט דער גראַף זיצן געפּלעפט — וואָס הייסט? ער, דער יאַסנע־וועלמאַזשנע פּאַן, וויל אָנטאָן אַזאַ כּבוד עפּעס אַ ייִדליק, ער וויל אים אַוועקגעבן זײַן טאָכטער פאַר אַ ווײַב, זאָלבן אים פאַר אַ הערשער איבער אַלע זײַנע מאַיאָנטקעס און גיטער; פון אים, פון דעם אַלטן גראַף באַגו־שעווסקי, וועט די גאַנצע וועלט לאַכן. האַלטן אים פאַר אַ משוגענעם, פאַר אַ חסר דעה; ער, דער גראַף, גייט אויף דעם אײַן, וויל נאָך אָט דער שלעפּער ניט?... און עס צינדט זיך אָן אין אים דער האָנער, די גרויסע

רציחה. אָבער וואָס מער ער רעדט, שרייט, שרעקט און וואָרנט, אַלץ איינגעעקשנטער ווערט יאָנטל, און מ׳קאָן מיט אים גאָרנישט ניט מאַכן. מ׳קאָן אים מיט גאָרנישט ניט נעמען. מאַכט דער גראַף אַ פאַרצווייפלטן שריט: ער פירט אַריין יאָנטלען צו דער טאָכטער און לאָזט זיי איבער אַליין. און זי, די טאָכטער, ווי נאָר זי האָט דערזען דעם בחור, זיינען איר אַלע פאַרבן צוריק אין פנים אַריין. און יאָנטל? קיינער זאָל צו אַזאַ נסיון ניט געבראַכט ווערן. פאַר זיינע אויגן — די שיינקייט אַליין, וואָס גאָט האָט באַשאַפן ערב שבת...

און דאַ, ווען איווע כאַפּט איבער דעם אָטעם און קלייבט זיך דערציילן ווייטער, דערהערן זיך האַנט־פּאַטשערייען. איינער, אַ הויכער, מיט גלייכע אַקסל, מיט לאַנגע שוואַרצע האָר און בלויע אויגן — דער יונגער דיכטער, וואָס רעדט מיט אַ קול פון אַ געווינערין, וואָרפט זיך מיט התפעלות צו איווען און דריקט איר די האַנט:

— קאָלאָסאַל! איר זייט אַ גאָטס געבענטשטע שוישפּילערין, אייער קול קלינגט, ווי אַ האַרפע. סאַראַ ניואַנסן, סאַראַ מינאָר, סאַראַ מאַזשאָר. אייער פּנים פאַרמאָגט דאָך אַזוי פיל אויסדרוקפולקייט... סאַראַ אינערלעך פייער! און דערביי סאַראַ פשטות, סאַראַ פאָלקסטימלעכקייט. אַזוי פיל שיינער און גוטער הומאָר. ווונ־דער־באַר! און אייערע אויגן... איר זייט אַ געבוירענע אַקטריסע!

יצחק באַיאַר, וואָס האָט געהאַלטן דאָס פאַרלאָשענע ציבעקל אין מויל, די אויגן צוגעמאַכט, די גאַנצע צייט זיך צוגעהערט: לאָזט זי, איווע, עפּעס חלילה ניט דורך, היפּערט זי עפּעס ניט איבער? די באַיאַרס היטן אָפּ די געשיכטעס פון זייער משפחה, ווי הייליקע מגילות. זיי גייען איבער פון דור צו דור, אַזוי ווי מ׳האָט זיי איבערגענומען פון די טאַטעס און זיידעס. קיין וואָרט ווערט ניט אַרויסגעוואָרפן און ניט געמינערט. נאָר אויב עמעצער גיט צו אַ ניי, אַ שיין וואָרט, ווערט עס אַריינגענומען און עס ווערט שוין אויף ווייטער טייער געהאַלטן.

אַז ער, יצחק באַיאַר, האָט דערהערט די פּליעסקערייען, עפנט ער די אויגן, פולע מיט טרויער. ער פאַרשטייט ניט, וואָס דאָ קומט פאָר! דערזען, ווי איינער דריקט איווען די האַנט, און דערהערט, ווי ער זאָגט איר:

„אַקטריסע", קוקט ער שוין אויך אויף איווען מיט פּאַרדרוס און מיט צער. איוועס גאַנץ אויסזען, דער עיקר אירע אויגן אָבער, זאָגן: איך בין דאָ גאָט די נשמה שולדיק, איך ווייס אַליין אויך ניט, פֿאַר וואָס זיי פּליעסקען. הייבט זיך דער אַלטער באַיאַר אויף, אַ געטראָפּענער אין זיינע בעסטע געפֿילן, און שוין אָן אַ ברעקל דרך־ארץ און אָפּשיי פֿאַר אָט דער אסיפֿה, טוט ער אַ קלאַפּ מיטן ציבעקל אָן טיש:

— מ׳שפּילט דאָ פֿאַר איך, רבותי, ניט קיין טרִיאַטער, מ׳דערציילט איך דאָ ניט קיין באָבע־מעשׂיות. מ׳האָט מיך אַריינגעפֿירט אַהער... געצוווּנגען מיך ענטפֿערן, טאָ הערט זשע אויס, מיינע רבותי, ביזקל דעם סוף. — און יצחק בלייבט שטיין, וואַרט, ביז די שטילקייט ווערט אויפֿגעשטעלט, דערנאָך פֿאַרמאַכט ער צוריק די אויגן, די האַנט מיטן ציבעקל אָנגעשפּאַרט אין טיש:

— נאָר יאָנטל איז, ווי יוסף־הצדיק, דעם נסיון בייגעשטאַנען. ער איז פֿון דאָרט אַרויסגעלאָפֿן. שטעלט אים דער פּריץ אָפּ:

— נו?

— ניין, — ענטפֿערט יאָנטל, זכרונו לברכה.

— וואָס זשע, מיין טאָכטער געפֿעלט דיר ניט? — דער פּאַלאַץ איז פֿאַר דיר צו קליין?

בקיצור, ס׳האָט גאָרנישט ניט געהאָלפֿן. מ׳האָט דעם פֿערד־גנבֿ געהאַלטן פֿאַרשפּאַרט אין טייערע חדרים, מ׳האָט אים געטראָגן אַהין פֿון דעם טייערסטן און פֿון דעם שענסטן, טאַקע נאָר פֿון פֿויגלמילך. שפּעטער האָט מען אים אַריינגעוואָרפֿן אין פֿינצטערן נאַסן קעלער. די טאָכטער האָט אויפֿגעהערט אין גאַנצן צו עסן און צו טרינקען. אין אַכט טעג אַרום האָט זי אויסגעהויכט די זינדיקע נשמה. עפּעס אַ קלייניקייט? ביי זיי ליבע... דער גיהנום אויף דער ערד!

— און וואָס איז געוואָרן מיטן בחור? — האַלט ניט אויס דעם דאָקטערס מאַמע.

— דעם שניידעריונג, דעם פֿערד־גנבֿ, האָט מען לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין קעלער. אונדזער משפּחה רופֿט אים „דער קדוש".

יצחק באַיאַר עפנט אויף די אויגן און הייבט אָן איבערבינדן די גרינע קרייקע אויפן פעלצל:

— אַמאָליקע יאָרן האָט מען אַ צוויג באַדאַרפט אָפּהאַקן, אַליין איז זי ניט אָפּגעפאַלן... מענטשן האָבן אַ מאָל געלעבט טאָקע פּראָסט, זייער פּשוט, נאָר אַליין איז מען געווען גרעסער, שטאַרקער. די נשמה — טיפער! מ׳האָט לעם אַ טייך קיין ברונעם ניט געגראָבן... און די היינטיקע? ווי רוישן, ווי די אָסיקע־ביימער. פריִער באַגייט מען אַ פאַרברעכן, דערנאָך זוכט מען אַ תירוץ. דער עיקר איז ביי זיי געפינען דעם תירוץ, זיי מיינען, אַז תירוצים קויפן אויס, אַז תירוצים פאַרענטפערן...

— רב יצחק, איך וועל אייך זאָגן נאָך צוויי ווערטער...

— פּאַני דאָקטער, — שטעלט אים דער באַיאַר אָפּ מיטן אויפגעהויבענעם ציבעקל, — איך ווייס, וואָס איר קאָנט מיר זאָגן. אַז ניט צוליב מאַיאַנטקעס האָט זי עס געטאָן, אַז זי האָט ניט געזוכט קיין פעטן ביין ביי פרעמדע טישן. ווען צוליב אַ פעטן ביין, וואָלט איך דאָ ניט געזעסן און מיט אייך קיין צוויי ווערטער ניט גערעדט. גלייבט מיר, מענטש איינער, אַז מיר טוט ווי דאָס האַרץ פאַר מיין קינד... ניט ווייניקער פון אייך.

ביי יצחקן טוען אַ ציטער די וואָנס און די אויגן פאַרלויפן אים מיט טרערן. און דאָ, געכאַפּט די גינסטיקע רגע, דערזען — דאָס האַרץ ביי דעם ווילד־פאַנאַטישן דאָרפסייד איז געבראָכן געוואָרן, מישט זיך אַריין דער אַדוואָקאַט כאַנאַן איסייעוויטש לעווי, וואָס שמט מיט זיין שאַרפן מוח און גאָלדענער צונג. ער נעמט שיטן פייערדיקע רייד אויף יצחקס קאָפּ. ער דערציילט ווי כיירוס איז געפייניקט געוואָרן אין תפיסה, וועלכע נגישות זי האָט דאָרט געהאַט אויסצושטיין און איבערצוטראָגן, און ווי שווער ס׳איז אים, דעם אַדוואָקאַט, אָנגעקומען מבטל צו מאַכן דעם בילבול אויף אַברהמען.

יצחק שלאָגט אים ניט איבער, הערט אויס ביזן סוף, און ווען יענער, דער אַדוואָקאַט, מיטן וואַלד האָר, מיט די שאַרפע וואָנצעס און קמין־בערדל, איז שטיל געבליבן און אַלעמענס אויגן זיינען ווידער אויף אים, אויף יצחקן, אָנגעשטעלט געוואָרן, האָט ער געזאָגט:

— איך בין פאַר אייך אַ בעל חוב אויפן גאַנצן לעבן. אייערע מעשׂים

דאַרפֿן אויסגעקריצט ווערן אויף אַ שטיין לדורות־הבאים. איר האָט מבטל געמאַכט אַ גרויסע גזירה... נאָר נעמען זי אַהיים, ערוב זיין פֿאַר איר, דאָס קאָן איך ניט. איך טאָר עס ניט טאָן. זי טראָגט דאָך דער וועלט נייע לוחות. מ׳וועט זי ניט אָפּשטעלן. ניט גרינג זיינען זיי איר אָנגעקומען. זיי האָבן איר געקאָסט געַנוג בלוט. מ׳וועט זי ניט אָפּשטעלן. זי וועט אין מיטן וועג די לוחות אירע ניט וואַרפֿן... איך קען די באַיאַרס גוט! נעמען זי אַהיים? ס׳איז אַלציינס, ווי וועלן באַהאַלטן פֿייער אין אַ סטויג היי... קום, אַברהם, געזעגן זיך, באַדאַנק דעם דאָקטער, באַדאַנק אַלעמען! דאָס גוטס, וואָס זיי האָבן דיר געטאָן, זאָלסטו קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן. דיינע קינדס־קינדער זאָלן עס פֿאַרגעדענקען. קום, מיין זון, קום. און צו דיר, איווע, האָב איך אַ בקשה: גיב איבער דער מומע ליבע, אַז איך קלייב זיך אין וועג אַריין. זאָל זי זיך ניט הייען. אויב זי בלייבט, טאָ זאָל זי מיר למען־השם, מודיע זיין. נו, זייט מיר, מיינע ליבע פֿריינד, אַלע געזונט, האָט אויף מיר קיין פֿאַראיבל ניט. אַ גוטן טאָג אייך און אַ גוטן, פֿריילעכן תמיד.

## ה

און די מומע ליבע, וואָס איז נאָך איווס אַוועקגיין געבליבן אין יענעם פֿרימאָרגן אַליין, איז לאַנג געלעגן אין בעט. הגם ווי אַלע דאָרפֿסלייט איז זי געוווינט אויפֿצושטיין מיטן אָנברוך אויף טאָג, נאָר דאָ, געפֿינענדיק זיך צו גאַסט, וואָלט זי געלעגן אַזוי אַפֿילו אַן אייביקייט — ס׳איז גרינגער צו ליגן מיט די צרות אין בעט, ווי אַרומצוטראָגן זיך מיט זיי אויף די פֿיס. זי האָט געהערט, ווי איווע איז אויפֿגעשטאַנען, ווי זי איז אַרויס, נאָר ניט אָפּגעשטעלט זי און ניט פֿאַרהאַלטן. איווע איז געַנוג פֿאַרטאָן און פֿאַרנומען מיט זיך. יעדע שטוב האָט זיך איר דאַך און יעדער מענטש האָט זיך זיינע צרות. ליגט זי, די מומע ליבע, און וואַרט: אָט־אָט גייט זי שיפֿרה... נאָר איבער דער גאַנצער שטוב שטייט אַ שטילקייט. די זון צעשמעלצט די זילבערנע פֿאַפֿאָראָטן אויף די שויבן, ס׳איז שוין אַ פֿנים ווייט אין טאָג אַריין. שטייט זי אויף און גייט אָפּזוכן דאָס מיידל, — זאָל זי פֿירן און

באַווייזן ווו שיפרה ווינט. דאָס מיידל האָט זי געפונען אין אַ ווייטן צימער. דער מומע ליבע איז פריילעך געווען צו קוקן אויף איר — דאָס קיילעכדיקע פּנים פאַרפאַליעט, אויפן שטערן הענגט איר אַראָפּ אַ געדיכטער, אַש־קאַליריקער לאָקן. די אויגן — ווי צייטיקע ווײַנשל, דאָס נעזל אויס־געשמירט, ס׳שמאָרעט אַלע מאָל זייער הילכיק. אין דעם ווייסן פאַרטעכל, מיטן ווייסן אייבערל אויפן קאָפּ, ווי מיט אַ קרוינגדל; אויף דעם רעכטן באָרוועסן פוס אַ באַרשט, און אין דער האַנט אַ שטיק וואַקס.

— ווי רופט מען דיך, טאָכטערקע?

— יעווואַ.

— שוין לאַנג, אַז מע רופט דיך אַזוי?

— ניין, פון זינט איך בין אַנגעקומען אַהער...

— און ווי אַזוי האָט מען דיך פריִער גערופן?

— חוה...

— אָט אַזוי זשע רייד, חוהלע. וואָס טוסטו איצט?

— כ׳רייניק דעם פּאַרקעט.

— און פּאַרקערן איז ווייניק? און דאָס דאַרפסטו טאָן אַלע טאָג?

— יאָ, אַלע טאָג. ס׳איז שווער, נאָר ס׳געפעלט מיר דאָ. כ׳בין דאָ אַליין די בעל הביתטע.

— וויפל ביסטו אַלט?

— ס׳איז מיר געוואָרן זעכצן.

— און דײַנע עלטערן זײַנען ווייט?

— ניין, דאָ אין שטאָט. איך האָב אַ שטיפמאַמע... אייער טאָכטער וועט באַלד קומען.

— פון וואַנען ווייסטו עס, חוהלע?

— אַז איך זאָג אײַך, מסתמא ווייס איך. — זי וואַרפט אַ סודותפולן בליק. — איך בין ביי איר פריִער געווען.

— ווער זשע האָט דיך געשיקט צו איר?

— הע, דאָס וועל איך אײַך ניט זאָגן. כ׳האָב איר אָפּגעטראָגן אַ בריוועלע...

— נו, גוט, חוהלע, — שמייכלט די מומע ליבע. — מיידלשע סודות.

איי, זיינען זיי שיין און טייער, די מיידלשע סודות... — און אַליין טראַכט זי: הייסט עס, מ׳שרייבט זיך איבער. דאָס איז אַ סך אַפילו שענער, ווי אַרומגיין איבער די גאַסן און קלאַפּן די שטיינער. אין אַ בריוו דאַרף מען עפּעס אָנשרייבן, עפּעס זאָגן, מ׳דאַרף שוין שאַרפן דעם געדאַנק... און אַזוי וואָס, מע גייט אַרום, מ׳האַלט זיך פאַר די הענט און מע שוויגט. ביי יאַלן, ניט דאָ געדאַכט, איז די טאַכטער אַרומגעגאַנגען אַט אַזוי אַ גאַנצן זומער מיטן חתן, ביז זיי האָבן איינער דעם אַנדערן אָפּגעשיקט די תנאים.

איר האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט גדלות און נחת: שיפרה ווייסט, ווי צו פירן זיך. פון קינדוויַיז אָן איינע אַליין, האָט זי, שיפרה, ביטער, אין זיבן שווייסן דורכגעשלאָגן פאַר זיך אַ וועג. סוף־כל־סוף האָט גאָט דערזען אירע ליידן, אירע טרערן און זיך דערבאַרעמט אויף איר. און ביי דער מומע ליבע, ווי ביי דעם מאַן אירן, ביי שמריהן, טוט אַ לויכט אין די אויגן דאָס ווינטשפינגערל און ס׳קערט זיך אום צו איר יענע סודותפולע יומטובדיקייט פון פאַרן לאָזן זיך אין וועג אַריין.

ביי דער שפע פון דער ערב־פרילינגדיקער זוניקער שיין באַטראַכט זי, די מומע ליבע, די דירה, דאָס מעבל, די בופעטן מיטן טייערן געשיר, די בילדער אין די גאָלדענע ראַמען, די טעפּעכער... און שאָקלט פון חידוש צו זיך אַליין מיטן קאָפּ: אויף וואָס דאַרף מען עס אַזוי פיל? — און שפּעטער איז די מומע ליבע גאָר דערשטוינט געוואָרן: אַלע באַדערפעניש ווערן אָפּגעטאָן טאַקע דאָ אין שטוב, מ׳דאַרף גאָר אין ערגעץ ניט גיין. דאָס איז דאָך גאָר אַ גן־עדן. אַלע צוקילונגען און קרענק ביי איר און ביי די קינדער קומען דאָך פונעם לויפן אין אַזעלכע פרעסט און זאַווערוכעס אַהין, הינטער דער שטוב, אויפן גאָרטן. איי, ווי מענטשן לעבן עס! איוועס ברייקעוועט זיך פון ראָסקאָש. זי ווייסט נאָך ניט „פּאָטשאָם פונט ליכאַ״.*)
ס׳איז איר קיין עין־הרע, קיין מאָל ניט שלעכט געווען. זי איז געוואַקסן אַ בת־יחידה, גבריאל האָט געציטערט איבער איר, נאָכגעגעבן איר די „שמד״, אויף צו להכעיס נעכען און איר ברודערל אַבושלען. איוועס האָט געלערנט אין שטאָט, געהאַט פון פויגלמילך און געשפּילט אָפּן איר ליבע

---

*) בוכשטעבלעך: וויפל קאָסט אַ פונט ליידן (אוקראַיניש).

מיט דניאלן. וואָס אמת, איז אמת: איר האַרץ איז שטאַרק געלעגן צו דניאלן, און דאָס האַרץ האָט מען איר צעבראָכן. דאָ האָט אַפילו גבריאל ניט געקאָנט העלפן. און דאָס, וואָס זי, איווע, האָט היינט ביי נאַכט דערציילט, אויב דאָס איז נאָר ניט קיין קרענקלעכע איינרעדעניש, איז עס טאַקע אומדערהערט, חוץ לדרך הטבע, הימל־שרייענדיק, עפּעס אַ שרעקלעכע גאַזלעוואַיסטווע, וואָס לייגט זיך גאָר אויפן שׂכל ניט.

— איר זייט דער בעל הביתטעס אַן אייגענע מומע?

— איוועס? יאָ, טאָכטערקע, אַ לייבלעכע מומע. מיין ברודערס אַ טאָכטער. אַנטקעגן וואָס פרעגסטו עס?

— גאָרניט, — טוט דאָס מיידל אַ פיר מיט די ווינשל־אויגן, — גלאַט אַזוי. און סאָפיאַ סאַוועליעווּנאַ איז טאַקע אייערע אַן אייגענע טאָכטער?

— ווער איז די סאָפיאַ סאַוועליעווּנאַ?

— אייער טאָכטער, שיפרה.

— מיין שיפרה? הייסט זי שוין...

— נו, יאָ, אַלעקסאַנדער נאַטאַנאָוויטש רופט זי נאָר אַזוי. זייט איר טאַקע אַן אייגענע מאַמע? — פרעגט דאָס מיידל נאָך אַ מאָל איבער.

— וואָס זשע, חלילה וחס, אַ שטיפמאַמע?

דאָס מיידל נעמט ווייטער אָרומטאַנצן מיט דער באַרשט אויף דעם באָרוועסן פוס:

— מ'זאָגט, אַז סאָפיאַ סאַוועליעווּנאַ איז געוואַקסן ביי זייער רייכע עלטערן...

די מומע ליבע דערהערט אין איר קול אַ קוים־באַהאַלטן שפּאָט־געלעכטערל. אַ פּנים, טראַכט זי, שיפרהן האָט מען שוין דאָ דעם נאָמען געביטן, און מ'שטעלט זי דאָ אָרויס פאַר אַ רייכער כלה, פאַר דער יחסנטע. דאָס מיידל איז אָבער קיין נאַר ניט. זי זעט די רייכע, שיינע קליידער, מיט וועלכע די מאַמע איז געקומען צו דער טאָכטער.

— רייכקייט, — זאָגט די מומע ליבע, — איז ביי גאָט, — און גיט פאַרשטעלט צו: — גאָט אַליין איז ניט רייך, קיין אייגענע אוצרות האָט ער ניט. נעמט ער אָפּ ביי איינעם און גיט אַ צווייטן...

דאָס מיידל בלייבט שטיין, פֿאַרשאַרט דעם לאָקן פֿון דעם פֿאַרשוויצטן שטערן און פֿרעגט מיט מיטגעפֿיל:

— אַ מאָל זייט איר געווען רייך?

— זייער, — טוט די מומע ליבע מיט איר טרויעריקן גוטן שמייכל אַ שאָקל־צו מיט קאָפּ און לאָזט זיך צוריק אין איוועס צימער אַריין. דאָרטן שטעלט זי זיך אַוועק ביים פֿענצטער און דערזעט זיך הויך איבער דער ערד. דאָס האָט זי ביי נאַכט געקלעטערט אַהער איבער די טרעפּ, שיר דאָס האַרץ ניט פֿאַרלוירן. פֿאַר אירע אויגן, פֿון יענער זייט סאָד, וואָס אַרום שטוב, ציִען זיך גאַסן, פֿולע מיט מענטשן. די דעכער פֿון די הייזער, האַלב־פֿאַרשנייטע, קריכן איינער אויפֿן אַנדערן, פֿון די פֿאַרגעלטע קוימענס יאָגן שוואַרץ־גרויע רויכן. וואָס העכער די רויכן הייבן זיך אויף, אַלץ ליכטיקער ווערן זיי, און דאָרטן, אונטער די רייך־בלויע הימלען, ווערן זיי ווי פֿון עמעצן צעקעמט און פֿאַלן אויך אַריין אין די גרויסע, ווייס־געזיל־בערטע ערב־פֿרילינגדיקע וואָלקנס. דער רויש פֿון דער שטאָט דערגרייכט קוים אַהער, נאָר דאָס גלאָקן־געקלאַנג פֿון די קלויסטערס הערט זיך קלאָר. דורך דער אָפֿענער פֿאָרטקע ווייען פֿון די גאַסן אַריין ריחות פֿון געהוב־לעוועטע סאָסנע־ברעטער, מיט וואַרעמען ערשט־פֿאַרקאָכטן קלייסטער, מיט פֿריש־אויסגעאַרבעטן לעדער. פֿון דעם דאַך טריפֿט איבערן פֿענצטער. אונטן, אין סאָד, גלאַנצן די נאַסע צווייגן, ס'שמעקט מיט עפּעס ביטערלעך־געזאַלצנס, מיט צעצוויטעטער ווערבע. און ווייט אַהין, פֿון יענער זייט שטאָט, אויף רעכטס, גייען אַוועק פֿעלדער, באַדעקטע מיט פֿינקל־בלוילעכן פֿרילינגדיקן שניי. דאָרט, צווישן די פֿעלדער, ווי אין מיטן וועלט, ליגט אַ דערפֿל. דער מומע ליבע דוכט: זי הערט, ווי ס'בילן דאָרט די הינט, ווי די אָפּגעקעלבטע בהמות רעווען אין פֿעלד אַריין; פֿון לינקס ציט זיך אַ געמישטער וואַלד. די סאָסנע־און יאָדלע־ביימער זייִנען זייער גרינע און פֿון צווישן זיי קריכן אַרויס עטלעכע ווייסע שלאַנקע בערעזעס. אָט פֿאָרן פֿאַרביי זיי דריי שליטנס... סאַראַ גאָטס געבענטשטער טאָג! „אַ מאָל זייט איר רייך געווען?" און „איר זייט שיפֿרהן אַן אייגענע מאַמע?"... יאָ, זי, די אייגענע מאַמע, אָבער די גרויסע קבצנטע, האָט אין אַזאַ פֿאַרפֿסחדיקן טאָג אַוועקגעפֿירט אין שטעטל אַריין שיפֿרהן און זי אָפּגעגעבן דאָרט צו

אַ וואַלד־סוחר פאַר אַ דינסט. שיפרה איז נאָך דעמאָלט קיין דרייצן יאָר ניט אַלט געווען. די מומע ליבע האָט זיך פאַר די שכירות ניט געדונגען, זי האָט נאָר געבעטן דעם סוחרס ווייב: „זייט אַ מאַמע פאַר מיין קינד, פאַרזעט אַ מאָל אַן עוולה״... האָט יענע צוגעזאָגט. זיך אַפילו באַליידיקט: איז זי דען אַליין קיין מאַמע ניט, ווייסט זי דען ניט, וואָס הייסט אויף קינדער בלוט פאַרגיסן? און די מומע ליבע, מיט אַ גרינגערן האַרץ, האָט זיך אויף דער גיך געזעגנט גענומען מיט דער טאָכטער. ווען זי איז שוין ביי דער שטובטיר געשטאַנען, האָט זיך דאָס קינד אַ וואָרף געטאָן, זיך אָנגעכאַפּט פאַר איר מיט ביידע הענטלעך און גענומען שרייען ביז בלוי ווערן: „מאַמעניו, מאַ־מע־ניו, לאָז מיך ניט איבער!״ — מ׳האָט דאָס קינד קוים אָפּגעריסן פון איר. שיפרהס געשרייען: „מאַ־מע־ניו!״ האָט זי דערנאָך געהערט אויף דריי ווערסט. אין יענעם פאַרפּסחדיקן טאָג איז די מומע ליבע געגאַנגען צוריק אין דאָרף אַריין, אַהיים, דעם ליכטיקן טאָג ניט געזען און דעם גאַנצן וועג זיך באַוואַשן מיט טרערן.

נאָר דאָס שרעקלעכסטע איז פאָרגעקומען אין אַ חודש אַרום: דעם גאַנצן חודש איז די מומע ליבע אַרומגעגאַנגען אַ שוואַרץ־געוואָרענע, די נעכט ניט געשלאָפן. גיין אָבער צו שיפרהן האָט זי מורא געהאַט. מורא געהאַט, אַז דאָס קינד זאָל זיך ווידער ניט אָנכאַפּן מיט די הענטלעך פאַר איר קליידל און ווידער נעמען שרייען ניט מיט איר קול: „מאַ־מע־ניו, לאָז מיך דאָ ניט איבער!״ נאָך אַ מאָל צו זען שיפרהן אין אַזאַ מצב דאַרף מען זיין ניט קיין מאַמע, נאָר אַ שטיין. בעסער זיך ניט באַווייזן פאַר איר׳ע אויגן. זי וועט מוזן זיך צוגעווינען און שלום מאַכן מיט איר פינצטערער דאָליע. אָבער אין אַ חודש אַרום — שמריה קלייבט זיך גיין אַהין, דאָרט שטעלט זיך אַ גרויסער מאַרקטאָג, וואַרפט די מומע ליבע די שטוב מיט די קינדער אויפן בלינדן פאַנאַסן און לאָזט זיך אויף אַ גאַנצער נאַכט גיין אין איינעם מיט שמריהן אַהין, אין וויטן שטעטל אַריין. אָנגעקומען אַהין שוין אין טיפן טאָג. די זון בראָט, דער הייסער שטויב הייבט זיך פון די וועגן, דער יאַריד קאָכט, מ׳זעט ניט קיין אָנהייב און קיין סוף. עמעצער איז אַריינגעפאָרן מיטן דישל אין אַ וואָגן מיט טעפּ — פּייפן שוין בייטשן אין דער לופטן... די מומע ליבע האָט דעם מאַן גאָר פאַרלוירן. ער, שמריה,

דערזען, אַז דער יאַריד איז אין אַזאַ ברען, ווערט ביי אים דאָס לינקע אויג גרעסער, אין שוואַרצאַפּל צינדט זיך אָן דאָס ווינטשפינגערל — ערגעץ וואַרט דאָך אויף אים זייער נאָענט די ישועה! ער קאָן נאָך, חלילה וחס, פאַרשפּעטיקן. לאָזט ער איבער דאָס ווייב אַליין און פאַלט אַריין אין דעם יאַריד־געווירבל. די מומע ליבע דערקלייבט זיך צום וואַלד־סוחרס שטוב. אָבער ווי נאָר זי וויל די שוועל אַריבערטרעטן, באַגעגנט זי די בעל הביתטע:

— זיך קוים געיאַוועט, די גוטע שיינע מאַמע. אָנגעוואָרפן אויף יענעם אַ קינד און פּטור געוואָרן... נעמט זי אייך צו אַהיים! איך דאַרף אַ דינסט־מיידל, ניט קיין וואָלף אין שטוב. גאַנצע טעג זיצט עס פאַרשלאָגן אין אַ ווינקל, די אויגן ווי ביי אַ וואָלף, גרייט זיך וואַרפן אויף מענטשן...

די מומע ליבע זאָגט גאָרנישט. זי שטעלט זיך ניט פאַרענטפערן — ניט זיך, ניט איר קינד. צונויפגעבונדן שטיל דאָס קלומעקל, נעמט זי שיפרהן פאַר אַ הענטל, זאָגט אַ גוטן־טאָג און לאָזט זיך גיין. ווּהין? מ׳דאַרף אָפּזוכן שמריהן, דערציילן אים דעם גאַנצן אמת. דאָ, אויפן יאַריד, פאַר מענטשן, וועט זיין כעס און צאָרן ניט אויסברעכן. פאַר לייטן שעמט ער זיך. און פאַרן טאָג, ביז דער היים, וועט ער שלום מאַכן מיטן געדאַנק: שיפרה איז נאָך טאַקע אַ קינד, נאָך פרי זי צו מאַכן פאַר אַ פאַרדינערין. קינדער עסן פון איין טעלער... זומער לויפט מען אַרום באָרוועס. זאָל נאָך שיפרה איבערלויפן דעם זומער. שׂמחת־תורה וועט איר ווערן דרייצן יאָר, וועט מען זי אויף ווינטער אָפּגעבן... און דערווייל איז די מומע ליבע גליקלעך, וואָס דאָס קינד איז לעבן איר. וואָס ס׳וועט זיין שפּעטער, וויל זי ניט טראַכטן. ערגער קאָן שוין ניט זיין. די האָר טריקענען סיי ווי פון צרות. די נויט האָט סיי ווי דעם דאַך איינגעבראָכן. דער דלות וואַלגערט פון די פּיס. די טרערן זייגען סיי ווי געזאַלצן און ס׳איז זיי שווער צו שלינגען.

צווישן די וועגענער מיט די אויסגעשפּאַנטע פערד איז ניט דורכצוגיין. אין אָט דעם געדראַנג און שטופּעניש — גיי געפין שמריהן! דרייט זי זיך, די מומע ליבע, אין דעם מענטשן־געווירבל, האַלט שיפרהן ביי דער האַנט און פאַר די אַקסל — זי זאָל זיך דאָ ניט פאַרלירן. פון די וועגענער, אַרומגעשטעקט מיט אָפּגעבראָכענע גרינע צווייגן, גייט דער

האַנדל: ווייסע היפּטלעך פאַראַיאָריקע קרויט, בלייך־רויטע מערן, קאַרטאָפּליעס, יונגע ציבעלעס און קנאָבל, שטשאַוועל און קראָפּ, קווייטן פּרישע, ערשט פון די בעז־ביימער, און קווייטן פּאַפּירענע. ס׳שרייען געבונדענע גענדז און הינער. אַ האָן דערמאָנט זיך, אַז ס׳איז שוין האַלבער טאָג, און הייבט אָן צו קרייען. ס׳קוויטשען די חזירים, ס׳רעווען בהמות. אַ שאַרמאַנקע שפּילט אַ פריילעך־לעבעדיקס, און דער אַלטער פּאַפּוגיי פון אויבן, אויף דעם קעסטעלע טרעף־מזלות, דרעמלט זיך זקניש אויף דער זון. די בלינדע בעטלער, די „סטאַרצעס" — ביים זייט שאָסיי, צוגעשפּאַרט צו די אָנגעגליט־גרויע שטיינער, די פיס אונטער זיך, די טאָרבעס אויפן אַקסל, דאָס בלעכענע קווערטל צווישן די קני, דרייען די קרעכצנדיקע לירעס און זינגען דאָס אייביקע ליד פון אומרעכט, פון מענטשלעכער עלנטקייט און געפאַלנקייט. אַ קליינוווקסיקער בערדיקער פויער, אַ פאַרשוויצטער, דאָס היטל פאַרלוירן, דאָס העמד צעריסן, אַ באָרוועסער, די לייוונט־ווייסע הויזן, אַרומגעכאַפּט מיט אַ רויטן גאַרטל, זיינען ביי אים אויסגעשמירט אין פעך. ער האַלט פעסט אין די צעשפּרייטע הענט, אַרומגענומען מיט גרויס ליבע, פאַרן האַלדז און פאַרן זאַד, דאָס פאַרבלאָנדזשעטע לאָשעקל, וואָס גייט מיט אַ זייט, דעם קאָפּ פאַרריסן, די אויערן אָנגעשפּיצט, די פייכטע אויגן ברענען, און עס הירזשעט אויף אַ דין דערשראָקן קולכל. דער קלויסטער אויפן באַרג בליאַסקעט מיט אַלע גאָלדענע קופּאָלן און קלינגט אויף אַלע גלעקער. אין די „זאַליאַזנע" קלייטן קלינגען די קאָסעס. פּשוט אויף דער ערד שטייען פאַרשיידענע מינים ליימיקע, גלעזערנע און הילצערנע שטובגעשיר: ווייסע און רויט־געברענטע טעפּ, געגלייזטע שיסלען, קריגלעך הויכע און שמאָלע, מאַקרעטעס ברייטע און בייכיקע, ס׳ליגן קאַראַמיסלעך, פּאָסטעלעס, קאָכלעפל... און העכער, אויף שטעלן: לעדערוואַרג, יוכטאָווע שטיוול, ראָמאַנאָווער פּעלצל, איקאָנעס אין באַגילדעטע ראַמען, צלמלעך, בלעכענע פּודעלעך פאַר מזוזות, פּושקעלעך פאַר טאַבאַקע, חנוכה־לעמפּלעך, בענטשלייכטער, בינטלעך בייגל, געפלאָכטענע חלות, האָניק־לעקעכלעך, מאַנדלען, און איבער אַלץ — גרינע פליגן. פון די ריחות איז געדיכט די לופט. אין די אויגן שלאָגן די פאַרבן פון די בייטשן קאַרעלן, סטענגעס, פינגערלעך און בראָשקעס, אוירינגלעך און האָרשפּילקעס, אויסגענייטע

העמדער און האַנטעכער, געקווייטלטע ציצן, רויטע זיידנס, טערנאָווע שאַלן. הויך אין הימל שטייט די זון און פֿאַרפֿלייצט אַלץ מיט הייסער ליכט.

די מומע ליבע האַלט שיפֿרהן פֿאַר דער האַנט, דרייט זיך מיט איר איבערן מאַרק — גיי געפֿין דאָ שמריהן! וויל זי שוין אַרויסקלייבן זיך פֿון אָט דער שטיקעניש און ענגשאַפֿט, מ׳האָט שוין איר די זייטן אָפּ־געשלאָגן, די פֿיס פּילט זי שוין ניט, שיפֿרהן דאַרף מען שלעפּן, אַלע מאָל בלייבט זי שטיין, קוקט אויף אַלץ מיט הונגעריקע אויגן. מ׳דאַרף דעם קינד געבן עפּעס איבערכאַפּן, און איר אַליין חלשט אויך גוט דאָס האַרץ. קויפֿט זי צוויי בייגל, און אויך פֿאַר שיפֿרהן, צו דערפֿרייען איר דאָס הערצל, — אַ רויט צוקער־הענדל אויף אַ שטעקעלע, און טראַכט אַראָפּגיין צום טייך, דאָרטן ביי דער „קלאַדקע", אונטער די ווערבעס, וועט זי וואַרטן אויף שמריהן, ווי מ׳האָט זיך לכתחילה צונויפֿגערעדט. ס׳וועט אַפֿילו אַזוי זיין בעסער.

און פּלוצעם דערזעט זי אים שטיין אונטער די גרינע צווייגן מיט די שוין פֿאַרוועלקטע בלעטער — ער באַהאַלט זיך פֿון דער זון. ער שטייט, שמריה, אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אָן אַ וואָגן, דאָס קאַשקעטל איבער די האַלב־צוגעמאַכטע אויגן, די ברעמען און די באָרד פֿאַרווייעט מיט שטויב, דאָס פּנים — גרין־געל; אין די אַראָפּהענגענדיקע הענט — דאָס ליידיקע זעקל, און פֿון דער קעשענע שטאַרצט אַרויס דאָס גרינע העלדזל פֿונעם בעזמען. ער שטייט, שמריה, אַ דערשלאָגענער, אָן עלנטער, אַ פֿרעמדער, דאָ אויפֿן גרויסן יאַריד און מורמלט עפּעס מיט די ווייסע ליפּן. די סימנים זיינען ניט קיין גוטע. אויף קיין גוטס האָבן זיי ניט אָנגעזאָגט. די מומע ליבע האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף אַלץ, נאָר ניט אויף דעם, וואָס ס׳איז געשען און פֿאַרגעקומען...

דערזען דאָס וויב מיט שיפֿרהן, האָט ער, לויטן קלומעקל, גלייך פֿאַרשטאַנען: שיפֿרה איז פֿונעם אָרט אָפּגעזאָגט געוואָרן. שמריה איז פֿאַרציטערט געוואָרן.

— כ׳האָב דאָך גענומען פֿאַר איר אַ פֿינפֿערל, — האָט ער אויס־געשריִען. — מיט וואָס דען האָב איך אַריינגעפֿירט דעם פּסח? גוואַלד, ווו וועל איך נעמען אויף אָפּגעבן?

און אײדער דאָס װײב װיל אים עפּעס זאָגן און דערקלערן, שטעלט ער אַרײַן דעם פֿוס צװישן די שפּיצעס פֿון דער ראָד, שלעפּט אַרױס אַ צװײַגל פֿון װאָגן, טוט אַ שלעפּ שיפֿרהן צו זיך, װאַרפֿט זי אַרױף אױף דער קני, פֿאַרהױלט איר דאָס לײַב און גנעמט זי שמײַסן.

די מומע ליבע, פֿון װעלן שרײַען, פֿאַרלירט דאָס קול און דאָס לשון; פֿון װעלן עפּעס טאָן בלײַבט זי שטײן אַ פֿאַרקילטע — פֿאַרשטײנערט געװאָרן. בײדע הענט אױפֿן אײַנגעבױגענעם קאָפּ, און אירע אױגן זעען: דער בײגל פֿאַרקײַקלט זיך ערגעץ אונטער אַ װאָגן, דאָס צוקער־הענדל שטײט אױפֿן שטעקעלע אַרײַנגעשטעקט אין דער ערד, שיפֿרהס צעפּלאָכטענע צעפּלעך פֿאַרקערן דעם זאַמד, און מיט די נעגל פֿון בײדע הענטלעך גראַבלט זי גיך־גיך, װי זי װאָלט װעלן זיך באַגראָבן אַ לעבעדיקע אין דער ערד.

אַרום — אַ גרױליקע שטילקײט. אפֿילו דער יאַריד, װאָס װערט קײן מאָל פֿון גאָרנישט ניט נתפּעל און איבעראַשט, װײסט פֿון אַ סך צו דערציילן, פֿון צו זינגען און צו זאָגן, — אַפֿילו דער יאַריד, דערזען אין מיטן העלן טאָג, אונטער דער הײסער פֿרײלינגדיקער זון, בײַ די אַרומיקע צעגרינטע פֿעלדער און צעבליטע סעדער, װי דער ייִד שמײַסט די טאָכטער, דאָס װײכע זאַפּטיקע צװײַגל פֿאַלט מיט אַ פֿײַף אױף איר הױלן לײַב, ניט פֿון דעם פֿאָטער, ניט פֿון דער טאָכטער הערט מען ניט קײן קול, — האָט עס אַפֿילו בײַ דעם אָנגעלאָפֿענעם המון קײן געלעכטער ניט אַרױסגערופֿן. דער אָטעם איז בײַ אַלעמען פֿאַרהאַלטן געװאָרן.

פֿאַר נאַכט, בײַ דער שקיעה, האָבן פּױערים, פֿאָרנדיק פֿונעם יאַריד, געפֿונען די מומע ליבע ליגן אין װאַלד. פֿון ברי:ענדיקער חרפּה, פֿון ברענענדיקן װײטיק — פֿאַר איר קינד, פֿאַר שמריהן, פֿאַר זיך אַלײן — האָט זי דעמאָלט, אַן אײַנגעבױגענע אין דרײַען, די הענט אױפֿן קאָפּ, געלאָזט זיך לױפֿן, װוּהין די אױגן טראָגן...

— מאַמע!

— אױ, שיפֿרה?...

און די מומע ליבע האָט דערזען די טאָכטער שטײן אין טיר. פֿאַר די לעצטע אַנדערהאַלבן יאָר דאָ, אין דער גרױסער שטאָט, כמעט װי ניט

צו דערקענען זי. אין אַ נייעם ברוין־פּליושענעם מאַנטאָ מיט אַ הויכן קאָלנער; די לאַצן און דאָס היטעלע אויפן קאָפּ מיט זילבערדיק־גרויען פוטער באַשלאָגן. אַ הויכע, אַ קרעפּטיקע — אַ ווייבספּאַרשוין. זי האָט אַריינגעטראָגן מיט זיך פון דרויסן דעם ריח פון זוניקער קעלט און פרילינגדיקע טראָפּנס. יאָ, דאָס איז שיפרה מיטן חן־פּינטעלע אויף דער באַק, נאָר דאָס אָפּענע שטאָלצע פּנים אירס איז שוין מיט אַ פרילינגדיקער צוגעברוינטקייט אַרומגעכאַפּט. אויף די פולע ליפּן אַ שמייכל, די שוואַרצע דינע ברעמען, ווי תמיד, צונויפגעצויגן, פאָכען מיט די לאַנגע וויִעס אויף די צוויי שוואַרצע ווי ביי דעם טאַטן אירן, הייסע אויגן... דערזען די טאָכטער, פאַרגעסט זי, די מאַמע, גלייך, אַז שיפרה האָט זי געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן, און פאַלט־צו צו איר, ניט בלויז פון בענקשאַפט און ליבע, נאָר אויך מיט אַ ווידער־אויפגערודערט געפיל פון שולד פאַר יענעם שרעקלעכן יאַריד־טאָג, און מיט יעדן קוש און גלעט, ווי געבעטן זיך: פאַרגעס, טאָכטער, פאַרגעס און פאַרגיב.

— מאַמע, לאָז זיך מיך אויסטאָן. — און זי וואַרפט פון זיך אויפן בענקל דעם מאַנטאָ, דאָס היטעלע. די צוויי שוואַרצע צעפּ, באַפרייט געוואָרן פון די האָרנאָדלען, שלענגלען זיך אַראָפּ איבער דער שטייפער פּלייצע, פאַרקריכן אין די זיך־כוואַליענדיקע פאַלדן פון וואָלענעם קלייד. וואָס האָט דעם קאָליר פון שיכורע ווײַנשל. די מומע ליבע, מיט פרייד, אָבער אויך דערשראָקן, קוקט, ווי די טאָכטער איז אויסגעפּוצט און אויסגעקליידט פון קאָפּ ביז די פיס: אין שוואַרצע דינע זאָקן, אין שוואַרצע טייערע טופליעס אויף הויכע קנאַפּל. די שוואַרצע זיידענע הענטשן האָט שיפרה אַזוי זאָרגלאָז אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש. די מופטע, אויך פון זילבערדיק־גרויען פוטער, האָט זי אַזוי הפקרדיק אַ הענג אויף געטאָן ביי דער טיר... די נעגל פון דער טאָכטערס גרויסע, נאָר זייער שיינע הענט, גלאַנצן מיט פּערלמוטער. אַ ניי פינגערל מיט עפּעס אַ מין וואַסערדיקן טונקל־גרינעם איידלשטיין. נאָר אין די אויערן טראָגט זי, ווי פריִער, די אַלטע זילבערנע, די לאַנג־אַראָפּהענגנדיקע ציגיינערישע אוירינגלעך, וואָס קיינער ווייסט ניט, פאַר וואָס זי וויל זיך מיט זיי ניט שיידן.

וואָלט די מומע ליבע אַוודאי אַ בעלן געווען וויסן, פון וועלכע פאַר־

דינסטן בלייבט עס נאָך איבער אויף אַזעלכע קליידער? קיין סך אָפּגעשפּאָרט געלט האָט דאָך שיפרה ניט געקאָנט האָבן. אמת, אויך דאָרטן, אויף די אַלטע ערטער, האָט זי זיך שיין געקליידט, באַזונדערס די לעצטע יאָרן. אַז ווייסן ווייסט זי, די מאַמע, לחלוטין גאָרניט פון איר טאָכטערס לעבן דאָ אין שטאָט. פאַר די אַנדערהאַלבן יאָר האָט שיפרה צוגעשיקט אַ פּאָר אָפּקומעניש־בריוולעך. אויך פריער, פון יענע ווייטע שטעטלעך, האָט זי זייער קנאַפּ געשריבן. מיט יעדן יאָר איז זי פאַרפאָרן אין ווייטערע מקומות, אַלץ ווייטער און ווייטער פון דער היים. דערפאַר אָבער אַלע יאָר, צו איינער און דער זעלבער צייט — פאַר פּסח, צוגעשיקט אַ פינפערל...

פון דעם מטושטשן גרוס, וואָס אַלעקסאַנדער האָט דעמאָלט, נאָך אין אָנהייב ווינטער, דאָרטן, ביי איר ברודער גבריאלן, אין יענעם פרייטיק־צו־נאַכטס, איר אָפּגעגעבן: „פאַר אייער שיפרהן זאָרגט ניט, זי לערנט אויף קורסן און זי וועט זיין אַ מענטש"... — פון יענעם גרוס איז זי אַרויס ניט ווויסנדיק. אָבער אויך אַצינד, — די טאָכטער שטייט פאַר אירע אויגן אַזאַ פאַנאַנדערגעבליטע, אַ יאָדערדיק־שטייפע, אַ זאַפטיקע, ווי אַן אָנגעגאָסענער עפּל, מיט אַזאַ ברוסטיקער וויכער שטים, אָן יענער פאַרבייטערטקייט, לאַכט מיט אַזאַ געשמאַק קלינגעוודיק געלעכטער, — אַפילו איצט קאָן זי, די מאַמע, ניט באַשליסן ביי זיך צו פרעגן און צו אויספרעגן ביי דער טאָכטער, צו פאָדערן ביי איר דין־וחשבון. האָט זי אויף דעם די רעכט? וואָס האָט זי, די מאַמע, געגעבן איר קינד אין לעבן?

שיפרה, לויט דער מוטערס פּנים, כאָטש עס איז צעשטראַלט־נחתדיק, זעט אָבער, וואָס ביי איר, ביי דער מאַמע, אין האַרצן טוט זיך. ווען זי באַדאַרף ניט האָבן מיט איר דאָס ווייטערדיקע געשפּרעך, וואָלט זי, שיפרה, אַרומגענומען די מאַמע, איר גלייך דערציילט און דערקלערט, פאַרשאַפט איר נאָך מער פרייד און הנאה: די אַלע קליידער זיינען פאַר איר אייגן געלט געקויפט געוואָרן. אַ ביסל האָט זי געהאַט נאָך פון דעם פריער אָפּגעשפּאָרטן, און שוין דאָ אין שטאָט, אָט שוין באַלד אַ האַלב יאָר, אַרבעט זי אַלס געהילף־פאַרמאַצעווטין און פאַרדינט גאָר ניט שלעכט. אָבער זי, שיפרה, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט אויסצובאַהאַלטן, און אויב מע דאַרף, צו דערשטיקן אין זיך אַן רחמנות די בעסטע געפילן, אויב

נאָר זיי שטערן און ווענדן זי אָפּ פון איר אָנגעמערקטן וועג, זאָגט וועגן דעם דער מוטער גאָרניט. זאָל די מאַמע בלייבן אין איר פאַרלעגנהייט. פאַרקערט, זאָל זי טראַכטן וואָס צום ערגסטן... און נאָך מער: זי הייבט אָן צו ריידן וועגן אירע שוואַרצע קינדער־יאָרן. אמת, אָן פאַרביטערטקייט, אָן פאַרדראָס, אַפילו מיט אַ שמייכל, ווי איינער, וואָס דערמאָנט אין אַ גוטער שעה אַ ווייט־פאַרגאַנגענע שלעכטע צייט... אָבער מיט דעם מיין: זאָל די מאַמע קיין גרויסע רעכט אויף איר, שיפרהן, ניט אַרויסשטעלן.

— כ׳האָב קיין מאָל ניט פאַרגעסן, מאַמע, אָן דיין סטעזשקעלע, כ׳האָב עס תמיד אין זינען געהאַט...

— וואָסער סטעזשקעלע? — שטעלט אָן די מוטער די אויגן אויף דער טאָכטער.

— דו געדענקסט, מאַמע, ווען דו ביסט געקומען צו מיר נאָך יענעם שיינעם יאַריד... כ׳דאַרף דיר זאָגן, אַז מיין ערשטע בעל־הביתטע איז געווען אַ מענטש מיט אַ גוטער נשמה. אַז דער טאַטע מיינער האָט מיר דעמאָלט פונעם יאַריד צוריקגעבראַכט צו איר, איז זי לעבן מיר אָפּגעזעסן די גאַנצע נאַכט, מיך געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד אויף די הענט, געוויינט אין איינעם מיט מיר, מיך איינגעשטילט מיט גוטע רייד, מיך איינגערעדט: אַ טאַטן דאַרף מען מוחל זיין, דער טאַטע איז אַן אָרעמער מענטש. נאָר איך בין אים דעמאָלט געווען אַ דם־שונא. כ׳האָב די גאַנצע צייט געבעטן אויף אים דעם טויט. כ׳האָב עס אין דער הויך ניט געזאָגט, נאָר כ׳האָב געבעטן גאָט, אוי, האָב איך אים געבעטן, אַז דער טאַטע זאָל שטאַרבן. איך האָב געוואָלט אַליין שטאַרבן... כ׳האָב זיך פאָרגעשטעלט, ווי איך ליג אַ געשטאָרבענע אויף דער ערד, ס׳ברענען ליכט, און ער וויינט איבער מיר... זאָל ער וויסן. איך בין דאָך דעמאָלט געווען נאָך גאָר אַ קינד.

— נאָר איצטער פאַרשטייסטו דעם טאַטן? דו האָסט אים מוחל געווען?

— פאַרשטיין פאַרשטיי איך. נאָר פאַרשטיין הייסט נאָך ניט — מוחל זיין... אויף דיר, מאַמע, בין איך אויך געווען שטאַרק בייז... ווי אַזוי האָסטו מיך געקאָנט איבערלאָזן אין זיינע הענט? מאַמע, כ׳האָב צו דיר איצט קיין טענות ניט. נאָר דעמאָלט... ווען די בעל־הביתטע האָט זיך געקלאָגט פאַר דיר, אַז איך זיץ פאַרשלאָגן אין אַ ווינקל מיט אויגן פון אַ וואָלף... דעמאָלט,

אין יענעם חודש, האָט זיך ביי מיר באַוויזן די צייט... מיט אַזאַ ווייטיק, אַז כ׳האָב זיך צעביסן אַלע פינגער. איך האָב דאָך ניט געוווּסט, וואָס דאָס הייסט? כ׳בין געווען שרעקלעך דערשראָקן. דערצו נאָך האָב איך זיך שטאַרק געשעמט... און דאָ האָט מיין אייגענער טאַטע, אויפן יאַריד, פאַר טויזנטער מענטשן, מיך נאַקעט געמאַכט... דו ווייסט, מאַמע, פאַר וואָס איך טראָג אַט אָ־די פּראָסטע ציגיינערשע פאַלקעלעך? וועל איך דיר איצט דערציילן. ווען איך האָב געגראָבן מיטביידע הענט די ערד, ניט אַזוי פון ווייטיק, ווי פאַר חרפּה, האָט זיך מיר עפּעס אין די הענט אַריין געטראָפן. כ׳האָב עס דעמאָלט ניט געפילט און ניט באַמערקט. ערשט שפּעטער, ווען ער האָט מיך צוריק צו דער בעל־הביתטע געבראַכט און זי האָט מיר געגומען אַרומוואַשן, האָט זי געפונען אין מיין פאַרקוועטשט קולעקל אָט די פאַלקעלעך... אָט די ביליקע ציגיינערשע פאַלקעלעך וועל איך קיין מאָל פון זיך ניט אַראָפּנעמען. איך טראָג זיי אויף מזל, און ווי אַ זכר... נאָך יענעם יאַריד איז אין מיר געוואַקסן איין ווילן: וואָס ווייטער פונעם טאַטן. אַנטלויפן פון אים ערגעץ ווייט, ווייט... שפּעטער האָב איך שוין געוואָלט אַנטלויפן ניט נאָר פונעם טאַטן אַליין — אויך פון אָט די שטעטלעך, פון אָט די פאַרשטונקענע געסלעך, פון די פאַרשמאַלצעוועטע יידן און יידענעס, פון זייער גערייבענעם רעטעך און שבתדיקע קאַלטע פּאַסאַליעס, פון זייערע אַלע תנועות און חכמות... כ׳האָב זיי פיינט באַקומען מיט זייערע יאַרידן און פּיאות, מיט זייער פרומקייט און שמייסן די קינדער...

די מומע ליבע, וואָס האָט ביז אַהער געשוויגן, פון צייט צו צייט מיטן גראָבן־און וויזפינגער געווישט די ליפּן, באַוואונדערט די רויקייט אויף דער טאָכטערס שיינעם פּנים, איר כמעט פרייליכן שמייכל, מיט וועלכן זי רעדט, — האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס שיפרהן האָט געטריבן מיט יעדן יאָר צו דערווייטערן זיך פון דער היים, צו פאַרפאָרן און פאַרקלייבן זיך אין אַלץ ווייטערע מקומות, אין אַלץ גרעסערע שטעט אַריין; האָלט זי מער ניט אויס:

— דאָס האָב איך דיר, הייסט עס, טאָכטער מיינע, דאָס סטעזשקעלע אָנגעוויזן?

די דינע ברעמען ענגער צונויפגעצויגן, שוין אָן דעם שמייכל, פאַר־

לייגט אַ פּוס אויף אַ פּוס, אַ צי געטאָן די מופּטע צו זיך, געוואָלט עפּעס פון דאָרטן אַרויסנעמען, נאָר געלאָזט די אויסגעצויגענע הענט מיט די פּערלמוטערדיקע ראָזע נעגל ליגן אויפן טיש.

— ניין, מאַמע, האָב ניט מורא, קיינער וועט חס ושלום, ניט זאָגן, אַז ליבע שמריהס האָט געפירט איר טאָכטער אויף אַ שלעכטן וועג... דו האָסט מיך אָבער אויף קיין גוטן וועג אויך ניט געפירט. איך בין מיר אַליין געגאַנגען. אמת, דיין גוטע עצה האָב איך פאַרגעדענקט און קיין מאָל ניט פאַרגעסן. דו געדענקסט, נאָך יענעם יאַריד, אין אַ שטיק צייט אַרום, שוין אין מיטן זומער, ביסטו געקומען צו מיר און מיר זיינען געזעסן אויפן גראָז, דאָרטןביים פּלויט פונעם גלחס סאָד. ווען מיר האָבן זיך שוין געהאַט גוט אויסגעוויינט, האָסטו מיר דערציילט, ווי איין מאָל ביסטו ווינטער פאַר נאַכט געגאַנגען מיטן וואַלד דורך אַן אויסגעטראָטן סטעזשקעלע און פּלוצעם האָסטו דאָס סטעזשקעלע פאַרלוירן. דו האָסט זיך שטאַרק דערשראָקן. ס׳פאַלט צו די נאַכט, אַ גרויסער פראָסט... נאָר דו האָסט זיך גענומען אין די הענט אַריין, דו האָסט זיך געלאָזט גיין גלייך, גלייך, אויף זייער אַ ליכטיקן שטערן, וואָס איז געשטאַנען אין הימל, און דו ביסט אַרויס צו אַ כוטאָר. „שיפרהניו, האָסטו מיך געלערנט, דערשרעק זיך ניט, וועסט געפינען דיין וועג. אַלע וועגן פירן צום לעבן”... דאָס „סטעזשקעלע” איז מיר גוט אַריין אין מוח. מע דאַרף גיין גלייך, ניט וואַרפן זיך אין אַלע זייטן, ניט וואַרטן, ביז עמעצער וועט קומען דיך נעמען פאַר אַ האַנט, מע דאַרף גיין אין איין זייט און זיך ניט אָפּשטעלן, קוקן אויפן שטערן...

— ווּהין זשע, טאָכטער, ביסטו געגאַנגען, און אויף וועלכן שטערן האָסטו געקוקט ?

— פאַר די דריי יאָר, וואָס איך בין געווען ביי דער ערשטער בעל־הביתטע, כ׳וועל זי קיין מאָל ניט פאַרגעסן, האָב איך זיך לעם אירע קינדער אויסגעלערנט גוט לייענען, שרייבן און חשבונען. און ווען איך האָב שוין ניט געהאַט ביי זיי וואָס צו לערנען זיך, בין איך אַוועקגעפאָרן און אָנגעקומען אין אַ רייכער שטוב, כמעט אָן שׂכירות, נאָר פאַרן עסן... נאָר דאָרטן זיינען געווען גימנאַזיסטן. האָב איך זיך ביי זיי געלערנט. ביי טאָג אויף דער קיך — געקאָכט און געוואַשן, און גאַנצענע נעכט געחזרט און

געמאַכט זייערע אוראַקן. גאַנץ פּרי פלעגן זיי ביי מיר איבערשרייבן און ברענגען פון גימנאַזיע אײנע פינפן. די עלטערן פלעגן זיי קויפן דערפאַר שיינע מתנות...

— ס׳זאָל מיר זיין פאַר דיין קאָפּ, — ווישט אויס די מומע ליבע די אויגן, און איר האַרץ ווערט ווידער אָנגעפילט מיט גדלות, — גיב, טאָכטער, דיין שיינעם שטערן, כ׳וועל דיך אַ קוש טאָן...

— און שפּעטער, — בלייבט שיפרה מיטן קאָפּ אויף דער מאַמעס ברוסט, — שפּעטער בין איך אָנגעקומען אין אַ שטוב, וווּ מע האָט די טאָכטער געלערנט שפּילן פּיאַנע. דאָס איז געווען אַ טעמפּע מויד, גע־טראַכט נאָר פון יינגלעך און ניט געוואָלט לערנען. מיט נדן איז זי געווען באַזאָרגט... האָט מיך די בעל־הביתטע צוגעזעצט צו איר, מיר זאָלן לערנען אין איינעם. עפּעס האָט זיך די בת־יחידקע אויך אויסגעלערנט. און אַזוי בין איך, מאַמע, געגאַנגען מיטן וואַלד, ווינטער פאַר נאַכט, אין איין זייט גלייך, גלייך... די לעצטע צוויי יאָר בין איך שוין געווען אין די נגידישע הייזער אַ רעפּעטיטאָרין...

— וואָס הייסט עס, טאָכטער ?..

— נו, אַ שטוב־לערערין... — שיפרה, דעם קאָפּ אויף דער מוטערס ברוסט, דאָס פּנים צום זוניקן פענצטער, פּאַכעט מיט די לאַנגע ווײַס אויף די הייסע אויגן. — כ׳האָב זיי פיינט געהאַט, יענע גבירישע הייזער. אָט די גרויסע סוחרים, וואָס זייער גאַנץ פאַרגעניגן באַשטייט אין אַ סך עסן... פון גאַנץ פרי ביז אויף דער נאַכט: קאָכן און באַקן. אַלע גייען אַרום מידע און דרעמלענדיקע, רייבן מיט די הענט די איבערגעפּולטע מאַגנס. דער גביר קריכט אַרויס פונעם טיש נאָך אַ פעטן פליישיקן וואַרמעס, אַלע קנעפּ צעשפּיליעט, אַ רויט־פאַרשוויצטער, די צונג קריכט אים אַזש פון מויל אַרויס... „וואָס איז דיר, הילל?״ — דערשרעקט זיך דאָס ווייב. — גאָרניט, זעלדע, — ענטפערט ער, — דער גרעפּץ ליגט מיר אונטערן לעפעלע... מאַך מיר אַ גלאָז סאָדע־וואַסער!״...

שיפרה הייבט זיך פלוצעם אויף, נעמט אירע זאַכן אויף דער האַנט:

— גענוג צו ריידן וועגן דעם. וואָס ס׳איז געווען, איז געווען. מיר

האָבן וועגן וויכטיקערס צו ריידן. קום, מאַמע, אַהין, אין אַלעקסאַנדערס קאַבינעט, דאָרטן וועט אונדז קיינער ניט שטערן...

ו

אין יענעם פרימאָרגן האָט ביי די לאַנדעס, אין דעם ניי־אויסגעבויטן פירגאָרנדיקן מויערל, די שטילקייט געפּלאַצט. דאָס מויערל — אַ ווייס, מיט טורעמלעך און באַלקאָנען, אָנגעשפּאַרטע אויף געהויקערטע שטיינערנע גולמס מיט פּוסטע אויגנלעכער און געפּלאַכטענע בערד. עס שטייט, דאָס מויערל, אין דעם מיוחס־אַריסטאָקראַטישן טייל פון שטאָט, צווישן דעם אַדלטום, בשכנות מיט זייערע הייזער. אָבער פּאַרט ווי אויסער זיי — פאַר־רוקט אין דער טיף, ווייט פון דער שפּיגל־גאַס. נאָר אויך, ווי ביי יענע, מיט אַ פּרוכט־סאַד, מיט זילבער־טאַפּאָלן אַרומגערינגלט און אויך מיט אַן אייזערנעם רויט־געפּאַרבטן שטאַכעטן־צוים. אין די אונטערשטע גאָרנס פון אָט דעם ווייסן מויערל וווינען די איידעמס, אין דעם מיטלסטן — דאָס אַלטע פּאָרפּאָלק מיטן בן־זקונים, דעם בעל־תשובה, און דעם אייבערשטן גאָרן פאַרנעמט אַלעקסאַנדער.

דער אַלטער נתן לאַנדע האָט נאָך פון לכתחילה אָן זיך געוועדט, זיך געעקשנט, זיין הסכמה ניט געוואָלט געבן, — צוליב וואָס די נייע מאָדעס און דרכים, מיט וואָס איז שלעכט די אַלטע דירה אין דער ייִדישער גאַס? שבת און יום־טוב לויכטן פון אַלע אַרומיקע פענצטער און וואַרעמען זיין האַרץ די בענטשליכט, די הבדלות און חנוכה־לעמפּלעך. מע הערט, ווי ייִדן מאַכן קידוש, זינגען זמירות, זיינען מלווה מלכה! פּורים זינגען זיי שושנת־יעקב און שמחת־תורה טאַנצן זיי אויף דער גאַס; עס קומען צו אים אין שטוב אַריין פאַרפלאַמטע, פריילעך־צעהיצטע פּראָסטע ייִדן, שלעפּן פון אויוון אַרויס די קוגלען, פון די שאַפעס די בוטלען היימיש־געשטעלטע וויינשל־און־וויינטרויבן־וויינען... צוליב וואָס פאַרשווענדן געלט, מאבד ממון זיין... בעסער צעטיילן אָרעמעלייט, אַלמנות און יתומים, בעסער אויף מלביש־ערומים און אויף הכנסת־כלה... ער, נתן לאַנדע, וועט זיך פון דער אַלטער

דירה ניט רירן, ער וועט דאָרט, אין דעם נייעם מויער, ניט וווינען: אָפּגעטער, געצן אויף דער שטוב, אַ בפירושער פֿאַרבאָט פֿון דער תורה.

און דער אַלטער נתן לאַנדע האָט זיין וואָרט געהאַלטן. ער האָט זיך ניט גערירט פֿון דעם אַלטן איינגעזעסענעם אָרט, איז פֿאַרבליבן דאָרט איינער אַליין אין זיין קליינעם חדרל. אַליין אויך אַ קלייניקער, מיט אַ קיילעכדיקער פּלייצע, אין אַ לאַנגער ראַצעמאָרענער קאַפּאָטע, וואָס מאַכט אים אַ ביסל ברייטער און העכער, אין ווייסע וואָלענע זאָקן און פּאַנטאָפֿל, די שוואַרצע סאַמעטענע קיילעכדיקע יאַרמלקע אויפֿן גרויסן קאָפּ, איז ער ביי טאָג, צווישן די אַלטע פֿאַרשטויבטע אַלמערס ספֿרים מיט די געלע לעדערנע רוקנס, ווי תמיד געשטאַנען ביים פֿענצטער, מיט אַ זייט צו דער שיין, דעם אַקסל אָנגעשפּאַרט אין דער אויסגעריבענער שטיק וואַנט, די לינקע האַנט אונטערן גאַרטל, אין דער רעכטער, נאָענט צום געזיכט, דער „זוהר", און שעהענווייז אַזוי מיט די קורצזיכטיקע אויגן אין דעם אָפֿענעם ספֿר אַריינגעקוקט, אַלע מאָל פֿון באַוווּנדערונג און שטוינונג דעם גרויסן קאָפּ געשאָקלט און דערביי אַראָפּגעקערט מיט דער ווייסער שיטערער באָרד דעם שטויב פֿון די פֿאַרגעלטע, מיט טאַבאַק דורכגעזאַפּטע בלעטער. אין די נעכט איז ער, ביי דעם קופּערנעם מנורהלע מיט די זיבן ברענענדיקע ליכט, געזעסן געבויגן איבער דעם נידעריק־פּראָסטן טיש, ביי אַ טינטער פֿון אַ האָרן, די פֿאַרשניצטע גענדזנפֿעדער צווישן די געלהויטיקע פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט, און געשריבן זיין „קדושת השכינה".

ער האָט געזוכט, דער אַלטער נתן לאַנדע, די סתרי־תורה, די טיפֿע סודות פֿון רב לייב שׂרהס גענג און מעשׂים: אין זיין קאַטעווען די פּריצים, וואָס האָבן ניט געגעבן אויף פּדיון־שבויים אַזוי פֿיל געלט, וויפֿל ער, רב לייב שׂרהס, האָט פֿון זיי פֿאַרלאַנגט. ער האָט דערוויזן, נתן לאַנדע, שוואַרץ אויף ווייס, מיטן רבנישן כתב, אַז ווען די הייליקע שכינה רוט אויפֿן צדיק, קאָן ער ווערן אַ „רואה ואינו נראה", קאָן זיך דעמאָלט נוצן מיט „קפֿיצת הדרך"... — אין די נעכט, געבויגן איבערן טיש, מיט אַן אַלטער וואָלענער שאַל אויף דער קיילעכדיקער פּלייצע, ביי די זיבן ליכט, מיט דער גענדזענער פֿעדער אין דער לינקער האַנט, האָט דער אַלטער נתן לאַנדע זיך געשלאָגן מיט די פּיקסלעך, וואָס ווילן פֿאַרדאַרבן דעם ווייַנגאָרטן, — מיט די

משׂכּילים, מיט די מלשינים און מה־יפיתניקעס, מיט אַזעלכע, ווי אַ יוסף פּערל, וואָס האָט געעצהט אַרעסטירן די ייִדן, וואָס זיינען מחדש די לבנה, געמסרט פאַר דער פּאָליציי דעם זשדיטשאָווער רבין... און דערמיט „מעכב געווען די גאולה”...

אין די ווינטער־נעכט ביי דעם געפרוירענעם לבנה־פענצטער האָט דער אַלטער בעל־מקובל געבונדן נגינה מיט קבלה, געקניפּט די זיבן טענער פון מוזיק מיט די זיבן טעג פון מעשׂי־בראשית, מיט די זיבן ספירות...

אין די ווינטער־נעכט ביי די וויכערדיקע שנייפאַלן האָט ער בפועל־ממש געפילט די שכינה אין די חסידישע טיש־ניגונים, אין דעם טאַנץ־ניגונדל, באַזונדערס אין דעם דבקות־ניגון — השתפכות־הנפש. געזען, ווי די „אנשי־סגולה” טאַנצן און אַרום דער ראָד ציט זיך אַ פייערדיקער שנור. מיט יעדן ריקודל ווערט אַ פייערדיקער מלאך געבוירן. מ׳קומט צו „עלית־נשמה”... דער שורש פון יעדער ברכה געפינט זיך אין טאַנצן. דורך אַ טאַנץ קאָן מען אויפהאַלטן די נשמה אין גוף.

און ער אַליין, נתן לאַנדע, וואָס ציט די שווערע, די „גאָלדענע” יחוס־קייט פון זיין ווייטן זיידן — דעם בעל־מופת, וועלכער האָט אָבער קיין מאָל קיין קוויטלעך און פדיונות ניט גענומען, — ער אַליין, נתן לאַנדע, האָט פון יאָר צו יאָר, וואָס טיפער ער איז אין דער עלטער אַריין, אַלץ מער גענייגט זיך צום וועג פון התבודדות, צום וועג, מיט וועלכן ס׳איז געגאַנגען דער צווייטער, דער נאָך ווייטערער זיידע זיינער, — אַ נסתר, וואָס איז פערציק יאָר, ביז צום טאָג פון זיין פּטירה, געשלאָפן אויף אַ שטיין... און ער איז דערגאַנגען, דער אַלטער נתן לאַנדע, די לעצטע יאָרן מיט יענעם וועג אַזוי וויט, אַז ער איז שוין אָן בעטגעוואַנט, אויף די הוילע ברעטער געשלאָפן, געשפּייזט דעם גוף מיט אַ מיעוט־מן המיעוט — די נשמה זאָל האָבן, ווו צו האַלטן זיך. נאָר אין די ווינטערנעכט, פאַרן קופּערנעם מגורהלע מיט די זיבן ברענענדיקע ליכט, אָנגעבויגן איבערן טיש, מיט דער אַלט־וואָלענער שאַל אויף דער קיילעכדיקער פּלייצע, האָט ער געשריבן דעם ספר זיינעם „קדושת השכינה”, — מיט דער געגנדזענער שאַרף־פאַרשניצטער פעדער אין דער לינקער האַנט זיך געשלאָגן אויף לעבן און טויט מיט די „אייניקלעך”, וואָס הערשן איבערן פאָלק מיטן כוח

פון זייערע זיידעס, האַנדלען מיט רפואות און סגולות, בויען זיך הויפּשלעסער, וועלכע שטייגן אַריבער מיט זייער רייכקייט און לוקסוס די פּאַלאַצן פון די פּוילישע פּריצים און מאַגנאַטן. ער האָט זיך געשלאָגן, דער אַלטער נתן לאַנדע, מיט דער געגדזוענער שאַרף־פּאַרשניצטער פּעדער קעגן דעם אייניקל פון רב אַברהם מלאך, וואָס איז דערגאַנגען דערצו, אַז די גרעסטע אַרכיטעקטאָרן און קינסטלער זיינען פון די וויטע מדינות אַראָפּגעבראַכט געוואָרן אויסצובויען פאַר אים דעם הויף אין רוזשין; געפּוצט די שטוב ניט נאָר פון אויסן, פאַרן פרעמדן אויג, — אויך אינעווייניק, פאַר זיך אַליין, איז אַלץ געמאַכט געוואָרן פון דאָס בעסטע און דאָס טייערסטע. די פּאָדלאָגע איז געפּלאַסטערט געוואָרן מיט זילבערנע רובלס, אַלע העגטלעך צו די טירן און פענצטער — פון בורשטיין. געלאָזט פאַר זיך פלאַנצן אַ פּראַכטפולן גאָרטן און געהאַלטן שטאַלן מיט טייערע פערד. דאָס „אייניקל" איז אויפן שפּאַציר אַרויסגעפאָרן אין טייערע קאַרעטעס, געשפּאַנט מיט זעקס פערד נאָשפּיק, ווי אַ קיניג. די הויף־מקורבים — די גבאים און שמשים, האָבן איינגערעדט דעם פּראָסטן חסיד: אַז דער רוזשינער איז אַ צדיק „בבחינת מלך"... און אַפילו די קלענערע, די „טשערנאָבילער קינדער", האָבן אויך געלעבט אין טייערע פּאַלאַצן. יעדער איינער פון זיי האָט געוואָלט איבערשטייגן אין רייכקייט זיין ברודער. האָט דער „טריסקער" געהאַט אַ מנורה, געגאָסן פון ריינעם גאָלד און די הייך פון אַ מענטשן, האָט זיין ברודער, דער טאַלנער, זיך געלאָזט מאַכן אַ זילבערנעם שטול און אויסגעקריצט אויף אים די ווערטער „דוד מלך ישראל"... און די ירידה גייט ווייטער און טיפער און זי דערגרייכט שוין צום זומפּ — ס׳דערגייט שוין צו אַ פּעטריקאָווער ברוקירער, צו דעם קאָזשעניצער מגידס הויפּט־משרת, וואָס זיין קראַפט און גרויסקייט באַשטייט אין דעם, וואָס אַ מאָל האָט ער שטייענדיקערהייט די גאַסן ברוקירט... ווערט ער, אַזאַ ברוקירער, „פאָלקס־רבי", פּראַוועט טישן, זאָגט תורה...

און די געגדזוענע פעדער אין דער פּאַרמעט־געלער לינקער האַנט סקריפּעט: ווי, וואָס פון אונדז איז געוואָרן, פאַר משיחס קומען מערט זיך די חוצפּה... ס׳איז אַ צייט, וואָס ס׳איז ניט טאָג און ניט נאַכט.

דער אַלטער בלייבט זיצן. די טונקל־גרויע פּיבערדיקע אויגן בלאָנקען

איבער די צאַנקענדיקע ליכט, איבער דעם ווייס־אָנגעפּרוירענעם פענצטער. ער דערפּילט אַ קעלט אין די פיס און אַ ווייטיק אין דער פּלייצע. די ליכט שטאַרבן. די שוואַרץ־אָנגעבערענטע קנויטן פאַלן אין צעשמאָלצענעם חלב אַריין. פון מנורהלע ציט זיך אַ שאַרף טשאַדענדיק רויכל. ער בלייבט אין דער פינצטער. קוקט אויף דעם פענצטער מיט די אָנגעוואָרפענע ווייסע צווייגן, דער שטערן פאַרקנייטשט: פאַר וועמען שרייבט ער? אַ קול, וואָס רופט אין מדבר... ניטאָ קיין בערן, ניטאָ קיין וואַלד... די כוחות גייען אויס!... — און ס׳שליסן זיך אים די אויגן. ער הערט נאָך, ווי ערגעץ קרייען די דריטע הענער. נאָר באַלד, ביי דער קאַלטער בלוי־באַזילבערטער שיין פון דעם פראָסטיקן לבנה־פענצטער, ווערט ער איינגעשלאָפן — דעם גרויסן קאָפּ אויפן ראַנד טיש, און די גענדזענע פעדער אין דער אויס־געצויגענער פאַרחלשטער לינקער האַנט.

זיבן סופהאַרבסטיקע וואָכן, ימים־נוראימדיקע, האָבן זיי — דאָס ווייב, די קינדער און די איידעמס — געלאָזט דעם אַלטן אין דער אַלטער דירה, אין דעם קליינעם הדרל, ביי זיין עקשנות, ביי די אַלמערס ספרים, ביי זיין טיש מיט די געגדזענער פעדער און ביי דעם קופּערנעם מיט חלב פאַרשמאָלצענעם מנורהלע. פון די רעגנס ווערן די הילצערנע הייזער אַרום שוואַרץ, אויף די נאַסע שינדלדעכער גרינט דער אויסגעוואַשענער פונעם זומער פאַרשטויבטער מאָך, די אויסגעטאָנענע ביימער בלייבן ערשט צו פאַרנאַכט־צו שטיין איינגעשטילט — די מזרחדיקע ווינטן גייען אַוועק. אין אַ שפּאַלט פון אַ בוידעם־פענצטערל, ווי אַן אָנדענק פון זוניקייט, ליגט פאַרשלאָגן אַ טרוקן צוגעברוינט אָסיקע־בלעטל... די באַלעגאָלישע בוידן איבער די בלאָטיקע גאַסן גייען שטיל, די פערד מיט די קורץ־אונטער־געבונדענע ווידלען, אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, קנעטן מיט די גראָבע האָריקע פיס די כליופּענדיקע בלאָטע. די רויכן פון די קוימענס פאַלן צו דער ערד — און פון דער גאַנצער וועלט, אַפילו פון די הימלען, שמעקט מיט רויך.

דער אַלטער נתן לאַנדע זיצט דאָרט אין דער אַלטער שטוב מיט די גאַקעטע ווענט, די ווינקלען אין שפּינוועבס. ביי דער שוועל ליגט נאָך אַלץ דער צעבראָכענער סלוי איינגעמאַכטס פון גן־עדן־עפּעלעך, וואָס איז

שוין באַדעקט געוואָרן מיט אַ שוימיקן שימל. אומעטום וואַלגערן זיך אונטער די פיס די אַוועקגעוואָרפענע, די צו גאָרנישט טויגנדיקע זאַכן, וואָס האָבן אויסגעאָטעמט די לעצטע וואַרעמקייט פון היימישקייט און לעבן. ס׳ווייעט מיט חורבה־פייכטקייט, מיט געדיכטער זיס־זויערקייט און מיט נאַפטאַלין. אין דער קיך, ביי דעם שוואַרצן חלל פונעם אָפענעם אויוון, ליגט די ווייסע קאַץ און רייניקט מיט דעם רויטן שמאָל־האַרטן צינגל די קישעלעך פון די שוואַרצע פיסלעך.

דער ווינטער האָט זיך געשטעלט מיט אַ מאָל. אָנגעשאָטן שנייען — ווייס־בלאַנקענדיקן אומעט און גרויסע שטילקייט. דאָס פענצטער אינעם קליינעם חדרל איז פון אויבן ביז אַראָפּ פאַרקאָוועט געוואָרן אין פראָסט. יעדער פאַרנאַכט, ווי אַ צונויפגערעדטע זאַך, ווערן פון דאָרטן, פון דעם נייעם מויערל, צוגעשיקט מיט דעם אַשמדאַי זיבן ליכטלעך, אַ טעפּעלע געקעכטס, אַ האַרט־געקאָכט איי און אַ ריפּטל שוואַרץ ברויט. דער באַלע־גאָלע פלעגט עס שווייגנדיקערהייט אַוועקשטעלן אויפן ווינקל טיש, אַריינ־שמעלצן אין דעם מנורהלע די ליכט, אויסהייצן די הרובע און אַזוי גרויזאַם־שווייגנדיק אַוועקגיין.

דער אַלטער נתן לאַנדע, נאָכן אומקערן זיך פון שול, פון מעריב־דאַווענען, צינדט אָן די ליכט, נעמט זיך אויף גיך אָפּפּאַסטן און זעצט זיך ווידער פאַרן פאַרפרוירענעם פענצטער, מיט דער געגנדזענער פעדער אין דער לינקער געלער האַנט, אויף דער קיילעכדיקער פלייצע די אַלטע שאַל, צו זיין „קדושת השכינה״, — קניפּן אין די פראָסטיקע, אין די אויסגעצ־שטערנטע לבנה־נעכט, די זיבן טענער מיט די זיבן ספירות... זיך שלאָגן ווייטער מיט די פיקסלעך, מיט די משׂכילים, מלשינים און מה־יפיתניקעס, וואָס ווילן פאַרדאַרבן דעם ווייגאָרטן... אין איינעם אַ קאַיאָר, דעם גרויסן קאָפּ אויפן ראַנד טיש, דער פעדער אין דער אויסגעצויגענער לינקער האַנט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, ווי תמיד, דערשראָקן, זיך אַליין געפרעגט: „אַ ווו בין איך?״ — און איז אין דער „קאַלטער שול״ אַוועק. דאָרטן, ווי יעדן טאָג די לעצטע יאָרן, ניט אויף זיין אָרט אין מזרח, ניט ביים אָרון־קודש, נאָר ביי דער מערב־וואַנט, אין אַ ווינקל, כמעט ביי דער טיר זיך געשטעלט, און, ווי זיין שטייגער, געדאַוונט לאַנג, אויף אַ קול, מיט אַ פריילעכן ניגון... ווען

ער האָט זיך צוריק אין דער אַלטער דירה, צו זיין חדרל אומגעקערט, האָט ער דאָרטן זיין טיש, די אַלמערס ספרים, ניט געטראָפן. נאָך מער — בעל־מלאכהס האָבן געבראָכן די וואַנט.

— מיין כתב יד ?... מיינע ספרים ?

— אַלץ, מיין מאַן, איז אויפן אָרט, אין דיין שטוב, צווישן דיינע קינדער און אייניקלעך... געגוג, נתן, געגוג. דו שטעלסט אונדז צו חרפה. די וועלט לאַכט פון אונדז... די שטוב, נתן, ווערט צענומען אויף האָלץ. דאָס געהילץ וועט צעטיילט ווערן אָרעמעלייט...

און דער אַלטער האָט זיך אונטערגעגעבן. פון זיין קומען האָט קיינער אין נייעם מויערל קיין וועזן ניט געמאַכט. דער חשבון איז געווען אַ ריכ־טיקער: מקריב זיין מיט דער וואַנט, לעכערן דאָס חדרל, אריבערפירן די ספרים, וועט דעם עובר־בטלדיקן טאַטן קיין אַנדער ברירה ניט בלייבן, ווי לאָזן ברענגען זיך אַהיים... דעם אַלטנס ווילדע עקשנות, זיין פאַרבלייבן דאָרטן אין דער אַלטער דירה אויף גאַנצע זיבן וואָכן, זיין דערלאָזן, אַז אין שטאָט זאָל מען שוין אָנהייבן צו ריידן און צו טייטלען מיט די פינגער, — דאָס האָט מען אים ניט געקאָנט און ניט געוואָלט מוחל זיין. פאַר פרעמדע אָבער, פאַר געסט און אין רייד פאַר דער וועלט האָט מען דעם אַלטן אָפּגעגעבן נאָך גרעסערן דרך־ארץ און כבוד.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אין יענעם פרימאָרגן, נאָך איוועס אַוועקגיין, ווען די מומע ליבע איז פאַרבליבן אַליין, דערנאָך מיט שיפרהן, איז ביי די לאַנדעס אין ווייסן מויערל די שטילקייט, אָט יענע קראַנק־אויפגעשוואָלענע לייטישקייט, — אַרומגערינגלט מיטן גאָרטן, פאַרשטעלט מיט די זילבער־טאָפּאָלן, מיט דעם הויכן רויט־געפאַרבטן שטאַכעטן־צוים, — פלוצעם אין מיטן העלן טאָג אויפגעריסן געוואָרן. קיינער האָט זיך אויף דעם ניט גערעכט. די שוויגער, די סוחרטע, מיט איר איידעם דעם שותף זיינען שוין פון לאַנג אין די קלייטן, ביי די פייערקאַסעס געזעסן. דער אַדוואָקאַט — דאָרטן, ביים דאָקטער, געגלייבט אַז ער, כאַנאַן איסייעוויטש לעווי, וואָס האָט אָנטיילגע־

נומען אין דעם אַלרוסלענדישן אַדוואָקאַטן־צוזאַמענפֿאַד, גערעדט מיט מיליו־קאָוון פּופּצן מינוט אויג־אויף־אויג, ער, כאַנאַן איסייעוויטש, וועט יענעם ווילדן דאַרפֿס־ייִד, אָט יענעם יצחק באַיאַר, גיך פֿאַרכישופֿן מיט אַ פּאָר פּסו־קים פֿון מדרש, און יענער, דער פּראָסטאַק, וועט גיין און וועט נעמען די טאָכטער אַהיים... די דאָזיקע כיירוס, אייגנטלעך, גייט אים ווייניק וואָס אָן. ער, כאַנאַן איסייעוויטש, האָט צו איר קיין שום שייכות ניט. אָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטקע, וואָס איז אַזוי פֿאַנאַטיש פֿאַרגלייבט און פֿאַרקאָכט אין קאַרל מאַרקסן, איז אים, כאַנאַן איסייעוויטשן, פּונקט אַזוי דערווידער, ווי דער טאַטע אירער מיטן טלית־קטן... נאָר דאָס מוז געטאָן ווערן. דאָס וועט הייבן זיין רום און באַוווּסטקייט אַלס אַדוואָקאַט. און אויך פֿאַר די וואַלן אין דער מלוכה־דומע דאַרף באַוויזן ווערן, אַז נאָר די „אַרבעטס־אינטעליגענץ", די „מענער פֿון גייסטיקער מי" קאָנען ווירקלעך קעמפֿן קעגן דער פּאָליציי־אָרדענונג, אַז נאָר זי, די „פּאַרטיי פֿון פֿאָלקס־פֿרייהייט". קאָן אונטער איר גרינער פֿאָן פֿירן רוסלאַנד צו גליק...

די ווייבער זייערע, די צוויי שוועסטער, וואָס גדלנען זיך אַפֿילו איינע פֿאַר דער אַנדערער, זעען איינע אין דער צווייטער הוילע חסרונות, נייען אַפֿילו ניט ביי איין שניידער, טוען אַלץ איינע דער צווייטער להכעיס, קאַפּויער און להיפּך, האָבן אין יענעם פֿרימאָרגן מיט נייגער און האַרצקלאַפּעניש געשיקט פֿונעם פֿערטן גאָרן נאָכן דינסטמיידל מיטן קיילעכיקן פֿאַרוויטלטן פּנים און זיך נאָכגעפֿרעגט ביי איר: ווּהין איז איווע אַוועק, וואָס האָט זי מיט איר מומען גערעדט, צי האָט זיך שיפֿרה באַגעגנט מיט איווען, צי האָט אַלעקסאַנדער געגעכטיקט אין דער היים און וואָס רעדט שיפֿרה מיט איר מאַמען?... מ'האָט איר אָנגעזאָגט, דעם דינסטמיידל: האַלטן אָפֿן דעם אויער, און אויב ס'וועט זיין נאָך עפּעס נייס, זאָל זי גלייך קומען דערציילן. דערנאָך האָט די עלטערע שוועסטער באַרעדט דעם פּראָפֿעסאָר עפּראָסעס יונג ווייב. ער, דער פּראָפֿעסאָר, איז פֿאַרטאָן אין דעם פּרעפֿעראַנס, און זי, דאָס יונגע ווייב זיינס, וואָרפֿט שוין אייגעלעך, מאַכט חנדלעלעך צו דעם ניי־אויפֿגייענדיקן שטערן, צום יונגן פֿאָעטל, וואָס שדכנט זיך צו דער שטיפֿ־טאָכטער, צו דער כלה־מויד... — זי רוימט עפּעס איין דער שוועסטער אויפֿן אויער, צעלאַכט זיך מיט איר צופֿרידענעם געלעכטער, און גייט

זיך אַנטאָן — זי גייט אין געריכט אַריין, ווו איר כאַנאַן וועט היינט פּאַרטיידיקן אַ פויער, וואָס האָט דערהרגעט זיין ברודער, בעת יענער האָט פּאַרכאַפּט מיטן אַקער אַ שטיקל פעלד זיינס... זי גייט הנאה האָבן פונעם אַרומדרייען זיך דאָרטן אַן אויסגעפּוצטע איבערן געריכטזאַל, פאַרן אַרויסטראָגן דעם אורטייל, און הערן ווי מע זאָגט: אָט דאָס איז זי, די מאַדאַם לעווי. די ייִנגערע שוועסטער בלייבט אַליין, פאַלט מיטן פּנים אין אויסגענייטן קישעלע אַריין און וויינט שטיל: אַכט יאָר נאָך דער חתונה און קיין קינד איז ניטאָ. אַלע יאָר פירט זי אים, דעם מאַן, יונהן, צום ים, שוין געפירט אים אפילו קיין קאַרלסבאַד, צו די בעסטע פּראָפעסאָרן... נאָר קיין מאַן האָט זי ניט. יונה פאַרברייטערט די געשעפטן, נעמט צוביסלעכווייז, שטילינקערהייט, די מאַמע כאַפּט זיך נאָך דערווייל ניט, אַלץ אין זיינע הענט אַריין, קלייבט זיך עפּענען נאָך אַ גרויסן מאַגאַזין פון פּאַרטיקע קליידער, קויפט אַלע מאָל נייע אַקציעס, שפּילט אויף דער בירזשע... זי, אסתר, קאָן עס אַפילו פאַר קיינעם ניט דערציילן. ניין, ווייטער אַזוי לעבן קאָן זי ניט. זי וועט אויך ביי זיך, אין איר גרויסער שטוב, ווי דעם פּראָפעסאָרס יונג ווייב, עפענען אַ סאַלאָן...

און דער אַלטער גתן לאַנדע האָט זיך שוין צוגעוווינט צו זיין נייעם מצב, דער עיקר צו זיין נייעם חדרל. קיינער שטערט אים דאָ ניט צו שלאָפן אויף די הוילע ברעטער, צו פּראַוועו זיינע תעניתים. אין זיין קליין מנורהלע אויפן טיש שטייען זיבן ליכטלעך. ער האָט ביי זיך תמיד אויף צו געבן אַ נדבה און אויף צרכי־ציבור. אָבער דער טויער איז פאַר די „בטלנים", פאַר די „שנאָרער", פאַר די „עבר־בטלדיקע" פאַרשלאָסן. ס'איז האַרב פאַרזאָגט געוואָרן: אין מויערל ניט אַריינלאָזן זיי. שמחת־תורה קומט מען ניט, ווי אין די פריִערדיקע יאָרן אין דער אַלטער דירה, צו גתן לאַנדע, שלעפּן פון אויוון די קוגלען, פון שאַפעס די בוטלען ווישניק און טאַנצן דאָרטן אויף טיש און אויף בענק.

אין יענעם פרימאָרגן, נאָכן אומקערן זיך מיטן זון דעם בעל־תשובה פון דער „קאַלטער שול" אַהיים, דורכגעמאַכט, ווי תמיד, דעם וועג איבערן סאָד מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן — ניט זען די געצן, די „שוואַרצע טומאה" פון מויערל, — האָט דער אַלטער גתן לאַנדע זיך פאַרשפּאַרט אין

זיין חדר־מיוחד, אַוועקגעשטעלט זיך מיטן ספר אין דער האַנט אויף זיין אָרט, ביים פענצטער, מיט אַ זייט צו דער שיין, פאַרקנייטשט דעם הויכן שטערן און גענומען רייבן מיטן אַקסל ווייטער די וואַנט... היינט איז ער אויף דער אמתן גליקלעך געווען. ערשט היינט האָט ער ווידער דערזען און דערקענט זיין אַמאָליקן זון, יענעם אַבנערן, מיט וועלכן די וועלט האָט זיך געבענטשט... נאָר פלוצעם, שוין אַ חתן געווען פאַרן אַלטן מאַזירער רבס איייניקל, געזאָלט נאָך דער חתונה פאַרנעמען דעם כסא־הרבנות, איז ער, אַבנר, איבער איין נאַכט פון גלייכן וועג אַראָפּ, די היים פאַרלאָזט און אַוועק בלאָנדזשען איבער דער וועלט, — פון לאַנד צו לאַנד, געזוכט דאָרטן פאַר זיך אַן אָרט. און נאָך לאַנגע וואָגלדיקע זוכעניש־יאָרן, אויך אַזוי פלוצעם, אַהיים זיך אומגעקערט, אַריין צו אים, צו דעם אַלטן טאַטן, נאָך מיטן שטויב פונעם וועג אויפן פנים און קליידער, צוגעפאַלן צו זיין אַקסל און געזאָגט: „טאַטע, נעם מיך צוריק אונטערן שאָטן פון דיין בוים”!... — און אַבנר האַלט וואָרט, ווערט פון טאָג צו טאָג פרימער. היינט האָט ער אים, אַבנרן, טאַקע ממש מיט גוואַלד פון מקום־קודש צוגענומען. ס'איז שוין נאָך אַלע מנינים, און ער, אַבנר, שטייט נאָך אַלץ אין די תפילין, קוקט דורכן פענצטער אין הימל אַריין, די אויגן ברענען, ווי ס'וואָלט דורך זיי אַ פייער פון האַרצן געשלאָגן. דער טאַטע, דער אַלטער בעל־מקובל, איז דערציטערט געוואָרן. אים האָט געדאַכט: דער זון האָט דאָרט אין הימל אַלע דריי הונדערט צען וועלטן דערזען, אַז אין זונס אויגן ברענט דער „נר אלהים” — גאָטס ליכט... און דער אַלטער איז דערפרייט געוואָרן. איצט גלייבט ער, אַז אַבנר וועט פון זיינע הענט די „גאָלדענע קייט” איבערנעמען. אַ בעל תשובה קאָן הויך אויפגיין און זייער ווייט דערגרייכן...

און דער בעל תשובה, אַבנר, נאָכן אומקערן זיך מיטן טאַטן פון דער „קאַלטער שול” — ניט געקאָנט דאָרטן אַליין פאַרבלייבן, האָט ער זיך אין יענעם פרימאָרגן ווידער אַרומגעדרייט און געבלאָנקעט איבער די מעבלירטע צימערן, איבער די קאָרידאָרן און טרעפּ, פאַרשפּרייטע פון אויבן ביז אַראָפּ מיט שמאָלע טריט־טעפּעכלעך, זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט, דערנאָך אין סאָד אַרויס. נאָר דאָרטן, אין דרויסן, האָט ער ווי דערשראָקן זיך פאַר דער הייסער ערב־פרילינגדיקער זון, פאַרן פרילינגדיקן ווינט אין

די זילבער־טאָפּאָלן, פאַר דער בלויקייט פון הימלען, פאַר די ריטשקעלעך, וואָס לויפן פון אונטער דעם פאַרהאַרטעוועטן געל־געלעכערטן שניי, און זיך צוריק איבער די טרעפּ אַרויף געלאָזט, אָבער ניט צו זיך, נאָר אויפן פּערטן גאָרן, אין דעם ברודערס וווינונג, צו אַלעקסאַנדערן געטראָפן. ער האָט אויפגיך געוואָלט אַריין אין אַלעקסאַנדערס קאַבינעט — דאָרטן וועט טאָקע זיין דאָס בעסטע אָרט. אָבער ווי נאָר ער האָט געעפנט די טיר, האָט ער דערזען שיפרהן מיט נאָך אַ פרוי. אויף אַ רגע איז ער שטיין געבליבן גאָר צעטומלט, נאָך בלייכער געוואָרן, אָבער באַלד זיך געפונען און אָנגעהויבן אַנטשולדיקן זיך — ניט געטראַכט, אַז עמעצער קאָן דאָ זיין... אַ, שיפרה זעט היינט באמת אויס, ווי עקיבא זאָגט: די שולמית פון די פּאַלעסיער וועלדער.

— אַ, ווען איך פאַרמאָג כאָטש איין געטלעכן פונק פון דעם אומשטערבלעכן פּעטראַרקע, וואָלט איך אייך אויך, ווי ער זיין לאַורע, באַזונגען אין סאָנעטן...

— איך דערקען אייך היינט ניט, — דערלאַנגט אים שיפרה די האַנט, ציט צונויף די דינע ברעמען און פּאַכעט שפּילעוודיק מיט די לאַנגע וויִעס, — אַזאַ פריילעכן, ווי היינט, האָב איך אייך נאָך קיין מאָל ניט געזען.

— דאָס דאַרף איך ניט וווּנדערן. אין אַזאַ טאָג, די זון שיינט אַזוי. פאַרטרייבט אַלע שוואַרצע שאָטנס.

— נאָר וואָס זייט איר אַזוי צעטראָגן?

— איך?...

— איר ווילט מיר שרייבן סאָנעטן, נאָר איר האַלט מיין האַנט און טוט זי אַפילו ניט קיין קוש... פרויען קאָנען אַזוינס ניט מוחל זיין. צי איר שעמט זיך פאַר מיין מאַמען?

— אַך, אַנטשולדיקט מיר טויזנט מאָל... — און ער קושט איר ביידע הענט. — כ'האָב זיך שיעור אַליין ניט באַשטראָפט. איז דאָס אייער מוטער? כ'וואָלט גיכער געזאָגט, אַז דאָס איז אייער אַן עלטערע שוועסטער. — ער פאַרנייגט זיך זייער טיף פאַר דער מומע ליבע. — די מאַמע איז זייער ענלעך אויף אייך... — ער צעלאַכט זיך אַליין פון זיין וויץ, אַנטשולדיקט

זיך נאָך אַ מאָל פאַר זיין אומגעריכטן אַריינגיין און פאַרמאַכט נאָך זיך שטי״ל די טיר.

די מומע ליבע האָט גלייך פאַרשטאַנען: דאָס איז ער, אַבנר. דער, וואָס וויל נעמען איר טאָכטער, ווי זי גייט און שטייט, וויל זי אַריינגעמען אַהער, אין אָט דער עשירות, גדולה און יחוס. ער איז איר, דער מומע ליבע, געפעלן געוואָרן. זייער אַ בנעימותדיקער, אַן פליי אין דער נאָז. דער עיקר זעט מען — אַ קלוגער. אמת, אַ ביסל צו קליין געוואַקסן. שיפרה איז העכער פון אים כמעט אויף אַ גאַנצן קאָפּ. ס׳וואָלט אַוודאי געדאַרפט זיין פאַרקערט. אַוודאי איז שענער, ווען דער מאַן איז וווקסיקער פונעם ווייב. אָבער דערפאַר האָט ער ברייטע אַקסל, ממש אַ פּלייצע פון אַ טרעגער, אַ שיין מויל מיט ווייסע ציינער, זייער אַן איידל פּנים און אַ פיין געקרייזלט בלאָנד בערדל. וואָס איז דאָ שייך צו ריידן? זי, די מומע ליבע, האָט געמיינט, געווען אַפילו זיכער, אַז נתן לאַנדעס מיזיניק, וואָס קאָן טאָן דעם שענסטן שידוך, דאָך וויל ער נעמען שיפרהן, און זיי, די רייכע מיוחסים, גייען אויף דעם איין, אַז ער, דער אַבנר, איז מסתמא אַ צעבראָכענע כלי, און אפשר גאָר, חנו־ושלום, אַ ניכפּהניק, אָדער, ניט פאַר קיין מענטשן געדאַכט, אַ האַלבער תם... און דאָ ווייזט זיך אַרויס, אַז אַבנר איז אַ „פאָלנע״ מענטש. און דאָס, וואָס ער קאָסט אַ ביסעלע מיטן לינקן אויג, גיט עס אים אַפילו צו חן.

נאָך אַבנרס פּלוצעמדיקן אַריין־און־אַרויס, אַ צופרידענע און אַן איבער־ראַשטע, וואָס דער חתן איז דאָך באמת טאַקע אַ גרויסע מתנה פון זיין ליבן נאָמען, ער איז דאָך אפילו מער, ווי מע האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן און האָפן, לאָזט די מומע ליבע אַלע פרי׳ערדיקע שאלות אָן אַ זייט. דאָס האַרץ ווערט איר ווידער פאַרפלייצט מיט גדלות און גדולה. אין די מאַמישע אויגן שטעלט זיך דער פייכטער גלאַנץ פון פרייד און נחת. נאָך אַזעלכע שווער־ביטערע יאָרן האָט איר קינד אַליין, איינע אַליין, טאַקע נאָר מיט גאָטס הילף, צו אַזאַ ברעג זיך צוגעשלאָגן. דאָס איבלען אונטערן לעפעלע, וואָס נאָגט איר דעם גאַנצן פרימאָרגן, ווערט איר מיט אַ מאָל ליב און טייער. זאָל ביי איר געבוירן ווערן נאָך אַ קינד. קינדער זיינען מזל. איי, איר׳ע קינדער וואַקסן אויף דער קעלט, אויף דער היץ, ווי דער בוים אין פעלד, נאָר אַ פּנים אָן דעם קאָן קיין בוים ניט אויסוואַקסן. אָט שטייט זי, איר

שיינע טאָכטער, ביים פענצטער, אַ באַגאָסענע מיט זון, טאַקע ווי אַ שיינע סאָסנע.

— כ׳קאָן זיך, טאָכטער, אין דיר ניט אָנשפּיגלען, — פאַרלייגט די מומע ליבע די הענט אויף דער ברוסט. — כ׳האָב דאָך דיך ניט געזען כמעט דריי יאָר... קום, טאָכטער, זעץ זיך אַוועק לעם מיר. מיט צרות האָב איך זיך שוין גענוג אָנגענומען. נעכטן אין וועג פון יצחקן, ביי נאָכט פון איוועז... און אייגענע צרות. מע דאַרף זיי, גאָט צו דאַנקען, ניט גיין ביי יענעם לייען. דו ווייסט, נאָך וואָס איך בין געקומען?

— כ׳שטויס מיך שוין אָן...

— דו שטויסט זיך שוין אָן? — שמייכלט די מאַמע. — טאָ דערפריי מיר דאָס האַרץ. זשאַלעווע מיר ניט, שיט מיר אָן, טאָכטער, אַ פול האַרץ מיט פרייד... שיט אַהין און שיט, האָב ניט מורא, פלאַץ איז דאָרט פאַראַן גענוג, יעדער ווינקל, אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען, איז ליידיק, ווי ביים אָרעמען פויער די קלוניע אויף ווע‎סנע, פאַרקערט מיט אַ בעזעמל... שוין צייט, מיר זאָלן אויך וויסן דעם טעם פון נחת, פון פאַרגעניגן, פון אַ ליכטיקן טאָג... דערצייל, טאָכטער, ווי אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן, ווי אַזוי האָט איר זיך באַקענט, ווי אַזוי איז ער אַרויף אויף די רייד? מיט וועלכע ווערטער האָט ער דיר געזאָגט?

דער מאַמעס תמימות און איינצייטיק די פּרוויִשע נייגעריקייט אירע, הייבט אָן שיפרהן צו פאַרווילן. זי ציט צונויף די דינע ברעמען, נעמט איבערפלעכטן די צעפּ, און פאַלט אויך אַריין אין דעם זעלבן טאָן פון דער מאַמעס תמימותדיקייט:

— אַ באַשערטע זאַך... ער זאָגט, אַז פריִער האָט ער מיך אַפילו ניט באַמערקט. נאָר איין מאָל, ווען איך בין געווען אין טעאַטער אין איוועס קלייד, כ׳האָב נאָך דעמאָלט קיין אייגן שוואַרץ קלייד ניט געהאַט, האָט ער מיך ערשט דאָרטן דערזען. און, ווי ער זאָגט, געבליבן שטיין מיט אויס־געגלאָצטע אויגן... די שוועסטער זיינע, יהודית, וואָס איז געווען מיט מיר אין יענעם אָוונט אין טעאַטער, האָט אים געזאָגט: דאָס זעלבע קלייד טו אָן אויף שיפרהן. און אין שטוב קומט אַריין נאָך אַ שענערע פרוי פון איוועז, נאָר אָן יענערס קאַפּריזן און אָן יענערס פאַרגליווערטקייט. ביי

יענער איז אַ קאַלטע שיינקייט... און שיפרה איז פול מיט פייער. דאָס מעגסטו שוין מיר גלייבן.

— און דו, טאָכטער, ביסט געשטאַנען דערביי?

— כ'האָב זיך געמאַכט ניט הערנדיק...

— און אַזוי רעדט עס אַן עלטערע שוועסטער, אַ מאַמע פון קינדער, מיט אַ ברודער אַ בחור?

— איך דערצייל דיר אַזוי, ווי ס'איז געווען. פון יענעם אָוונט אָן האָט זיך עס אָנגעהויבן.

— און די אַלטע האָבן שוין מיט דיר פון דעם גערעדט?

— דער אַלטער — ניט, די אַלטע — יאָ. אמת, ניט אָפן, פאַרשטעל־טערהייט. זי האָט מיך מערער באַטראַכט מיט איר סוחרישן אויג, ווי גערעדט... פון איר באַטראַכטן מיך האָט מיר געשלאָגן צו דער גאַל. נאָר די מאַמע איז דאָך ביי אים די רעכטע האַנט... אָבער צווישן אונדז איז שוין סיי ווי סיי אַלץ אָפגערעדט.

— האָט ער דיר געזאָגט מיטן קלאָרן וואָרט? דו לאַך ניט פון מיר, טאָכטער, די נאַרישע מאַמע וויל אַלץ וויסן...

נאָר דערזעענדיק, ווי שיפרה מינעט זיך אין פנים, ווי זי קאָן פאַר די אויגן קיין אָרט ניט געפינען, נעמט זי עס אָן פאַר מיידלשער בושה, און זאָגט מיט איר גוטן שמייכל:

— דאָרטן, ווו ס'איז פאַראַן, טאָכטער, אַ פניאָקל, אַ גריבל, שפּרינג זיי אַריבער... — און כדי צוגעבן שיפרהן מוט, הייבט זי אָן צו דערציילן: — אַז דיין טאַטע איז געקומען מיך אָנקוקן, האָב איך געמיינט, אַז איך וועל אין דער ערד אַריינגיין. ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט זיינע צוויי שוואַרצע קוקערס, איז מיר דער מאַמעס מילך אַנטרונען געוואָרן. ער שטייט פאַר מיר, און ס'שמעקט פון אים מיט ווינט. פון אַ מאַנצבל דאַרף שמעקן מיט ווינט. כ'האָב פיינט אַ באַנק־קוועטשער... פרעגט ער מיך: „וואָס נייט איר עס אויס”? — איך בין געזעסן ביים פענצטער און אויסגענייט אַ תפילין־זעקעלע. די מאַמע, עליה־השלום, האָט מיך אַזוי אָוועקגעזעצט. ער רעדט צו מיר, וויל הערן מיין קול, צי בין איך חלילה ניט קיין זאַיקע, צי, גאָט באַהיט, אַ שטומע, נאָר מיר האָט אָפגענומען דאָס לשון. די צונג

איז מיר צוגעקלעפּט געוואָרן צום גומען. איך פֿיל, אַז פֿון חרפּה ווערן מיר רויט די אויגן. „וואָס שווייגסטו, ליבע? — פֿרעגט מיך די מאַמע מיט איר שמייכל. — אַז דיין באָבע מרים האָט אַזוי געשמייכלט, מיינע רייד זאָלן איר דאָרט ניט זיין שווער, איז געווען דער גוטער סימן — וועסט שוין דערנאָך האָבן פֿון איר דעם רעכטן פּסק...” נאָר וואָס איז די פּעולה? איך שטעך זיך מיט דער נאָדל דעם פֿינגער, פּלאַקער, שונאי ציון, ווי אויף אַ פֿייער, נאָר די צונג, כאָטש האַק זי און בראָק זי, רירט זיך ניט פֿון אָרט. און דערצו זיינען מיר נאָך מיט אַ מאָל אייליק געוואָרן די ציין, ווי כ׳וואָלט זיך אָנגעגעסן מיט קיסליצעס. דערזעט די מאַמע, אַז דער חתן הייבט אָן דרייען מיט דער נאָז, דערשרעקט זי זיך שוין ניט אויף קאַטאָוועס און זאָגט: „גייט זיך אַ ביסל דורך, ס׳אַראַ שיינער טאָג...” — מיינסטו דאָך, אַז זי האָט אונדז געלאָזט גיין אַליין? ווייסעך־וואָס, זי האָט אָנגעטאָן אויף דער קאָראָמיסלע דעם גרויסן הילצערנעם עמער און אונדז געשיקט צו דער קרענעצע נאָך וואַסער. זי אַליין גייט פֿון הינטן. זי גייט, כלומרשט, כאַפּן אַ קוק, צי די בהמה פּאַשעט זיך אויפֿן וויהאָן... איך האַלט די קאָראָמיסלע פֿאַר איין עק, ער — פֿאַרן צווייטן, און דער ליידיקער עמער הוידעט זיך אין מיטן. דער ליידיקער עמער, טאָכטער, הוידעט זיך מיר דאָס גאַנצע לעבן פֿאַר די אויגן... איך גיי אַזוי פּאַוואָליע, ווי איך וואָלט ערשט אויפֿגעשטאַנען פֿון אַ קרענק. פֿרעגט ער מיך: „איר זייט ניט געזונט?” — פֿאַרדריסט עס מיך שוין. דו האָסט טאַקע, טראַכט איך מיר, גאַנץ פֿיינע אויסגעשייערטע קוקערס, נאָר קיין איבערגעשפּיצטער ביסטו, דוכט זיך, ניט... און ווען מיר זיינען צוגעגאַנגען צו דער קרענעצע, כאַפּ איך ביי אים אויס דעם עמער, טו אים אָן אויפֿן קרוק, לאָז אים אַראָפּ אין קרענעצע און שעפּ אָן אַ פֿולן עמער וואַסער. ער שטייט אָנגעבויגן איבער דער קרענעצע, זיין פּנים שפּיגלט זיך אָפּ אין וואַסער, און די צוויי קוקערס גלאַנצן אויף מיר פֿון דאָרטן. ניט קיין אויגן, נאָר צוויי מזיקים... אַז כ׳האָב שוין געהאַלטן ביים אַרויסשלעפּן דעם עמער וואַסער, שפּרינגט ער אונטער און וויל מיר העלפֿן, ער האָט אָבער אָנגעכאַפּט ניט די דוזשקע פֿונעם עמער, נאָר מיין האַנט... האָב איך אַ כאַפּ געטאָן די האַנט, ווי פֿון הייסן פּריסעק... איך האָב זיך דערביי אַ פּנים שלעכט אַ דריי געטאָן. און שטעל זיך פֿאָר — כ׳האָב זיך

אויסגעגליטשט און בין געפאַלן. און דערצו נאָך מיאוס געפאַלן... לאָך, לאָך דיר, טאָכטער, וויפל דו ווילסט. אַ מאָל האָט אַ מיידל זיך ניט געהאַלטן אַזוי פריי פאַר אַ חתן. דער חתן האָט איר ניט געקושט די הענט, ווי, להבדל, דעם גלח... דיין טאַטע האָט מיך אַ קוש געטאָן ערשט אונטער דער חופה, כאָטש חתן־כלה זיינען מיר געווען פון שבועות ביז חנוכה... היינט לאַכט איר פון אונדז, שפּעטער וועלן אייערע קינדער לאַכן פון אייך נאָך מער ווי פון אונדז...

— מיך, מאַמע, אינטערעסירט ווייניקער פון אַלץ, וואָס עמעצער זאָגט און וואָס עמעצער וועט זאָגן. — זי פאַרשאַרט דעם אַרבל און כאַפּט אַ קוק אויפן זייגערל. — מיט דעם זאָלן זיך אינטערעסירן שוואַכע און דערשראָ־קענע. היינט וועט מען אפשר לאַכן, פאַרשטייט זיך, פון קנאה, נאָר מאָרגן וועט מען שוין שטיין פאַר מיר מיט איינגעבויגענע קני און מיט אַראָפּגעַ־נומענע היטלען.

פאַרשטייט ניט די מומע ליבע דער טאָכטערס רייד, טראַכט זיך אַפילו אין זיי ניט אַריין. זי נעמט זיי אויף פּשוט: איר, שיפרהן, אַרט זייער ווינציק, צי אירע קינדער וועלן אַ מאָל לאַכן פון איר, צי ניט. זי איז אפשר גערעכט. פון אַ רייכער מאַמע לאַכט מען ניט. די אַלטע לאַנדעכע, די סוחרטע, ווי געהערט, איז ביי די קינדער די רעכטע האַנט, די עצה־געבערין און די וואָרט־זאָגערין.

— דו ביסט אפשר גערעכט, טאָכטער. גאָלד דעקט צו אַלץ. — זי נעמט שיפרהס האַנט, באַטראַכט דאָס זייגערל מיטן בראַסלעטל, וואָס זי האָט ערשט דערזען. — ס׳איז גאָלד? מ׳האָט דאָס דיר געשענקט?

דער מאַמעס פּשטות און תמימות ווערט איר שוין, שיפרהן נמאס. דערצו נאָך קאָן זי זיך אַזוי לאַנג ניט פאַרהאַלטן. מע דאַרף צוגיין נעענטער צום ענין. געבן דער מאַמען צו פאַרשטיין, צוליב וואָס זי איז אַהער גערופן געוואָרן. אייגנטלעך איז זי, שיפרה, געווען קעגן דעם. זי טוט אַ פאַגע מיט די לאַנגע געדיכטע ווייעס אויף די הייסע אויגן:

— יאָ, מאַמע, ס׳איז פון ריינעם גאָלד, טאַקע זיינע אַ מתנה... — און טוט פלוצעם אַ פרעג: — וואָס טראַכט איוועּ? איך מיין ניט, וואָס טראַכט זי וועגן מיר, איך מיין, וואָס טראַכט זי וועגן זיך? ווי אַזוי טראַכט זי

ווייטער לעבן? דו זעסט דאָך, מאַמע, אַליין, וואָס דאָ טוט זיך. זי לעבט דאָ, ווי אַ פרעמדע... זי איז שוין דאָ טאַקע אַ פרעמדע. פשוט אַ רחמנות אויף איר. צוליב וואָס דאַרף זי פטרן אירע יונגע יאָרן? זי איז אַ שיינע, אַן אויסגעשפּילטע...

— צווישן מאַן און ווייב, טאָכטער, טאָר מען זיך ניט מישן. פון שלום־וועגן — יאָ. כ'האָב מיט איר נאָך ניט גערעדט דערפון. דאָס האַרץ איז איר, נעבעך, זייער און זייער אָנגעווייטיקט. מע דאַרף זי דערווייל ניט טשעפּען. דניאלס טויט, זיין לוויה, און נעכע... דאָס אַלץ, טאָכטער, האָט זי זייער אויפגערודערט. מע דאַרף זי לאָזן קומען צו־זיך. זי האָט, ניט פאַר דיר געדאַכט, געקרענקט אויף ליבע. איך לאָך ניט פון אַזעלכע זאַכן. זי קאָן אים נאָך ביז היינט ניט פאַרגעסן. זאָל דיך גאָט אויסהיטן פון אַזעלכעס.

— פון אָט דער קרענק האָט מיך גאָט אויסגעהיט. שפּילן אַ ליבע מיט אַ שיינעם קבצן, אַ בחור מיט לאַנגע האָר און מיט קורצע הייזלעך, וואָס די קעשענעס זיינען ביי אים אָנגעשפּיקעוועט מיט ביכער... ער ציילט די שטערן, קוויקט זיך מיט דער לבנה. אין בויך בורטשעט ביי אים כסדר, ער גייט אַרום אין די בלאָטעס מיט צעריסענע שיך. נו, ניין, ניט צוליב דעם האָט מיך דער טאַטע מיינער געשמיסן מיט זיבן יאָר צוריק אין מיטן העלן טאָג, אויפן יאַריד, פאַר טויזנטער מענטשן, אַז מיין שמריה זאָל אויך שמייסן זיינע קינדער. איך וויל ניט, אַז פאַר מיר און פאַר מיינע קינדער זאָל זיך אַ גאַנץ לעבן וויגן פאַר די אויגן דער ליידיקער עמער. מיר איז אויך נאָכגעגאַנגען, אין זוויהיל, אַזאַ איינער. אמת, ער וואָלט די קינדער ניט געשמיסן, נאָר פון הונגער וואָלטן זיי געפּוכנעט. זייער אַ שיינער בחור... ער האָט זיך שיר איבער מיר דאָס לעבן ניט גענומען. מע האָט אים אַראָפּגענומען פונעם שטריק.

— דו האָסט אים ניט ליב געהאַט?

— און אַז איך האָב אים ליב געהאַט, איז וואָס?

— מיט געלט, טאָכטער, לעבט מען ניט אויס די יאָרן.

— נו, מילא, מיט אַזעלכע רייד טרייסטן זיך קבצנים. איך האָב זיך

פֿאַר אַט דער ליבע־קרענק געהיט, ווי פֿאַר פֿייער. אין אַט דעם האַנ׳יק וֹוערן דערטרונקען כמעט אַלע...

— אָבער איצטער, אין דעם רייכן חתן ביסטו פֿאַרליבט?

— ניין, מאַמע, פֿון ליבע האַלט עס ווייט.

— נאָר ער געפֿעלט דיר?

שיפֿרה, וואָס גייט אַרום איבערן צימער, די הענט אָנגעשפּאַרט אויף די היפֿטן, דער קאָפּ כמעט פֿאַרוואָרפֿן אויפֿן נאַקן, דרייט זיך מיט אַ מאָל האַסטיק אויס צו דער מוטער. פֿונעם האַסטיקן דריי טוט אַ סקריפּע דער קאָרסעט, און די פֿאַלדן פֿון דעם קלייד צעכוואַליען זיך.

— ווער, — פֿרעגט זי — געפֿעלט מיר?

— וואָס הייסט ווער? דער חתן, אַבנר. וואָס איז מיט דיר, טאָכטער?

דער מומע ליבע איז קיין מאָל ניט געפֿעלן געווען, וואָס שיפֿרה פֿאַרמאָגט איר ברודערס תנועה צו ברעכן די ברעם. ווען יענער, גבריאל, הייבט אָן צו שפּילן מיט די ברעמען, דאַרף מען זיך פֿאַר אים היטן. נעמט די מומע ליבע, שוין מיט אַ שאַרפֿערן בליק, נאָכשפּירן נאָך דער טאָכטערס פּנים. דאָס שיינע פּנים איז עפּעס פֿאַרכמאַרעט געוואָרן. עפּעס וואַקלט זי זיך.

— וואָס איז מיט דיר, טאָכטער?

שיפֿרה גייט צו צום פֿענצטער און לאָזט אַראָפּ דעם פֿאָרהאַנג, אָבער באַלד דערפֿילט: „ס׳איז נאַריש, דער פֿאָרהאַנג שטערט איר ניט״. פֿאַר־רוקט זי אים צוריק און הייבט אָן ווידער, די הענט אויף די זיך־וויגנדיקע היפֿטן, אַרומצוגיין איבערן צימער.

— דעם אמת גערעדט, מאַמע, האָב איך זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז ס׳וועט מיר זיין אַזוי שווער צו ריידן מיט דיר... דו פֿרעגסט, צי אַבנר געפֿעלט מיר? כ׳האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז אַט די יונגעלייט געפֿעלן מיר ניט. זיי האָבן אין זיך אַפֿילו אַ סך פֿייער, נאָר זיי קאָכן אויף איבו וואַסער... אַבנר איז אויסגעווען די גאַנצע וועלט, געזוכט דעם אמת פֿון לעבן און האָט זיך אומגעקערט צו זיין בטלן דעם טאַטן. ער גייט מיט אים גאַנץ פֿרי און פֿאַר נאַכט דאַוונען. אויף וואָס האָט ער געפּטרט די יונגע יאָרן? אויף גאָרניט! כּיירוס וויל אַראָפּוואַרפֿן דעם קייסער, און אַליין

קריכט זי פון די טורמעס ניט אַרויס. זי קומט אַליין אום, און ברענגט אַים איר קינד.

— זי האָט דען אַ קינד? — שלאָגט זי איבער די מוטער, וואָס זיצט שוין מיט פאַרקלעמטע ליפּן, מיט גרויסע אויגן, און הערט מיט ווּנדער דער טאָכטערס רייד.

— זי האָט געבוירן דאָס קינד נאָך אין סיביר... זי קאָכט אויך אויף איר פייער וואַסער! און איווע גייט אַרום און חלומט פון אַ שיינער ליבע. מיט דניאלן, דעם שלימזל, וואָלט זי, הייסט עס, שוין געווען גליקלעך. אידיאַטיזם! זיי פליִען, ווי די זומערדיקע באַבעלעך, ביי נאַכט אויפן פייער... אַבנר זיצט מיט אָפּגעברענטע פליגעלעך, מיט אַן אָפּגעסמאַליעטער נשמה און כניקעט: געווען אַ גרויסער אמת אויף דער וועלט, האָבן מענטשן אים צעבראָכן, צעברעקלט, יעדער איינער האָט געכאַפּט אַ ברעקל, אים איינגעוויקלט אין אַ שיין צוקערקע־פּאַפּירל און שרייט, אַז דער אמת איז ביי אים... דערצו נאָך איז אַבנר נאַקעט, ווי אַ שטעקן, אפשר וועט אים אַ מאָל בלייבן אַ ביסל ירושה.

— צוליב וואָס זשע, טאָכטער, דאַרפסטו אים? אויב ער איז, ווי דו זאָגסט, מיט אַן אָפּגעסמאַליעטער נשמה, טאָ זאָל ער זיך גיין מיט זיין וועג. דו ביסט, קיין עין הרע ניט, אַ געזונטע און אַזאַ שיינע.

— מאַמע, צו וויפל יאָר האָסטו חתונה געהאַט?

— צו זיבעצן... האָסט מורא, וועסט פאַרזיצן?

— דו פאַרגעסט, מאַמע, אַז איך בין שוין אַלט צוואַנציק יאָר.

— איז נאָר דערפאַר האָסטו אים געגעבן דאָס וואָרט?

— וועמען?

— וואָס איז מיט דיר, שיפרה? וואָס פרעגסטו מיך, וועמען? אַבנרן האָסטו געגעבן דאָס וואָרט?

— איך האָב אבנרן קיין שום וואָרט ניט געגעבן.

— און דער אַלטער לאַנדע האָט מיט דיר אויך ניט גערעדט?

— ניין, מיטן אַלטן לאַנדע האָב איך ניט גערעדט.

— ווער זשע, אויב אַזוי, האָט צוגעשיקט אַבושן? ער האָט דאָך אונדז,

מיר מיטן טאַטן, קלאָר און שאַרף געזאָגט: דער אַלטער לאַנדע וויל אייער טאַכטער פאַר זיין מיזיניק, פאַר אַבנרן.

— אַבוש האָט געזאָגט אַ ליגן, דער אַלטער האָט אים ניט געשיקט...

— טאָכטער, איז די גאַנצע מעשה אַ ליגן?

— ניין, מאַמע, ס'איז אַן אמת...

— האָסטו אים אַליין געשיקט?

— ניין, איך האָב אים ניט געשיקט.

— ווער דען האָט אים געשיקט?

— אַלעקסאַנדער... — און שיפרה אָטעמט אָפּ גרינגער. דאָס שווערסטע וואָרט איז געזאָגט געוואָרן. אַצינד דאַרף שוין איר קלוגע מאַמע אַליין אַלץ באַנעמען און פאַרשטיין.

נאָר די קלוגע מומע ליבע, אַחוץ שטוינונג פון דער טאָכטערס האַלטן זיך, פון איר פריי פירן זיך דאָ אין צימער, פון איר האַלב ליגן אין דעם ווייכן שטול, פאַרשטייט זי נאָך גאָרניט.

— וואָס זשע, — פרעגט זי, — מער ליגט איצט ניט אַלעקסאַנדערן אין זינען, ווי צו פאַרנעמען זיך מיט שדכנות? און ער איז טאַקע אַזוי זיכער, אַלעקסאַנדער, אַז דער אַלטער וועט אויף דעם שידוך איינגיין?

שיפרה, האַלב ליגנדיק אין ווייכן שטול, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, דאָס פנים צו דער זון, די לאַנגע וויִעס ציטערן, ענטפערט זייער רויִק:

— קיינער וועט ביי אים ניט גיין פרעגן.

— אַזוי?... נו, גוט. אַליין געשפּילט און אַליין געטאַנצט. זאָל זיין אַזוי. פריִער האָסטו אָבער געזאָגט, אַז צווישן אייך איז שוין אַלץ אָפּ־גערעדט. דו האָסט אַפילו גענומען ביי אים, ווי אַ כלה, אַ טייערע מתנה.

— יאָ, מאַמע, אַלץ איז אָפּגערעדט, און אַ מתנה האָב איך גענומען...

— דערנאָך זאָגסטו, אַז דו האָסט אים קיין וואָרט ניט געגעבן. און נאָקעט, זאָגסטו, איז ער ווי אַ שטעקן. פון וואַנען זשע האָט ער גענומען געלט אויף אַ גאָלדן זייגערל מיט אַ גאָלדן בראַסלעטל?

— איך האָב דיר שוין, מאַמע, אַלצדינג געזאָגט... דאָס וואָרט האָב איך געגעבן ניט אַבנרן, נאָר אַלעקסאַנדערן.

— אָבער אַבנר ווייסט פון דעם?

— וואָס גייט עס אים אָן ?

— וואָס הייסט, וואָס גייט עס אים אָן ? פריִער, דוכט זיך, רעדט מען זיך צונויף מיטן קומענדיקן מאַן און ניט מיט זיין ברודער. אַזוי פירט זיך אין דער וועלט...

— איך האָב זיך אויך צונויפגערעדט מיט מיין קומענדיקן מאַן.

— האָסטו זיך צונויפגערעדט מיט אַבנרן ?

— מיט אַבנרן האָב איך ניט געהאַט וואָס זיך צונויפריידן.

— וואָס זשע, איז ער אַזאַ טיפש, אַזאַ אָפּגעריסענער נאַר, אַז אַלעק־סאַנדער דאַרף פאַר אים ריידן ?

— אַלעקסאַנדער האָט גערעדט ניט פאַר אים, נאָר פאַר זיך...

ערשט אַצינד בלייבט די מומע ליבע זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. יענער איבל, יענע חלשות, וואָס מאַטערן זי דעם גאַנצן פרימאָרגן, גייט איר צום האַלדז אונטער, און עפּעס אַ מין קדחת באַפאַלט זי. מיט אַן אָפן מויל, מיט גרויס געוואָרענע אויגן, קוקט זי אויף דער טאָכטער, ווי יענע ליגט ביים פענצטער אין דעם ווייכן גרויסן שטול, אַ פאַרגאָסענע מיט זון, אויף איר רויִקן פנים — דאָס חן־פינטעלע טוט אַפילו ניט קיין ציטער. זי קוקט לאַנג אויף דער טאָכטער, שאָקלט מיטן קאָפּ און רעדט קוים אַרויס :

— שיפרה ? !

די מומע ליבע האַלט נאָך איין דעם צאָרן. זיצן אָבער קאָן זי שוין ניט. גייט זי אַרום איבערן צימער, בלייבט אַלע מאָל שטיין : איר טאָכטער זאָל אַריין אין אַ שטוב, און צו וועמען — צו אַ לייבלעכן שוועסטערקינד, און וועלן צונעמען ביי איר דעם מאַן ?... זאָל זיין, אַז צווישן זיי איז קיין לעבן ניטאָ. אָבער מע שווימט דאָך שוין ביידע אַזוי איבערן טייך צען יאָר. ס׳איז דאָך פאַראַן אַ קינד. און איצט, נאָך דניאלס טויט, וועט איווע מיט דער צייט מוזן שלום מאַכן מיט איר גורל. די צייט ברעכט אַרום די הערנער.

— שיפרה, — פרעגט זי, — נאָך וואָס האָסטו מיך אַהער גערופן ?

— אַז איין מאָל אין מיין לעבן זאָל מיר די מאָמע מיינע העלפן ניט

בלויז מיט גוטע רייד, ניט בלויז מיט שיינע שפּריכווערטלעך און משלים, נאָר טאַקע אויף דער אמתן...

— וואָס דאַרף איך, טאָכטער מיינע, צוליב דעם טאָן?

— ניט קיין סך, מאַמע. איווע זאָל נעמען אַ גט. אַלעקסאַנדער וועט זי מיטן קינד שוין באַזאָרגן.

— איך... איך... איך?.. איך זאָל דיר העלפן אַרויסטרייבן פון דאַנען איוון? און זאָלסט פאַרנעמען איר אָרט?

— ערשטנס, איז דאָס אָרט אַ ליידיקס. איך פאַרנעם דאָ ניט קיינעמס אָרט.

— שיפרה, איך וועל צו דעם ניט דערלאָזן!

די טאָכטער, האַלב ליגנדיק אין שטול אַנטקעגן דער זון, מאַכט צו אירע אויגן: ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז איר מאַמע איז אַ קלוגע? „זי וועט ניט דערלאָזן". פּונקט ווי זי, שיפרה, וועט יאָ דערלאָזן, אַז עמעצער זאָל זיך איר שטעלן אין וועג.

— שיפרה, דו הערסט מיך?

— יאָ מאַמע, איך הער דיך...

— ווי המן דעם גראַגער, ווילסטו זאָגן?

שיפרה הייבט אויף די ווי:עס:

— לאָמיר, מאַמע, וועגן דעם מער ניט ריידן.

— נו, ניין, טאָכטער, איצט וועל איך ריידן, ביז אַהער האָב איך דיך געהערט. ווו האָסטו זיך אָנגענומען מיט אַזעלכע געדאַנקען?... דו ווילסט רייך ווערן מיט דיין שיינקייט? איך וועל צו דעם ניט דערלאָזן!

שיפרה טוט אַ שמייכל:

— וואָס פאַרמאָג איך נאָך אַחוץ שיינקייט? און דו וועסט ניט דער־לאָזן? ס'איז שוין צו שפּעט!

— שיפרה, — שרייט אויס די מומע ליבע, — שיפרה!

שיפרה הייבט זיך אויף פונעם שטול, ציט אָפּ די פאַלדן פון קלייד:

— שריי ניט, מאַמע, און שרעק זיך ניט. איך בין ניט אַזאַ נאַר... פריער וועט ער איר געבן דעם גט, אָפּשפּילן די רייכע חתונה...

— ווי איז מיר, ווי אַזוי דו רעדסט וועגן דעם אַלץ ניכטער, אַן

בושה, אַן חרפּה. דו האָסט גאָרניט מורא פאַר גאָט? דו האָסט גאָרניט מורא נעמען אויף דיין נשמה...

— בושה, חרפּה, גאָט, — שלאָגט איר איבער די טאָכטער. — שיינע ווערטער. גאָט האָט צוגעקוקט, ווי זיין פרומער שמריה שמייסט אין מיטן מאַרק די דרייצן־יאָריקע טאָכטער, און האָט אַפילו די זון ניט אויסגעלאָשן.

— טאָכטער, ווען גאָט זאָל צאָלן יעדן איינעם אויפן אָרט... דיין טאַטע האָט דעמאָלט פון צרות ניט געוווּסט, וואָס ער טוט און ווו ער געפינט זיך אויף דער וועלט. און דו קלייבסט זיך טאָן אַ פאַרברעכן קאַלט, ביים פולן זינען, דו ווילסט פאַרקויפן די שיינקייט פאַר ראָסקאָש?... אַלעקסאַנדער קאָן דאָך דיר זיין אַ טאַטע. ער איז דאָך עלטער פון דיר אויף צוואַנציק יאָר. דערצו נאָך איז ער אַ קראַנקער. ער האָט דאָך, ניט פאַר אונדז געדאַכט, עפּעס אַ יאַזווע אין בויך.

— דאָס, מאַמע, איז גראָד איינע פון זיינע קלענסטע חסרונות...

די מומע ליבע בלייבט שטיין אין גרויס צער. דער פריִערדיקער צאָרן איז אַפילו אין איר אויסגעלאָשן געוואָרן.

— טאָכטער מיינע, פרעגט זי זייער שטיל, — איז שוין טאַקע אויף דער וועלט גאָר ניטאָ קיין הייליקס? קאָן מען שוין טאַקע אָפּלעבן אַ לעבן אָן בושה, אָן חרפּה, אָן אַ גאָט? איז שוין טאַקע אַ רייכע שטוב...

נאָר דאָ, פון יענער זייט טיר, פונעם צווייטן צימער, דערהערט זיך אַ הילכיק־טרוקענער שאָס. ביידע טוען אַ ציטער. צום אָנהייב מיינט מען: עפּעס איז דאָרט אַראָפּגעפאַלן, ביים דינסטמיידל האָט זיך עפּעס צעבראָכן. נאָר באַלד חזרן זיך איבער נאָך צוויי, נאָך נעענטערע, נאָך הילכיקערע, איינס נאָכן אַנדערן, קורץ־טרוקענע שאָסן. טוען זיך ביידע אַ וואָרף אַהין און בלייבן שטיין פאַרגליווערט: אין מיטן דעם גרויסן ליכטיקן צימער, מיטן פּנים צו זיי, ליגט אַבנר אויף אַ זייט, צונויפגעדרייט אין קראַמפן, כאָרכלט, ביידע הענט ביים האַרצן, צווישן די פינגער רינט בלוט. אַ שפּאַן פון אים ליגט אַ רעוואָלווערל. שיפרה לאָזט זיך אַראָפּ אויפן דיל און צערייסט אויף אים דאָס העמד. די מומע ליבע הייבט אויף אַ גוואַלד. די שטילקייט אין דעם פירגאָרנדיקן מויערל ווערט אויפגעטרייסלט...

ז

און דער אַלטער נתן לאַנדע, אין דעם נייעם חדר־מיוחד, אַרומגערינגלט מיט זיינע ספרים, הערט ניט דעם טומל און רעש, וואָס האָט זיך איבערן גאַנצן מויערל אויפגעהויבן. ווייט פון דעם עולם־השפל, פון דעם עולם־השקר, פון דעם עולם־התחתון, אַ גליקלעכער, וואָס דער בן־זקונים, דער בעל תשובה, אַבנר, איז אַזוי פּלוצעם, דאָרטן, אין דער קאַלטער שול, נאָכן דאַוונען, שטייענדיק אין די תּפילין, מיט די ברענענדיקע אויגן אין הימל אַריין, היינט פאַר אים אַנטפּלעקט געוואָרן... — זיצט ער, דער אַלטער, אָנגעבויגן איבערן טיש, אַ דערהויבענער ביי זיך, מיט אַ פרישׁ־פאַרשניצטער פעדער אין דער לינקער האַנט, פאַרדימיונט און פאַרטאָן אין זיין „קדושת השכינה".

דער אַלטער מקובל, אין זיין התבודדות, הערט ניט, וואָס דאָרטן אויבן, ביים בכור, ביי אַלעקסאַנדערן אין שטוב קומט פאָר און טוט זיך. בכלל איז זיין אויער פאַרשטאָפּט פאַר שטובזאַכן. ער מישט זיך ניט אין דעם ווייבס געשעפטן, אין די ענינים פון די טעכטער און פון די איידעמס. ווען־ניט־ווען פאַרוואַרפט ער אַ גוט וואָרט פאַר איוון — צוליב שלום־בית. ווערן זיינע רייד אויסגעהערט מיט איבערגעטריבענעם אָפּשיי... באַזונדערס די לעצטע יאָרן, נאָכן ניט וועלן אַריבערקלייבן זיך אין דעם ניי־אויסגעבויטן מויער, נאָך זיין פאַרבלייבן אויף גאַנצע זיבן וואָכן איינער אַליין אין דער אַלטער דירה, און געשטעלט זיי מיט דעם פאַר דער גאַנצער שטאָט צו שאַנד... מורא האָבנדיק, דער אַלטער זאָל ווידער ניט אַרויס־וואַרפן עפּעס אַ ניי „עובר־בטלדיקן" שפּיצל, באַמיט מען זיך ניט אָנצו־רירן זיין אָפּגעזונדערט לעבן און מע טראָגט אים אָנטקעגן דעם איבער־געטריבענעם דרך־ארץ און כבוד. אויף דעם גיט שוין אַכטונג דער איידעם, דער אַדוואָקאַט אַליין: דער שווער איז פאָרט אַ נאָמען אין שטאָט, אַ חשוב אַפילו ביי בעלי־מלאכות. האַלט דער אַדוואָקאַט פאַר דער וועלט הויך דעם שווערס נאָמען, שטעלט אים אומעטום אַרויס, ווי אַ זייל פונעם אַלטן יידנטום... דערצו נאָך, און דער עיקר, איז ער, נתן לאַנדע, אין דער ראַצעמאַרענער קאַפּאָטע, אין די ווייסע וואָלענע זאָקן, אין די פאַנטאָפל —

דער נאָמן ביי דער שטאָט, און ער איז אויך דערווייל דער איינציקער, וואָס האָט דעם צוטריט צום גענעראַל־גובערנאַטאָר.

אין אַן עת־צרה, אין אַ צייט צו טאָן לטובת־הכלל, לייגט אָפּ דער אַלטער נתן לאַנדע זיינע פּירושים, פֿאַרלאָזט דעם חדר־מיוחד, שוינט זיך ניט, גרייט מיט לייב־און־לעבן צו טאָן אַלץ, וואָס מע דאַרף און וואָס ס'ווערט פֿון אים געפֿאָדערט. און געפֿאָדערט ווערט פֿון אים איינס: גיין און אָפּ־טראָגן דעם שטעלפֿאַרטרעטער פֿון גאָטסגעזאַלבטן דאָ, אין דער גובערניע, די מתנה פֿון דער „טריי־אונטערטעניקער" ייִדישער באַפֿעלקערונג און בעטן ביי זיין עקסעלענץ שוץ און רחמים... ווייל ס'דערנעענטערט זיך די פּאַסכע און דאָס היגע שוואַרצמאהדיקע בלעטל רופֿט אָפֿן צו אַ פּאָגראָם. דער שוידערלעכער חלף פֿון קעשעניעוו ווערט ווידער געשאַרפֿט... נעמען ייִדן אַן מיטלען — מעלדן תעניתים, גייען אויף קבר־אָבות און... זאַמלען געלט. דאָס צונויפֿגעזאַמלטע טראָגט אָפּ דער נאָמן רב נתן לאַנדע, דעם שטעל־פֿאַרטרעטער פֿון גאָטסגעזאַלבטן אין רעזידענץ אַריין.

דאָס ערשטע מאָל, באַלד נאָך זיין אָנקומען אין שטאָט אַריין, זיינען פֿון דער קהילה געגאַנגען די חשובסטע, די פּני, די כּלל־שתדלנים, מקבל־פּנים זיין דעם נייעם הערשער. דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿון גאָטסגע־זאַלבטן — אַ הויכער, אַ שווערלייביקער, אַ גרויער, אַן ברעמען און וואָס, מיט אַ פֿליישיק רויט פּנים — איז געשטאַנען צו זיי מיט דער זייט. הינטער אים, אויף אַ האַלבער וואַנט, אין זיין גאַנצער גרייס, דער פּאָרטרעט פֿון דעם גאָטסגעזאַלבטן אַליין — ניקאָליי דעם צווייטן; אין דער לאַץ פֿון זיין שטעלפֿאַרטרעטער האָט מען גלייך דערזען דעם צייכן פֿון דעם „פֿאַרבאַנד פֿון רוסישן פֿאָלק". דער נייער הערשער האָט קוים אויסגעהערט דעם אַלטן לאַנדעס ברכה, און ווי נאָר יענער האָט געענדיקט, אָנגעהויבן צאָרנדיק, אויף זיין נידעריקער באַס־שטימע. ס'האָט געדאַכט, ער רעדט מיטן בויך:

— איר דערציט שלעכט אייערע קינדער. די עלטערן האָבן פֿאַרלוירן די מאַכט איבערן יונגן דור. מע האָט אויפֿגעהערט צו באַניצן זיך מיט ריטער... די רבנים פֿירן ניט דעם יונגן דור מיט גאָטס וועג. איר שרייט איבער דער גאַנצער וועלט, אַז אין רוסלאַנד איז אייך שלעכט! ווער האָלט

אייך דאָ? ס׳איז אייך ענג אין תחום? די מערב־גרענעצן זיינען פאַר אייך אָפן! — זיין עקסעלענץ פאַלט אַריין אין שטול, פאַררייכערט. — נאָר איי זייט דאָ פעט געוואָרן. דער אַרויסגאַנג איז פאַר אייך געוואָרן צו שמאָל... ווי יענער מאָגערער פוקס, וואָס איז אַריין אין וויינגאָרטן אַ דאַרער, אַן אָפגעקראָכענער, דערנאָך זיך אָנגעפרעסן מיט וויינטרויבן, פעט געוואָרן, און ניט געקאָנט צוריק אַרויס. דער פוקס האָט אויך געזידלט פאַר דער פעטקייט דעם וויינגאָרטן...

זיין עקסעלענץ ווערט אַנטשוויגן און לאָזט אַראָפּ בײדע הענט. געגעבן דערמיט צו וויסן — מער איז ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן. דער מלוכה־מאַן איז מיד. רוקן זיך די ייִדן צו אייניציקווייז אַרויס. דער צייכן פון דעם „פאַרבאַנד פון רוסישן פאָלק" האָט שוין לכתחילה אויף קיין גוטס ניט אָנגעזאָגט. אין איינע שרעק זוכן די כלל־טוער אַן אַרויסגאַנג. ביי יענעם, ביי דעם פריִערדיקן גענעראַל־גובערנאַטאָר, האָט מען געקאָנט זיך כאָטש אויסקויפן. אויב דער אדון „נעמט" ניט, שטייט מען פאַר אַ גרויסער גזירה. נתן לאַנדע ציטערט, ווי אַ בלאַט. דערצו נאָך, ביי דער דרויסן־טיר, ווערט ער פון איינעם אָפּגעשטעלט און פאַרהאַלטן. דער אַלטער גיט שיר ניט אָפּ גאָט די נשמה. ער איז זיכער: מע וועט אים אין תפיסה פאַרשפאַרן. די איבעריקע, הגם פאַרלוירענע און דערשראָקענע, בלייבן פאָרט אויף דער גאַס וואַרטן. מען וואַרט לאַנג. מע ווייסט שוין ניט, וואָס צו קלערן און איבערצוטראַכטן. רב נתן לאַנדע האָט, דוכט זיך, דאָרט, ביים גובערנאַטאָר, מיט גאָרנישט זיך ניט פאַרזינדיקט. פאַרקערט, מע האָט באַמערקט, ווי דער אָדון האָט אים באַטראַכט און געקוקט אויף אים מער, ווי אויף אַנדערע. מע האָט שוין אַפילו געמיינט: דער אַלטער לאַנדע האָט נושׂא חן געווען ביי אים. איז נאַ דיר! מ׳האָט זיך שוין געקליבן שיקן עמעצן צו די לאַנדעס, רופן דעם איידעם, דעם אַדוואָקאַט... נאָר דאָ דערזעט מען אַרויסגיין דעם אַלטן, און נאָך דערצו מיט אַ שיינענדיק פּנים.

— קומט, ייִדן, קומט, מע דאַרף בענטשן גומל. שטעלט זיך ניט אָפּ, גייט, גייט. ער נעמט, ייִדן, ער נעמט... הכל כמנהג המדינה. ער נעמט!... נאָר אויף אַ משונה מאָדנעם אופן...

און דער אופן פון נעמען־און־געבן קומט פאָר אַזוי: דער אַלטער נתן

לאַנדע, שפּעט, אין אָוונט, דורך שטילע און הינטערגאַסן, באַגלייט דורך דריי שטאָט־בעלי־בתים, ווערט צוגעפירט ביז צו אַ געוויסן אָרט, און פון דאָרטן — מיט זיין גענגעלע, מיט דעם זקניש לויפנדיקן און וואַקלדיקן, דער פּראָסטיק־טרוקענער שניי שווייגט אַפילו אונטער זיינע טריט, די הענט מיטן שטעקעלע אויפן רוקן פאַרלייגט — זאָל אים שוין דער גאָט פון אַברהם, פון יצחק און פון יעקב פירן און ווייזן דעם גלייכן וועג. און אַזוי, אין דער פינצטער, פון יענעם אָרט, וווהין די דריי שטאָט־בעלי־בתים האָבן אים אונטער די הענט געבראַכט, גייט ער, דער אַלטער נתן לאַנדע, ווייטער אַליין. און ווי נאָר יענע דריי זעען: דער כלל־נאמן און דער משולח ווערט אין טויער פון דעם גרויס־באַלויכטענעם פּאַרק אַריינגעלאָזט, גייען זיי צוריק צו דער באַשטימטער שטוב, וואַרטן אויף אים דאָרטן, ביז ער קלאַפּט אין פענצטער אָן און איז זיי מודיע: די שליחות איז מיט גאָטס הילף אויסגעפילט געוואָרן, דאָס געבן־און־נעמען איז פאָרגעקומען, דער הערשער האָט דאָס וואָרט און די גוטע הבטחה געגעבן.

דורך דער הינטערטיר ווערט דער אַלטער לאַנדע אַריינגעפירט אין אַ קוים־באַלויכטענעם צימער. אויפן טיש ברענט איינאיינציקע ליכט, און אַנטקעגן זיצט אין שלאָפראָק דער גענעראַל־גובערנאַטאָר ביי אַ גלאָז ווייַן. נתן לאַנדע ווערט צום טיש ניט געבעטן. ער שטייט ביי דער טיר אין דעם טכוירענעם פוטער, נאָר ס׳וואַרפט אים אין אַ קעלט. ניט זיין אייגענער גורל, נאָר דער גורל פון זיין שליחות שרעקט אים. ער געדענקט: געקומען איז ער אַהער אין נאָמען פון טויזנטער נפשות. געקומען אויסצוקויפן דאָס לעבן פון זויגקינדער, אָפּצוווענדן פון זיי דעם חלף. אין די אויגן איז אים שוואַרץ. דאָס שטריימל פון די הענט אַרויסגעפאַלן. שטייט אָנגעשפּאַרט מיטביידע הענט אויפן שטעקעלע. דער זילבערנער קאָפּ אָנגעבויגן, דאָס פּנים ווייסער פון דער באָרד. ער וואַרט אויף יענעם געוויסן צייכן...

און יענער, דער שטעלפאַרטרעטער פון גאָטסגעזאַלבטן, איילט זיך ניט. מיט עפּעס אַ מין באַזונדערן זיס־שיכורנדיקן פאַרגעניגן און הנאה קוקט ער צו, ווי דער אַלטער ייִד שטייט אין דער טונקלעניש, וויגט זיך, ווי אַ שאָטן, ביי דער טיר. ס׳קומט אים אָן מיט גרויס מי, דעם הערשער, צו צווינגען זיך, צו ניט פאָדערן פון דעם ייִדן, ער זאָל זיך לאָזן פאַר אים אין אַ

טאַנץ... ער אַליין, דער הערשער פון דער גובערניע, — אַ פאַרטריקנטע צווייג פון אַן אוראַלטער פירשטלעכער פאַמיליע. דער זיידע זיינער האָט צעטרענצלט דאָס גוטס פון די רייכע גיטער, דער פאָטער האָט געלאָזט מיטן ווינט דעם נשאר און זיך דערשאָסן אין פאַריז ערגעץ אויף אַ מאַנסאַרדע. די מוטער איז געבליבן בלויז ביים פירשטלעכן נאָמען, אין חובות, געפירט דאָס גאַנצע לעבן געריכט־פראָצעסן מיטן מאַנס קרובים. זי האָט ביי אַלע אירע אָנגעשטרענגטע כוחות פאָרט ניט געקאָנט אויסהאַלטן דעם זון און מאַכן אים אַ וועג אין דער „הויכער געזעלשאַפט". ער האָט זיך אַהין שפעטער דערקליבן, נאָר דורכן וועג פון חניפה, זעלבסטדערנידעריקונג און אונטערלעקעריי. אַלס קאַרנעט — געהנפעט דעם מאַיאָר. און ווען ער האָט שוין אַליין אויף די אַקסל די מאַיאָר־פאָגאָנעס געטראָגן, האָט ער זיך דערנידעריקט פאַרן גענעראַל. און אַזוי ווייטער און העכער... דער פירשט־טיטל האָט אים דערביי געדינט. און ענדלעך צום קיניגלעכן הויף זיך דערקליבן. דאָרטן, אין דעם קיניגלעכן הויף, אויסגענומען אַלס טענצער, אַלס וויצן־טרייבער, פאַרוויילט די אַלטע מוידן, די גרויספירשטינס, מיטן אָנטאָן אויף זיך אַ פעל און פאָרשטעלן פאַר זיי אַ שיכור־טאַנצנדיקן בער. פון זיין בויך־ריידעריי זיינען די גרויספירשטינס גאָר געווען אין התפעלות. פאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָט ער אויך, ווי דער קייסער, געטראָגן באַקענבאַרדן. פאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן — אַ ברייטע באָרד, פאַר ניקאָליי דעם צווייטן — די באָרד גלייך אַרומגעשוירן אין אַ קלין... און סוף כל סוף, שוין אויף דער עלטער, באַקומען די שטעלע פון אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר אין תחום־המושב. און דאָ ווערט ער פאַרשיכורט פון זיין מאַכט, פאַרכלינעט זיך פון לוקסוס־רייכע בעלער און מאָלצייטן. די בעסטע וויינען און שאַמפאַניער, יאַגד, ווי פאַר זיין זיידנס צייטן... און אויף דעם דאַרף מען געלט, אַ סך געלט.

אין טונקעלן צימער ביי דער טיר שטייט נאָך אַלץ דער אַלטער נתן לאַנדע אין טכוירענעם פוטער, דאָס שטריימל אויף דער ערד, אָנגעשפאַרט מיט ביידע הענט אויפן שטעקעלע, דעם גרויסן זילבערנעם קאָפ פאַרבויגן, מיט אַ תפילה אויף די ליפן און שוין מיט טראָפנס שווייס אויפן שטערן. דאָס איינציקע ליכט אויפן טיש ברענט מיט אַ רויטלעך פייערל, ווי דאָס

פלעמל וואַלט אַרויס פון דער רויטער גלאָז ווײַן, וואָס שטייט אויפן טיש. פון ערגעץ קומען אָן און גייען אַוועק קלאַוויר־קלאַנגען. ענדלעך דערהערט זיך דעם גענעראַל־גובערנאַטאָרס יענע גוטע באַוווּסטע ווערטער:

— שווער... זייער שווער... דאָס פאָלק איז זייער שטאַרק אויפגעבראַכט קעגן די ייִדן.

זײַן עקסעלענץ נעמט די גלאָז ווײַן פונעם טיש און טראָגט זי צו צום מויל. דער אַלטער נתן לאַנדע טוט דעם לעצטן ציטער, הייבט אויף דאָס שטריימל פון דער ערד, פאַררוקט עס אין קעשענע, דאָס שטעקעלע אויפן עלנבויגן — באַפרייט די הענט: דאָס געבן־און־נעמען וועט באַלד פאָרקומען, די שרעקלעכע דינגעניש וועט זיך באַלד אָנהייבן.

דער שטעלפאַרטרעטער פון גאָטסגעזאַלבטן טרינקט אָפּ אַ פערטל פון דער גלאָז ווײַן, דאָס איבעריקע שטעלט ער צוריק אויפן טיש אַוועק און... ווערט גלייך „שיכור”. די פיס אויסגעצויגן, דער קאָפּ פאַרוואָרפן, די נאָז פייפט — זײַן עקסעלענץ איז „אַנטשלאָפן” געוואָרן. דאָ לאָזט זיך דער שטאָט־נאָמן לאַנג ניט וואַרטן. ער ווייסט שוין, ווי אַזוי און וואָס צו טאָן. ער טרעט צו אויסצופילן זײַן שליחות: ער לייגט אַרויס פון זײַט־קעשענע אַ פעקל געלט אויפן טיש און גייט אויף גיך אַרויס פון צימער. פון דאָרטן, פון דער ניט אין גאַנצן צוגעמאַכטער טיר שפּירט ער נאָך, ווי זײַן עקסע־לענץ ציילט דאָס געלט... דער אַלטער לאַנדע אָטעמט ניט. אַ קאַלטער שווייס באַשלאָגט אים: וועט מען זיך אויסקויפן פון אַ שחיטה? די גאַנצע גובערניע געפינט זיך אויף קריגסצושטאַנד, קאָזאַקן מאַכן חרוב גאַנצע דערפער, זיי פאַרשמייסן פויערים אויף טויט. שענדן זייערע פרויען און טעכטער. אויב אויף די צעדער־ביימער, טראַכט דער אַלטער דיין, איז געפאַלן דאָס פייער, וואָס זאָל שוין טאָן דער מאָך פון דער וואַנט?...

דער עקסעלענץ ציילט איבער די הונדערטער, פאַרקרימט זיך, רוקט אָפּ דאָס פעקל אָן אַ זײַט און... די פיס ווידער אויסגעצויגן, דער קאָפּ פאַרוואָרפן, די נאָז פייפט — ער „שלאָפט”. נתן לאַנדע קומט ווידער שטיל אַרײַן, לייגט אַוועק אויפן טיש נאָך אַ פעקעלע און גייט נאָך שטילער אַרויס. חזרט זיך איבער נאָך אַ מאָל דאָס זעלבע: איבערגעציילט, זיך פאַרקרימט נאָך שטאַרקער, אָפּגערוקט, שוין מיט כעס, דאָס געלט אָן אַ זײַט און... ווערט

ווידער „אַנטשלאָפן״. האָט נתן לאַנדע מורא זיך איצט לאַנג צו דינגען, ס׳גייט דאָך אין פּיקוח־נפש... ווען נתן לאַנדע דערזעט דאָס געלט איז פון טיש פאַרשוווּנדן, דער אָדון האַלט שוין ווידער די גלאָז וויין אין דער האַנט, קומט ער אַריין מיט אַ „גוטן־אָוונט״. דער עקסעלענץ, ווי ער וואָלט דעם יידן ערשט פּלוצעם דערזען, פרעגט:

— וואָס בעט קהל?

דערלאַנגט אים נתן לאַנדע פון דער „טריי־אונטערטעניקער״ יידישער באַפעלקערונג אַ „פּראָשעניע״, וואָס איז צונויפגעשטעלט און געשריבן געוואָרן פון דעם איידעם דעם אַדוואָקאַט, ווו דער גענעראַל־גובערנאַטאָר ווערט געלויבט און גערימט פאַר זיין טעטיקייט, וועלכע איז שטענדיק דורכגעדרונגען מיט גערעכטיקייט, מיט געזעצלעכקייט און מיט יושר... זיין עקסעלענץ קוקט אַפילו אין דעם פּאַפּיר ניט אַריין, ער טוט עס אַ וואָרף אויפן טיש און זאָגט:

— גיט איבער אַלע יידן פון שטאָט, אַז צו קיין אומאָרדענונגען, צו קיין ווילקיר וועל איך ניט דערלאָזן.

וויל דער אַלטער לאַנדע עפענען דאָס מויל — בעטן שוץ און רחמים אויך פאַר די איבעריקע צענדליקער שטעט און שטעטלעך פון דער גובער־ניע, נאָר זיין עקסעלענץ הייבט זיך אויף: די אוידיענץ איז געענדיקט.

דער אַלטער דערגייט קוים צו יענער שטוב, ווו די דריי בעלי־בתים וואַרטן אויף אים. און דאָרטן טוט זיך מיט אים חושך — ס׳וואַרפט אים אין קדחת, ער שרייט און וויינט: ווי, וואָס פון אונדז איז געוואָרן... די שטאָט אַליין האָט זיך ביים שונא אויסגעקויפט, און וואָס וועט זיין מיט די איבעריקע צענדליקער קהילות? צי מעג מען דען זיך אַליין, די אייגענע לעבנס, אויסקויפן און אַנדערע לאָזן אויף הפקר?... ער וועט דאָ אין שטאָט ניט בלייבן. ער וועט גיין אַהין, אַרומגיין איבער די שטעטלעך, זיין דאָרטן צווישן יענע יידן, ווו די געפאַר איז גרויס און ווו דער חלף ליגט אויפן האַלדז... — מע ברענגט אים, דעם אַלטן נתן לאַנדע, צוריק אַהיים שוין טאַקע ממש אויף די הענט און אַ האַלב־לעבעדיקן. ער קרענקט נאָך דעם שטאַרק און געפערלעך. און ווען ער שטייט פון בעט אויף, זונדערט ער זיך נאָך מער אָפּ, פאַרשפּאַרט זיך נאָך שטאַרקער אין זיין חדר־מיוחד,

שטייט ווידער שעהענווייז ביים פענצטער, רייבט מיטן אַקסל די וואַנט, זוכט אין זיינע ספרים די סודות פון וועלטבאַשאַף און וועלטפירונג, און ביי נאַכט — מיט דער געגדזענער פעדער אין דער לינקער האַנט, די אַלטע וואָלגנע שאַל אויף דער קיילעכדיקער פּלייצע, שרייבט ער ווייטער זיין „קדושת השכינה״.

אין יענעם פרימאָרגן, נאָכן אומקערן זיך מיטן זון פון דער „קאַלטער שול״, אַ גליקלעכער, וואָס דער בעל־תשובה איז היינט אַזוי פּלוצעם דאָרטן, נאָכן דאַוונען, שטייענדיק אין די תפילין, מיט די ברענענדיקע אויגן אין הימל אַריין, פאַר אים אַנטפּלעקט געוואָרן... הערט ער ניט, דער אַלטער נתן לאַנדע, וואָס אויבן ביים בכור, אין אַלעקסאַנדערס שטוב קומט פאָר און טוט זיך. דער מומע ליבעס דערשראָקן געשריי, דער אָנזאָג פון דעם גרויסן שטובאומגליק, דערגרייכט ניט צו אים. ער שפּאַנט, דער בעל־מקובל, מיטן בעל־שם־טוב איבער די בערג, פאַרגייט מיט אים ביז צו די טויערן פון הימל...

מיט אַ מאָל איז ער פון יענע הייכן אַראָפּגעפאַלן. דער טומל און רעש איז צו אים סוף כל סוף דערגאַנגען. איז ער אַרויס, די שאַל אויף דער פּלייצע, די פעדער אין דער האַנט, דערזען דעם אָנגעלאָף, גענומען פרעגן:

— וואָס איז דאָ אין שטוב אַזעלכעס געשען?

וויל קיינער ניט זיין דער ערשטער און דער שוואַרצער בשׂורה־אָנזאָגער. נאָר לויט אַלעמענס פּנימער און אויגן דערקענט ער, אַז אַ גרויס אומגליק האָט געטראָפן. שפּאַרט ער זיך דורכן עולם אַדורך, לויפט איבער די טרעפּ אַרויף, אַהין, וווהין אַלע פון דער גאַס גייען, דערלויפט און קומט אַריין אין די פאַנאַנדערגעעפנטע טירן: פון דער ערד, אַ פאַר־בלוטיקטן, הייבט מען אויף זיין זון, אַבנרן, דעם בעל־תשובה...

— אויף טויט? — פרעגט ער. — וואָס שווייגט איר?

קיינער ענטפערט ניט.

— רבונו דעלמא כולא, — שרייט ער אויס, — פאַר וואָס שטראָפסטו מיך אַזוי?... זאָג מיר, פאַר וואָס? זאָג, זאָלן אַלע הערן. וואָס איז מיין פאַרברעכן און וואָס איז מיין זינד?... — מיט אַ מאָל גלייכט ער זיך אויס, די שאַל גליטשט זיך אים פון דער קיילעכדיקער פּלייצע אַראָפּ, די לינקע האַנט,

די פעדער צווישן די פינגער, אויפגעהויבן: — לא היה — ס׳איז ניט געווען און ס׳איז ניטאָ קיין גאָט! איך, נתן־בער בן אסתר, זאָג עס אייך בקול רם: ניטאָ, ניטאָ, ניטאָ קיין גאָט! זאָל מען מיר... ברענגען... חזיר... וועל איך... אָט דאָ פאַר... אייערע... אויגן... — דאָס קול ווערט ביי אים שטילער און שטילער, די פעדער פון דער אויפגעהויבענער האַנט פאַלט און דרייט זיך אין דער לופט, און ער אַליין, דער אַלטער בעל־מקובל, שוין אָן לשון און אָן באַוווּסטזיין, ווערט צוריק אַראָפּגעטראָגן אין זיין חדר־מיוחד.

דעם אַלטנס רייד, זיין גאָט־לעסטערונג, רייסן זיך, ווי אַ פייער, גיך פון שטוב אויף דער גאַס אַרויס. פון דאָרט ווערט עס, ווי מיטן ווינט, איבער די קלייטן און קרעמלעך, איבער בעל־מלאכישע וואַרשטאַטן און הייזער פאַרטראָגן. פון מויל צו מויל ווערט אויפן אָרט צוגעגעבן, צוגעזאַלצן און צוגעפעפערט — מ׳האָט ניט נאָר געהערט, — אַלע האָבן שוין אַליין כמעט מיט די אייגענע אויגן געזען, מע זאָל אַזוי זען משיחן אויפן ווייסן פערד, דער אַלטער דיין האָט בפרהסיה פון אַ שטיק חזיר געביסן... לויפט מען אַהין, צום ווייסן מויערל, קינד־און־קייט. רייסן זיך אָט די רייד, מיט אַבושלען דעם חריף, צו די פּאָסטעכער פון דער קהילה אַריין. אַבוש שיט אויף די רבנישע קעפּ צעגליטע קוילן. פאַלט אויף זיי די אימה און די ציטערניש — נתן לאַנדע אַ מומר־להכעיס?... לאָזן זיי זיך אויך אַהין — די שטריימלעך מיט זילבערהאָר אויף די דערשראָקענע הייסע קעפּ, די שטעקנס אין די הענט, די שפּיץ בערד אין די מיילער — גייען מנחם־אבל זיין דעם תלמיד־חכם און חבר, נאָר דער עיקר דאָרטן אַליין אויפן אָרט חוקר־ודורש זיין...

די שטוב ווערט אַלץ פולער און פולער מיט מענטשן. די פריִער גערייניקטע און געוועקסלטע דילן ביז צום הייסן גלאַנץ — פון נעץ און פון בלאָטע שוואַרץ געוואָרן. מע שטייט אין אַ קרייז אַרום דעם פאַרבלוטיקטן אָרט, ווו דער הרוג איז פריִער געלעגן. בלויז איין אַבושל טרעט איבער יענץ אָרט, שיט פון דער פּאָלע זאַמד אויפן בלוט. ער הייבט שוין אָן דאָ, אין שטוב, די קבורה... דורך די פאַנאַנדערגעעפנטע טירן, דורך די קאָרידאָר־פענצטער שטראָמט די ערב־פרילינגדיקע האַלבטאָגיקע זון־ליכט, ריחות פון נאַסן סאַד, אַ צוויטשעריי פון שפּערלעך, וואָס קריגן זיך אויף די נאַקעטע

צווייגן. ווייבער כליפּען, מיידלעך ווישן שטיל די אויגן — געוויס האָט זיך אָבנר געשאָסן איבער אַ ליבע... בערדיקע ייִדן שפּאַרן זיך אַרום נתן לאַנדעס חדר־מיוחד — מע וויל כאַפּן פון דאָרטן אַ וואָרט, הערן, וואָס דאָרטן, צווישן דעם אַלטן דיין און די רבנים קומט פאָר... די הויז־בעלי־בתים זעט מען ניט. זיי זיינען אַלע הינטער יענע געשלאָסענע טירן, וווהין דער הרוג איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן. דאָרטן זיינען דאָקטוירים, פּאָליציי און... די מומע ליבע. שיפרה, ווי נאָר זי האָט זיך דורכגעוואָרפן מיט אַלעקסאַנדערן מיט עטלעכע ווערטער, איז פון שטוב אַוועק. וווהין? וועט זי באַלד קומען צוריק? די מומע ליבע שטייט פאַרלאָרן. זי ווייסט ניט, נאָך וואָס האָט מען זי אַהער, ווו דער מת ליגט, אַריינגעפירט? באַלד ווערט עס איר אָבער קלאָר. זי ווערט צוגערופן צום טיש, ווו ס'זיצט און שרייבט אַ מיליטער־מאַן. די מומע ליבע האָט אים גלייך דערקענט: דער זעלבער, וואָס איז געווען ביי יצחקן אין יענער נאַכט פון דניאלס טויט... אָט האָט ער אָנגעשטעלט אויף איר די צוויי בלויע פאַרקילטע אויגן. ביי דער מומע ליבע שפּרינגט שיר דאָס האַרץ ניט אַרויס. זי, די מומע ליבע, וואָס איז דאָ בייגעווען, זי, וואָס האָט די ערשטע דאָס גוואַלד־געשריי אויפגעהויבן, זי דאַרף אַליין דערציילן גענוי און פּינקטלעך.

— וואָס ווייס איך? וואָס ווילט איר פון מיר? איך בין געקומען זיך זען מיט דער טאָכטער. געזעסן און גערעדט מיט איר. אין מיטן דעם שמועס דערהערט אַ שאָס, באַלד נאָך צוויי. זיינען מיר אַרויסגעלאָפן און דערזען... איר האָט דאָך שוין אַליין אויך געזען...

— וואָס מיר האָבן געזען, וועגן דעם פרעגט מען אייך ניט. איר זאָגט מיר, וואָס האָט ער גערעדט?

— כ'האָב ניט געהערט. כ'געדענק ניט...

— נו, טש־טאָ־זש־זש... מירן צוואַרטן. דערמאָנט זיך!

דערזעט די מומע ליבע אַלעקסאַנדערן, וואָס שטייט אַלץ, נאָך שיפרהס אַוועקגיין, אין דעם ווינקל, צווישן ביכערשראַנק פאַררוקט, און בייסט זיך די נעגל. גייט זי צו צו אים:

— נאָך וואָס האָט איר מיך אַהער גערופן?

— ווער זייט איר? — פרעגט ער זי. — ווער האָט אייך אַהער גערופן? וואָס דרייט איר זיך דאָ אונטער די פיס?

— ניט איך דריי זיך, נאָר ס׳דרייט מיך...

— וואָס דאַרפט איר דאָ? פאַר וואָס באַפרייט מען ניט די שטוב פון פרעמדע מענטשן?

— איך בין שיפרהס מאַמע. איר דערקענט מיך נאָך אַלץ ניט?...

ער הערט אויף צו בייסן די נעגל, הייבט אויף אויף איר די אויגן, דער בליק איז ביי אים אַ צעבויטעטער:

— אַזוי גאָר? האָט קיין פאַראיבל ניט... קיינער איז דאָ ניט שולדיק, איר זעט דאָך אַליין, וואָס דאָ האָט זיך פאַרקאָכט. ווער וואָלט זיך געקאָנט אויף אַזעלכעס ריכטן? מיין ברודערל האָט מיר צעבראָכן אַלע פּלענער... איר זייט דאָך אַ קלוגע פרוי... דערפאַר האָב איך אייך גערופן...

— אַ קלוגע צי אַ נאַרישע, איך וועל צו דעם ניט דערלאָזן. זאָגט מיר, וווהין איז אַהינגעקומען שיפרה?

— זי דאַרף דאָ ניט זיין... איר זייט געקומען אין אַ שלעכטער שעה. און דאָס, וואָס איר זאָגט, אַז איר וועט צו דעם ניט דערלאָזן... — ער רוקט אַריין די האַנט אין זייטקעשענע. — פאַרט אייך געזונטערהייט צוריק אַהיים.

די מומע ליבע דערהערט, ווי אין זייטקעשענע ביי אים הייבן אָן צו שאַרכן פּאַפּירלעך — ער ציילט מיט די פינגער געלט... מאַכט זי אַ שפּאַן אויף צוריק, הייבט אויף ביידע הענט, ווי מע וואָלט פּלוצעם אויפגעהויבן איבער איר קאָפּ אַ שטעקן. פונעם געדאַנק: „ער ציילט מיר געלט״, ווערט זי רויט ביז טרערן. פון באַליידיקונג און פאַרדראָס רעדט זי קוים אַרויס:

— באַהיט מיך גאָט... — און זי לויפט אָפּ פון אים. זי וויל אַנטלויפן אין איוועס צימער, צונויפנעמען איר קלומעקל, אַנטאָן שמריהס שטיוול און גיין אָפּזוכן יצחקן — אַנטלויפן פון דאַנען וואָס גיכער אַהיים. נאָר יענער, דער לאַנגער, מיט די צווי פאַרקילטע בלויע אויגן, שטעלט זי אָפּ שוין אין דער אָפענער טיר:

— מיר האָבן נאָך מיט אייך ניט פאַרענדיקט, איר באַשטעטיקט, אַז דער...

אויף דעם איז אַנגעקומען איווע — דאָס טיכעלע צוגעדריקט צום

מויל. דערזען די מומע ליבע לעבן דעם אויספאַרשער, ווי זי שטייט ניט טויט, ניט לעבעדיק, איז זי צוגעגאַנגען און זייער העפלעך, נאָר שטרענג געזאָגט:

— אַלע פראַגן וועט איר לייזן מיט מיין מאַן. — און אַוועקגעפירט די מומע ליבע צו זיך אין צימער אַריין.

— איווע, — פרעגט די מומע ליבע, פאַלנדיק אויף דעם ניט פאַרבעטן בעט, — איז דאָס אַלץ טאַקע פאַרגעקומען פאַר מיינע אָפענע אויגן? האָט זיך מיר דאָס אַלצדינג ניט געחלומט? וואָלט עס געווען אַפילו נאָר אַ חלום, קאָן אַזאַ חלום אַליין צונעמען אַ האַלב לעבן. פון אַזאַ חלום אַליין קאָן אַרויספאַלן דאָס האַרץ... דו האָסט אים באַדאַרפט זען אַ צונויפגע־דרייטן אויף דער ערד, דאָס בלוט פון האַרצן שלאָגט אים איבער די פינגער. מע זאָל גאָר אַזעלכעס ניט דערלעבן צו זען... אַ מענטש איז שטאַרקער פון אייזן. כ'האָב געמיינט, אַז דיין שווער וועט קלאַפירן אויפן אָרט. אַז כ'האָב דערהערט זיין געשריי, איז מיר שוין געוואָרן גרינגער. דו האָסט באַדאַרפט געווען זען דעם שווער, נאָר אַ קוק טאָן אויף זיינע אויגן. אַז ער האָט אָנגעהויבן שרייען: ס'איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט, האָב איך אים נאָכגעשריִען: ניטאָ! ניטאָ!... וויסט איז מיר. זאָל דער וואָס לעבט אייביק מיך ניט שטראָפן פאַר מיין מויל. כ'האָב דען געוווּסט, וואָס איך רייד? דעם אַלטן טאַטן דאַרף ער אַוודאי און אַוודאי מוחל זיין. ווער, ווער, נאָר ער זעט דעם מענטשנס האַרץ... אוי איז די וועלט פול מיט אומגליקן. ס'איז ניטאָ קיין שטוב, וווּ ס'זאָל ניט זיין אויס־געגאָסן גאָטס צאָרן. אַז דו זיצסט ביי זיך אין דער כאַלופּע, מיינסטו, אַז די גרעסטע צרות פון דער וועלט פאַלן נאָר אויף דיין קאָפּ... וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי, איווע?

— מומע, אַז איך קוק אויף אייך און אויף יצחקן, פיל איך, אַז די ערד אונטער מיר ווערט האַרטער.

— איך וועל דיר זאָגן, איוועניו, דעם אמת. כ'פאַרשטיי דיך ניט. וואָס מיינסטו דערמיט?

— איך קאָן עס אייך, מומע, אין צוויי ווערטער ניט דערקלערן...

די מומע ליבע נעמט אויסטאָן די שיך און שלעפּט אַרויס פון אונטער

דעם בעט שמריהס פאַרלאַטעטע שטיוול, אין וועלכע זי איז געקומען צו פאָרן:

— ס׳איז ניט פאַר מיין שׂכל... אַט ווערט ביי אייך די ערד האַרטער, אַט ווערט זי ביי אייך ווייכער. ס׳איז ניט פאַר מיין נאַרישן שׂכל. איר גייט אַרום ווי שיכורע. גאָט זאָל זיך אויף אייך דערבאַרעמען. אָדער איר זעט, ווי ביי נאַכט צוויטעט אין וואַלד דער פאַפאַראָט, אָדער איר זעט ניט ביי טאָג די זון אין הימל.

דאָרט, אין יענע צימערן, ווערט שטילער. ס׳הערט זיך, ווי פיס שאַרן פאַרזיכטיק איבערן דיל — מ׳גייט דורך פאַרביי עפּעס מיט שרעק, און ווען מע מיידט עס אויס, ווערן די טריט ביי אַלעמען גיכערע און הילכיקערע. פרעמדע און זייטיקע פאַרלאָזן די שטוב. ס׳הייבט אָן נאָך שטאַרקער צו שמעקן מיט יאָדאָפאָרם.

— ס׳אַראַ שרעק, סאַראַ גרויל, — זאָגט איווע. — דאָס האָט מען מיט דעם געלן זאַמד פאַרשאָטן זיין בלוט אויפן פאָל?

די מומע ליבע שאָקלט צו מיטן קאָפּ.

— אַ גרויסער רחמנות אויפן אַלטן, — זעצט זיך איווע צו לעבן דער מומען און דערלאַנגט איר דעם צווייטן שטיוול. — דער אַלטער וועט עס ניט איבערלעבן. פון אַלע זיינע קינדער איז אָבנר געווען אַ מענטש. ער האָט עפּעס געזוכט אין דער וועלט. ער האָט אָבער גאָרנישט ניט געפונען...

די מומע ליבע טוט אָן דעם צווייטן שטיוול, שטעלט זיך אויף — אַ הויכוווקסיקע, אַ פולע, פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט:

— וואָס, פרעג איך ביי דיר, האָט ער געזוכט? איידער מע לאָזט זיך גיין זוכן, דאַרף מען פריִער אַליין וויסן, וואָס דו ווילסט געפינען. וואָס קומט אַרויס פון דעם, אַז מע זוכט גן עדן־עפּעלעך אויף אַ קאַלינעבוים? גאַטעניו האַרציקער, מע יאָגט זיך נאָך אַ שאָטן פון אַ האָז און מע שיסט אין זיך אַליין...

איווע קוקט אויף דער מומע ליבע, אויף די פאַרלאַטעטע שטיוול, אויף איר „מאַטענע” מיט די ברייטע אַרבל, אויף דעם פאַררויטלטן שיינעם פּנים, דער עיקר אויף אירע עקשנותדיקע ליפּן, און ניט ווילנדיק צע־

שמייכלען זיך ביי איר, ביי איוועץ, די פול־פאַרטרערטע אויגן. די מומע ליבע רעדט מיט צאָרן:

— ווי אַזוי גנעמט עס אַ קלאָרער מענטש, וואָס פריִער מיט פינף מינוט האָט ער מיט דיר גערעדט און געלאַכט, ווי אַזוי גייט ער אַרויס פון יענער זייט טיר און לייגט אַרויף אויף זיך די הענט? ער האָט גע־זוכט... און אַז מע זוכט, איז וואָס? און ווער לעבט עס, ווי אַ בהמה, להבדיל, און זוכט ניט? וואָס וואָלסטו געזאָגט אויף אַ שניידער, וואָס האָט זיך גענומען דאָס לעבן דערפאַר, למאי דער מאָטעק פאָדעם האָט זיך ביי אים פאַרפּלאָנטערט? אַ מענטש זאָל זיך אַליין זיין דער מלאך־המוות, אַ מענטש זאָל זיך אַלייך אויסלעשן די זון פון די אויגן... דערבאַרעם זיך אויף אים, האַרציקער גאָט.

— מומע, מע דאַרף דאָך סיי ווי שטאַרבן...

— אַוודאי דאַרף מען. אייביק לעבט מען ניט. נאָר ווער וויל עס שטאַרבן? נאָר אַ טיפּש וויל אַוועקגיין פון לעבן. גאָטעניו זיסער, איין מאָל אין טאָג אַ שטיקל ברויט עסן, נאָר אַרומגיין זומער אַ באָרוועסע איבערן גאָרטן...

— מומע, — זאָגט איווע שטיל, — סאָראַ שיינע נשמה ביי אייך.

— וואָס עפּעס ביי מיר? און ביי דיין עלטער־באָבע איז געווען אַ מיאוסערע? דיין עלטער־באָבע, שוין איבער די נייגציק יאָר, פלעגט אַרויסגיין מיטן בענקעלע און זיך אַוועקזעצן אין מיטן זומערדיקן טאָג ביי אַ בינשטאָק — די בינען זאָלן הודען אַרום איר, און ער, דער עלטער־זיידע, זרחל, ער איז שוין געווען דעמאָלט ניט ווייט צו דער צווייטער בר מיצווה, פלעגט אַרויסגיין צו איר, פאַרקאַטשען די אַרבל, אַריינרוקן די הוילע האַנט אין בינשטאָק אַריין, אַרויסנעמען פון דאָרטן אַ שטיק סטעלניק און איר דערלאַנגען: נאַ ברכהניו, סערדצע, נעם, דו ביסט דאָך ביי מיר אַ נאַשערין...

— רעדט, מומע, רעדט, איר מיט יצחקן ריידן אַזוי גוט...

— נו, גלייך מיך ניט צו יצחקן. דעם נאַר בין איך אפשר איבער־געוואַקסן, נאָר צום קלוגן בין איך ניט דערוואַקסן. דער קאָפּ טוט מיר וויי פון צרות, פון דאַגות, נאָר ניט פון שׂכל. מע רופט מיך אין דער משפחה די „מומע ליבע”. וואָס פאַר אַ „מומע” בין איך זיי אַלעמען? וואָלט

איך געווען די רייכע ליבע, וואָלט איך אַוודאי געווען אַלעמען ניט בלויז אַ מומע, נאָר אַ מאַמע. און אַזוי וואָס? מיט וואָס קאָן איך עמעצן העלפן? מע קומט צו מיר זיך אויסוויינען. און אַז מע גייט אַוועק פון מיר, וויין איך אַליין... אַז אָך און ווי איז צו מיין חכמה. אָט בין איך שוין דאָ כמעט אַ מעת־לעת און ס׳האַלט זיך מיר אין איין דאַכטן, אַז איך שלאָף, אַז ס׳חלומט זיך מיר אַ וויסטער חלום... דו מיינסט, אַז כ׳האָב ניט געהערט, וואָס דו האָסט מיר ביי נאַכט דערציילט? ס׳פּאָטופּעט זיך מיר גאָרניט אין מוח, מעשׂה סדום! דער איז געזונט און פריש און נעמט זיך דאָס לעבן, דער אַלטער דיין שרייט, אַז ס׳איז קיין גאָט ניטאָ אויף דער וועלט... און איך שטיי צווישן אַן עולם מענטשן און שריי אים נאָך: ניטאָ! ניטאָ! פרעג איך ביי דיר, איז דאָס ניט קיין פינצטערער חלום? האָב איך טאַקע מיט מיינע אייגענע אויערן געהערט, ווי מיין אייגענע טאָכטער האָט מיר געזאָגט, אַז מ׳האָט מיך גערופן אַהער צוליב דעם, אַז איך זאָל זיי העלפן דאָס חזיר־פיסל מאַכן כשר?... ניין, אויב נאָר דאָס אַלץ איז ניט קיין חלום, שטייט די וועלט פאַר אַ נייעם מבול. איווע, דו שלאָפסט אויך! איווע, כאַפּ זיך אויף, דיין שטוב ברענט... צי דען טאַקע זעסטו ניט, ווי שיפרה מיט אַלעקסאַנדערן... ווי איז מיר, אַז איך ווייס גאָר ניט, ווי אַזוי זאָל איך דיר עס זאָגן?...

און די מומע ליבע ווייסט ניט, צי דאַרף זי דערציילן איוועָן, וואָס איז אַזוי אויך פול מיט ווייטיקן און צרות, אַלץ און טאַקע באַלד, אָט דאָ אויפן אָרט, און טאַקע גראָד איצט, ווען אין שטוב איז אַזאַ אומגליק... דערצו נאָך האָט אַלעקסאַנדער אַליין דאָך געזאָגט: „מיין ברודערל האָט מיר צעבראָכן אַלע פּלענער"... אפשר וועט דערווייל זיין גענוג. האָט זי דאָך, די מומע ליבע, נאָר וואָס, דוכט זיך, גוט געגעבן איר, איוועָן, אָנ־צוהערן, דערמאָנט זייערע נעמען, זי געוועקט: איווע, כאַפּ זיך אויף, דיין שטוב ברענט!... פון דעסטוועגן קאָן זי, די מומע ליבע, ניט באַרויִקן זיך און גייט אַריבער אויף שטום־לשון. זי רעדט מיט די הענט, מיט די אַקסל, דער עיקר מיט די אויגן: צי זעט זי טאַקע ניט, איווע, אַז שיפרה וויל צונעמען ביי איר דעם מאַן, דאָס אָנגעלעבטע גוטס, לאָזן זי מיט איר קינד אויפן ווינט?...

איוועז איז הייס און ענג. זי צעשפיליעט דעם מאַנטל, פאַרלייגט אונטער אים ביידע הענט אויפן רוקן און גייט אַרום איבערן פּוסט־ליידיקן צימער. די אויסגעמאָגערטע פיס, נאָך דער קרענק, גליטשן זיך איר אין די טופליעס. דאָס שטערט איר צו גיין. שטעלט זי זיך אַלע מאָל אָפּ.

— מומע, דערציילט מיר גאָרניט. איך פאַרשטיי איך זייער גוט. זאָגט מיר בעסער, איך האָב ערגעץ אַ היים? איך האָב ערגעץ אַ לעבן? איך האָב ערגעץ אַ גאָרטן מיט אַ זומערדיקער ערד?

— רייד ניט, איוועז, קיין נאַרישקייטן. וואָס הייסט, דו האָסט ניט? דו האָסט, ניט פאַרשטערט זאָל דיר ווערן, אַ מאַן, אַ שטוב, אַ קינד, דו האָסט אַ קינד, איוועז... דו האָסט, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַ טאַטן מיט אַ מאַמען, פיר ברידער...

— ניין, מומע, כ׳האָב ניט קיין מאַן. כ׳האָב אים קיין מאָל ניט געהאַט. ווייטער לעבן מיט אים אַפילו אונטער איין דאַך — קאָן איך ניט. אַ קינד האָב איך. יאָ, מומע האַרציקע, אַ קינד האָב איך. ס׳זיינען פאַראַן זאַכן, וואָס זיינען באמת ניט צו פאַרשטיין. ס׳חידושט מיך אַליין. דאָס קינד וואָלט איך באַדאַרפט פיינט האָבן... נאָר כ׳האָב עס ליב. ס׳איז פול מיט לעבן, די הויט ברענט אויף דעם. אָבער וווהין טוט מען זיך מיט דעם אַהין? דאָס קינד וועל איך אים ניט אָפּגעבן. דאָס קינד וועט אים אַ מאָל פאַר מיר אָפּצאָלן. זאָל איך פאָרן מיטן קינד צו מיינע ברידער, צו מיינע שוועגערינס? זיי זיינען מיר ווייט און פרעמד. אָט זייט איר שוין דאָ כמעט אַ מעת־לעת און איר האָט מיר וועגן דער היים קיין וואָרט ניט געזאָגט. און איך פרעג ביי אייך אַפילו ניט. יצחק האָט מיר עפּעס יאָ אַ בורטשע געטאָן: „אַ דאַנק גאָט, אַלץ ווי געווען"... אוי, מומע, סאַראַ שרעקלעכער „אַלץ ווי געווען"... דאָס הייסט, אַז די מאַמע זיצט נאָך אַלץ אַזוי מיטן ציגעלע אויף די הענט, אַן אָפּגעשוירענע, מיט די טרעפּ אויפן קאָפּ. אוי, מאַמע, אָט די טרעפּ אויפן קאָפּ...

און איוועז טראָגט צו דאָס טיכעלע צום מויל. די ווײַעס טוקן זיך אין טרערן.

— וווהין, מומע מיינע האַרציקע, טוט מען זיך אַהין?

— איוועז, מאַך שלום מיטן מאַן. מאַך ניט דיין קינד פאַר קיין לעבעדיקן

יתום. ווער לעבט דאָס, חיות מײַנער, אַזוי, ווי אים ווילט זיך? זאָל זײַן, אַז דאָס וואָס דו האָסט מיר בײַ נאַכט דערציילט, איז אַן אמת. איך גלייב דיר, איך גלייב דיר, חיות מײַנער. אַוודאי טראָגסטו אַ מכה אין האַרצן. נאָר אַז מע וויל טראַכטן פאַרקערט, איז דאָס, איוועניו, מער דײַן שולד, ווי זײַנע... דו ביסט געשטאַנען מיט אים אונטער דער חופּה, ער האָט דיר אָנגעטאָן דעם רינג פאַר גאָט און פאַר לײַט. איי, דאָס, וואָס מע האָט דיך געפירט אונטער דער חופּה מיט גוואַלד, אין דעם זײַנען שולדיק דײַנע עלטערן... נו, און ער, וועסטו דאָך מיך פרעגן? לאָמיר, איוועניו, ניט ריידן וועגן אײדלקייט... ער איז געקומען ווי אַ סוחר, דאָס שטיקל סחורה איז אים געפעלן געוואָרן, האָט ער דאָס געקויפט פאָ־זאַקאָנו. לויט אַלע דינים ביסטו געוואָרן זײַן ווײַב. ברענגט ער דיך צו פירן צו זיך אין שטוב אַרײַן, און דו?... די גאַנצע שטאָט ווייסט שוין אַז אַלעקסאַנדער לאַנדע האָט חתונה געהאַט, ער פראַוועט אַ חתונה־וועטשערע, ס׳קומען צו גיין זײַנע קרובים, די גוטע באַקאַנטע, און דו גייסט אַפילו צו זיי ניט אַרויס. דער בעל־שמחה דאַרף אויסטראַכטן באָבע־מעשׂות: דאָס ווײַב איז אין וועג קראַנק געוואָרן. דו מיינסט, אַז מענטשן זײַנען שוין אַזעלכע נאַראָנים, אַז מע פאַרשטייט ניט און מע זעט ניט? ס׳איז דאָך טאַקע לײַטיש געלעכטער. דער זון ברענגט אַרײַן אַ שנור אין שטוב, און די שנור הייסט זיך שטעלן אַ בעט אין אַ באַזונדערער קאָמנאַטע, פאַרשפּאַרט זיך דאָרטן, גייט ניט אַרויס, עסט ניט און טרינקט ניט... דו ביסט דאָך געשטאַנען מיט אים אונטער די פיר שטאַנגען. ער האָט דאָך דיך מקדש געווען...

איוועע האַלט מער ניט אויס און רײַסט אָפּ דאָס טיכעלע פון מויל:

— מומע, זײַט ניט קיין מליץ־יושר פאַר אים. אײַערע אויגן ריידן ניט דאָס, וואָס אײַער מויל רעדט. פאַלשעווען קאָנט איר ניט. שלום מאַכן? מיט אַזאַ לעבן?... איידער אַזאַ לעבן, מומע, איז שוין בעסער אָפּטאָן דאָס, וואָס אַבנר האָט אָפּגעטאָן.

זי לויפט צו צום פענצטער, — די פיס גליטשן זיך איר אין די גרויס געוואָרענע טופליעס, — רײַסט אַראָפּ דאָס פאָרהענגל און טוט אַ ריס צו זיך מיט אַלע כוחות דעם פענצטער, וואָס איז אויף ווינטער פאַרמאַכט און פאַרקלעפּט געוואָרן. אַ שויב פּלאַצט, דאָס אינווייניקסטע פענצטער

עפנט זיך פאַנאַנדער מיט אַ קרעכץ. אויף די ראַמען בלייבן הענגען געל־פאַרדאַרטע פאַסן פאַפּיר. ס׳הייבט זיך אויף אַ שטויב. איווע כאַפּט איבער דעם אָטעם, דערנאָך קלאַפּט זי, שטויסט מיט ביידע הענט, שטרענגט אָן די לעצטע כוחות און עפנט אויף דאָס צווייטע, דאָס דרויסנדיקע פענצטער. דער זוניק־פרילינגדיקער ווינט רייסט זיך אין צימער אַריין. פונעם דאַך פאַלן בליצנדיקע טראָפּנס. פון די ביימער טראָגט מיט נאַסער קאָרע. די שפּערלעך, מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע פליגעלעך, היפּערן מיט אַ צוויטשעריי איבער די צווייגן.

— מומע, איך וועל לויפן אין דער וועלט אַריין.

— גאָט זאָל זיין מיט איך, — זאָגט די מומע ליבע, קוקנדיק אויף איווען, וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אויפן פענצטערברעט, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים, און אָטעמט שווער. — גאָט זאָל זיך אויף אייך דערבאַרעמען. לויפן אין דער וועלט אַריין. וווהין וועסטו לויפן ?... ס׳טראָגט אייך אַרום איבער דער וועלט, ווי להבדיל, די ציגיינער איבער די יאַרידן. — זי גייט צו, נעמט צונויף און פאַרריכט איווען די האָר אויפן קאָפּ. — איוועניו, פאָלג מיר, פאַר אַ ביסל צו מיר. איך וועל דיר מאַכן מילכיקע קאַשניקעס מיט הירזש, דער טאַטע וועט קומען, וועלן מיר אין איינעם אַלץ באַטראַכטן...

— ניין, ניין, האַרציקע מומע, איך דאַרף זיין דאָ. גיט איבער דעם טאַטן, אַז ער זאָל קומען צו מיר צו פאָרן אויף איינע־צוויי טעג. ער דאַרף מיר העלפן מאַכן דאָ אַ סוף. — פּלוצעם דרייט זי זיך אויס. — מומע, וועגן שיפרהן און אַלעקסאַנדערן ווייס איך שוין אויך אַלץ...

— דו האָסט געוווסט ? און דו האָסט געשוויגן ?

— ערשט היינט האָט מען מיר אויף דעם געעפנט די אויגן, אַז איך בין אַן אָפּגעריסענער נאַר.

— נו, אויב דו ווייסט, חיות מיינער, אַז דו ביסט אַן אָפּגעריסענער נאַר, איז נאָך פאַראַן צו גאָט אַ האָפענונג. איז זאָג זשע מיר, וואָס זאָגסטו אויף דעם ?

— וואָס קאָן איך דאָ, מומע, זאָגן ? וויינט ניט, מומע, וויינט ניט. מיר לעבן אין אַ צייט, ווען ביי אַלעמען ברענען די פּאָדעשוועס פון די

שיך... אַלע גייען אַרום אויף הייסע קוילן. ווער קאָן איצט האָבן טענות צו עמעצן? און אַוועלכע טענות קאָן איך אַרויסשטעלן צו שיפרהן? זאָגן איר: ס'באַקומט זיך עפּעס ניט שיין?... נו, מילא. מיר איז דאָך, מומע, אַבסאָלוט אַלץ איינס, וועמען ער וועט נעמען... איר וועט זיין גוט מיט אים. זיי האָבן ביידע, אויב איך האָב קיין טעות ניט, איין כאַראַקטער... וויינט ניט, מומע, זומער וועל איך קומען צו אייך, און מיר וועלן ביידע מיט אייך אַרומגיין באָרוועס איבערן גאָרטן...

שמייכלט זי, די מומע ליבע, מיט איר גוטן טרויעריקן שמייכל און טראַכט: אַוודאי וועלן מיר אַרומגיין באָרוועסע. אַן אַנדער ברירה האָבן מיר? ביז דעמאָלט וועל איך שוין אַרומגיין אין די הויכע חדשים...

— יאָ, — זאָגט זי, — קום, איוועניו, קום צו פאָרן. מיר וועלן אַרומ־גיין באָרוועסע איבערן הייסן גאָרטן, מיר וועלן זיצן אויף דער זון מיט פאַרמאַכטע אויגן. פאַר נאַכט וועלן מיר נעמען די קינדער און גיין צום טייך, אונטער די ווערבעס, זיך באָדן. איי, איוועניו, ווי שיין ס'איז די וועלט, און ווי ביטער ס'איז אונדזער לעבן...

זי שטייט שוין, די מומע ליבע, גרייט אין וועג אַרייַן — אין שמריהס אויסגעטראָטן־געלאַטעטע שטיוול, אין דעם אַלטן פון מאָל־צעפּרעסענעם בורנעס, די געלִיענע גרוי־געקעסטלטע שאַל אויפן קאָפּ, דאָס לאָזע־געפלאָכ־טענע קאָשעקל אין דער האַנט. נאָר זי קאָן נאָך אַלץ די שטוב ניט פאַרלאָזן. זי דרייט נאָך אַלע מאָל מיט האָפענונג דעם קאָפּ צו דער טיר — אפשר וועט שיפרה פאָרט אַריינקומען? מיט וואָס פאָרט זי אַוועק אַהיים? וואָס וועט זי שמריהן זאָגן? און ווי אַזוי קאָן עס אַ מאַמע אַוועקפאָרן און איבער־לאָזן אַ קינד, וואָס קלייבט זיך שפּרינגען פון עלנטקייט און פאַרצווייפלונג אין פייער אַריין?... צו וועמען דאַרף זי זיך ווענדן און ביי וועמען קאָן זי דאָ אַן עצה פרעגן? אונטן, ביי דער שטוב, שטייט שוין די עגלה. מע וועט באַלד דעם הרוג פון שטוב אַרויסטראָגן. מע הערט ניט קיין געוויין, קיין מענטשלעך קול אַפילו. איבערן גאַנצן מויערל שטייט עפּעס אַ מין געל־שוואַרצע שטילקייט מיט אַ שאַרף־ביטערלעכן ריח.

## ח

ווי נאָר איווע האָט זי, די מומע ליבע, הינטן אַרום פון מויערל און פון יענער זייט סאָד אַרויסגעפירט, באַגלייט זי אַ היפשן שטיק וועג, איר גוט דערקלערט, ווי אַזוי און וווהין ווייטער צו דעם באַלעגאָלעס שטוב גיין, זיך מיט איר אין מיטן דער גאַס געזעגנט און צעקושט, זי איבער־געלאָזט איינע אַליין אין דער ערב־פריליגגדיקער שטאָט, וואָס טומלט פון דעם גרויסן יאָר־יאַריד, — די לופט איז אָנגעפילט מיט קלאַנגען און מיט ריחות, די צעגריבלטע גאַסן ליגן אין פעטע גלאַנציקע וואַסערן, און דער לויטער־אויסגעבלויטער הימל אין זוניקע ווייס־געקרייזלטע זילבער־שוימיקע רויכן, — האָט די מומע ליבע אָפּגעזוכט אַ זייטיק ווינקעלע הינטער אַ הויזטיר, און זיך דאָרטן שטיל, נאָר גוט אויסגעוויינט — דאָס האַרץ זאָל ניט דערטרונקען ווערן אין טרערן.

זיך דערקליבן צום באַלעגאָלעס שטוב, טרעפט זי דאָס פערד שוין געשפּאַנט. אַברהם, אָן דער באָרד, איבערגעלאָזט נאָר אַ פּאָר וויל־יונגע־רישע וואָנצעס, זיצט אין שליטן, האַלט איןביידע הענט, באַטראַכט און שפּיגלט זיך אין אַ בייטש רויטע קאַרעלן, ער רעדט עפּעס מיט זיך אַליין. דערהערט טריט, הייבט ער אויף דעם קאָפּ און דערזעט די מומע ליבע. פאַררוקט ער אויף גיך די קאַרעלן אין בוזעם אַריין, נאָר דערביי, ווי אויף צו להכעיס, פאַלט פון דאָרטן אַרויס אַ קיילעכדיק שפּיגעלע אין אַ באַגילדעט רעמעלע. ווערט אַברהם פאַררויטלט און פאַרשעמט. די אויגן־ווינקלען שטראַלן אָבער מיט זוניקער פרייד. פאַר דער מומע ליבע איז קיין סוד ניט: דער בחור איז פאַרליבט... דאָס פירט ער פאַר דאָבציען מתנות פון דער שטאָט. טוט זי צו אים אַ שמייכל:

— נישקשה, אַברהם, נישקשה, גלייב מיר, אַז ס׳איז דאָ ניטאָ מיט וואָס זיך צו שעמען. דאָבציע האָט די ווערט שענערע מתנות. ווען פאַר־בעטסטו מיך אויפן קנסמאָל?

— ווען ס׳זאָל זיין געווענדט אין מיר, וואָלט איך אייך שוין פאַרבעטן. איך ווייס אָבער ניט, צי זי וועט ביי מיר וועלן נעמען די מתנות. איך רייד און רייד, און זי שווייגט.

— נאַרעלע, אַז אַ מיידל שוויגט, איז מער ווי גערעדט. דאָס איז דאָך, אַברהם, דאָס גאָלדענע שוויגן...

— טאַקע?... וועט זי ביי מיר נעמען די מתנות?

— פאַר וואָס זאָל זי ביי דיר ניט נעמען? וואָסי, דו ביסט, חלילה, אַ שלעכטער בחור? אַזאַ יאָר אויף מיר. ווייסעך־וואָס, וואָס ווייזטו מיר אויף דיין שטעקן? דער פוס וועט מיט גאָטס הילף זיך אויסגיין... און אויב דו וועסט אַפילו אַ קאַפּעטשקע אונטערהינקען, איז אויך אַ קליינער גוואַלד. יעקב אָבינו איז געווען אַ ביסעלע מער חשוב פון דיר ביי גאָט און האָט אויך געהונקען אויף אַ פוס, וואָס זשע, איז די מוטער רחל ניט געגאַנגען מיט אים אונטער דער חופה? — זי שטעלט אַריין איר קאָשעקל אין שליטן און וויל ביי אים פרעגן: „ווו איז דער טאַטע?" זי דאַרף איר האַרץ פאַר אים אויסריידן. איין יצחק, מיינט זי, קאָן איר דאָס גלייכע וואָרט זאָגן, די גוטע עצה געבן. נאָר דאָ דערזעט זי, ווי פון דעם באַלעגאָלעס שטוב גייט אַרויס יצחק און טראָגט אַ קינד אויף די הענט. הינטער אים גייט עקיבא. ביי דער שטוב־טיר — דער אַשמדאי מיטן ווייב.

יצחק באָיאַר איז פאַרן מעת־לעת, דוכט זיך, נאָך גרויער געוואָרן. ער שפּאַנט צום שליטן גיך און ברייט.

— ליבע, — זאָגט ער, — כ׳האָב שוין געמיינט, אַז איך וועל דאַרפן פאַרפאָרן נאָך דיר. נו, נו, פאַרענטפער זיך ניט. כ׳ווייס, וואָס ביי די לאַנדעס האָט געטראָפן. דאָס איז שוין אַזאַ צרה, אַזאַ קללה... כ׳ווייס, ליבע, כ׳ווייס אַלצדינג. דו האָסט מיר ניט וואָס צו דערציילן. מ׳אַנטלויפט פון אונדז, ליבע. אונדזערע קינדער אַנטלויפן פון אונדז, וווהין ווער ס׳קען... אַפילו אין קבר אַריין. שטיי ניט, ליבע, זעץ זיך אין שליטן אַריין. ווי מיינסטו, דעם קינד וועט ניט זיין קאַלט? נו, דו זיצסט גוט? נאַ, נעם צו זיך דאָס קינד... אַ גוטן טאָג! — דרייט ער זיך אויס צו דעם באַלעגאָלע און צו זיין ווייב. — אַ גרויסן דאַנק אייך, זאָל גאָט אייך באַצאָלן פאַר אייער גוטסקייט. זייט געזונט, ליבע מענטשן! און דו, עקיבא־פריינד, פאַרגעס ניט דעם וועג צו אונדז, כאַפּ זיך אַ מאָל אַראָפּ אויף אַ טאָג. דניאל איז טאַקע ניטאָ... נו, פאָר, אַברהם. פאָר, מיין זון, דער טאָג שטייט ניט. וואָס בעטסטו זי,

דערלאַנג איר מיט דער בייטש, זי קאָן אַזוי שטיין און פּאָכען מיט די אויערן נאָך דריי שעה. אַז אַלץ מוז זי הערן און וויסן...

יצחק באַיאַר גייט שווייגנדיק נאָך דעם שליטן, וואָס שלעפּט זיך צווישן די פֿאַרשטאָט־שמאָלע געסלעך, איבער די כמעט צעגאַנגענע קויטיקע שנייען. דער געקאָוועטער שליטן ראַצט איבער די שטיינער. אַנטקעגן־אָנגעפּאָרענע געלאָדענע פֿורן מיידן זיך אויס. די פֿורמאַנעס קנאַלן מיט די בייטשן, זידלען זיך גראָב. און קינדער, האַלבנאַקעטע, אָן היטלען, פֿאַרפּאַליעטע און פֿאַרטראָגענע, פֿאַרטאָן מיט לייב־און־לעבן, פּייפֿן ווילד און פֿאַרשייט — זיי טרייבן טויבן אין הימל אַריין. פֿון די בערגלעך לויפֿן די ערשטע פֿרילינגדיקע וואַסערן. די קראָען שרייען הילכיק, ציטערן מיט די פֿליגל, צעשפּרייטן די עקן. די סאָראָקעס פֿילדערן, לאָזן זיך מחנותווייז אַראָפּ אויף די פּלויטן. די גאַלקעס פֿליִען פֿאַרלעכצוייז, זעצן זיך אויף די קוימענס פֿון די הייזער, פֿאַרקוקן אַהין — זיי זוכן שוין אַן אָרט אויף צו נעסטן זיך. ס׳שמעקט מיט אָנגעקוואָלענע ווערבע־קנאָספּן און מיט פֿריש־געבאַקענעם ברויט.

— ליבע, — זאָגט יצחק, — אַז מירן אַרויספֿאָרן פֿון שטאָט, דאַרף מען אונטערלענען דאָס האַרץ. איך זע לויט דיין פּנים, אַז דו האָסט נאָך היינט אין דיין מויל ניט געהאַט. דו טאָרסט ניט דערלאָזן, אַז דאָס האַרץ זאָל דיר איבערחלשן... צרות אַהער, צרות אַהין, נאָר עסן דאַרף מען. מ׳טאָר זיך ניט פּייניקן. דו ליבע, דאַרפֿסט אַוודאי היטן דיין געזונט.

זי לאָזט אַראָפּ די וויִעס און שאָקלט צו מיטן קאָפּ. זי פֿאַרשטייט זייער גוט, וואָס יצחק מיינט. אונטער איר האַרץ גייט אויף אַ ניי לעבן. יצחקן האָט זי געגעבן דאָס וואָרט, כמעט אַ שבועה: אויב ס׳וועט געבוירן ווערן אַ ייִנגל, וועט ער זיין אַ נאָמען נאָך דניאלן.

— מיין וואָרט, רב יצחק, וועל איך ניט ברעכן.

— כן יקום, זאָל עס מקוים ווערן!...

אַרויסגעפֿאָרן פֿון דער שטאָט אין דעם רחבות־בלענדנדיקן פֿעלד, קריכט יצחק אין שליטן אַריין און זוכט אָפּ אונטערן היי די טאָרבע:

— לאָמיר אַקאָרשט זען, וואָס האָט אונדז די מאַמע מיטגעגעבן?

הרעטשענע לאַטקעס, געבראָטן קאַלבנפלייש. וואָס זשע קרימסטו זיך, מיין זון, ס׳געפעלט דיר ניט?

— ווער זאָגט דען, אַז ס׳געפעלט מיר ניט? נאָר אונטערוועגנס, אויף דער קעלט...

— אַהאַ, איז גוט, מיינסטו, צו נעמען אַ ביסל בראָנפן? איז הייב זיך, זיי מיר מוחל, אונטער, אין סיטשקע־קעסטל דאַרף עפּעס יאָ ליגן... פאַראַן?

אַברהם טוט צופרידן אַ גלעט די וואָנצעס:

— דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. קאַלט פלייש מיט קאַלטן בראָנפן קאָן נאָך אַ סאָלדאַט איבערטראָגן...

— וואַרט, זעץ זיך נאָך ניט, אַברהם, דאָרטן דאַרף ליגן דער נאַ־קלאַדנער בעכער. ליבע, אָט ווייס איך ניט, דיר זאָל מען אויך געבן אַ ביסעלע?

— ניין, טרינקען וועל איך ניט, נאָר אַ שטיקל לאַטקע וועל איך איינטונקען...

יצחק טוט אַ שמוך אין באָרד אַריין:

— בעסער, ליבע, טרינק, אויף טונקען איז ניטאָ אַזוי פיל בראָנפן. דיר, אַברהם, וועלן מיר געבן דעם ערשטן. אין דער תורה שטייט: כרחם אָב על בנים. זע נאָר, אַ פּאָטיעכע, די „ווייסע״ האָט זיך שוין גאָר אָפּ־געשטעלט. אַברהם, זיי זי מכבד מיט דער בייטש, אַניט וועסטו איר דאַרפן אונטערטראָגן אַ בעכער בראָנפן. ניט אַזוי שטאַרק, אַברהם, ס׳איז אַ צער־בעלי־חיים... ס׳איז אויך אַ גאָטס באַשעפעניש, נאָ־אָ, ווייסע, נאָ־אָ!

דער ווינט אין פעלד שטאַרק זיך. דער שניי ווערט האַרטער, די לופט טריקענער און דורכזיכטיקער. די אַלכע־וועלדלעך ביים וועג רוישן אויף דער זון, וואָס פאַרנעמט זיך אויף מערב. דער צפונדיקער ווינט טרייבט אָן שאָטנס אויפן שניי. ערגעץ דאָרטן, אין דעם גרויסן וואַלד, וואַרט שוין די פראָסטיקע נאַכט מיט דער שפּעט־אויפגייענדיקער לבנה.

יצחק באַיאַר וואַרפט מיטן צוגעזשמורעטן אויג אַ בליק אויפן קינד און טרינקט אויס דעם צווייטן בעכער בראָנפן. דעם קרעטשמאַרס טרינקען, זיין הויך ריידן נאַרט און פאַרפירט אָבער ניט די מומע ליבע. זי זעט גוט:

ביי יצחקן איז די רעכטע ברעם די גאַנצע צייט אונטערגעהויבן און די רויט־צעקאַרבטע האָריקע הענט ציטערן. פאַרשטייט זי: דאָס האָט אַ שייכות צום קינד, וואָס זיצט אין שליטן. די מומע ליבע חלשט צו וויסן, וואָס איז עס פאַר אַ קינד? אַ סברה, אַז דאָס איז יענץ קינד, וועגן וועלכן שיפרה האָט דרך־אַגב גערעדט? קאָן זי אָבער, די מומע ליבע, זיך ניט פאָרשטעלן און גלייבן, אַז דער פרומער יצחק, דער, וואָס האָט אויסגעוואָרצלט פון זיין שטוב אַלצדינג, וואָס קאָן נאָר דערמאָנען אָן איר, דער נאָמען אירער האָט ניט געטאָרט פאַר אים אַרויסגעבראַכט ווערן, זאָל ער, יצחק, נעמען דער געשמדטער טאָכטערס קינד צו זיך?... ניין, דאָס איז אוממעגלעך. ס׳איז ניט ביירוסעס קינד. מאַלע וואָס שיפרה האָט דאָרט אַ זאָג געטאָן. פאַר אַלע יאָרן, זינט ביירוס איז פון דער היים אַוועק, איבערגעלאָזט אַ בריוועלע אין דעם פאָטערס תפילין־זעקל: „איך וויים, טאַטע, אַז די גרעסטע צרות פאַרשאַף איך דיר, אַז דו וועסט עס מיר קיין מאָל ניט קאָנען מוחל זיין, נאָר אָפּלעבן אַזאַ לעבן, ווי די מאַמע מיינע, קאָן איך אָבער אויך ניט...” — פאַר אַט די אַלע יאָרן האָט מען ניט געהערט, זי זאָל האָבן אַ קינד. דאָס ערשטע יאָר האָט מען נאָך עפּעס־וואָס געהערט און געוווּסט פון ביירוסן: זי איז פאַרפאָרן קיין פּעטערבורג. זי לערנט דאָרט. פון צייט צו צייט פלעגט פון איר אָנקומען אַ בריוו. קיין הילף האָט זי ניט געבעטן. נאָר יצחק פלעגט איר שיקן אַלע חודש פון דעם לעצטן. אַפילו גבריאל האָט איר איין מאָל אַוועקגעשיקט אַ פינף־און־צוואַנציקער. אַ מיידל וויל לערנען, דאַרף מען איר העלפן — זאָל פון די באָיאַרס אויך אַרויסגיין אַ דאָקטער...

איז דער משפּחה האָט געררוישט און געטומלט. דאָך האָט מען געקוקט אויף ביירוסעס אַנטלויפן פון דער היים, ווי אויף עפּעס אַ גזר. די שולד איז אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף דניאלן. נאָך מער, דער עיקר אויף זיין חבר עקיבאן, וואָס האָט איר ביכלעך געטראָגן און דעם קאָפּ פאַרדרייט. האָבן די באָיאַרס שטרענגער גענומען אַכטונג געבן אויף די זין און טעכטער, אָנגעהויבן פּראַווען קנסמאָלן, און צוליב רויִקייט און זיכערקייט גלייך אָפּגעשפּילט די חתונות. יצחקן האָט מען אַפילו געטרייסט: אַלץ הענגט אָפּ פון מזל. אַזוי ווי זי איז אין אַ שיינעם טאָג אַנטלאָפן געוואָרן, אַזוי וועט

זי אין אַ שײנעם טאָג זיך אומקערן צוריק אַהײם. קומט אָבער אין אַ שײנעם טאָג אַראָפּ אַבושל צו דער שװעסטער, צו נעכען, און ברענגט די ידיעה: יצחקס טאָכטער האָט זיך געשמדט! נעמט אָפּ בײ אַלעמען דאָס לשון. אָט דער װיסטער בשׂורה־אָנזאָגער, אָט דער אַבושל, זאָגט, צום באַדױערן, קײן מאָל קײן ליגן ניט... װערט שױן אַצינד קלאָר פֿאַר יעדערן, פֿאַר װאָס זי לאָזט שױן אַ צײט פֿון זיך ניט הערן. און ס'װערט אױך פֿאַרשטענדלעך, למאַי דניאלס בריװ און דאָס געשיקטע געלט קערט זיך אום צוריק. האָט זיך יצחק געזעצט שבעה און רבקה „דער שטילער זומער״ האָט זיך צו־געזעצט לעבן אים. שפּעטער האָט מען יאָ אין דער משפּחה געהערט: זי איז שױן אין סיביר... פֿון כײרוסן איז בכלל ניט גערעדט געװאָרן. אױב שױן יאָ אַ מאָל דערמאָנט, איז ניט בײם נאָמען, נאָר מיטן אָנדײט, פֿאַר־שטעלט: „די, װאָס איז געשטאַנען אונטערן גלאָק״.

די זון פֿאַרגײט אַלץ װײטער אױף מערבֿ, דער שליטן — אױף צפֿון. יצחק זיצט פֿאַרװאָרפֿן די פֿיס איבער דער דראַבינע, די נאַקעטע הענט אױף די קני, די אױגן פֿאַרמאַכט און „בענטשט״ נאָכן אונטערלענען דאָס האַרץ. אַברהם טרײַבט אָן און זינגט זיך שטיל אין די װאָנצעס אַרײַן: „װאָס האָסטו מיר אָפּגעטאָן, טײער לעבן מײנס, װאָס מײַן האַרץ ציט אַזױ צו דיר?״ דער בחור איז פֿול מיט פֿרײד: אַרױס מיטן לעבן פֿון דער מלחמה. ער פֿאָרט איצט אַ געזונטער אַהײם. דאָרטן איז זי, דאָבציע...

די בײכיקע שקאַפּע פּריכעט, פּירט מיטן צעשפּאָלטענעם אױער, פֿון די נאָזלעכער שלאָגט איר אַ װײסע פּאַרע. זי לױפֿט איבערן געבערגלטן װעג פֿאַרבײ די טונקל־װערנדיקע סאָסנעװעלדלעך, איבער די פֿאַרפֿרױרענע טײַכלעך, װוּ דאָס אײַז קלינגט אָפּ הילכיק אונטער די פּאָדקאָװעס. אין מיטן פּעלד פּאָכעט אײנזאַם אַ װינטמיל מיט די פֿליגל — און קאָן זיך פֿון דער ערד ניט אױפֿהײבן. אַרױפֿצו לױכטן זיך די צװײ יונגע בערעזקעס אין אַ פֿלאַטער־גאָלדיקער שײַן.

די מומע ליבע האַלט אין אײן באַטראַכטן דאָס קינד, װאָס זיצט אײַנ־געװיקלט אין דער בורקע, קוקט פֿון דאָרט אַרױס שװײַגנדיק און שטיל. אַ פּנים, ס'איז שױן פֿאַר דעם גאָר קײן נײַעס ניט אַרײַנפֿאַלן צװישן פֿרעמדע מענטשן. נאָך גאָר אַ קלײן קינד, אַ מײדעלע פֿון אַ יאָר פֿינף־זעקס.

אַזאַ ברעקל, און ס׳האָט שוין קנייטשן אויפן שטערן. עפעס טראַכט עס זייער אָנגעשטרענגט. עפעס וויל עס פאַרשטיין און באַנעמען. ס׳איז אָבער צו זען, אַז וויפל ס׳שטרענגט זיך ניט אָן דאָס מוחל, פאַרשטייט עס פאָרט ניט, וואָס אַרום טוט זיך און קומט פאָר. אין די אייגעלעך ביים קינד שרעק און טרויער. אַ קינד אָן אַ קינדהייט ווערט געבוירן מיט טרויער אין די אויגן. זי, די מומע ליבע, קען גוט דעם טרויער פון אירע קינדערס אויגן. נאָר דער טרויער פון אָט דעם קינדס אויגן... ניטאָ קיין שרעקלעכערס אין דער וועלט, ווי דער שטילער טרויער אין קינדערשע אויגן. די מומע ליבע עפנט אין דער בורקע אַ גרעסערן חלל — דאָס קינד זאָל קאָנען כאַפּן די לופט און זען דעם ליכטיקן טאָג. פלוצעם רוקט דאָס קינד אַרויס דעם קאָפּ פון דער בורקע און פרעגט:

— ס׳איז נאָך ווייט צו מיין מאַמען?

יצחק באַיאַר וואַרפט זיך דורך, ווי פון שלאָף, פינטלט מיט די אויגן:

— אַ?.. צו דער מאַמען? אָט וועלן מיר דורכפאָרן יענעם וואַלד...

— און דאָרט איז מיין מאַמע?

דער באַיאַר טוט אַ קרעכץ:

— יאָ... וועלן מיר זיין אין דער היים.

— און דאָרט איז מיין מאַמע?

— יאָ, קינד, יאָ... ערגעץ דאָרטן... זיץ שטיל, ליבע, — פאַרוואַרפט יצחק אין פוס אין שליטן אַריין, — נו, פרעג שוין, פרעג! דו ווילסט ווייסן, וועמעס קינד איך פיר? טאַ ווייס, ס׳איז כיירוסעס קינד... דו דערקענסט ניט אירע גרויע אויגן? אַ בלינדער קאָן דאָך דערזען. איך האָב גלייך דערקענט די צוויי גרויע אויגן. ביים קינד פאַרנעמען די אויגן אויך אַ האַלב פנים... אַז איך האָב זיי דערזען, האָבן מיר די הענט און פיס גענומען ציטערן. שוין אַכט יאָר, ווי אירע אויגן גייען מיר נאָך פוסטריט. און דאָ דערזע איך זיי... כ׳האָב גאָר ביי קיינעם ניט געדאַרפט פרעגן. כ׳האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער באַלעגאַלע איז נאַראָטשנע ביי נאַכט אַרויסגעפאָרן מיך איבערכאַפּן. דאָס גאַנצע רופן מיך אין שטאָט אַריין איז געווען בכיוון. אַברהם וואָלט אַליין אויך געקאָנט קומען אַהיים.

דער חשבון איז געווען אַ ריכטיקער. עקיבא קען מיך גוט... כ׳וועל דיר ניט מאריך זיין, כ׳וועל אָפּטרייסלען דעם בוים מיט אַ מאָל...

די מומע ליבע פאַרגעסט אַלץ אין דער וועלט, רוקט זיך אַרויף העכער אויפן זאַק שטרוי. מויל־און־אויער — קיין וואָרט ניט פאַרלירן. אַלע מאָל פּאָרט אָן אַנטקעגן אָדער ס׳יאָגט אָן אַ פור פון הינטן און צעבויטעט די שטילקייט פונעם סוף טאָג. יצחק גריסט זיך מיט די פויערים, וואַרפט זיך מיט זיי איבער מיט אַ פּאָר ווערטער, און אַנשטאָט „אָפּטרייסלען דעם בוים מיט אַ מאָל" קלאַפּט ער לאַנגזאַם אָן דאָס ציבעקל און הייבט גאָר אָן צו דערציילן פון דער באַלעגאָלעס ווייב:

— גאָט האָט געהאָלפן, מיר זיינען פאַרפאָרן צו דעם באַלעגאָלע אין הויף אַריין, אויסגעשפּאַנט, אָנגעפויעט און פאַרשאָטן דער שקאַפּע פרעסן. מיינסטו דאָך, אַז איך בין גלייך אַריין אין שטוב? ווייסעך־וואָס. איך בין נאָר געשטאַנען, געקוקט אויפן באַלעגאָלע און געשטוינט: פון וואַנען נעמט זיך ביי אַ מענטשן אַזוי פיל קאָלטקייט? ער קלאַפּט מיט אַ פינגער אין פענצטער אַריין, קלאַפּט פּאַוואָלינקע און רופט שטיל: „מאַכליע, עפן אויף! מאַכליע, אַ פרעמדער מענטש שטייט ביי דער טיר!"... קיינער ענטפערט ניט, ווי די שטוב וואָלט אויסגעשטאָרבן. ער קלאַפּט און קלאַפּט, מאַכליע אַהער און מאַכליע אַהין, בקיצור: גאָט האָט געהאָלפן, און ס׳האָט זיך סוף כל סוף דערהערט פון דאָרטן אַ לעבעדיק קול: „ווער איז?" — „דאָס, בין איך, מאַכליע". — „אוי, אַ בראָך איז מיר, לייזער, דו? דו שטייסט אויפן פראָסט?" מיין איך, אַז אָט שפּרינגט זי אַראָפּ פונעם בעט און עפנט אויף די טיר. ווער, וואָס, ס׳הייבט זיך אַפילו ניט אָן. אין שטוב ווערט ווידער אַזוי שטיל, אַז מע קאָן הערן, ווי ס׳פאַלט אַ פוסטער זאַק...

— און דער באַלעגאָלע? — פרעגט די מומע ליבע מיט פאַרדראָס. — ער זעצט גאָר ניט אויס די טאָפּליעס?

— אָט דאָס איז עס דאָך, — רייכערט יצחק פאַנאַנדער דעם ציבעק. — אין דעם ליגט דאָך דער חידוש. איך אויף זיין אָרט וואָלט די שטוב צעטראַגן. דו וואָלטסט אויסגעשלאָגן די פענצטער. און ער, דער אַשמדאי, אַזאַ גבר, וואָס קאָן איבערקערן אַ דעמב, שטייט ער, ווי אַ תם, פּיקט, ווי אַ פייגעלע, אין פענצטער, און בעט זיך: „מאַכליע, עפן מיר אויף!"

ניטאָ קיין ענטפער. אַ קול אין וואַלד. פּיקט ער ווייטער מיטן פינגער, פּיקט און פּיקט, ביז גאָט העלפט און ס'דערהערט זיך ווידער איר קול: „אוי, אַ בראָך איז מיר... אויף אַזאַ קעלט שטייט ער אין דרויסן!... סערל, סערל, גיי עפן דעם טאַטן די טיר." מיינסטו דאָך, אַז די סערל איז געלאָפן עפענען די טיר? ס'הייבט זיך אַפילו ניט אָן. סערל ענטפערט ניט, און די מאַכליע שווייגט שוין אויך. פּיקט דער באַלעגאָלע ווייטער מיטן פינגער אין פענצטער. מע זעט גיט, ער זאָל אויפגעבראַכט ווערן. ער פאַרענטפערט זי: „ס'איז ביי איר ניט פון שלעכטקייט. זי האָט אַ גוט האַרץ, נאָר נאָכן טאָג האָרעוואַניע איז איר שווער אויפהייבן דעם קאָפּ. ס'איז אַ רחמנות זי צו וועקן"... קוקנדיק אויפן באַלעגאָלע, האָב איך געטראַכט: וויפל רחמנותן ס'איז דאָ אויף דער וועלט... וואָס, פרעג איך ביי דיר, האָט די ווערט דער רחמנות פון אַ „בראָך איז מיר", „וויסט איז מיר", ווען מע לאָזט דיך שטיין ביי נאַכט אויפן פראָסט?...

און יצחק באַיאַר ווערט אַנטשוויגן. דער צפונדיקער ווינט פאַרווייעט אַלץ מער און מער די וויסקייט אין פעלד מיט גרינלעך־בלויע שאָטנס. די מומע ליבע זיצט פאַררוקט די הענט אין די אַרבל, די ליפּן פאַר־פרעסט — פון יצחקס פלוצעמדיקן אַנטשוויגן ווערן ווערט איר עפּעס שרעקלעך. נאָר זאָל ער בעסער שווייגן. ניט גרינג איז אים צוקומען צום עיקר. זי ווייסט: ניט גרינג איז צו דערציילן יענעם פון אַזאַ צרה, וואָס האָט גאָר קיין גאָמען ניט. דערציילן פאַר עמעצן — דאַרף מען דאָס אומגליק אויפרודערן, די צרה אויף דער שיין אַרויסטראָגן, און ערשט דעמאָלט ווערט דאָס אומגליק פאַר דיר אַליין קלאָרער. דו דערזעסט עס, דאָס אומגליק, אין דער גאַנצער גרייס. נאָר שרעקלעכער ווערט, אַז מע הייבט דיך אָן צו טרייסטן. די מאָס פון יענעמס טרייסטרייד באַווייזן, אויף וויפל דו אַליין האָסט נאָך דאָס אומגליק דיינס ניט פאַרשטאַנען און באַנומען. גלייכער, אַז די צרה ליגט ביי דיר אין האַרצן, — דאָרטן ווערט זי אויסגעוואָרעמט, געשטילט און מיט דער צייט געהיילט.

פלוצעם דערהערט זיך ווידער יצחקס קול:

— ליבע, דאָס קינד שלאָפט?

— ניין, רב יצחק, ס'שלאָפט ניט. ס'זיצט און ס'קוקט. ס'איז ווייזט אויס, שוין געוווינט געוואָרן צו זיין צווישן פרעמדע.

— יאָ, ס׳ווייסט שוין פּאַטשאָם פונט ליכאָ. — און יצחק פאַרוואַרפט דעם צווייטן פוס אין שליטן אַריין, גלייכט אויס דעם רוקן און נעמט די לאַנגע שמאָלע באָרד אין האַנט אַריין. — מילא, די מאַכליע האָט סוף כל סוף געעפנט די טיר. כ׳האָב זיך צוגעלייגט אויפן פּעלצל און געכאַפּט אַ גוטן דרעמל. ווי נאָר ס׳איז אָבער טאָג געוואָרן, האָב איך גענומען טלית־און־תפילין און בין אַוועק זוכן אַ מקום־קדוש. געוואָלט אַליין זאָגן קדיש נאָך די קינדער...

יצחקס רויט־נאַקעטע ברייטע און צעקאַרבטע האָריקע הענט ליגן ווידער מיט די דלאָניעס אַרויף אויף די קני, און די פינגער בייגן זיך איין און גלייכן זיך אויס.

— רב יצחק — בעט זיך ביי אים די מומע ליבע, — מע דאַרף ניט. שווייַגט. רודערט ניט די ווייטיקן...

אָבער יצחק באַיאַר ווערט שוין ניט געשטילט. ער רעדט ניט נאָר מיט כעס — ער רעדט מיט צאָרן. ער שרייט כמעט איבערן גאַנצן פעלד, ווי ער וואָלט וועלן, אַז די גאַנצע וועלט זאָל הערן און וויסן: אים, יצחקן, האָט מען צו דער ספר־תורה ניט צוגעלאָזט...

— אַז איך בין אַרויס פון בית־המדרש, האָב איך ניט געקאָנט געפינען צוריק דעם וועג צום באַלעגאָלעס שטוב. איך האָב ניט געוווּסט, אויף וועלכער וועלט איך בין. איך שטיי ביים טייך, די זון גייט אויף, איך קוק אויף איר, און ס׳איז מיר פינצטער אין די אויגן. שטאָק פינצטער. אַלץ אַרום איז שוואַרץ. דו האָסט אַ מאָל געזען אַ שוואַרצן שניי? ליבע, איך שווער דיר ביים לעבן פון מייַנע אייניקלעך די יתומים, איך זאָל אַזוי דערלעבן זיי אויפצוּיען, ווי איך זאָג דיר דעם ריינעם אמת. איך שטיי, און אַרום מיר ליגן שוואַרצע שנייען... עקיבא פירט מיך פאַר דער האַנט, און איך גיי, ווי אַ בלינדער. ער האָט מיך פאַרפירט צום דאָקטער, און ערשט דאָרטן, ליבע, האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר דער גיהנום, ער איז מיין גרעסטער שונא.

— ווער, רב יצחק?

— עקיבא. דאָס איז ער שולדיק אין מיין גרויסן אומגליק. שוויַג,

ליבע, זאָג ניט. וואָס ווייסטו? ניט דניאל, ניט ער, עליו־השלום, האָט זי פון וועג אַראָפּגעפירט. דניאל פלעגט ריידן מיט איר, ווי מיט אַ קינד. און זי איז נאָך דעמאָלט טאַקע געווען אַ קינד. וויפל איז זי אַלט געווען? נאָך ניט געווען קיין פולע זעכצן יאָר... עקיבא האָט גערעדט מיט איר ערנסט. ער, וואָס פון אַלץ מאַכט ער חוזק, ער האָט גערעדט מיט איר ווי מיט אַ דערוואַקסענער. דאָס האָט ער זי ביי מיר אין יענער נאַכט פון סאָד אַרויסגעגנבעט. דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט: פון זייַנע רייד מיט איר וועט קיין גוטס ניט אַרויס. האָב איך זי צוגענומען פון אים און זי געהאַלטן לעבן זיך אַ גאַנצן זומער אין סאָד. נאָר וואָס האָט עס געגעבן?... ס'האָט ניט געהאָלפן. פון אַן אומגליק קאָן מען זיך ניט אויסבאַהאַלטן. ער איז געווען מיין קוילער. דאָס האָט ער, דער „עקיבא־פריינד", איר געהאָלפן אַנטלויפן פון דער היים. יאָ, יאָ, ליבע, ער האָט מיר איין מאָל אַליין אין דעם זיך מודה געווען. ער וויל זיך פאַרענטפערן: ניט אַזוי האָט ער געוואָלט, ניט דאָס האָט ער געמיינט... ביי אָט די לייַט איז דאָך דער עיקר געפינען דעם תירוץ... אמת, זי האָט אים אויך גוט צעבראָכן דאָס לעבן. פאַר וואָס, מיינסטו, האָט ער ניט חתונה? ער קאָן זיך אויך קיין אָרט ניט געפינען. ער שלעפּט זיך אַרום מיט דער בויד פון שטאָט צו שטאָט און שפּילט טריַאָטער... פרעג ביי אים, צו וואָס דאַרף ער די קאָמעדיאַנטן, וואָס איז עס פאַר אַ לעבן? וועט ער דיר אָפּקומען מיט אַ וויץ, מיט אַ חכמהלע, מיט אַ ווערטל. ער זיצט, זאָגט ער, אויף אַ וועגעלע און פאָרט צו עפּעס אַ גאָלדן לאַנד... פונקט ווי גאָלדענע לענדער וואַלגערן זיך אונטער די רעדער. מיך וועט ער אָבער ניט אָפּנאַרן. איך ווייס: ער וואַרט און האָפט נאָך אַלץ אויף איר... מיך, ליבע, חידושט שוין גאָרניט. וואָס קאָנען מיר טאָן, אַז דער וואָס לעבט אייביק זיצט אויפן הימל און שפּאַרט זיך אָן אויף אונדז מיט די פיס...

יצחק באַיאַר ווערט ווידער אַנטשוויגן. דערפאַר אָבער ריידן זיין פּנים, די וו:ע אויפן פאַרזשמורעטן אויג, דער פאַרקנייטשטער הויכער שטערן, די אויפגעהויבענע ברעם, די ביינער, וואָס קראַכן אונטערן פעלצל, און אַפילו דאָס אַלטע סויבלענע ירושה־היטל, וואָס קריכט אים אַלץ מער צום האַלדז־און־נאַקן אַראָפּ. מער פון אַלץ ריידן ביי אים די הענט...

די זון זעצט זיך. די שוואַרצקייט פון וואַלד דערנענטערט זיך. זעל־טענער טרעפט זיך שוין אַ דאָרף ביים וועג. בלויז איינצלנע כאַטעס, ווי אָפּגעריסענע פון וועלט און לעבן, שטייען אויף די בערגלעך און פינקלען פון צווישן די גרינע יאָדלעס אַרויס מיט די פאַרגעלט־פייערדיקע פענצ־טערלעך. יצחק בייגט זיך אָן צום קינד:

— ס'שלאָפט, דוכט זיך?

— יאָ, רב יצחק, ס'איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

— ס'זאָל זיך, חלילה, ניט צוקילן. פאָר, אַברהם, פאָר. ס'כאַפּט אויף בײַ נאַכט אַ גוט פרעסטל. — און ער נעמט פלוצעם אָן די מומע ליבע ביים עלנבויגן: — זאָג מיר, ליבע, זאָג מיר, וואָס האָב איך געקאָנט ענטפערן דעם דאָקטער? זײַן יעדעס וואָרט עגבערט מיר דעם מוח. פון זײַנע רייד באַגיסט זיך מיר דאָס האַרץ מיט בלוט. און ער שנײַדט, ווי אַ גזלן... און „עקיבא־פריינד” שטייט בײַ דער זײַט, האַלט אין דער האַנט אַ שאַרבן פון אַ מענטשן און שמייכלט. אַז אַלץ, וואָס דער דאָקטער זאָגט, ווייס איך עס פון פריִער. וואָס קאָן ער מיר זאָגן? ס'קאָן דען אויף דעם זײַן עפּעס אַ פאַרענטפערונג? ס'קאָן דען פאַר דעם זײַן עפּעס אַ תּירוץ?... איינס אָבער, די אמתע סיבה, וואָס האָט זי געבראַכט צו שמד, האָב איך טאַקע פריִער ניט געוווּסט. כ'האָב עס ניט געוואָלט וויסן. ס'קאָנען דען אויף אַזעלעכע זאַכן זײַן סיבות? נאָר דאָ, אַז כ'בין שוין אַרײַנגעפאַלן אין גיהנום, זיץ איך און הער. ווײַזט זיך אַרויס, אַז ווען זי איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין פעטערבורג, זי האָט זיך שוין דערשלאָגן אָנקומען ערגעץ שטודירן, פאַר אַ געלעגער און פאַר אַ ביסל קוליש, איז זי געווען ערגעץ אַ דינסט, אַלצדינג איז שוין, דוכט זיך, געווען גוט, האָט זי דאָך אָבער קיין פּראַוואָזשיטעלסטווע ניט. די פּאָליציי וויל זי אַרויסשיקן מיטן עטאַפּ, אָדער זי זאָל זיי ברענגען יענץ ביכעלע...

— וואָסער ביכעלע, וועלכער ביכעלע? — בלײַבט די מומע ליבע זיצן מיט אָנגעשטעלטע אויגן.

— וואָסער ביכעלע, וועלכער ביכעלע... — קרימט זי איבער יצחק מיט כעס. נאָר דערפילנדיק, אַז אומזיסט פאַלט ער אָן און בייזערט זיך אויף ליבען, ער אַליין האָט דאָך געשטעלט די זעלבע שאלה, און ווען דער

דאָקטער האָט אים דערקלערט, איז אים, יצחקן, אַלץ אַרום ווידער שוואַרץ געוואָרן... — וואָסער ביכעלע, פרעגסטו? — ער בייגט זיך אָן צו איר און רעדט קוים אַרויס. — אַז זי איז אַ נפקא...

די מומע ליבע פאַרברעכט די הענט:

— און אַזאַ האָט פּראַוואָזשיטעלסטווע?

— יאָ, ליבע, אַ נפקא האָט ביי ניקאָלקע גנב אַלע פּריווילעגיעס... אַ קינד פון זעכצן יאָר... איינע אַליין — ער פאַרמאַכט די אויגן. דאָס פּנים ווערט אים אויסגעקרימט, אין האַלדז נעמט אים כאָרכלען.

— רב יצחק, שרייט אויס די מומע ליבע, — גאָט איז מיט אייך!

— שריי ניט, ליבע, שריי ניט, — זאָגט יצחק מיט פאַרמאַכטע אויגן. ער שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ. — מיר זיצן, ליבע, אויף די טייכן פון בבל, און מיר דאַרפן נאָך אַלע טאָג זאָגן: מה טובו אוהליך יעקב... — ער קלאַפּט אויס דאָס פאַרלאָשענע ציבעקל אין דער דראַבינע. — אין שטאָט דערציילט מען, ווען דער אַלטער האָט דערזען דעם מיזיניק ליגן אויף דער ערד אין בלוט, האָט ער אָנגעהויבן שרייען, אַז ס׳איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט... אוי, ליבע, פאַרשטיי איך אים, דעם אַלטן דיין. איך דאַרף זיך דיר מודה־ומתוודה זיין, אַז ווען דער וואָס לעבט אייביק זיצט ניט אַזוי הויך, וואָלט איך אים אויסגעזעצט אַלע פענצטער.

יצחק באַיאַר טוט דערשראָקן אַ פיר מיט די אויגן איבערן הימל און נעמט ווידער אָן די מומע ליבע ביים עלנבויגן:

— אַדרבה, זאָג דו, ליבע, וואָס האָב איך געדאַרפט ענטפערן דעם דאָקטער? פון זיינע רייד שטעלט זיך מיר אָפּ דאָס האַרץ, די האָר שטעכן אין קאָפּ. און ער שניידט און שניידט... ער דערציילט, ווי אַזוי די זשאַנדאַרן האָבן זי געשלאָגן אין טורמע, ווי זיי האָבן זי געטראָטן מיט די פיס. מע פלעגט זי אָפּגיסן מיט קאַלט וואַסער און ווייטער פייניקן. זיי האָבן געוואָלט פון איר, אַז זי זאָל אויסגעבן, ווער ס׳איז נאָך געווען מיט איר... נאָר זי האָט געשוויגן. אַ, ליבע, אַ כוח פון אַ מענטשן! איך בין גרייט געווען לויפן אין טורמע, גיין פאַר איר אויף דער תליה, זיך וואַרפן פאַר איר אין פייער אַריין, נאָר אין מיינע אויערן זיינען געשטאַנען די געשרייען פון אַ בית־מדרש מיט יידן: „איבער איר איז שיר ניט אויסגעשאָכטן

געוואָרן אַ שטאָט. דער חלף הענגט נאָך איבערן קאָפּ"... און איך זיץ, ליבע, און ריר זיך ניט פון אָרט. מ'טאָר ניט, יצחק, — זאָג איך צו זיך אַליין, — מע טאָר ניט. זאָל דער דאָקטער טויזנט מאָל זיין גערעכט: די שוואַרצע מאה וועט סיי ווי עפּעס צוטראַכטן. אויב ניט כיירוס, וועט מען צו־טראַכטן אַן אַנדער בלבול. דאָס אַלץ, ליבע, פאַרשטיי איך. נאָר פאַר וואָס וויל די זשאַנדאַרמעריע זי אָפּגעבן אויף פּאָרוקע נאָר מיר? פאַר וואָס גיט מען זי ניט אָפּ צו דעם קרעסטנעם באַטקע אירן? זי הייסט דאָך שוין: כריסטיאַ וואַסיליעוונאַ... ניין, ליבע, איך זאָל נעמען מיט מיינע הענט און אַריינלייגן פייער אין אַ סקירדע היי? ניין, דאָס, ליבע, וועל איך ניט טאָן. איך וויל ניט זיין אַפילו אויף קיין האָר, אַפילו אויף אַ טויזנט־חלק פון אַ האָר, וויל איך ניט זיין די סיבה פון אַ בלבול... ניין, ליבע, ניין. דער, וואָס ס'העלפט מיט אין אַ בלבול, דער דאַרף בפני קהל ועדה פאַרשטיינט ווערן. זיין נאָמען דאַרף פאַרשאָלטן ווערן אויף דור־דורות...

די שקאַפּע שטייט אין מיטן וועג, די מאָרדע אויסגעדרייט צום שליטן, די אונטערשטע ליפּ אַראָפּגעהאָנגען, און פירט מיטן צעשפּאָלטענעם אויער. די זון, אַ פייערדיקע ראָד אין הימל, האַלט ביים זעצן זיך. אַברהם, מיטן פּנים צום פאָטער, באַמערקט שוין לאַנג ניט, ווי זיי זיינען שטיין געבליבן. די מומע ליבע זעט עס אַוודאי ניט. פון יצחקס רייד וואַרפט זי פון קעלט אין היץ אַריין.

— זע נאָר, — כאַפּט זיך יצחק. — מיר שטייען דאָך, פאַר, אַברהם!

נאָר זעענדיק, ווי דער בחור טוט זיך ניט קיין ריר, קריכט ער אַליין פונעם שליטן אַרויס, פאַרריכט די שלייע אויפן פערד און פּלאָנטערט אַרויס די לייצעס:

— נאָ־אָ, — זעצט ער זיך צוריק אַריין אין שליטן, די פיס איבער דער דראַבינע. — נ־נאָ־אָ! מיט דיר, ליבע, איז מיר גרינג צו ריידן. מיר עסן מיט דיר ביידע שוואַרצע זאַלץ. נאָר מיט זיי, מיט די פאַטלאַטע נביאים, קאָן איך ניט ריידן. פאַר זיי נעמט מיר אָפּ דאָס לשון. וואָס קאָן איך, אַ פּשוטער דאָרפסייִד, ריידן מיטן אַדוואָקאַט? ביי אים איז די צונג איינגעטונקען אין גאָלד, די פּרנסה ליגט ביי אים אין מויל... אָבער עפּעס

ענטפערן דאַרף איך דאָך? דערציייל איך זיי וועגן דעם קדוש — וועגן יאַנטלען. זאָלן זיי זיך טראַכטן, וואָס זיי ווילן... איך נעם אַברהמען, בעט איוועך, אַז זי זאָל דיר איבערגעבן, אויב דו טראַכסט פאָרן אַהיים, זאָלסטו זיך ניט פאַרהייען. אויף מיר ברענט די הויט. איך וויל וואָס גיכער אַוועקפאָרן פון דאַנען... רבקה מיט מלכהן זיינען דאָרט אויך איינע אַליין, מיט די יתומים. רבקה קוקט דאָרטן אויס די אויגן אויף אַברהמען. נ־נאָ, נ־נאָ־אָ! דעם באַלעגאָלע האָבן מיר אין שטוב ניט געטראָפן. די באַלע־גאָלעכע, וואָס ביי נאַכט האָב איך געמיינט, אַז זי שלינגט לעבעדיקערהייט מענטשן, זיצט ביים טיש, האַלט אַ קינד אויף די קני און האָדעוועט עס מיט אַ טיקווענער קאַשע. ליבע, ווי נאָר דאָס קינד האָט אויפגעהויבן אויף מיר די צוויי גרויע אויגן, אַזוי האָט מיר גלייך אַ זעץ געטאָן דאָס בלוט אין קאָפּ אַריין. ס'האָבן זיך מיר אונטערגעהאַקט די פיס. זעץ איך זיך צו, הייס אַברהמען גיין שפּאַנען דאָס פערד, און אַליין נעם איך זיך אין די הענט אַריין: ווייניק קינדער מיט אַזעלכע גרויע אויגן? איין ראַבע בהמה אויף דער וועלט? און איך הער, ווי די ייִדענע קלאָגט זיך פאַר מיר: שכנים האָבן היינט ווידער אַנגעממיתט איר מיידל. איר סערל האָט עפּעס אַ מאָדנע חולאת, זי האָט ליב צו שפּילן זיך מיט פייער, פון אונטער דער ערד קריגט זי שוועבעלעך און צינדט. לאָזט מען זי צו קיין שטוב ניט צו... איך הער, ווי די ייִדענע רעדט, נאָר די גאַנצע צייט בריִען מיך דעם קינדס אויגן... פרעג איך זי:

— זאָגט מיר, איך בעט איַיך, ס'איז אייער קינד?

— אַ משל, נו, — ענטפערט זי מיט פאַראיבל, ווי איך וואָלט איר אָנגערירט דעם כבוד. — פון וואַנען קומען צו מיר אַזעלכע פּיסקליאַטעס? דאָס ייִנגסטע איז ביי מיר אַלט עלף יאָר. דאָס האָט מיר עקיבא געבראַכט אַ מתנה. אָט ווערט שוין באַלד פינף חדשים, ווי ס'איז ביי אונדז. קאַרג אייגענע צרות... — מער, ליבע, האָב איך מיט איר ניט גערעדט. כ'שפּרינג אַרויס אין דרויסן צו אַברהמען. „דו האָסט ניט געהערט, — פרעג איך אים, — וועמעס קינד דאָס איז? עקיבא האָט דיר גאָרנישט ניט געזאָגט?" שווייגט ער. „וואָס שווייגסטו?" — נעם איך אויף אים שרייען. שפּאַנט

ער דאָס פערד, הייבט ניט אויף דעם קאָפּ צו מיר און זאָגט: „טאַטע, ס'איז ביירוסעס קינד...״

אַברהם שאָקלט צו מיטן קאָפּ: אמת, אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט.

— וואָס דען, — פרעגט ער דעם פאָטער, — כ'האָב געדאַרפט פאַרלייקענען?

— גאָט זאָל היטן, — זאָגט יצחק, — כ'האָב דען צו דיר טענות? הע, ווען זיי הייבן מיט מיר גלייך אָן פון דעם קינד... נ־נאָ, וועלף זאָלן דיך אויפפרעסן, ננאָ־אָ! אַז ס'האַנדלט זיך אין אַ קינד... ליבע, ס'שלאָפט? ס'זאָל זיך, חלילה, ניט צוקילן. אַ, ליבע, אפשר עס נאָך מיט עפּעס איינדעקן?

די מומע ליבע ווישט אויס אין דער שטיל די אויגן:

— ניין, רב יצחק, מע דאַרף ניט. ס'איז גוט איינגעדעקט.

יצחק באָיאַר בלייבט זיצן מיט דעם איינגעבויגענעם רוקן, דעם קאָפּ אויפן אונטערגעהויבענעם אַקסל, דער אויער אָנגעשטעלט, די באָרד אין דער האַנט און הערט זיך צו, ווי ווייט אויפן פעלד קלאַפּן איבער די רעלסן צוג־רעדער. דאָרטן ערגעץ געפינט זיך אַ פאַרוואָרפענע צווישן־סטאַנציע, אַ ווערסט אַנדערהאַלבן פון איר — אַן איבערוואַנדערונג־תּפיסה. באַלד דערהערט זיך אַ לאָקאָמאָטיוו־פּיף, און דער ווינט פאַרטראָגט איבערן שליטן אַ שטיק ווייסן דאַמפּוואָלקן. יצחק טוט אַ שטילן קרעכץ. די מומע ליבע, ווי תמיד, ווען זי באַגעגנט זיך מיט יענעמס אַן אומגליק, פאַרגעסט זי אָן אירע אייגענע צרות און זוכט מיטלען, ווי אַזוי און מיט וואָס יענעם, ניט מיט רייד, נאָר מיט עפּעס ממשותדיקס צו העלפן. אַברהם, די פיס אונטער זיך, פאַרנורעט אין שינעל, אויפן קאָפּ די לאַנגהאָריקע סאָלדאַטישע באַפּאַכע, נאָר אַלץ מיט דער קאָקאַרדע, — דער באָיאַר האַלט, אַז אין אַזאַ אומרו'קער צייט, דערצו נאָך אונטערוועגנס, קאָן דאָס „קנעפּל״ דינען פאַר אַ סגולה, — ער זיצט, אַברהם, אָנגעשפאַרט אין דעם פאָטערס פּלייצע און רייכערט זייער פאַרטראַכט דעם גראָבן קאָרעשקע־ציגאַר.

דער טאָג גייט צום סוף. די זון לאָזט זיך פון הימל אַראָפּ. די אויריינגלעך פון דער אַלכע רויטלען זיך צווישן די שנייען. אויף די צווייגן, קעגן דער פלאַמיקער שקיעה, הייבן אָן די פייגל זייער גרויס פרילינגליד — דאָס הייסע ליד פון אומרו און פון ליבע.

די שקאַפּע, ווי נאָר אין שליטן איז שטיל געוואָרן, קיינער רעדט ניט, לויפט זי פריילעכער, שפּרינגט אַפילו אונטער, פּריכעט, און אין גרויסן בויך וואַרפט זיך איר הילכיק די מילץ. ס׳איז שוין ניט ווייט צום הויכ־ברוקירטן שאָסיי. מע דאַרף אים איבערשניידן — און אין וואַלד אַריין. דאָרטן איז דער ווינט שטילער, דער שליטוועגס בעסער. דער שניי אין וואַלד ליגט נאָך ניט גערירט.

יצחק באָיאַר זיצט אַלץ דעם רוקן געבויגן, דעם קאָפּ אויפן אונטער־געהויבענעם אַקסל, דעם אויער אָנגעשטעלט, די באָרד אין דער האַנט, די אויגן פאַרמאַכט, די ברעם אָנגערוקט, און הערט, ווי פון ערגעץ גייט אַ שטילער טרויעריקער ניגון. פון אָנהייב האָט ער געמיינט, אַז ס׳ווייזט זיך אים אויס, נאָר וואָס ווייטער, קאָן שוין קיין ספק ניט זיין: פון דאָרטן, פון דעם טאָל, וווהין אַ האַלבע זון איז שוין אַראָפּ, פון דאָרטן גייט און שפּרייט זיך, ווערט אַלץ נעענטער און קלאָרער דער ניגון.

— איר הערט? — ציט ער אָן די לייצעס. — אַברהם, ליבע, איר הערט? — זיי הערן. אַוודאי הערן זיי. נאָר קיינער פון זיי קאָן ניט זאָגן, פון וואַנען, פאַר נאַכט אין מיטן פעלד, ווייט פון אַ ייִשוב, גייט דאָס געזאַנג. דאָס געזאַנג טרייבט אָן אַ פּחד. אין רוסלאַנד, אין דעם לאַנד פון תּפיסות און תּליות, רופט אַלצדינג אַרויס שרעק און ציטערניש. מע קאָן דיך אין מיטן וועג אָפּשטעלן, באַזוכן, אַרעסטירן — דו זאָלסט ניט וויסן, פאַר וואָס און פאַר ווען? דערנאָך וועט מען דיך אַ האַלב לעבעדיקן אַרויס־שיקן, פאַרשיקן, ערגעץ אומברענגען, און קיינער וועט אַפילו ניט וויסן, וווהין דיינע ביינער זיינען אַהינגעקומען. די שרעק אין שליטן וואַקסט. דערצו נאָך, דערנעענטערנדיק זיך צו דעם הויכברוקירטן שאָסיי, צו דעם „קאַזיאָנעם טראַקט” מיט די טעלעגראַף־ און געשטרייפטע ווערסט־סטויפּעס, דערזעט מען, ווי פון הינטער דעם אויסגעבויגן־געבערגלטן וועג, אַרומגע־רינגלט מיט רייטער־קאָזאַקן, טרייבט מען מענטשן. אויף דריי גרינע וועגענער מיט הויכע רעדער זיצן פרויען. דער מומע ליבע טריקנט מיט אַ מאָל איבער אין מויל, און יענער מין איבל קומט איר ווידער אַרונטער אונטערן האַרצן. פון דערשרעק טוליעט זי זיך צום שלאָפנדיקן קינד.

אַברהם שטעלט זיך אין שליטן אויף די קני, — מע זאָל זען דעם שינעל און די פּאַפּאַכע מיט דער קאָקאַרדע...

יצחק באַיאַר, זיין פּנים ווייסער פון דעם שניי אין פעלד, שטעלט מיט אַ מאָל אָפּ דאָס פערד און קריכט פון שליטן אַרויס. ער שטייט אויסגעגלייכט, די הענט פאַרלייגט אויפן רוקן, דעם קאָפּ אויפגעהויבן,ביידע אויגן אָפן — ער קוקט אַהין, פון וואַנען די מענטשן האָבן זיך באַוויזן.

— טאַטע — זאָגט אַברהם, — מע דאַרף פּאַוואָלינקע פאָרן... מע פירט אַרעסטירטע.

יצחק באַיאַר רירט זיך ניט פונעם אָרט. זיינע אויגן לויפן איבערן טראַקט — זוכן עמעצן צווישן די געטריבענע.

ביים טראַקט פאַרהאַלטן זיך נאָך עטלעכע שליטנס. די אַרעסטירטע, דערזען ביים וועג מענטשן פון דער פריי, הייבן זיי אָן צו זינגען העכער. די קאָזאַקן שרייען, טראָגן זיך הין־און־צוריק אויף די פערד, אַנטבלויזן די שווערדן, נאָר איבער די שקיעה־רויטלעכע פעלדער גייט און הייבט זיך דאָס צאָרנדיקע ליד:

Вихры враждебные веют над нами,  
Темные силы нас злобно гнетут...*)

יצחקס ברייט־פאַנאַנדערגעעפנטע אויגע, קיילעכדיק געוואָרן, לויפן איבערן טראַקט, בלאָנקען איבער די פּנימער פון די פאַרמישפּטע און געטריבענע. ניין. ניטאָ. דאָ גייען נאָר מאַנצבלען. צום מיינסטן פויערים — יונגע, בערדיקע און אַפילו זקנים. און פּלוצעם טוט ער זיך מיטן גאַנצן קערפּער אַ וויג אויף צוריק:

— אַברהם, גיב מיר דיין האַנט!

— טאַטע, וואָס איז מיט דיר?... נאַ, איך גיב דיר די האַנט.

ער נעמט די האַנט און ער ענטפערט ניט. זיינע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, אויף דער לעצטער פור, מיט אירע אויגן.

— אַברהם, — רעדט ער קוים אַרויס, — ס'איז זי...

---

* פיינטלעכע ווינטן ווייען איבער אונדז,  
שוואַרצע כוחות דריקן אונדז פיינטלעך...  
(פון דעם רעוואָלוציאָנערן ליד „וואַרשאַוויאַנקאַ״)

— טאַטע, וווּ?

— אויף דער לעצטער פור... פון פאָרנט די דריטע... כ׳האָב געפילט, אַז זי דאַרף דאָ זיין. זי האָט אויך דערזען... זעסט, אברהם, זעסט, זי האָט אַראָפּגעריסן פון קאָפּ דאָס טיכל...

יצחק באַיאַר זאָגט דעם ריינעם אמת. כיירוס האָט דערזען און דערקענט דעם פאָטער. זי שטעלט זיך אויף, נאָר זי קאָן זיך אויף די פיס ניט אויפהאַלטן און פאַלט. ווערט זי תיכף פון אירע שכנים אונטער־געכאַפּט און אונטערגעהאַלטן. זי וויגט זיך, אין דער גיך־גייענדיקער פור, אויף זייערע הענט, פאָכט צום פאָטער מיט דעם פון קאָפּ אַראָפּגעריסענעם טוך, רעדט עפּעס צו אים... נאָר צו יצחקס שאַרפן געהער דערגייען ניט אירע רייד. דאָס געזאַנג און דער הילך פון די קאָזאַקן פאַרטויבן איר קול.

טוט זיך יצחק באַיאַר אַ לאָז צום טראַקט. אָבער צוויי קאָזאַקן פאַרקערעווען אויף אים די פערד... בלייבט ער שטיין. ניט קיין פּחד האָט אים אָפּגעשטעלט. די קאָזאַקן האָבן אים נאָר דערמאָנט, אַז ניט צום טראַקט האָט ער דאַך געוואָלט לויפן, עפּעס אַנדערש האָט ער דאָך געוואָלט טאָן. נאָר וואָס? ער קאָן זיך בשום־אופן ניט דערמאָנען. די פּיין, אין אַזאַ רגע, פון וועלן עפּעס טאָן און פאַרגעסן, איז אַ ווייטיקדיק־בריִענדיקע. אין קאָפּ רוישט אים, די אויפגעריסענע קיילעכדיק געוואָרענע אויגן זעען אַלץ און גאָרניט... די שנייען הייבן אָן ווידער שוואַרץ ווערן.

אַברהם, דערזעען, ווי די צוויי קאָזאַקן פאַרקערעווען די פערד, שפּרינגט ער מיטן שטעקעלע פון שליטן אַראָפּ, לויפט צו און שלעפּט דעם פאָטער צוריק:

— וואָס, דו ווילסט זיך מיט אָט די הינט פאַרטשעפּען? זיי קאָנען דאָך דיר דאָ אויפן אָרט אויף טויט אַוועקלייגן. זיי וועלן באַקומען דערפאַר אַ געאָרגי...*

ערשט ווען יצחק איז צוריק צום שליטן געבראַכט געוואָרן, ערשט דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט פריִער געהאַט בדעה צו טאָן. ער כאַפּט אַרויס דאָס קינד פון דער בורקע און הייבט עס אויף אין דער לופטן... דאָס קינד, פון שלאָף און איבערשרעק, צעוויינט זיך אויף אַ קול.

---

* אַ מעדאַל.

— נישקשה, ליבע, נישקשה, זאָל עס וויינען... זאָל זי זען דאָס קינד און הערן דעם קינדס קול...

דאָס גענזאַנג ווערט אָפּגעהאַקט. אַ שווערע שטילקייט בלייבט שטיין אין פעלד. אַלע, סיי די פאַרמישפּט־געטריבענע, סיי די אָנגעפאַרענעביים טראַקט, פאַרשטייען, אַז דאָ קומט פאָר אַ שרעקלעכע באַגעגעניש. אַפילו די קאָזאַקן פאַרלירן זיך. כּיירוס, אונטערגעהאַלטן פון די חברים, שטייט אין גרינעם וואָגן, אין איין האַנט די צעשאָטן־געוואָרענע האָר, אין דער צווייטער — דאָס טיכל. זי שרייט ניט, זי רייסט זיך ניט צום קינד. זי שאָקלט נאָר מיטן קאָפּ: זי זעט, זי זעט, זי זעט אַלץ... — די פור באַוועגט זיך אַלץ גיכער און גיכער. די קאָזאַקן נעמען הילכן נאָך שטאַרקער, נאָר איבער די פאַרנאַכטיקע פעלדער טוט ווידער אַ שטראָם:

В бой роковой мы вступили с врагами,
Нас еще судьбы безвестные ждут... *

און יצחק באיאַר, אַנטקעגן דעם פלאַמיק־פאַרגייענדיקן טאָג, מיטן וויינענדיקן קינד אויף די אויסגעצויגן־אויפגעהויבענע הענט, באַגעגנט זיך אויף אַ רגע מיט די צוויי גרויסע גרויע צעשיינטע אויגן, וואָס פאָרן דורך פאַרביי. די צוויי אויגן פאָרן אָפּ אַלץ ווייטער און ווייטער... איין וואָרט דערטראָגט זיך צו אים:

— טאַטע...

דער מומע ליבע איז דערנאָך לאַנג אויסגעקומען צו איינשטילן און צו באַרויִקן דאָס קינד. זי האָט עס געוויגט אויף די הענט, צו דעם עפּעס גערעדט און דערציילט, אַליין ניט געהערט איר קול און אַליין ניט געוווּסט, פון וואָס און פון וועמען זי דערציילט. סוף כּל סוף איז דאָס קינד, מיטן צוקערלעקעכל אין הענטל, וואָס אברהם האָט דעם פון דאַבציעס מתנות געגעבן, אַנטשלאָפן געוואָרן. אַלע מאָל האָט זיך עס אָבער געוואָרפן פון

* דעם באַשערטן געראַנגל מיט די שונאים האָבן מיר אָנגעהויבן,
עס דערוואַרטן אונדז אומבאַוווּסטע גורלות.

(פון דעם זעלבן ליד)

שלאָף און געכליפּעט. מע איז געפּאָרן שוויַיגנדיקע. אין די נשמות — טרויער, אין די הערצער — אַן אומבאַהאָלפענער צאָרן.

— נ־נאָ־אָ, — שרייַט יצחק אויפן פערד און קלאַפּט מיטן בייַטש־שטעקל איבערן שליטן. נ־נאָ־אָ!

אַרום האַלבער נאַכט האָט דער ווינט געבראַכט אין וואַלד אַרייַן אַ ריח פון רויך. אין גיכן האָט מען פון שליטן דערזען — ווייַט, און ווי פון דער ערד אַרויס, רייַסט זיך אַ פייַער. דאָס פייַער באַווייַזט זיך און באַהאַלט זיך, ווי מע וואָלט עס דאָרטן מיט עפּעס צוגעשטיקט. צום הימל הייבן זיך געקרייַזלטע גרוי־שוואַרצע וואָלקנס. באַלד אָבער רייַסט זיך דאָס פייַער אין אַ צווייט אָרט אַרויס, און דער פלאַם הייבט זיך אַלץ העכער און העכער, צינדט אָן די הימלען, פאַרכאַפּט די לבנה.

— רב יצחק, — האַלט ניט אויס די מומע ליבע, — דער וואַלד ברענט...

— זאָל ברענען, ליבע, זאָל ברענען... נאָר די שׂרפה איז ווייַט. מיר דוכט, אַז ס׳ברענט דער פּריץ באַגושעווסקי... נ־נאָ־אָ!

רויטע שאָטנס לויפן איבער די שוואַרצע שטאַמען. די שקאַפּע כראַפּעט, וואַרפט זיך פון וועג. אין וואַלד הייבט אָן צו שמעקן מיט געברענטן וואָל און מיט געבראָטענע אַרבעס. אין הימל אַרייַן פליִען סנאָפּעס פונקען, און איבער דער ערד הענגט די האַלבע לבנה, ווי אַ גלאַנציק־אָנגעשאַרפטע פאַרבלוטיקטע האַק...

(סוף פון ערשטן באַנד)

# פון קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור
# אין ישראל

דאָס דאָזיקע בוך, וואָס דער לייענער באַקומט איצט אין האַנט אַריין, ווערט אַרויסגעגעבן דורך דעם קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישראל, אין דער ביכער־סעריע געווידמעט די שאַפונגען פון שרייבער, נייע עולים פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

דאָס אַרויסגעבן אַט די סעריע ביכער האָט פאַר זיך פאָלגנדיקע צילן:

א) אויסשטרעקן אַ ברידערלעכע האַנט דעם שרייבער וואָס איז געקומען פון סאָוויעט־רוסלאַנד און האָט אויפגעשטעלט זיינע שעפערישע געצעלטן אין דער אַלט־נייער יידישער היים. צו דעם צוועק גיבן מיר אויך אַרויס די העפטן „ביי זיך" און מיר גרייטן צו אַן אַנטאָלאָגיע פון זייערע שאַפונגען אין עברית.

ב) באַקענען די יידישע לייענער אין ישראל און אין די תפוצות מיט די שאַפונגען פון די דאָזיקע שרייבער, וועלכע זענען געווען אָפּגעריסן פון דער פרייער יידישער וועלט, אין וועלכער די יידן האָבן תמיד געהאַט אַ גרויסן אינטערעס צו דעם לעבן פון זייערע ברידער און שוועסטער אונטערן סאָוויעטישן רעזשים.

ג) אַרויסברענגען מיט דער דאָזיקער איניציאַטיוו אונדזער פולע אידענטיפיקאַציע מיט די שרייבער, נייע עולים און שאַפן מעגלעכקייטן, אַז זיי זאָלן זיך וואָס גיכער איינוואָרצלען אין דער מדינה: דערמיט אויך סטימולירן זייער וויטערדיק שאַפן אין באַדינגונגען פון פולער פרייהייט און טריישאַפט צו זייער נאַציאָנאַל־גייסטיקער שליחות.

ד) העלפן די שרייבער נייע עולים פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד זיך איינשליסן אין דער ישראלדיקער קולטור אין וועלכער עס קומען זיך צונויף אַלע ווערטן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין משך פון דורות דורך אַלע טיילן פון יידישן פאָלק אין דער וועלט.

אַ האַרציקן יישר כח די אַלע, וואָס העלפן אונדז ביים רעאַליזירן די דאָזיקע איניציאַטיוו און אַ ספּעציעלן דאַנק דעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג אין תל־אביב, וואָס האָט אויף זיך גענומען דאָס אויספירן די פאַרלעגערישע זייט פון דער דאָזיקער אויסגאַבע מיט אַלעם, וואָס איז דערמיט פאַרבונדן.